STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05538

VAYT FUN MOSKVE

Vasilii Azhaev

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

u
rner Cusiel
de
Burstein

וואַסילי אַזשאַיעוו

ווײַט פון מאָסקווע

ראָמאַן

יידיש: לעאַ פרומקין

דריטער בוך

פאַרלאַג „הײמלאַנד"

בוענאָס־אײַרעס 1954

Queda hecho el depósito que previene la Ley
Copyright by Editorial Heimland
Buenos Aires, 1954
Edición Argentina

V. AZHAIEV

VAIT FUN MOSKVE

LEJOS DE MOSCU

Novela

III

TERCER TOMO

EDITORIAL "HEIMLAND"
BUENOS AIRES
1954

קאַפּיטל איינס

אין וואָס באַשטייט די הויפּט־דערגרייכונג

ראַגאָוו האָט איבערגענומען די איניאַנים מיט רוגזע, ניט אויפהערנדיק זיך צו וווּנדערן, פאַרוואָס מען האָט אָפּן באַצירק אַזוי סקאַנדאַליעז געבוכט און געהיט דאָס פאַרמעגן. מערזליאַקאָוו האָט אַפּאַטיש אונטערגעשוויגן. דער הויפּט־בוכהאַלטער, קאָנדרין, אַ הויכער דאַרער פאַרשוין מיט אַ שמאָל געשטופּלט פּאָנעם און שטעכיקע אויגן, האָט אויפגעקלערט: ער איז דאָ אַ נײַער מענטש און האָט פאַר דער בוכונג געטאָן אַלץ, וואָס ער האָט געקענט.

— דאָס איז דאָך סאָציאַליסטיש פאַרמעגן! פאַר אַזאַ באַציִונג צו דעם מישפּעט מען! — האָט זיך ראַגאָוו געקאָכט.

בעת דער נאָוויגאַציע האָט מען באַוויזן אַריבערצופירן אָפּן באַצירק איבערן יאַם אַ סאַך מעכאַניזמען, אויסשטאַטונג און מאַטעריאַלן. פאַרן אויפבוי פון אַן איבערגאַנג איבערן דורכגוס האָט זיך געפאָדערט בלויז אַ טייל דערפון, דאָס איבעריקע האָט מען באַדאַרפט אַרײַנפירן טיפער אין קאָנטינענט און אָפּן אינדזל. איבערן ברעג זײַנען געלעגן צעוואָרפן און האָבן אַרויסגעשטאַרצט פון שניי־אָנשיטן קעסטלעך, דעטאַלן פון מאַשינען און שטאָלענע רערן. בלויז דער פּראָוויאַנט און אייניקע באַזונדערס טײַערע מאַטעריאַלן זײַנען געלעגן אין סקלאַדעס — שנעל צונויפגעקלאַפּטע הילצערנע שאָפעס מיט שפּאַלטן אין די ווענט.

ראַגאָוו האָט פאַרזאַמלט די מענטשן, וויפל ס׳האָבן זיך געפונען אין די באַראַקן, און באַפוילן אָפּצודרייביקן אַ פּלאַץ, אַרויסגראָבן פון אונטערן שניי די מעכאַניזמען און מאַטעריאַלן, אײַנלייגן זיי אונטער אָפּדעכער. דער אויפגעלעבטער אוילעם האָט זיך אַרויסגעשאָטן אָפּן ברעג. בעתן באַאָבאַכטן די אַרבעט, האָט ראַגאָוו געטראַכט וועגן דעם, וואָס מען דאַרף טאָן הײַנט, מאָרגן און אין די קומענדיקע טעג. ס׳האָבן זיך אָנגעקליבן

אַזויפיל דרינגענדיקע איניאַנים, אַז ס'איז שווער געווען צו באַשטימען, וואָס פריִער און וואָס שפּעטער.

מערזליאַקאָוו און קאַנדרין זײַנען נאָכגעגאַנגען ראַגאָוון פוסטריט. אָפן איז פונעם דורכגוס האָט זיך באַוויזן באַטמאַנאָוו. מערזליאַקאָוו האָט נאָכגעשפּירט מיט די אויגן נאָך יעדער באַוועגונג פונעם נאַטשאַלניק פון דער בויונג, וועלכער האָט אין איין אויגנבליק צוגענומען בײַ אים אַלע רעכט און פּריווילעגיעס.

— ער אַנטציקט זיך מיט דער נאַטור ? — האָט קאַנדרין איראָניש געשלענגלט מיט די ליפּן, אַ ווינק געטאָן אין דער ריכטונג פון באַטמאַנאָוון.

— ווער דאַרף האָבן איצט נאַטור ! — האָט ראַגאָוו אַ געשריי געטאָן אין צאָרן. — דער נאַטשאַלניק קוקט, ווי בעסער דורכצופירן דעם וועג איבערן אײַז, דעם זעלבן וועג, וואָס איר האָט פאַרגעסן אויפצובויען. און אַט וואָס, בוכהאַלטער : גענוג צו כקירען. הייבט אָן צוזאַמען מיט מיר איבערצונעמען דאָס פאַרמעגן. פון אַ טראַקטאָר ביז אַ טשוואָק, אַלץ דאַרף אַרײַנגעפירט ווערן אין די ביכער און פעסט גענומען ווערן אין די הענט.

דערווײַל האָט באַטמאַנאָוו אויפמערקזאַם באַטראַכט די אומענדלעכע ראַכוועס פונעם דורכגוס, וואָס האָט זיך פאַר אים אויפגעוויקלט. ווען די זון האָט זיך באַוויזן פון הינטער די וואָלקנס, האָט זיך דורך אַ בלוילעכער הייך אָפּגעצייכנט ווי אַ כוואַליע־אַרטיקער סילועט דער ברעג פון דעם אינדזל. דער קאָפּ גיבעלני האָט זיך דאָרט אַרויפגעהויבן, ענלעך צו עפּעס אַ קאָפּ פון אַן אויפציטערנדיקן גיגאַנטישן מאָנסטער. וואַסילי מאַקסימאָוויטש האָט טאַקע געזוכט אַ פּאַסיקע ריכטונג פאַר אַ וועג. ס'האָט אים באַאומרויִקט בערידזעס וואָרענונג, אַז אין די דאָזיקע טעג, אויב מען זאָל גלייבן די אַלטע טוישווים, רײַסט זיך דאָס אײַז אינעם דורכגוס אָפּ פון די ברעגן. בערידזע האָט זיך געקליבן אויסצופאָרשן דעם דורכגוס אין אייניקע ערטער ; לויט זײַן מיינונג איז דאָס אײַז נאָך דין און ווער ווייס צי ס'וועט קענען אויסהאַלטן די שווערקייט פון די אויטאָ־מאַשינען, שוין אָפּגערעדט פון די טראַקטאָרן. באַטמאַנאָוו איז געגאַנגען איבערן אײַז, פעסט צוטופּענדיק, און ס'האָט זיך אים געדוכט, אַז דער אײַזפּאַנצער האָט פאַראייניקט אײַזן־פעסט ביידע ברעגעס.

באַמערקט גיין צו זיך פילימאָנאָוון, האָט זיך דער נאַטשאַלניק פון דער בויונג אַ קערעווע געטאָן צום ברעג.

— אַלע מענטשן ביז איינעם וועלן מיר מאָרגן אַוועקשטעלן אָפּן אײַז, און אין מעשעך פון צוויי טעג וועלן מיר דורכהאַקן אַ וועג צום אינדזל. נאָכדעם וועלן מיר זיי צוריקשיקן אין דער ריכטונג פונעם אַדון, — האָט וואַסילי מאַקסימאָוויטש געזאָגט.

— דאָס וויכטיקסטע איז פאַר מיר — דער וועג. וועט זײַן אַ וועג,

וועט אויך זײַן אַ באַוועגונג. פֿאַר די מאַשינען און די שאָפֿערן באַאומרויִק איך זיך ניט, — האָט זיך אָפּגערופֿן פֿילימאָנאָוו.

ער האָט פֿאַרלוירן דעם קוראַזש צוליב דעם, וואָס ער מוז וואַרטן ביז מען וועט מאַכן דעם וועג — דאָס האָט אים געבונדן די הענט. פֿילימאָנאָוו האָט ניט געגלייבט, אַז מען קען אים דורכשלאָגן אין מעשעך פֿון צוויי טעג, אָפּילע אין אַ וואָך. די געשפּרעכן וועגן דער אומזיכערער גרעב פֿונעם אײַז האָט אים נאָך מער צעמישט.

— דעריקער איז ניט דער וועג, נאָר דאַווקע די שאָפֿערן מיט די מאַשינען, — האָט באַטמאַנאָוו, באַמערקנדיק פֿילימאָנאָווס צווייפֿל, אַ זאָג געטאָן. — איך זע, אַז איר זײַט אַ ביסל צעקראָכן געוואָרן און קווענקלט זיך אָנשטאָט אַרויסצווײַזן מער רירעוודיקייט און פֿעסטקייט. איך ראָט אײַך ביסלעכווײַז זיך אָפּצוגעוווינען פֿון דער דאָזיקער טראַנספּאָרטלערישער מאַניר פֿון קומען אַף אַלעם גרייטן: גיב אָן אַספּאַלטירטן וועג, גיב דאָס און גיב יענץ, דעמאָלט וועלן מיר פֿאָרן.

אָפֿן באַצירק איז נאָך אַזוי ווײַט געווען פֿון אַן אַספּאַלטירטן וועג, אַז דער אָנגעכמורעטער פֿילימאָנאָוו האָט אַ שמייכל געטאָן.

— קומט אָקערשט צו אײַערע שאָפֿערן, כ׳בין נאָך בײַ זיי ניט געווען, — האָט באַטמאַנאָוו פֿאָרגעלייגט.

זיי האָבן זיך געלאָזט אַרויפֿגיין צו אַ הילצערנעם, פֿון אומגעטעסעטע קלעצער צונויפֿגעקלאַפּטן הײַזל, וואָס האָט זיך אײַנזאָם געקלאַמערט אָפֿן פֿעלדזיקן קאָפּ. דער שניי האָט זיך ניט געהאַלטן אַף די הוילע גרויע שטיינער, אַרום וועלכע ס׳האָבן קעסיידער געבלאָזן ווינטן.

דאָס הײַזל איז פֿול געווען מיט מענטשן: מ׳איז געלעגן אַף נאַרעס, געזעסן און געשטאַנען, אויסגעדרייט צום גליִענדיקן אײַוועלע. דער פֿלאַם פֿון הינטער זײַן אָפֿענעם טירל האָט זיך אויסגעדוכט העלער פֿון דער טאָג־שײַן, וואָס האָט זיך דורכגעשלאָגן דורך צוויי פֿאַרריסענע פֿענצטערלעך. רויטלעכע אָפּשײַנען האָבן געטאַנצט אַף די פֿענעמער פֿון די שאָפֿערן. אַ בלוילעכער מאַכאָרקע־רויך איז שיכטנווײַז געהאַנגען אין דער לופֿט.

באַטמאַנאָוו און פֿילימאָנאָוו האָבן זיך דורכגעשטופּט צום אײַוועלע. וואַסילי מאַקסימאָוויטש האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל.

— רייכערט איר, הייסט עס? — האָט ער אַ פֿרעג געטאָן נאָך אַ לאַנג שווײַגן.

— אַ דאַנק פֿאַרן טיטון, כאַווער באַטמאַנאָוו. מיר האָבן זיך שוין אויסגעבענקט נאָך אים, — האָט געענטפֿערט אַ גוואַר מיט אַ גוטמוטיק ברייט פּאָנעם, וועלכער איז געזעסן נענטער פֿון אַלע. — און אויך פֿאַר דער פֿריילעכער בסורע וועגן מאָסקווע אַ דאַנק, מיר האָבן אַ נײַע נעשאָמע באַקומען.

— איר זײַט אַ שאָפֿער? ווי איז אײַער פֿאַמיליע־נאָמען?

— רעמניעוו. כ'בין אַ שאָפער און אַ טראַקטאָריסט. נאָר איך האָב ניט קיין לאַסט־אויטאָ, ניט קיין טראַקטאָר.

— און איר האָט בעדייע, כאַווער רעמניעוו, נאָך לאַנג צו רייכערן און זיך וואַרעמען ?

— וואַרעם וואָס ?

— עס וואָלט שוין צײַט געווען אָנצוהייבן אַפּן ברויט צו פאַרדינען. איר זאָגט, אַ פריילעכע בסורע, נאָר איר האָט זי, זעט עס אויס, בלויז צו קענטעניש גענומען.

— מיר זיצן זיך דאָ אויס באַם אייוועלע ניט געדנוויליק. עטלעכע מענטשן האָט מען אינדערפרי געשיקט נאָך וואַסער און האָלץ, און פאַר אונדז האָט זיך נאָך דערווײַל קיין אַרבעט ניט אָפּגעפונען.

— קיין אַרבעט ניט אָפּגעפונען ? — האָט זיך באַטמאַנאָוו פאַרוווּנדערט און אַ קוק געטאָן אַף פילימאָנאָוון. — טשעקאָווע ! איז געדענקט־זשע : פון מאָרגן אָן וועל איך פאַרזענלעך פאַרקויפן ברויט. עס זאָל ניט אויסקומען צו פאַרטוישן די אַרבעטער־שפּײַז־קאַרטלעך אַף פאַמיליע־שפּײַז־קאַרטלעך. — דער שפּאַס איז געזאָגט געוואָרן מיט קאַס.

— וואָס־זשע דאַרפן מיר טאָן, אויב קיין וועגן זײַנען ניטאָ און וועלן אויך אינגיכן ניט זײַן ? אַ סאַך פון אונדז האָבן די מאַשינען און טראַקטאָרן אין דער טײַגע, — האָט רעמניעוו געזאָגט. ער האָט געפירט דעם שמועס מיט באַטמאַנאָוון ווי פאַר אַלע.

— הייסט עס, פעטער לייג אונדז אויס אַ וועג, פעטער פיר אונדז צו די מאַשינען און דריי זיי אָן, דעמאָלט וועלן מיר פאָרן ? סמאָרטשקאָוו איז דאָ ?

אין אַ ווינקל האָט זיך אויפגעשטעלט סמאָרטשקאָוו. ער האָט ווידער אויסגעזען אַן אַנדערער : געווען ריין אָפּגעראַזירט און אַקוראַטנע.

— פאַרוואָס־זשע האָסטו זיי ניט דערציילט, ווי מיר האָבן זיך נעכטן באַקענט ? האָסט, געדענקט זיך, אויך אַ וואָרט געגעבן : ערשט, הייסט עס, וועט מען שוין ניט דאַרפן אונטערטרײַבן.

— מיטן וועג, וואָס אַן עמעס, איז מען דאָ אין אַ טעמפּן ווינקל פאַרקראָכן, כאַווער באַטמאַנאָוו, — האָט סמאָרטשקאָוו שטיל געזאָגט. — פון אינדערפרי אָן טראַכטן מיר הײַנט און זײַנען זיך מעיאַשעוו מיקויעך דער אַרבעט. מיר זײַנען געגאַנגען צום אַלטן גאַטשאַלניק פונעם באַצירק — האָט ער אַף אונדז מיט דער האַנט אַ מאַך געטאָן, און דער נײַער האָט דערווײַל פאַרגעלייגט מען זאָל אַרויסגיין אָפּרייניקן דעם שניי. „וואָרט צו, זאָגט ער, לאָזט מיר אַ טאָג־צוויי זיך אַרומקוקן"... מיר האָבן גרויסע טפּייקעס, וואָס וועט זײַן מיט אַ וועג איבערן דורכגוס. דאָס אײַז איז נאָך דין און קען אַוועק פונעם ברעג, דאָס טרעפט דאָ יעדעס יאָר. צי וואָלט דעריבער ניט גלײַכער געווען דערווײַל זיך אָפּצוזאָגן פו־

נעם דורכגוס און פרי׳ער אין אָרדענונג ברענגען דעם וועג אויפן קאָנטיגענט?

— אָט דאָס איז שוין אַ זאַכלעכער שמועס! — האָט באַטמאַנאָוו באַגיטיקט. — נאָר רייד העכער, סמאַרטשקאָוו! לאָמיר צוזאַמען אַ טראַכט טאָן, ווי בעסער גוויוער צו זײַן די שטערונגען. אָט דאָס פאַרלאַנג איך פון אײַך. פאַרשטייט זיך, מען קען זיצן מיט פאַרלייגטע הענט, וואַרטן ביז נאַטשאַלסטווע וועט זאָגן איר וואָרט: זי, הייסט עס, זעט בעסער, זי לייענט צײַטונגען. און פילן זיך פאַר אַן אָרנטלעכן מענטשן. נאָר אַזאַ אָרנטלעכקייט איז מיר ניט צום האַרצן. בײַ אַזאַ אָרנטלעכקייט באַקומט זיך אַ שלעכטער סאַכאַקל: אָט האָט איר זיך דערפרייט צוליבן ניצאַכן הינטער מאָסקווע און זײַט שטיל געוואָרן. איר האָט באַקומען אַ ביסל האָלץ, וואַרעמט זיך!

— ריכטיק, כאַוועד באַטמאַנאָוו. מאַכט אונדז אַ הייסע באָד! מיר בענקען שוין לאַנג עפּעס צו טאָן! — האָט רעמניעוו אַ געשריי געטאָן.

— מיר וועלן קאָנטראָלירן דאָס אײַז אויפן דורכגוס, — האָט באַטמאַנאָוו ווײַטער גערעדט. — איך מיין, אַז ס'האַלט נאָך ניט אַזוי שלעכט מיט אים. און איר וועט אַליין מאַכן דעם וועג. ניט אַליין, נאַטירלעך, נאָר מיטן גאַנצן באַצירק. אָפּלייגן דעם דורכגוס טאָר מען ניט — ער איז אונדזער הויפּט־אויפגאַבע. אויף אויפצובויען דעם וועג גיב איך צוויי טעג, ניט מער. עס וועלן קלעקן צוויי טעג, כאַוועד פילימאָנאָוו?

— מירן זיך אָן אייצע טאָן, — האָט פילימאָנאָוו באַשטעטיקט, האָגאָם מיט אַ שאַ פרי׳ער איז ער געווען אין ספק, צי עס וועט זיך אײַנגעבן דורכצוהאַקן דעם וועג בעמעשעך אַ וואָך.

ער איז אויך ערשט ניט געווען איבערצײַגט דעריך, נאָר באַטמאַנאָוו און די שאָפערן האָבן אַזוי געקוקט אויף אים, אַז זיך צוריקציִען האָט ער ניט געקענט, און האָט דערפאַר איבערגעכאַזערט:

— מירן זיך פולשטענדיק אָן אייצע טאָן. — און שוין אָפּגעזאָגט עס, האָט ער פאַרשטאַנען: קיין אַנדער אויסוועג איז ניטאָ, מען מוז זיך אָן אייצע טאָן.

— די מאַשינען פון דער טײַגע וועט איר אויך אַליין ברענגען, ניט שפּעטער פון מאָרגן מיטאָג־צײַט. — האָט באַטמאַנאָוו געזאָגט. — איך האָב בעדייע יעדן שאָפער און יעדן טראַקטאָריסט צונעמען אָפּסנײַ צו דער אַרבעט. פאַרשטייט זיך, מיט גאַנצע מאַשינען. ווען איך וועל ניט צונעמען פאַר אַ שאָפער אָדער טראַקטאָריסט, זאָל יענער גיין צו ליבערמאַנען פאַר אַ מאַגאַזינער.

די שאָפערן האָבן אָנגעהויבן פריילעך צו טומלען.

— איר ווײַזט אונדז נאָר דעם וועג, וועט איר אונדז דערנאָך שוין ניט קענען אײַנהאַלטן! — האָט אַ זאָג געטאָן עפּעס אייגער אַ גוואַר; אויפגעשטעלט זיך, האָט ער מיטן קאָפּ שיר דערלאַנגט די סטעליע.

— נו, גוט, האָבן מיר זיך דערדעדט! — האָט באַטמאַנאָוו אַ זאָג געטאָן, קוקנדיק אַף פילימאָנאָוון מיט אַ קוים באַמערקלעך שמייכעלע.

באַ קאַטליאַרעווסקין אין הויז האָט באַטמאַנאָוו געטראָפן אַלע מיטגלידער פון זײַן בריגאַדע. מיט אים זײַנען געקומען פילימאָנאָוו און ראַגאָוו. ליבערמאַן האָט זיך געשפּאַרט באַם טיש אַרום דעם מיטיק, די איבעריקע האָבן זיך געוואַרעמט באַם קאַמין, הערנדיק טאַניאַ וואַסילטשענקאָס דערציילונג וועגן דעם אינדזל — זי האָט שוין באַוויזן צו קומען אַהין אַף די נאַרטעס.

— „טײַסין” באַדײַט די וווינונג פון די געטער, — האָט דאָס מיידל דערקלערט, אויפהייבנדיק די ברעמען. — נו, איז דאָס אַ וווינונג פון געטער, זאָג איך אײַך! אַ ווילדער, פּוסטער פּלאַץ! אַן איימע! כ'האָב זיך אַרומגעקוקט — און וואָס שנעלער צוריק.

— מעג מען זיך דען לאָזן אַליין אַף אַזעלכע עקסקורסיעס? — האָט איר אַלעקסיי פירגעהאַלטן. — אָט אַזוי, זאָגט מען, איז פּאַנקאָוו אַוועקגעגאַנגען און האָט זיך ניט אומגעקערט. מען וואָלט דיר דאַרפן פײַן מעכאַבעד זײַן פאַר אַזאַ לײַכטזיניקייט.

דערהערט וועגן פּאַנקאָוון, איז דאָס מיידל אומעטיק געוואָרן. בעדידזע, צופרידן, וואָס טאַניאַ איז צוריקגעקומען בעשאָלעם, האָט איר אויספירלעך אויסגעפרעגט וועגן דער שטאַרקייט פונעם אײַז אַפן דורכגוס.
— ווי האָט זיך פאַרט קאַרפּאָוו אַהינגעטאָן? — האָט אַלעקסיי אַ פרעג געטאָן. — דאָס באַאומרויִקט מיר.

— קאַרפּאָוו וועט ניט פאַרפאַלן ווערן, — האָט זיך אָפּגערופן בעדידזע. — געדענקסט, ווי ער האָט דעמאָלט געזאָגט, אינגעם בוראַן: „פאַר אונדז איז דער אַדון — די היים!...”

באַטמאַנאָוו האָט זיך שווײַגנדיק גענומען אויסטאָן. דער פּאַלושובאָק, וואָס איז פאַרשטײַפט געוואָרן אַפן פראָסט, האָט אַ זעץ געטאָן אַף דער פּאָדלאָגע און איז ענלעך געווען אַף אַ מענטשן, וואָס האָט זיך צוגעזעצט. וואַסילי מאַקסימאָוויטש האָט אויפגעהויבן דעם פּאַלושובאָק און אים אויפגעהאָנגען אַף אַ טשוואָק.

— וווּהין איך זאָל ניט קומען, — האָט ער אָנגעהויבן ריידן, אײַנרײַבנדיק דאָס פּאָנעם, — שאַרפן זיך די פּוסט־און־פּאַסניקעס די צונגען און לאָזן זיך ווילגיין. דו, ליבערמאַן, וואַרט צו מיטן דערלאַנגען דעם מיטיק, זאָלן זיי אים פריִער פאַרדינען. און דאָ איז קאַרפּאָוו נעלעם געוואָרן, וואַסילטשענקאָ מאַכט ספּאָרטלערישע שפּאַציר־גענג אַף נאַרטעס, די איבעריקע וועסטו פונעם אייוועלע ניט אַוועקרײַסן.
— מען דאַרף זיך אַרומקוקן, וואַסילי מאַקסימאָוויטש! — האָט בע-

רידזע געענטפערט. — איך מיט אַלעקסייען און קוזמאַ קוזמיטשן זײַנען אַרומגעקראָכן איבערן גאַנצן ברעג און שוין עפּעס־וואָס אָנגעצייכנט.

— די מענטשן דערוואַרטן פון אונדז קלוגע און שטאַנדהאַפטיקע אָנפירונג. אַרומקוקן זיך קען מען סײַ אין איין טאָג, סײַ אין צען טעג. קיין צען טעג האָבן מיר ניט, מיר האָבן בלויז איינעם. שוין צײַט, אַלע זאָלן זיך דעקאָנצענטרירן און אַרומכאַפּן דעם באַצירק פון אַלע זײַטן. מירן זיך גלײַך אָפּריידן: ניט גיין כאַפּטעסווײַז, איינער דעם צווייטן זאָל ניט שטערן. ניט קיין קאָאָרדינירטע האַנדלונגען זײַנען ניט דערלויבט. אַט האָט הײַנט ראַגאָוו צונויפגעזאַמלט אַלע מענטשן פונעם באַצירק, אָנגעהויבן אָפּרייניקן דעם שניי, זיך פאַרנומען מיט אינווענטאַריזירן. עס איז אַ נייטיקע זאַך, אָבער ניט דאָס סאַמע וויכטיקסטע! מיר זײַנען דאָ אַ סאַך נאַטשאַלניקעס, און אויב מיר וועלן זיך אַלע אַ כאַפּ טאָן פאַר איין רודער — וועלן מיר שנעל אַרײַן אין אַ ראָוו. איך בין דערפאַר, עס זאָל ניט דערלאָזט ווערן צו קיין שטופּעניש און אַנאַרכיע, ניט אַרויסגעבן קיין פאַראָרדענונגען גלאַט אין דער וועלט אַרײַן. עס מוז זײַן אַן אַלגעמיינער פּלאַן, אַ קאָאָרדינירטער און קלאָרער.

— מען דאַרף פונאַנדערטיילן די אויפגאַבעס, ווער און פאַר וואָס עס איז פאַראַנטוואָרטלעך, — האָט בערידזע אונטערגעזאָגט.

— ריכטיק, פון דעם לאָמיר אָנהייבן. אײַך, געאָרגי דאַווידאָוויטש, באַפרײַ איך דערווײַל פון דער אַלגעמיינער אָנפירונג. צוזאַמען מיט קאָוושאָוון, טאַפּאַליעוון און קאָטליאַרעווסקין פאַרנעמט זיך דעריקער מיט די אינזשעניערישע איניאָנים. ראַגאָוו דאַרף זיך פונאַנדערקלײַבן אין דערווירטשאַפט פון דעם באַצירק און צוזאַמען מיט ליבערמאַנען פאַרבעסערן די לעבנס־באַדינגונגען . . .

— איך האָט פאַראָרדנט אַרויסשיקן מערזליאַקאָוון קיין נאָווינסק, — האָט ראַגאָוו איבערגעשלאָגן. — אָבער איך קען אים ניט באַפרײַען, קאָלזמאַן ער וועט ניט אונטערשרײַבן די אַקטן.

— גוט, אָבער זאָל ער מיר נאָר פאַר די אויגן ניט קומען. איר, פילימאָנאָוו, דאַרפט בעמען אין די הענט אַרײַן דעם טראַנספּאָרט און די גאַנצע מעכאַניזאַציע. טאַניאַ וואַסילטשענקאָ ווייסט די אויפגאַבע, איך האָב זיך שוין מיט איר דערעדט. איך און קאַרפּאָוו וועלן מאַכן דעם וועג אָפּן אינדזל און איבערן קאָנטינענט. און ערשט לאָמיר זיך קלאָר מאַכן, וואָס פאַר אַ קויכעס האָבן מיר אין אונדזער רעשוס.

פאַרגעסן אין דעם מיטיק, האָבן זיך אַלע צונויפגעדרענגט אַרום באַטמאַנאָוון. בערידזע האָט, האַלטנדיק אין האַנט אַ פּאַפּירל מיט רעשימעס, אויסגערעכנט, וויפל מענטשן עס זײַנען דאָ אָפּן באַצירק און וואָס פאַר אַ מענטשן. דאָ אָפּן אָרט האָט ער זיי צוגעטיילט צו די פאַרשיידענע אַרבעטן.

— צום מיטיק! — האָט פּלוצים באַטמאַנאָוו שטיפעריש אַ געשריי געטאָן און זיך פלינק דער ערשטער געזעצט צום טיש.

ער האָט געזאָגט, אַז אין אָוונט וועט ער פאַרזאַמלען דעם גאַנצן קאָלעקטיוו פונעם באַצירק — באַהאַנדלען די פאַרשטייענדיקע אויפגאַבן. פילימאָנאָוו האָט ער באַפוילן זײַן אַף דער עלעקטראָסטאַנציע: קעדיי אין אָוונט זאָל מען אין די באַראַקן אומבאַדינגט געבן ליכט.

אין דער אַלטער שאַפע, וווּ ס'האָט זיך געפונען די באַוועגלעכע עלעקטראָסטאַנציע, איז געווען קאַלט, ווי אין דרויסן. דער מעכאַניקער סיעראָגין און צוויי מאָנטיאָרן האָבן פאַרענדיקט דעם רעמאָנט פונעם מאָטאָר. פילימאָנאָוו האָט זיך מיט זיי באַקענט, באַטראַכט דאָס ביסל ניט קאָמפּליצירטע באַלעבאַטישקייט פון דער סטאַנציע.

— איר וועט געבן ליכט, ווען עס וועט פינצטער ווערן? איר וועט באַוויזן?

— מירן זיך באַמיִען, — האָט קאַרגלעך געענטפערט סיעראָגין, אַ יונגער ברייטפּלייציקער באָכער אין אַ בלויען קאָמבינעזאָן, אַרויפגעצויגן איבער אַ וואַטענעם שפּענצער.

פילימאָנאָוו האָט אינטערעסירט, פאַרוואָס דער באַצירק האָט ניט געהאַט קיין עלעקטרע, פאַרוואָס די עלעקטראָסטאַנציע האָט זיך געפונען אין אַזאַ פאַרוואָרלאָזטן צושטאַנד. סיעראָגין האָט אַף די אויספרעגענישן געענטפערט ניט גערן.

— וואָס איז דאָ פאַראַן אויסצובאַהאַלטן, — האָט זיך אַרײַנגעמישט אין שמועס איינער פון די מאָנטיאָרן. — מ'האָט אונדז גאַרניט געגעבן פאַר אַ נאָרמאַלער אַרבעט. מ'האָט געשמועסט וועגן עקאָנאָמיע פון הייץ־מאַטעריאַל און שמירעכצן. די סטאַנציע איז קיינעם ניט נייטיק געווען. דער נאַטשאַלניק מערזליאַקאָוו האָט פון אונדז געפאָדערט איין זאַך: פינקטלעך געבן ליכט צו אים אין שטוב. האָבן מיר אַזוי געטאָן.

— מיר וועלן בויען אַ נײַע גרויסע עלעקטראָסטאַנציע, — האָט פילימאָנאָוו געזאָגט. — וועגן דעם וועלן מיר שפּעטער ריידן מערער. און הײַנט גיט ליכט אין די באַראַקן און עס זאָלן ניט זײַן קיינע איבעררײַסן.

— עס וועט זײַן עלעקטרישער שטראָם, — האָט סיעראָגין צוגעזאָגט אַף זיכער.

אינגיכן איז נאָך פילימאָנאָוו אַרײַנגעקומען אין דער עלעקטראָסטאַנציע דער בוכהאַלטער קאָנדרין. צוואָרפנדיק עטלעכע אומוויכטיקע פראַזן, האָט ער אומבאַמערקט אַ מאַך געטאָן מיטן קאָפּ צום מעכאַניקער, אָפּרופנדיק אים אַף אַ זײַט.

— ס'איז זיך אַהער אָנגעפאָרן וויכטיקע נאַטשאַלסטווע, און דיר קען זיך נאָך פאַרגלוסטן, עפּשער, מיט זיי אַ פּלויש צו טאָן, — האָט קאָנדרין דורכגעזײַט דורך די ציין. — איך וואָרן דיר נאָכאַמאָל: זאָל דיר ניט אײַנפאַלן צו שיטן אַף מיר. ס'וועט זײַן שלעכט...

סיעראָגין האָט זייער ערנסט אָפּגעווישט די הענט מיט אַ שמאַטע און געשוויגן, ווי קאָנדרינס ווערטער וואָלטן ניט געהאַט קיין שײַכעס צו אים.

— דו הערסט מיך, פערדל? — האָט דער בוכהאַלטער אַ פרעג געטאָן, אײַנזייגנדיק זיך מיט די שאַרפע אויגן אין סיעראָגינען.

— איך האָב אַ מענטשלעכן נאָמען, — האָט דער מעכאַניקער אַ וואָרטשע געטאָן.

— אָך, איר זײַט געוואָרן אַ געבילדעטער! מעהייכע־טייסע, מען קאָן ריידן איידל אויך, — האָט קאָנדרין איראָניש מאַסקים געווען. — איך בעט אײַך דורכויס, כאַוועך סיעראָגין, פאַרגעסן מיך און מײַן אַדרעס. איר קענט מיך ניט...

— וואָס האָסטו פאַרטראַכט, טאָמאָוו? וואָס טוסטו דאָ, אַפּן באַצירק? פאַרוואָס טראָגסטו אַ פרעמדן פאַמיליע־נאָמען? — האָט סיעראָגין אָנגעהויבן ריידן אַ צערודערטער.

— שווײַג, דו פרײַער איינער! — האָט קאָנדרין אַ צישע געטאָן, וואַרפנדיק בליקן אַרום און פעסט אָנכאַפנדיק דעם מעכאַניקער פאַר אַ האַנט. — איך זע, דו בענקסט נאָך אונטערגעהאַקטע זײַטן? וועסטו עס קריגן, שווער איך דיר! — דו ווייסט דאָך, אַז איך פאַרפאַר גלײַך פונ־פאַרנט, און אַרבעט אַף ריין. און אויב איכל דיר ניט צוענדיקן, וועלן זיך געפינען אַנדערע...

— וואָס ביסטו צוגעשטאַנען צו מיר? — האָט היפש אָנגעשראָקן אַ שעפּטשע געטאָן סיעראָגין. — איך האָב מיט דיר קיינע אַסאָקים ניט. איך גיי מיר מײַן וועג, און דו גיי זיך דײַנעם.

— דאָס איז שוין אַ קלוג וואָרט, אָנגענעם צו הערן, — האָט אַ זאָג געטאָן קאָנדרין, זיך באַרויקנדיק. — דו וועסט האַלטן דעם צונג הינטער די ציין, און מירן פאַרבלײַבן פרײַנט.

קאָנדרין האָט פאַרשנדיק אַ קוק געטאָן אַפּן מעכאַניקער, און טרייסטנדיק אים, פאַרזיכערט:

— מוירע האָבן האָסטו ניט וואָס, קיין שטיין אין פאַזעכע האָב איך ניט. פאַשעט, איך וויל אָנהייבן אַ לעבן אָפּדאַסנײַ, ריין פון אַלץ. זאָל קיינער ניט וויסן, אַז איך בין סאָמאָוו און געזעסן אין טפיסע.

— פאַרוואָס־זשע קען מען ניט אָנהייבן אַלץ אַף אַן ערלעכן אויפן?

— יעדערער האָט זיך זײַן קאָפּ אַף די פּלייצעס, — האָט קאָנדרין געענטפערט מיט געמאַכטער הייטערקייט. — דו האָסט אָנגעהויבן לעבן אַף אַן ערלעכן אויפן אַף דײַן פאַמיליע־נאָמען — און דײַן אַמט איז אַ קלײנער, ניט קיין וויכטיקער. איך ווידער הייב אָן צו לעבן אַף אַן ערלעכן אויפן אַף קאָנדרינס פאַמיליע־נאָמען, און די זאַך זעט אויס אַנדערש — אַ הויפּט־בוכהאַלטער, אַכטונג און דערעכערעץ, און אַ סאַך איז פון מיר אָפּהענגיק. פאַרשטאַנען? איז אָט ריידן מיר זיך אָפּ: דו

קענסט מיך פאַרן כאַוועր קאַנדרין, הויפּט־בוכהאַלטער. קענסט זיך אַף מיר פאַרלאָזן אין אַלץ. אויב אָבער דו וועסט פאַרגעסן און מיך אַנדערש אָנרופן — דעמאָלט שרײַב באַצײַטנס אָן אַ צוואָע...

די פאַרוואַלטונגס־מיטאַרבעטער זײַנען געזעסן בײַ קאַטליאַרעווסקין אין הויז און געהערט, ווי באַטמאַנאָוו דיקטירט קאַווּשאָוון דעם באַפעל וועגן דעם באַצירק. די עלעקטרע האָט זיך געטאָן אַ צינד אָן אַזוי פלוצים, אַז טאַניאַ האָט אַ געשריי געטאָן. אַף דער שוועל האָט זיך באַוויזן קאַרפּאָוו. פון זײַן טולופּ האָט געיאָגט אַ קעלט, און ער איז אינגאַנצן געווען באַדעקט מיט טויי־פראָסט. אַראָפּגענומען דאָס היטל, האָט זיך דער פישער באַגריסט און צופרידן אַ זאָג געטאָן:

— כ'האָב געבראַכט מאַטאָנעס, גוטער ברודער. מירן ערשט באַשפּײַזן די מענטשן מיט פיש און פלייש פון יאַם־הינט. די ניוווכן האָבן געשיקט אַ מאַטאָנע.

קאַרפּאָוו האָט זיך אַרומגעקוקט און אָפּגערוקט אין אַ זײַט. הינטער אים איז געשטאַנען אַ קליינגעוויקסיקער ניווך אין הויכע טאַרבאַזן, אין אַ בלוזע פון הירשן־פוטער און הויזן פון יאַם־הינטישער פעל. אַפן קאָפּ האָט געשטאַרצט אַ פוטערנע היטל, ווי אַ קאָנוס.

— פאַרזיצער פון אַ קאָלווירט, ניקיפאָר גיבעלקאַ, — האָט אים קאַרפּאָוו פאַרגעשטעלט.

— שאָלעם־אַלייכעם! — האָט דער גאַסט הויך אַ זאָג געטאָן, זיך צעוויגנדיק מיטן גאַנצן קערפּער. זײַנע אויגן, קוים אָנזעעוודיקע דורך שמאָלע שפּאַלטן, האָבן פריילעך געבלישטשעט.

— נעם צו די סכוירע!

אין דרויסן זײַנען געשטאַנען פיר הירשן־געשפּאַנען, אָנגעלאָדעוועט מיט פיש, און לעבן זיי די פורמאַנעס. די הירשן האָבן נערוועז געשאָקלט מיט די צווײַגיקע הערנער און זײַטיק געקוקט אַף די מענטשן, וואָס זײַנען אַרויסגעלאָפן פון שטוב. באַטמאַנאָוו האָט הייס באַדאַנקט די ניווכן, פאַרבעטן זיי אַף טיי.

פאַר דער פאַרזאַמלונג האָט ראָגאָוו אויסגעקליבן דעם סאַמע גערוימסטן באַראַק. דרײַ מאָל האָט מען געוואַשן די פּאָדלאָגע און צוויי מאָל דורכגעהייצט די אויוונס. סיעראָגין און די מאָנטיאָרן האָבן אויפגעהאָנגען עטלעכע עלעקטרישע לעמפּלעך. — ס'איז ליכטיק געוואָרן, ווי אַף אַ סצענע. דעם לאַנגן טיש אינעם דורכגאַנג צווישן די נאַרעס האָט מען פאַרשפּרייט מיט העל־רויטן קומאַטש, אַף דער וואַנט האָט מען אויפגעהאָנגען סטאַלינס פּאָרטרעט.

אַ סאַך פריִער פאַרן אָנהייב איז דער באַראַק פול געוואָרן מיט מענטשן, וועלכע זײַנען געקומען פונעם גאַנצן באַצירק. זיי האָבן זיך

אויסגעזעצט צו דרײַ אױף די נאַרעס, געדיכט זיך געזעצט אײנער לעבן אַנדערן אױף דער פּאָדלאָגע. עס זײַנען געקומען אַלץ נײַע און נײַע גרופּעס מענטשן — און ווידער האָבן זיך אַלע אין באַראַק איבערגעזעצט.

— קומט אַרײַן, קומט אַרײַן, ס׳וועט סטײַען פּלאַץ פֿאַר אַלעמען!

— האָט ראַגאָװ פֿרײַנטלעך פֿאַרבעטן.

— קריך אַרויף אַהער, אױפֿן באַלקאָן, — האָט רעמניעװ גערופֿן פֿון די אײבערשטע נאַרעס דעם פֿאַרשפּעטיקטן סמאַרטשקאָװן.

די פֿאַרזאַמלטע זײַנען געווען אין געהויבענער שטימונג, פֿון אַלע זײַטן האָבן זיך געהערט שפּאַסערײַען. ווען באַטמאַנאָװ איז אַרײַנגעקומען, האָט מען אים געענטפֿערט אױף זײַן באַגריסונג אַזוי הילכיק, אַז די ווענט פֿונעם באַראַק, האָט זיך געדוכט, האָבן זיך צעשאָקלט.

צום טיש, דעם פֿאַרשפּרייטן מיט העל־רויטן קומאַטש, איז צוגעגאַנגען ראַגאָװ.

— כאַווײרים, דערלויבט מיר צו מעלדן, אַז די אַלגעמײנע פֿאַרזאַמלונג פֿונעם קאָלעקטיװ פֿון דעם עלפֿטן באַצירק איז געעפֿנט...

די מענטשן האָבן אָנגעהויבן רוישיק צו פּאַטשן מיט די הענט. זײ האָבן זיך געפֿרײט, וואָס דאָ, אױפֿן עק וועלט, האָט זיך פֿאַר זײ באַנײַט דאָס געוויינלעכע לעבן. אומאַרע מוכאַמעט האָט עפּעס געשריגן, נאָר זײַנע ווערטער זײַנען פֿאַרזונקען געוואָרן אינעם טומל. ווען די אַפּלאָדיסמענטן האָבן זיך אײַנגעשטילט, האָט ער אַ געשרײ געגעבן:

— ער האָט ריכטיק געזאָגט: „פֿאַרזאַמלונג פֿונעם קאָלעקטיװ”! איצט האָבן מיר אַ קאָלעקטיװ! אָבער פֿריִער איז ניט געווען.

ראַגאָװ האָט געגעבן דאָס וואָרט דעם נאַטשאַלניק פֿון דער בויונג. באַטמאַנאָװס רעדע איז געווען אַ לעבעדיקע און האָט געהאַט אַזאַ נאָענטע שײַכעס צו אַלעמען, אַז קײנער איז ניט געבליבן גלײַכגילטיק צו איר, מ׳האָט אויפֿגעכאַפּט יעדעס וואָרט מיט זשעדנעקייט. אין טאָג האָט באַטמאַנאָװ אָפּגעגעבן אַ דיך־וועכעשבן פֿאַר די מענטשן פֿונעם דאָזיקן ווײַטסטן באַצירק פֿון יעדן טאָג זינט דעם מאָמענט פֿון זײַן קומען אױף דער בויונג. ער האָט דערצײלט, ווי ס׳איז בעהאַדראָגעדיק געשאַפֿן געוואָרן דער שלאַכט־פּלאַן פֿאַר דער נאַפּטלײטונג און וואָס פֿאַר אַ שוועריקייטן מען האָט דערבײַ גױוער געווען, האָט אויפֿגעקלערט דעם נײַעם פּראָיעקט פֿון דער בויונג, וועלכער איז אַפּראָבירט געוואָרן דורך סטאַלינען אַליין. איצט האָט מען געדאַרפֿט וואָס שנעלער דעם דאָזיקן פּראָיעקט פֿאַרווירקלעכן.

באַטמאַנאָװ האָט זיך בעאַריכעס אָפּגעשטעלט אױף די אויפֿגאַבן, וואָס זײַנען אַרויפֿגעלײגט געוואָרן אױפֿן קאָלעקטיװ פֿונעם עלפֿטן באַצירק. אויך ער האָט אונטערגעשטראָכן דאָס וואָרט „קאָלעקטיװ”. צום ערשטן מאָל האָבן זיך ערשט די מענטשן דערוווּסט ווי ס׳געהער צו זײַן, וואָס פֿאַר אַ קאָמפּליצירטע און שווערע בויונג מ׳האָט זײ אָנגעטרויט אויפֿצובויען אונטער דעם דזשאַגדינסקער דורכגוס, און זײ האָבן אויסגעדריקט זײער

פרייד מיט אויסגעשרייען און אַפּלאַדיסמענטן. דער מעכאַניקער סיעראַגין האָט צוזאַמען מיט אַלע לײַדנשאַפֿטלעך געפּאַטשט מיט די הענט. זיך אַרומגעקוקט, האָט ער פּלוצים דערזען קאָנדריגען, וועלכער איז געזעסן הינטער אים אין דער שכיינעסדיקער ריי. יענער האָט אַף אים געקוקט איראָניש, אויפגעהויבן די הענט מיט אַקצענט און הויך אַפּלאַדירט. דעם מעכאַניקערס הייטערקייט איז גלײַך פאַרשוווּנדן.

. און באַטמאַנאָוו האָט גערעדט וועגן זײַן פּאַרטראַכט אײַנצופירן אַפן באַצירק אַן אײַזערנע דיסציפּלין, דעם שטרענגסטן טאָג־פּלאַן.

— איך זאָג אײַך גיט צו, פּרײַנט, קיין לײַכט און רויִק לעבן. עס וועט אויסקומען צו אַרבעטן מיט אַלע קויכעס. עס וועט אויסקומען ניט ווייניק צו לײַדן. איך דערוועג זיך אײַך צו פאַרזיכערן, אַז דאָס איז טאָ־קע דאָס עמעסע לעבן. מיר, סאָוועטישע מענטשן, שטרעבן ניט צו דעם לײַכטן לעבן פון בירגער, וואָס טראַכטן בלויז וועגן זייער אייגענעם וווֹיל־זײַן. מיר זײַנען פאַר אַ שווער לעבן אין נאָמען פון אַ ליכטיקער צוקונפט. דער טאָג איז הײַנט אַ קורצער — וועלן מיר אַרויסכאַפּן עטלעכע שאָ באַ דער פינצטערער נאַכט, וועלן מיר אַרבעטן באַ עלעקטרישער ליכט.

ווען ער האָט געענדיקט, האָט מען אין באַראַק אָנגעהויבן צו טומ־לען, איבערשרײַען איינער דעם צווייטן. קיינער האָט קיין וואָרט ניט גע־בעטן, און ראַגאָוו האָט זיך אויך ניט באַמיט צו האַלטן זיך באַ דער אָפיציעלער אָרדענונג. די בוי־אַרבעטער זײַנען אַרויסגעטראָטן איינער נאָכן אַנדערן, יעדערער האָט געהאַט פאַרשלאָגן, זאָכלעכע אייצעס.

דער אַלטער ערד־גרעבער זיאַטקאָוו האָט אויפגעהויבן איבערן קאָפּ די אויסגעפּראַצעוועטע הענט:

— טויזנטער קובאָמעטער ערד האָב איך מיט זיי איבערגעוואָרפן, אַף די סאַמע גרעסטע בויונגען געאַרבעט און בין אומעטום געאַכטעט געוואָרן. וועל איך זיך אויך דאָ ניט אַרויסשטעלן צו שאַנד, איך וועל געבן פינף הונדערט פּראָצענט.

רעמניעוו האָט זיך דערמאָנט אין מערזליאַקאָוון און גענומען אים זידלען.

— מערזליאַקאָוו פאַרגעסט, כאָווער רעמניעוו, — האָט אים באַט־מאַנאָוו געענטפערט. — ער איז ניטאָ. איצטער פאָדערט פון מיר, פון ראַגאָוון, פון בערידזען — מיר זײַנען ערשט אַף מערזליאַקאָווס אָרט.

אומאַרע האָט זיך צוגעקריגן האַרט צו באַטמאַנאָוון:

— דיר גלייבן מיר! פאָדער, וואָס דו ווילסט, — מירן מאַכן אַלץ...
קוק אָן, וואָס פאַר אַ קויעך מיר זײַנען! — האָט ער געשריגן.

ווי נאָר ס׳האָט אָנגעהויבן צו טאָגן, האָבן זיך בערידזע און קאָוו־שאָוו, נעמענדיק צו הילף עטלעכע מענטשן, אַרויסגעלאָזט צום דורכגוס אויסצומעסטן די גרעב פונעם אײַז. זיך ניט דערוואַרט, ביז די אינזשע־ניערן וועלן זאָגן זייער וואָרט, האָט באַטמאַנאָוו באַשלאָסן אַרויסצופירן

אפן איז די גאַנצע באַפעלקערונג פונעם באַצירק. ליבערמאַן, וועלכער האָט אַרומגעהאַוועט די גאַנצע נאַכט, האָט באַוויזן אָנצוקאַרמענען די מענטשן מיט אַ זאַטן פרישטיק. אָנגעטאָן וואַרעם אין טונקעלע וואַטענע שפּענצערס און וואַליקעס, האָבן די בוי־אַרבעטער אָנגעהויבן אַרומצו־שמײַען אינדרויסן. אין די באַראַקן זײַנען פאַרבליבן די קראַנקע און מערד־ליאַקאָוו האָט זיך אָפּגעזאָגט אַרויסצוגיין צו דער אַרבעט.

דער דעסיאַטניק גאַנטשאַרוק, אַ מאַן טוענדיק מיט דער האַנט אַף זײַן גרופּע, האָט ניט געוואָלט בלײַבן זיצן אין שטוב. ער איז אַרויס צוזאַמען מיט אַלע און האָט טיכטיק אַרויסדערלאַנגט פונעם אויטאָ אַ צו־געפּירטן אינסטרומענט. זיאַטקאָוו האָט, אויסבאַהאַלטנדיק אַ שמייכל, דערלאַנגט שווײַגנדיק באַטמאַנאָוון אַ שווערן אײַזערנעם לאָם.

— אַ דאַנק, אַלטער, — האָט וואַסילי מאַקסימאָוויטש אַף אים שאַרף אַ קוק געטאָן.

ראַגאָוו האָט אַלע אויסגעשטעלט אין אַ קאָלאָנע, און די מענטשן האָבן זיך געלאָזט גיין, טראָגנדיק אַף די פּלייצעס קירקעס, לאָפּעטעס, לאָמען. בעראָש פון דער קאָלאָנע האָט קאַרפּאָוו מיט אַ פעסטן באַריטאָן אָנגעהויבן זינגען „דרײַ טאַנקיסטן“, און מ'האָט אים אונטערגעהאַלטן ניט האַרמאָניש, אָבער אַף אַ קאָל.

— אונדזער אויפגאַבע איז דורכהאַקן אַ וועג ביזן סאַמע אינדזל, איידער עס ווערט פינצטער, — האָט באַטמאַנאָוו געזאָגט אפן ברעג, באַטראַכטנדיק די פאַרזאַמלטע בוי־אַרבעטער. — אָנפירן מיט די אַרבעטן וועל איך, פאַר געהילפן באַשטים איך קאַרפּאָוון און אומאַרע מוכאַמעטן.

— און טאָמער ווערט זיך דאָס אײַז אָפּרײַסן פונעם ברעג ? האָסט ניט קיין מוירע, וואַסילי מאַקסימאָוויטש ? — האָט שטיל אַ פרעג געטאָן קאַרפּאָוו, וואָס איז געשטאַנען דאַלעבן.

— ווען דאָס וועט פאַרקומען, ווייסטו ניט ? הײַנט אָדער אין אַ כוי־דעש אַרום ?

— כ'לעבן, כ'ווייס ניט . . .

— און איך ווייס אויך ניט. און וואַרטן טאָר מען ניט. מיר וועלן ריזיקירן. אין דער אַרבעט איז, ווי אין דער שלאַכט, כאַווער, — מען קען ניט אויסקומען אָן ריזיקע.

ראַגאָוו האָט צעטיילט די אַרבעטער אַף צוויי קאָלאָנעס. קאַרפּאָוו און אומאַרע האָבן זיך צונויפגערעדט וועגן די אַרבעטס־פּלעצער. רעמניעוו האָט זיך געלאָזט הערן פונעם אוילעם אַרויס :

— כאַווער באַטמאַנאָוו, איך וואָלט געמיינט, אַז עס וואָלט בעסער זײַן צו פירן די אַרבעט פון דעם וועג פון ביידע עקן. טייל זאָלן פאַרבלײַבן דאָ, די אַנדערע זאָלן אָנהייבן פונעם אינדזל.

— דאָס איז אַ פוסטער אײַנפאַל, — האָט ראַגאָוו דערווידערט. —

איידער די מענטשן וועלן דערגיין צו יענעם עק, וועלן זיי פֿאַרלירן צײַט און קויכעס.

באַטמאַנאָוו האָט מיט אים ניט אײַנגעשטימט.

— דער פֿאָרשלאָג איז אַ גוטער, — האָט ער אַ זאָג געטאָן און צוגעגעבן פֿאַר ראַגאָזון אַליין: — דו פֿאַרשטייסט ניט, דאָס איז דאָך אַ פֿאַרמעסט און דער אַרבעטס־פּראָנט איז אַ ברייטער. לאָמיר אַ טראַכט טאָן, ווי דאָס וואָס בעסער צו אָרגאַניזירן.

— און וואָס, גוטער ברודער, אויב מיר וועלן אַזוי טאָן, —איז קאַרפּאָוו לעבעדיקער געוואָרן: — זאָלן ביידע קאָלאָנעס גיין אין איין ריכטונג. איין קאָלאָנע שלאָגט דורך דעם וועג פֿון דאַנען, פֿונעם ברעג. די צווייטע גייט אַוועק אַ פֿיר קילאָמעטער און אַרבעט פֿון דאָרטן, אויך אין דער ריכטונג פֿונעם אינדזל. ביז די ערשטע קאָלאָנע וועט דערגיין צום פֿאַרטיקן וועג, וועט זי אָניאָגן די צווייטע, און זיי וועלן שוין דאָרט דעראַרבעטן דעם רעשט.

— מאַסקים, איוואַן לוקיטש, מיט דײַן פּלאַן, — האָט באַטמאַנאָוו אַפּראָבירט. — מיר נעמען אים אָן.

ער האָט אויפֿמערקזאַם אַ קוק געטאָן אויף קאַרפּאָוון, און יענער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ער דאַרף גיין צו דער מיט פֿונעם דורכגוס.

— באַרויִק זיך ניט, וואַסילי מאַקסימאָוויטש, מיר וועלן אַלץ מאַכן געהיט, — האָט קאַרפּאָוו געזאָגט.

— אויפֿן אינדזל לאָזט איבער אַ צוויי צענדליק מענטשן, זאָלן זיי צוגרייטן אַ פּלאַץ פֿאַר לאַדונגען, — האָט באַטמאַנאָוו פֿאַראָרדנט.

אומאַרע איז צופֿרידן געווען, וואָס ער בלײַבט אויף דער זײַט, מיטן נאַטשאַלניק פֿון דער בויונג.

— לאָמיר זיך פֿאַרמעסטן! איך רוף אַרויס! — האָט ער אָנגעגריפֿן קאַרפּאָוון.

— איך נעם אָן דעם אַרויסרוף, גוטער ברודער. נאָר דו ביסט שוואַך צו גיין מיט מיר אין פֿאַרמעסט, זאָג איך דיר פֿאָרויס.

— קיין שוואַך! מירן זען, ווער וויפֿל קילאָמעטער וועט געבן!

— מען דאַרף פֿונדעסטוועגן אין זינען האָבן, וואַסילי מאַקסימאָוויטש: אין אָנהייב וועלן מיר זײַן אַ ביסל פֿאַרשפּילט. ביזקל מירן דערגיין צום אינדזל, וועט דאָ אומאַרע היפּש אָפּקלאַפּן, מיט פֿרישע קויכעס.

— מירן דאָס דיסקאָנטירן, איוואַן לוקיטש. מירן אויך צופֿירן מיטיק פֿאַר דײַנע מענטשן, און צו הונדערט גראַם וועט זיך אויך געפֿינען, — האָט באַטמאַנאָוו צוגעזאָגט.

— הערסט, גוטער ברודער, וואָס דער נאַטשאַלניק זאָגט? — האָט קאַרפּאָוו אַ טאָרקע געטאָן ליבערמאַנען.

— כ'הער, מאַמינקע טײַערע, איך האָב דאָך אַ מוזיקאַליש געהער!

— בריגאַדעס! — האָט קאַרפּאָוו אַ געשריי געטאָן. — מיר האָבן

דאָ ניט קיין אויסגעטראָטענעם וועג, מיר קענען אָנטרעפן אַף ,דין אײַז, דערפאַר דאַרף מען זיך צעשיטן, ניט גיין איינאײנעם. הער די קאָמאַנדע: אויסשטעלן זיך אײנציקװײַז, צו צוויי מעטער אײנער פונעם אַנדערן, צום אינדזול — שפּרײַז פאָרויס!

לאַנג האָט מען געזען דאָס לאַנגע קייטל פון מענטשן, וואָס באַוועגט זיך צווישן די אײַז־אָנהױפונגען און פאָלגט נאָך דעם פישער. זיי האָבן ניט באַוויזן צו פאַרשווינדן, ווי אומאַרע האָט שוין אויסגעשטעלט זײַן קאָלאָנע אין גרופּעס צו עטלעכע מענטשן. די ערשטע קלעפּ אין דעם אײַז האָבן דערלאַנגט באַטמאַנאָוו און אומאַרע. נאָך זיי האָבן זיך דרײַ הונדערט קירקעס און ברעך־אײַזנס פאַראַמאָל זיך אײַנגעשניטן אין די אײַז־אָנהױפונגען. ס׳האָט זיך דערהערט אַ קלינגענדיקער, גלעזערנער גערויש. אומאַרע האָט פלינק געאַרבעט מיט אַ קירקע און קעסיידער געכאַפּט אַ קוק צו באַטמאַנאָוון.

— וועסט זען, באַטשאַלניק, ווי איך וועל שווייסעווען! מייַנסט אוואַדע: אומאַרע רעדט שיינע ווערטער, שווייסעווען וועט ער שלעכט. איך קען שרײַבן מיט פּײַער. גלייבסט ניט? פּאָר ניט אַוועק, ביז איך וועל ניט צוזאַמענשווייסעווען דעם ערשטן באַהעפט. — וועסטו דעמאָלט זען.

— איך ווייס, אַז דו ביסט אַ גרויסער מײַסטער אין דײַן פאַך, — האָט באַטמאַנאָוו געענטפערט. ער האָט לײַכט און שטאַרק אַרײַנגעהאַקט דעם ברעך־אײַזן אין די אײַז־שטיקער, אַוועקבייגנדיק דאָס פּאָנעם פאַר די פליִענדיקע שפּליטערס. — איך קלײַב זיך ניט אַוועקצופאָרן פון דאַנען, מירן נאָך אַן אַרבעט טאָן צוזאַמען. און דײַן ערשטן באַהעפט וועל איך זען, זיכער.

אינצווישן האָבן די אינזשעניערן געמאַכט עטלעכע אויסמעסטונגען פון דעם אײַז. זיך צוגעזעצט אַף אַן אײַז־אָנהױפונג לעבן אַ קליינער קײַלעכדיקער אײַז־עפענונג, אין וועלכער ס׳האָט וואָרטשענדיק געבראָזט שוואַרץ דאָס וואַסער, האָט קאָוושאָוו געמאַכט אַ רעכענונג.

— עס באַקומט זיך ניט פריילעך, — האָט ער אַ זאָג געטאָן. — באַ אַזאַ גרעב וועט אַ טראַקטאָר אַראָפּזינקען אַפילע אָן לאַדונג. עס איז אַפילע ריזיקאַליש צו לאָזן אַן אויטאָ, דאָס אײַז איז ניט גלאַט און וווּ־ניט־ווו זייער דין — אַלעקסיי האָט זיך אויפגעשטעלט. — מען דאַרף זאָגן וואַסילי מאַקסימאָוויטשן, אַז ער אײַלט זיך אומזיסט מיטן וועג איבערן דורכגוס.

בערידזע האָט זיך נײַגעריק צוגעקוקט, ווי פון דעם וואַסער אין דער אײַז־עפענונג האָבן זיך אַרויסגערוקט פאַרשפּיצטע קעפּ פון גרויסע פיש.

— זאָגן דאַרף מען אים, נאָר דעם וועג זאָלן זיי מאַכן, — האָט זיך בערידזע אָפּגערופן.

— צו וואָס?

— מירן לאָזן מאַשינען מיט ניט פולער אָנלאָדונג. באַטמאַנאָוו איז געררעכט: ניט אַלץ קען מען פריִער אויסרעכענען. כוץ דעם וועט דאָס אײַז אַפּן וועג, פון וועלכן מען וועט אָפּרייניקן דעם שניי און אַראָפּהאַקן די אײַז־אָנהויפונגען, שנעלער פעסטער ווערן.

— דער דאָזיקער וועג — דאָס איז אַ דורכויסיקע ריזיקע מיט מענטשן און מאַשינען. מען וועט אפילו ניט באַוויזן קיין קרעכץ צו טאָן, ווי מען וועט אַראָפּ אונטערן אײַז. דעמאָלט וועט מען באַדויערן, נאָר צו שפּעט!

— דו פאַרשטייסט ניט באַטמאַנאָוון, אַליאָשאַ. בעייסן בויען דעם דאָזיקן וועג, וועט ער זיך באַפרײַנדן מיט די מענטשן און זיי העלפן באַזיניקן זייער אייגענע קראַפט. ער האָט דאָך געשטעלט אַן אויפגאַבע זיך דורכצושלאָגן צום אינדזל אין מעשעך פון אַ טאָג. זאָג אָקערשט, וויפל פאָדערט זיך דערויף לויט די נאָרמעס?

פון ברעג איז צו זיי צוגעקומען סילין. זיי האָבן אים ניט טייקעף דערקענט — דער טראַקטאָריסט איז געווען אָן די רויטע באַקנבערד, מיט וועלכע ער האָט זיי פאַרכידעשט אינעם הײַזל אונטערן שניי. סילין האָט זיך דערפרייט מיט די אינזשעניערן, ווי מיט אייגענע.

— ווי האָסטו זיך דערקליבן אַהער, סעמיאָן, דערצייל? — האָט אַלעקסיי געפרעגט, אַרומנעמענדיק אים.

— בעשאָלעם. דער טראַקטאָר איז גאַנץ, כאָטש לאָז אים שוין אין גאַנג.

סילין האָט מער גאָרניט צוגעגעבן, נאָר אַלעקסיי האָט זיך פאַרגעשטעלט, וויפל דער דאָזיקער פעסטגעבויטער, באַשיידענער מענטש האָט געמוזט איבערטראָגן, איידער ער האָט צוגעשטעלט אַפּן אָרט זײַן קאָלאָסאַלע מאַשין.

— ווו ביסטו פאַרפאַלן געוואָרן? מיר האָבן דיך געזוכט.

— אַפּן באַצירק איז געווען אַזאַ פינצטערניש, אַז איך האָב ניט אויסגעהאַלטן און זיך געלאָזט אין וועג נענטער צו דעם ליכט.

— ווי־זשע דאָס?

— נאָך דער פאַרטיי־פאַרזאַמלונג, ווען מיר האָבן מערזליאַקאָוון געגעבן אַ לעצטע וואָרענונג, האָט ער זיך צו מיר און אומאַרען באַזונדערס אַ נעם געטאָן. מיך האָט ער פאַשעט אָפּגעזאָגט. אויך סמאַרטשקאָוו האָט שיר ניט געהאַט די זעלביקע מאַראַכע צוליב ווידערשפעניקייט. אומאַרע האָט איבערגעשיקט אַ מעלדונג צום קאַנטקאָם, און מיר האָבן געוואָרט אַף די רעזולטאַטן. נאָכדעם האָבן מיר זיך באַראָטן און באַשלאָסן, אַז מען דאַרף די זאַך ניט אונטערלאָזן, ס'איז שוין אומדערטרעגלעך. נו, האָב איך זיך דערקליבן צו די בײַגרענעצלער... דער נאַטשאַלניק פונעם וואַךפּאָסטן האָט זיך פאַרבונדן מיט רובעזשאַנסק — מ'האָט אים געענטפערט, אַז באַטמאַנאָוו און איר אַלע זײַט אַהער אַרויסגעפאָרן. דעמאָלט האָב

איך זיך אומגעקערט... — ער האָט איבערגעריסן זײַן דערציילונג און זיך געווענדעט צו בערידזען: — איך האָב אײַך צו שטעלן דרײַ פראַגעס.

— אַפּילע פּיר, סעמיאָן אילאיטש.

— מערזליאַקאָוו האָט מיך אָפּגעזאָגט, נאָר איך האַלט זיך סײַווי פאַר אַן אַרבעטער פון דעם באַצירק. נאָר פונדעסטוועגן מוז מען דאָס פּאַרמעל דערליידיקן. דער בוכהאַלטער קאָנדרין זאָגט: עס מוז זײַן אַ באַפּעל.

— דאָס איז אַ נאַרישקייט. גיי צו ראָגאָוון, וועט ער דיר געבן אַ באַפעל.

— איך מיין, מען דאַרף באַטמאַנאָוון דערציילן, ווי מערזליאַקאָוו האָט אים אָפּגעזאָגט, — האָט קאָווּשאָוו אַ זאָג געטאָן.

— די צווייטע פראַגע, — האָט סילין ווײַטער גערעדט. — איך זע: אַלע מענטשן זײַנען אָפּן וועג, מען קרישלט די אײַז־אָנהויפּונגען מיט ברעך־אײַזנס און קירקעס. הייסט עס, אַז איך דאַרף זיך אויך נעמען פאַר אַ ברעך־אײַזן.

— וואָס איז, עס גלוסט זיך ניט?

— פאַרוואָס עפּעס גלוסט זיך ניט? איך האָב אַ בעסערן פאָרשלאָג: מען זאָל דעם וועג דורכשלאָגן ניט מיט קיין ברעך־אײַזנס, נאָר מיט אַ בולדאָזער. איר געדענקט, ווי מ׳האָט געטאָן הינטער נאָווינסק. איך וועל אַלץ שנעל פאַרטיק מאַכן, דערלויבט בלויז.

בערידזע האָט אַ קוק געטאָן אָף אַלעקסייען מיט אויגן, וואָס הייבן אָן גליִען, נאָר יענער האָט מיט קאָפּ אַ זאָג געטאָן:

— מען טאָר ניט, סילין. דאָס אײַז איז דין, וועסט אַראָפּ צום גרונט — אַן אַ זײַט געזונט.

— דערלויבט. איך פאַרזיכער אײַך, ס׳וועט זײַן אין אָרדענונג, — איז דער טראַקטאָריסט צוגעשטאַנען.

— מען טאָר ניט!

— אַלעקסיי ניקאָלאַיעוויטש איז גערעכט: מען טאָר ניט, — האָט בערידזע ווייך אַ זאָג געטאָן, אַרויפלייגנדיק אַ האַנט אָף סילינס אַקסל. — אַפּילע אַן אויטאָ־מאַשין איז אַ ריזיקע צו לאָזן אָפּן אײַז. וועסט פאַרט מוזן, פרײַנט, זיך נעמען פאַר אַ ברעך־אײַזן. נישקאָשע, באַטמאַנאָוו זאָגט צו צו דערלאַנגען דעם וועג ביזן אָוונט אָן מעכאַניזאַציע אויך. גיי, העלף אים.

— די לעצטע פראַגע, כאָווער בערידזע. בענויגייע קאָנדרינען, דעם בוכהאַלטער. איך האָב אַ כשאָד: ער איז אַ שעדלעכער מענטש.

— גלאָט אַזוי, פון דער הוילער הויט! — האָט זיך בערידזע פאַרוואונדערט. — פון וואַנען נעמסטו עס?

— כאָווער הויפּט־אינזשעניער, מען דאַרף אים נאָכקוקן! ער איז ניט בעסער פון מערזליאַקאָוון.

— וואָס האָט באַ דיר אַרויסגערופן דעם כשאַד ? — האָט אַלעקסיי געפרעגט.

— ס'איז אַפילע שווער צו זאָגן, — האָט סילין געצויגן מיט די אַקסלען. — עמעס, ער האָט פאַר מײַנע אויגן קיינעם ניט דערהאַרגעט און גאָרנישט ניט געגאַנוועט. נאָר ווען מען רעדט מיט אים, ווערט עפּעס דאָס גאַנצע געמיט אויפגעקאָכט. ער איז ניט קיין אָנגענעמער מענטש.

— דאָס אײַנגאַנצן ! — האָט זיך בערידזע צעלאַכט. — מען קען ניט אַזוי לײַכט מישפּעטן קיין מענטשן. עס זײַנען פאַראַן אויך ניט אָנגענעמע מענטשן, נאָר פאָרט אָרנטלעכע... מיסטאָם האָט ער דיר געזאָגט אַ שאַרף וואָרט, האָסטו זיך באַליידיקט...

— דער דאָזיקער מענטש געפעלט מיר ניט, — האָט סילין געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— דערצייל באַטמאַנאָוון אויך וועגן קאָנדרינען, — האָט אַלעקסיי געאײַלט. — גיי צו אים. אַגעוו, גיב איבער אָט דאָס צעטעלע.

דער טראַקטאָריסט האָט געטראָפן באַטמאַנאָוון צוויי קילאָמעטער פונעם ברעג, צווישן אַן אוילעם מענטשן.

— מיר דאַרפן זיך ניט פאַרלײַכטערן די אַרבעט, — האָט באַטמאַנאָוו געזאָגט. — מען דאַרף האָבן אַ וועג אַ גוטן, ניט קיין אַבי וועלכן. אין דער ברייט דאַרף ער זײַן ניט וויי‌ניקער פון זעקס מעטער, און מיר האָבן אים ווידער פאַרשמעלערט, קיין צוויי מאַשינען וועלן זיך דאָ בעשום אויפן ניט קענען אויסמײַדן. און מען דאַרף אים מאַכן גלאַט, ווי אַ פאַרקעט, באַ אונדז אָבער איז ער פול מיט אַרויסשטאַרצן. דו, אומאַרע, פאַרשנעלער ניט די טעמפּן אָפּן כעשבן פון דער קוואַליטעט, קלאָר ?

— קלאָר, ווי דער טאָג ! — האָט אומאַרע אויסגעשריגן.

ער האָט ניט געוואָלט פאַרלירן קיין איין מינוט, און די מענטשן זײַנען גאָך אַלץ געשטאַנען אַרום באַטמאַנאָוון. אומאַרע האָט דאָס ניט געקענט רויִק צוקוקן. ער האָט האַסטיק אַ כאַפּ געטאָן אַ ברעך־אײַזן, אַראָפּוואַרפנדיק אין גאַנג דעם וואַטענעם שפּענצער. דאָס היטל האָט זיך אים פאַררוקט אָפּן אַקן, און ס'האָבן פון אים אַרויסגעשטאַרצט האַרטע, ווי דראָט, שוואַרצע האָר־פּאַסמעס.

— פעסטער, כאַווײַרים ! קאַרפּאָוו דאַרט געגעצט ניט, לאָזט זיך ניט איבעריאָגן ! — האָט דער שווייסעווער געשריגן, ווידער פונאַנדערשטעלנדיק די מענטשן. — שטעל זיך דאָ, רייניק אָפּ דעם וועג. האַק ניט אין אײַז אַרײַן, פאַרזיכטיק... עך, מען וואָלט דאַרפן האָבן עפּעס אַ וואָלק־פּרעס !

ער איז צוגעלאָפן צו באַטמאַנאָוון, זיך אָן אייצע האַלטן וועגן אַ וואָלק־פּרעס, און דערזען דעם נאַטשאַלניק פון דער בויונג שמועסן מיט סילינען.

— שטער ניט, וועסט דערנאָך ריידן, — האָט אומאַרע געזאָגט צום

טראַקטאָריסט. — וואַסילי מאַקסימאָוויטש, מען דאַרף צוטראַכטן עפּעס אַ וואָלק־פּרעס...

— וואַרט צו, אומאַרע, איך וועל אָפּשמועסן מיטן כאַווער און קומען צוריק צו דיר, — האָט באַטמאַנאָוו געענטפערט.

אומאַרע האָט מיט קינע אַ קוק געטאָן אַף סיליגען און איז צוריק־געלאָפן. באַטמאַנאָוו האָט אויפמערקזאַם געהערט דעם טראַקטאָריסט. סי־לין איז געשטאַנען פאַר אים מיט אַ שווערן ברעך־אײַזן אין די הענט, ווי מיט אַ ביקס.

— מיטן בולדאָזער לאָז צורו! — האָט וואַסילי מאַקסימאָוויטש געזאָגט. — קוים זאָגן די אינזשעניערן: מען טאָר ניט — איז ניטאָ וועגן וואָס צו ריידן. אָט שרײַבן זיי אינעם צעטעלע, אַז דאָס אײַז איז דין. דײַן וואָרענונג וועגן קאָנדרינען נעם איך אין באַטראַכט, האַגאַם דו רעדסט וועגן אים זייער אומבאַשטימט. הייסט עס, מערזליאַקאָוו האָט דיך אָפּ־געזאָגט? — האָט באַטמאַנאָוו פּלוצים אַ שמייכל געטאָן, זיך שאַרף אײַנקוקנדיק אינעם טראַקטאָריסטס אָפּן פּאָנעם.

— יאָ, כ'האָב באַ אים ניט נויסע־כיין געווען. נאָר ער האָט גאָרניט דערגרייכט. ער איז ניטאָ, און איך בין פאַרבליבן.

— און ער האָט גאָרניט געקענט דערגרייכן. כ'וועל זאָגן ראַגאָוון — ער וועט שוין געבן אַ פאַראָרדענונג וועגן דיר. נאָך דער אַרבעט כאַפּ זיך אַרײַן צו מיר, וועלן מיר אַ שמועס טאָן אין אַ פרײַער מינוט... און איצט גיי צו פילימאָנאָוון, טראַכט ביידע צו, וואָס פאַר אַ וואָלק־פּרעס מען זאָל גיכער דערלאַנגען אַפן וועג. דו זעסט, וואָס סע באַקומט זיך אָן אַ וואָלק־פּרעס...

באַטמאַנאָוו איז געגאַנגען צום ברעג, אַרומטראַכטנדיק, וואָס סילין האָט אים געזאָגט וועגן קאָנדרינען. מען דאַרף זיך צוקוקן צום הויפּט־בוכ־האַלטער, קאָנטראָלירן זײַן אַרבעט. ס'איז נייטיק נענטער זיך צו באַקענען מיט די מענטשן. פּיסאַרעוו האָט ניט גלאַט אַזוי געוואָרנט וועגן וואַכ־זאַמקייט. ווי די פּראַקטיק האָט געוויזן, האָבן זיך אין די פאַרוואָרפענע ערטער פונעם דאַזיקן בײַגרענעץ־קאַנט ניט זעלטן אויסבאַהאַלטן און אָנ־געטאָן צאָרעס פאַרשיידענע טונקעלע פאַרשוינען.

זײַנע מאַכשאָוועס האָט איבערגעריסן אומאַרע מוכאַמעט. דער דער־בערווירטער שווייסעוועך האָט דעריאָגט דעם נאַטשאַלניק פון דער בויונג.

— וווהין גייסטו אַוועק, כאַווער באַטמאַנאָוו? האָסט אַליין געזאָגט: דער וועג איז דער וויכטיקסטער אָביעקט. פאַרוואָס־זשע לאָזטו אים אי־בער? לאָמיר אים ענדיקן צוזאַמען!

— דערווײַל פיר אָן דו אַליין, — האָט באַטמאַנאָוו ניט ווילנדיק אַ שמייכל געטאָן. — לאָמיר פאַרדייכערן, זײַ ניט בערויגעז.

זיי האָבן פאַררייכערט, זיך פאַרשטעלנדיק פאַרן ווינט. באַטמאַנאָוס פונעם ווינט אָפּגעבריטע הענט — ער האָט זיי טרענירט לויט טאַניאַ

וואסילטשענקאָס מעטאָד — האָבן ניט איינגעהאַלטן דעם פּאַפּיראָס, און ער האָט זיי קריטיש באַטראַכט.

— אומאַרע, וואָס וועסטו זאָגן וועגן קאַנדרינען, דעם בוכהאַלטער ?

— ער איז ניט קיין גוטער מענטש ! — אומאַרע האָט זיך פאַר־קרימט.

— מיט וואָס ניט קיין גוטער ?

— ער קוקט ניט גלייך אין די אויגן אַריין. לאַכט אומגעשמאַק. פאַרוואָס האָט מען אַזעלכן געשיקט ?

— ער לאַכט אומגעשמאַק — דאָס איז נאָך ניט קיין גרונט צו זאָגן שלעכטס וועגן אַ מענטשן. מען דאַרף זיך פאַרטראַכטן.

— וואָס דאַרף מען זיך פאַרטראַכטן ? אַרויסיאָגן דאַרף מען ! ער און מערזליאַקאָוו זיינען איין פּאָר שטיוול. האָסט מערזליאַקאָוון אַרויס־געיאָגט, יאָג אַרויס אויך קאַנדרינען. פאַרוואָס האַלטסטו אים ?

— מען טאָר זיך ניט אַזוי קאָכן, אומאַרע. בײַ מערזליאַקאָוון איז אַלץ קלאָר, ווי אַף דער האַנט, און וועגן קאַנדרינען איז גאָרנישט ניט באַוווּסט. אַרויסיאָגן אַ מענטשן בלויז דערפאַר, וואָס ער האָט ניט קיין שיינע אויגן, טאָר מען ניט. מירן פריִער אַ קוק טאָן ווי זיין אַרבעט זעט אויס, דעמאָלט וועלן מיר באַשליסן. נו, און דו, אַגעוו, לויף צו די מענטשן, און טו אָן די קורטקע, וועסט זיך נאָך פאַרקילן...

— מיך נעמט ניט דער פראָסט, — האָט אומאַרע דערווידערט. — פאַרשפיליע זיך בעסער דו אַליין, טו אָליין אָן די הענטשקעס. וועסט אָפּ־פרירן די הענט !...

באַטמאַנאָוו האָט זיך געלאָזט אַרויפגיין איבער די פאַראיזיקטע נאָקעטע שטיינער צום ברעג. דאָ איז צו אים צוגעקומען אַן אומבאַקאַנ־טער מענטש אין אַן אַלטן שוואַרצן פּאַלושובאָק.

— קען מען זיך צו אייך ווענדן, כאַווער באַטמאַנאָוו ? — האָט ער אַ פרעג געטאָן. — איך בין סאַנין פון דער בוכטע אומי. צו אונדז איז געקומען אייערער אַ מענטש און געהייסן זיך מעלדן.

— ווי זעט עס אויס בײַ אייך אַף דער באַזע, איז אַלץ אין אָרדענונג ?

— איצט איז מער־ווייניקער אין אָרדענונג...

— דערציייל מיר, וויאַזוי האָט איר זיך באַגעגנט מיט פּאַנקאָוון ? איר זייט דאָך עס דער מענטש, וועלכן ער האָט געטראָפן אָפן וועג צום דורכגוס.

— ריכטיק, איך. אַף דער באַזע איז שלעכט געוועז, עס זיינען קיין פּראָדוקטן ניט געבליבן. צו באַקומען הילף פונעם באַצירק האָט מען זיך בעשום אויפן ניט געקענט דערשלאָגן. איך האָב באַשלאָסן זיך אַריבערצו־באַקומען צום נאָענטסטן באַצירק בײַ אַדון. ווען כ'בין אַרויסגעקומען צום אַדון, האָב איך זיך דאָ באַגעגנט מיט פּאַנקאָוון. ער האָט מיר געגעבן אַ פערד, פּראָוויאַנט און געהייסן זיך אומקערן אַף דער באַזע. ער האָט

צוגעזאָגט אָנצונעמען שריט און קומען צו פאָרן צוזאַמען מיט מערזליאַ־קאָוון גלײַך, ווי נאָר ער וועט זיך אַריבערבאַקומען צום דורכגוס. אין אַ פיר טעג אַרום האָב איך געשיקט אַ מענטשן אַפן באַצירק צום כאַוער פאַנקאָוו און זיך דערוווּסט...

— וואָס־זשע האָט געקענט מיט אים געשען, לויט אײַער מיינונג?

— האָט באַטמאַנאָוו אַ פרעג געטאָן אומגעדולדיק.

— ווער ווייסט. ער איז געגאַנגען אינגאַנצן אַליין... האָט זיכער פאַרבלאָנדזשעט. ביז אונדז איז מער פון צוואַנציק קילאָמעטער.

— איר פערזענלעך האָט אים געזוכט?

— יאָ, כהאָב געשטעלט אַף די פיס אַלע מײַנע מענטשן... כ׳האָב זיך מיט אים בלויז איין מאָל באַגעגנט און גלײַך געזען — דאָס איז אַ גוטער און אָרנטלעכער מענטש...

באַטמאַנאָוו האָט מיט אַ פאַרגליווערט פאָנעם געקוקט עו׳גיעץ איבערן קאָפּ פונעם מיטשמועסער. סאַנין האָט, ניט שטערנדיק זײַנע מאַכשאָוועס, אָפּגעוואַרט.

— דאָס איז געווען אַ זייער גוטער, שטאַרקער און פאַרלאָזלעכער מענטש, — האָט וואַסילי מאַקסימאָוויטש ענדלעך אַ זאָג געטאָן מיט אַ זיפץ. — איך ווייס גאָרניט, וואָס צו טראַכטן. ניט שוין־זשע האָט ער, אַ געניטער טײַגע־מענטש און אַ פּאַרטיזאַן, פאַרבלאָנדזשעט אין דער טײַגע? מירן ווײַטער זוכן, און איר כאַווער סאַנין, וועט מיר דערין העלפן...

ראַגאָוו האָט זיך געשפּאַרט מיט טאַניאַ וואַסילטשענקאַ, זיצנדיק אונטער אַ גרויסן אָפּדאַך, וווהין מען האָט צונויפגעזאַמלט פונעם גאַנצן ברעג דראָט, איזאָלאַטאָרס, טעלעפאָן־אַפּאַראַטור. געבויגן איבער אַ קאַסטן, האָט קאָנדרין עפּעס אַרײַנגעשריבן אין אַ בוך.

— איך האָב באַקומען פון באַטמאַנאָוון די אויפגאַבע אויסצופּאַר־טיקן אַ טעלעפאָן אַפן אינדזל, — האָט טאַניאַ גערעדט. — דאָס סאַמע וויכטיקסטע איז דער אונטערוואַסער־קאַבל. פעדאָסאָוו האָט פאַרזיכערט, אַז דער קאַבל איז אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן דאָ. מען מוז אים געפינען.

— זאָל פעדאָסאָוו אַליין זוכן, — האָט ראַגאָוו געוואָרטשעט. — מען האָט דעם קאַבל אַזוי ווײַט פאַרוואָרפן, אַז ער איז, זיכער, אין יאַם אַרײַנגעפאַלן.

— ס׳איז דאָ ניטאָ וואָס זיך צו וויצלען, ס׳איז אַן ערנסטע זאַך.

— איר קריגט זיך נאָך אַלץ? — האָט באַטמאַנאָוו אַ פרעג געטאָן, צוגייענדיק.

— זי פאָדערט פון מיר אַ קאַבל, — האָט ראַגאָוו אַ שמייכל געטאָן. — און בײַ מיר איז ער ניטאָ.

— ער מוז זײַן. מ׳האָט אים דאָ אָפּגעלאָדעוועט, נאָך ווען מ׳האָט געפּירט מיטן וואַסער, — האָט באַטמאַנאָוו באַשטעטיקט. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף קאָנדרינען, וועלכער האָט פלינק אויסגעשריבן ציפערן. — כאַ־ווער בוכהאַלטער! איר וועט מוזן איצט אַ סאַך אַרבעטן. מען מוז אַלץ אָפּגעפינען, ביז אַ לעצטן גרויזט... איך אַליין וועל קאָנטראָלירן אַלע אַנדערע כעשבוינעס. אַזוי, טאַטיאַנאַ פּעטראָוונאַ, אַז אַנדער קאַבל וועט מען אָפּזוכן.

— פאַרשטייט זיך, אַז מירן אָפּזוכן. אַלץ וועט ווערן פאַראינווענ־טאַריזירט, — האָט קאָנדרין אַ זאָג געטאָן, קוקנדיק באַטמאַנאָוון גלײַך אין די אויגן אַרײַן.

— נו, איז אויסגעצייכנט.

— מערזליאַקאָוו פאָדערט, אַז מען זאָל אים באַצאָלן פאַר דער קו, דעם כאָזער און די אויפּעס, וועלכע זײַנען אויף אַנדער באַפעל בײַ אים רעק־ווירירט געוואָרן, — האָט ראָגאָוו געזאָגט. — ער האָט מיר בײַגעלייגט אַ פּאַפּיר: אַ מעלדונג מיט אַ כעשבן לויט די פרײַזן אָפן מאַרק. אַ היפּשע סומע! ווי באַפעלט איר צו טאָן?

— אויב דו ביסט אַן אוישער, — באַצאָל! — האָט אים באַטמאַ־נאָוו געענטפערט אין זײַן טאָן. — איך האָב ניט קיין געלט. איך קען בלויז געבן איבערן האַלדז־און־אַקן. די טפּיסע קוקט אים אויס מיט טרערן, דעם דאָזיקן טיפּ, און ער פאַנטאַזירט וועגן געלט...

קאָנדרין האָט זיך צעשמוכעט.

— איך זאָג ריכטיק, בוכהאַלטעריע? — האָט באַטמאַנאָוו אַ פרעג געטאָן בײַ אים.

— אַבסאָלוט. מערזליאַקאָוו איז אַ באַל־גוף, אַ פּריוואַטניק, — האָט קאָנדרין באַשטעטיקט. — ער האָט זיך אײַנגעשאַפן זײַן באַלעבאַטישקייט אויף אַן אומערלעכן אויפן, אָפן כעשבן פון דער מעלוכע, כ׳ביך דערין איבערצײַגט...

— נו, אָט זאָגט אויך די בוכהאַלטעריע, אַז אויסערן איבערן געניק קומט אים גאָרניט! — האָט זיך באַטמאַנאָוו צעלאַכט.

גלײַך פאַרגעסן אין מערזליאַקאָוון, האָט באַטמאַנאָוו באַפוילן ראָ־גאָוון, צו באַשטימען טעסליערעס און צופירן געהילף, אויף צו בויען דיס־פּעטשער־בודקעס אָפן אײַז־וועג. לויט באַטמאַנאָוון האָט אויף יעדן קילאָ־מעטער באַדאַרפט שטיין אַ בודקע, און דערין — אַ טעלעפאָן, אַן אויוון, אַ טיש, בענקלעך.

— די דאָזיקע בודקעס וועלן אָנפירן מיט דער גאַנצער באַוועגונג אָפן וועג, — האָט וואַסילי מאַקסימאַוויטש אַנטוויקלט זײַן געדאַנק.

טאַניאַ האָט בײַ אים געבעטן אַ דערלויבעניש אַרויסצוגיין אַנטקעגן די פאַרבינדלער, קעדיי אויף מאָרגן זיך אומצוקערן צוזאַמען מיט זיי און מיטן דראָט אָפן באַצירק.

— וואָס אַן עמעס, איז בײַ מיר געווען אַן אַנדער פּלאַן: כ'האָב אײַך געוואָלט צוציִען צו דער בויונג פּונעם וועג, — האָט באַטמאַנאָוו געזאָגט. — איך דאַרף האָבן אַן אַרביטער צום פּאַרמעסט צווישן אומאַרען און קאַרפּאָוון. נאָר איך וועל זיך באַגיין, ניט אָפּציִען אײַך פון אײַער אייגנטלעכער אַרבעט. גייט צו אײַער כעוורע און ברענגט זיי שנעלער אַהער. איך וועל אײַך מעקאַבל־פּאָנעם זײַן, ווי טײַערע געסט... ראַגאָוו, וווּ זײַנען די אינזשעניערן?

— באַ זיך. אַלע צייכענען, — האָט ראַגאָוו געענטפערט מיט אַ טאָן פון פאַרענטפערן זיך.

— נו, נו, מען דאַרף וועגן זיי ניט ריידן מיט אַזאַ פּראָטעזשירנדיקן טאָן, זיי זײַנען אונדזער גענשטאַב!... גיב איבער בערידזען און קאָווראָשאָוון, זיי זאָלן אָנשרײַבן אַ באַפעל וועגן פּרעמירן די פאַרבינדלער. באַמיט זיך מיט ליבערמאַנען וועגן קיבעד. די יאַטן האָבן זיך פאַרדינט דעם דאָזיקן קליינעם יאָנטעוו.

— איך וועל דער כעוורע גאָרניט זאָגן. זאָל דער דאָזיקער קאַבאַלעספּאָנעם זײַן פאַר זיי אַ סיורפּריז! — האָט טאַניאַ אַ זאָג געטאָן געריִרט און זיך אָנגעהויבן דענערווירן, דערמאָנענדיק זיך אין גענקע פּאַנקאָוון. — וואָס טוט מען מיטן ייִנגל, וואָס זאָגט מען אים, וואָסילי מאַקסימאָוויטש? מיט וואָס פאַר אַן אומגעדולד ער וואַרט דאָס באַגעגענען זיך מיטן טאַטן!

— זאָגט אים גאָרניט, כ'וועל אַליין, — האָט איר אַנטשלאָסן און פּונקט אַזוי שטיל געענטפערט באַטמאַנאָוו. — כ'בין זיך מוידע, טאַניאַ, אַז דאָס האַרץ טוט מיר ווי, ווען כ'דערמאָן זיך וועגן דעם באָכערל. קיין מאַמע האָט ער דאָך ניט?

— ניין. ער האָט אין נאָווינסק געוווינט בײַ אַ מומען...

באַטמאַנאָוו האָט אַ קוק געטאָן נאָך טאַניאַן — זי איז לײַכט און ווייך געלאָפן אין אירע קליינע וואַליקעס. דער רויטער שאַליק האָט זיך געוואָרפן הינטער דער מיידלס פּלייצע...

ער האָט אויפגעכאַפּט אַ בייזן בליק בײַ ראַגאָוון, וועלכער איז געשטאַנען דאַלעבן.

— וואָס האָסטו זיך אָנגעבלאָזן, אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויטש?

— מײַן געוועזענער באַצירק וועט קיין דאַנק ניט קריגן? — האָט ראַגאָוו אַ פרעג געטאָן. — איך טראַכט ניט וועגן זיך, וואָסילי מאַקסימאָוויטש. מײַנע מענטשן אין טיוולין האָבן ניט געאַרבעט ערגער פון די פאַרבינדלער...

— דערמאָנסט מיר אומזיסט, קיין גוטס פאַרגעסט זיך ניט. דײַן געוועזענער באַצירק וועט קריגן אַ גרויסן דאַנק — די איבערגייענדיקע רויטע פאָן פון דער פאַרוואַלטונג. איצט האָסטו שוין פאַרשטאַנען?

— ערשט האָב איך פאַרשטאַנען, — איז ראַגאָוו הייטערער געוואָרן.

— אויב דו האָסט פאַרשטאַנען, טראַכט וועגן דעם, וויאַזוי אָפּצו־נעמען די פאָן בא דיין געוועזענעם באַצירק — פאַרן איצטיקן !...

קאַנדרין האָט צוזאַמענגענומען זײַנע רעשימעס און צוגערופן דעם בוכפירער פון דער בוכהאַלטעריע, וועלכער איז פאַרבײַגעגאַנגען. זיי זײַ־נען צוזאַמען געגאַנגען צו אַ דערבײַיקן מאַגאַזין.

— קוק זיך אויפמערקזאַמער צו צום דאָזיקן מענטשן, — האָט באַט־מאַנאַוו אַ זאָג געטאָן אַ ווונק טוענדיק אין דער ריכטונג פון קאַנדרינען.

— ער האָט זיך עמעצן דאָ אויסגעוויזן פאַרדעכטיק. אונטערן אויסרייד פון איבערנעמען די איניאַנים וועט מען דאַרפן אויפמערקזאַם קאָנטראָלירן די אַקטן פון דער בוכהאַלטעריע...

— גוט. ער איז דאָ, וואָס אָן עמעס, ניט פון אַזוי לאַנג...

— זײַ מיט אים פאָרזיכטיק, האָב ניט צו אים קיין באַזונדערן צוטרוי... ווען דו וועסט זיך איבערצײַגן, אַז די כשאַדים זײַנען אומ־באַגרינדעט, דעמאָלט וועסטו אים פולשטענדיק געטרויען.

באַטמאַנאַוו האָט אַ קוק געטאָן אָפן זייגער. ס'האָט זיך דערנענטערט די צײַט, וואָס איז נעכטן באַשטימט געוואָרן פאַר דער פאַרזאַמלונג פון די שאָפערן. ער האָט אַ שאָקל געטאָן צו ראַגאַוון און זיך געלאָזט גיין צום פלאַץ פאַר דער עלעקטראָסטאַנציע, ווו די אויטאָ־מאַשינען האָבן זיך געדאַרפט צונויפקומען. אָפן וועג איז אים פון הינטער אַ פאַרדריי אַנגעקומען אַקעגן אַן אַבאַז פון דרײַ געשפאַנען. זיי האָבן געפירט אָף שליטנס טערמאָסן מיטן מיטיק פאַר אומאַרעס און קאַרפּאַווס בריגאַדעס. פאַרויס דעם אַבאַז איז געגאַנגען ליבערמאַן.

— שטיין בלײַבן ! בלײַבט שטיין, מאַמינקע טײַערע ! איר זעט ניט, אַז דער נאַטשאַלניק פון דער בויונג אינטערעסירט זיך מיט אונדז ! — האָט ער אַ געשריי געטאָן אָף זײַנע געהילפן, וואָס האָבן אַנגעטריבן די פערד.

דער אינטענדענט האָט פאַרגעלייגט באַטמאַנאַוון „טויעם צו זײַן". באַטמאַנאַוו איז געווען דורכגעפרוירן און אויסגעהונגערט. ער האָט אָפילע ניט באַמערקט, ווי ער האָט אויפגעגעסן אַ שיסל פיש־יויך, אַ שיסל קאַשע און אויסגעטרונקען אַ טעפּעלע זיסע טיי.

— דו ביסט אַ כיטרע ! איידער מ'האָט זיך אַרומגעקוקט, האָסטו מיך אַנגעקאָרמעט מיט אַ מיטיק, — האָט באַטמאַנאַוו געזאָגט, זעענדיק ליבערמאַנס צופרידן שמייכעלע, און זיך פאַרגעשטעלט, ווי דער אינטענ־דענט וועט אין אָוונט דערציילן וועגן דעם, שעפּטשענדיק דאָ פילימאָנאַוון, דאָ ראַגאַוון. — דאָס איז גוט, ליבערמאַן, וואָס דו ביסט בעסער געוואָרן. ווען איך בין געקומען צו פאָרן, האָסטו דאָך מיר ביכלאַל קיין עסן ניט געוואָלט געבן. געדענקסטו ? וואָס, האָסט שוין פאַרגעסן ? גוט, וועל איך אויך פאַרגעסן !... דער מיטיק איז גוט. איך דאַנק דיר פאַר זיך און פאַר דער כעוורע — זיי וועלן אויך צופרידן זײַן.

— מיר זײַנען גרייט צו דינען! — האָט ליבערמאַן אַ הילך געטאָן, אַרויסשטאַרצנדיק די ברוסט.

— דו טרײַבסט נאָך אַלץ לעצאַנעס? — האָט אים וואַסילי מאַק־סימאָוויטש פּירגעהאַלטן. — צו וואָס? ביסט דאָך ניט קיין קלאָון און ניט קיין קאָנפערענסיע, זאָלסט טאָמיד זיך וויצלען און קליגלען. — ער האָט אַרויסגענומען פּאַפּיראָסן, מעכאַבעד געווען ליבערמאַנען. — וואָס מאַכט די פאַמיליע? ס'האָט זיך איר אײַנגעגעבן אַרויסצופאָרן פון לע־נינגראַד?

— זיי זײַנען אַרויסגעפאָרן, נאָר וווּהין — ווייס איך ניט. שוין די דריטע וואָך, אַז איך באַקום ניט קיין יעדיעס פונעם ווײַב, — אַ שאָטן פון אומרו האָט זיך געלייגט אַף ליבערמאַנס פּאָנעם.

— זאָלקינד האָט אַרויסגעשיקט צוויי טעלעגראַמעס, וואָס פאָדערן זיי אַרויס אַהער. האָב געדולד — דאָס ווײַב מיט דער טאָכטער וועלן קומען צו פאָרן!...

דער אָבאָז האָט זיך גענומען אַראָפּלאָזן פונעם שיפּוע אָפּן אײַז פונעם דורכגוס. די קאָפּיטעס פון די פערד האָבן זיך געגליטשט און זיך צעפאָרן. ווײַט פונעם ברעג האָבן אומאַרעס אַרבעטער אָפּן אײַז אויס־געזען — טונקעלע זשוקלעך אַף אַ גרויען בויגן פּאַפּיר. דער ברעג פונעם אינדזל האָט זיך פאַרצויגן מיט אַ געדיכטן נעפּל־פאָרהאַנג.

— פאַמעלעכער! פאַמעלעכער, מאַמינקע טײַערע! — האָט ליבער־מאַן געשריגן.

באַטמאַנאָוו האָט אים באַאָבאַכטעט, צוזאַמענדריקנדיק צופרידן מיט די ליפּן: אויך דער דאָזיקער „שווערער פאַרשוין" איז אים איצט געווען אַ מער־ווייניקער פאַרלאָזלעכער געהילף. פאַר דער גאַנצער צײַט פון זייער פאָרן איבער דער טראַסע האָט דער נאַטשאַלניק ניט אַרויסגעלאָזן ליבער־מאַנען פונעם אויג. ליבערמאַן האָט זיך באַדײַטנדיק געענדערט. ער איז געוועזן טיכטיק, פלינק און כיטרע ווי פריער, נאָר ערשט זײַנען אים מע־רער אָנגעגאַנגען די איניאַנים פון דער בויונג, און דעריקער — ער האָט זיך אָפּאָנעם אויסגעלערנט צו פאַרשטיין, אַז דער ריישיס־כאָכמע פון זײַן אַרבעט איז די זאָרג וועגן די מענטשן.

— ליבערמאַן! — האָט פּלוצים אַ רוף געטאָן באַטמאַנאָוו. דער אינטענדענט האָט זיך אויסגעדרייט און אויפגעהויבן דעם גרויסן לאַפּן פון זײַן האַריקער היטל. — איך באַשטים דיך פאָרן אַרביטער פונעם פאַר־מעסט צווישן קאָרפּאָוס און אומאַרעס בריגאַדעס. נעם אין אַכט: קאָר־פּאָוו איז אין אָנהייב געווען אין אומבאַקוועמע באַדינגונגען. ווען איך וועל זיך אומקערן, וועלן מיר זיך באַראַטן מיט וואָס אויסצוצייכענען די זיגער.

— קלאָר! — האָט זיך דערטראָגן פון אונטן.

די אויטאָ־מאַשינען זײַנען צוגעפאָרן איינע נאָך דער אַנדערער און זיך אויסגעשטעלט אין אַ ריי. דאָס קלאַפּן פון די מאַשינען, וואָס זײַנען געשטאַנען אָף אַן אָרט, האָט זיך אויסגעמישט מיטן רעווען און הודזשען פון די, וואָס זײַנען צוגעפאָרן און זיך אויסגעקערעוועט אַפן פלאַץ. פּילימאָנאָוו האָט זיי דערבײַ קאָנטראָלירט און פאַרנאָטירט אין אַ נאָטיץ־ביכל.

— ער פאַרשרײַבט עפּעס. אַ שווײַגנדיקער, ווי אַ שטיין. קיין וואָרט רעדט ער ניט אַרויס, — האָבן די שאָפערן צווישן זיך געשמועסט.

צוויי מאַשינען האָבן זיך ניט אומגעקערט צו דער באַשטימטער צײַט — זײַנען ,וואָרשײַנלעך, שטיין געבליבן ערגעץ אין דער טײַגע. פּילימאָנאָוו האָט געהאָפט, אַז עפּשער וועלן זיי נאָך אונטערקומען ביז באָטמאָנאָוו וועט זיך באַווײַזן.

נאָר דער נאַטשאַלניק פון דער בויונג איז שוין געקומען — פּינקטלעך צום טערמין. ער האָט ניט געהאָפט צו טרעפן אַזויפיל מאַשינען און איז געווען אַנגענעם פאַרוווּנדערט. פון די שורעס קלאַפּנדיקע אויטאָמאָבילן האָט אַף באָטמאַנאָוון ווי אַ ווייע געטאָן מיט וואַרעמקייט. ער האָט דורכגעשפּאַצירט פאַרן פראָנט פון דער קאָלאָנע, פּילימאָנאָוו האָט אים אין גאַנג אָפּגעגעבן דעם באַריכט. זיי זײַנען צוגעקומען צו סמאָרטשקאָווס מאַשין — דער שאָפער, וועלכער איז געשטאַנען באַם ראַדיאַטאָר, האָט געקוקט אַף באָטמאַנאָוון מיט אויפגעלויכטענע אויגן.

— איך בעט אָפּצומערקן די אויסנעמלעכע אַרבעט פונעם כאַווער סמאָרטשקאָוו, — האָט פּילימאָנאָוו אַ זאָג געטאָן. — ער האָט איינער אַליין געבראַכט צו פירן פיר אויטאָ־מאַשינעס. זײַן אייגענע מאַשין איז ניט געקוקט אַפן דורכגעמאַכטן וועג, אין מוסטערהאַפטער אָרדענונג.

באָטמאַנאָוו האָט פעסט אַ דריק געטאָן סמאָרטשקאָוון די האַנט. „אים און סיליגען דאַרף מען ווידמענען אַ ספּעציעלן באַפעל. זאָלן זיך אַלע דערוויסן, וואָס פאַר אַ יונגען דאָס זײַנען!״ — האָט ער געטראַכט פאַר זיך.

פּילימאָנאָוו האָט מיט אַ מאַך מיט דער האַנט צוגערופן די שאָפערן, און זיי האָבן ענג אַרומגערינגלט באָטמאַנאָוון.

— איך נעם אײַך אַלע צו נאָך אַמאָל אָף דער אַרבעט, כאַווײרים און פאַרשרײַב אײַך אָף אויסהאַלטונג, — האָט אָנגעהויבן דער נאַטשאַלניק פון דער בויונג האַלב אין שפּאַס, האַלב ערנסט.

דאָס רעווען פון מאָטאָרן האָט אים ניט דערלאָזט פאַרענדיקן: עס זײַנען צוגעפאָרן צוויי אויטאָ־מאַשינען; יעדע פון זיי האָט געשלעפּט אַפן בוקסיר נאָך צו איין אויטאָמאָביל. באָטמאַנאָוו האָט מיט אַ פראַגע אַ קוק געטאָן אַף פּילימאָנאָוון, יענער האָט געצויגן די אַקסל.

— דאָס זײַנען ניט אונדזערע.

פון דער קאַבינע זײַנען אַרויסגעגאַנגען דרײַ, צווישן זיי אַ מיידל. פון דעם קאַסטן פון איינער פון די מאַשינען האָבן זיך אויפגעהויבן פינף.

— ווי הייסט, ניט אונדזערע. שוין דאַווקע אונדזערע! — האָט באַטמאַנאָוו דערקענט די צוגעפאָרענע. — דאָס זײַנען דאָך פונעם פינפטן באַצירק, די קאָמיוגיסטן מאַכאָוו, סאָלנצעוו און מוסיאַ קוטשינאַ. און די ברידער פעסטאָוו, די סטאָליערעס... און די האָלצהעקער שובין און פאַנטאָוו. און דער קוכער נאַגטיעוו. אויסגעצייכנט! — ער איז זיי פלינק אַקעגנגעגאַנגען, יעדן לויט דער ריי געדריקט די האַנט. — איך באַגריס אײַך צו אײַער קומען! איר האָט זיך שנעל דערקריגן, איך האָב עס ניט דערוואַרט!

— מיר זײַנען דאָך ניט צופוס געקומען, — האָט סאָלנצעוו אַ זאָג געטאָן, אַ גלעט טוענדיק דעם ראַדיאַטאָר. — מיר האָבן פאַרכאַפּט מיט זיך צוויי פאַרלאָזטע מאַשינען פון דער טײַגע. מ'האָט אונדז געזאָגט אויף דער טראַסע, אַז איר קלײַבט זיי צוזאַמען.

— וואָס קוקסטו זיך אַרום, מאַכאָוו? — האָט באַטמאַנאָוו אַ פרעג געטאָן.

— אָט איז ער, דער עק וועלט! — האָט מאַכאָוו אַ געשריי געטאָן.

— פײַן! כ'בין נאָך קיינמאָל אַזוי ווײַט ניט געפאָרן!... ס'איז טשיקאַווע צו וויסן, צי עס זײַנען דאָ פאַרבליבן אַ וועלכע ס'איז שפּורן פונעם גענעראַל בעוועלסקיס אויפהאַלטן זיך דאָ?

— סאַראַ כאַפּ! — האָט זיך סאָלנצעוו פאַרוווּנדערט. — דו באַאומרויִק זיך ניט וועגן געשיכטע, נאָר וועגן הײַנטיקן טאָג!

— וואָס מאַכט מען, באַלעבאָסטע? — האָט באַטמאַנאָוו ברייט אַ שמייכל געטאָן צו מוסיאַן.

זי האָט אויסגעזען פאַרמאַטערט און אַ ביסל צערודערט.

— באַדויערסט ניט, וואָס דו ביסט פאַרפאָרן הינטער די האָרייכווישעך!

— איך באַדויער ניט, — האָט זיך דאָס מיידל אַ כאַפּ געטאָן. — איך האָב זיך פּאַשעט פאַרטראַכט...

— כאַווער באַטמאַנאָוו, מיר קענען שוין צוטרעטן צו דער אַרבעט, — האָט מאַכאָוו אַ זאָג געטאָן.

— נו, יאָ, איך דאַרף אײַך נייטיק האָבן אַזעלכע אויסגעמאַטערטע!

— האָט זיך באַטמאַנאָוו אָנגערופן, קוקנדיק מיט ליבשאַפט אויפן קאָמיוגיסט. — באַקענט זיך מיט אײַערע כאַווײרים און גייט זיך אויסרוען. פילימאָנאָוו, זעט, עס זאָל זיי אַלע ווערן אַרויסגעגעבן, וואָס עס קומט זיי.

— ער האָט זיך אויסגעדרייט צום אוילעם שאָפערן, וואָס האָבן אַפוואַרטנדיק געשוויגן. — פרײַנט מײַנע, איך שטעל אײַך פאָר די שאָפער־סטאַכאַנאָוועס מאַכאָוו און סאָלנצעוו, דער דיספּעטשער קוטשינאַ און די איבעריקע כאַווײרים. זיי זײַנען געקומען צו אונדז מיטצוהעלפן. איך בעט אײַך אַרײַנצונעמען זיי אין אײַער פאַמיליע.

דער פעסטער אוילעם, וואָס האָט געשמעקט מיט בענזין און דעם

שאָפּן־רייעך פון די פּאָלושובקעס, האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו די צוגעפּאַ־
רענע, און זיי האָבן זיך צוזאַמענגעמישט.

די בוי־אַרבעטער האָט זיך נאָך אַ סאַך געוואָלט טאָן יענעם טאָג,
נאָר ער איז געווען, ווי אום ווינטער, אַ קורצער. די קאָלירן פונעם הימל
זײַנען שוין גרוי געוואָרן, אַנזאָגנדיק אַ גיכע און פינצטערע נאַכט. אַנגע־
זידלט פאַרבײַגייענדיק פּילימאַנאָוון, פאַרוואָס ער אײַלט זיך ניט צו געבן
וואָס מער ליכט אַפן פּלאַץ, איז באַטמאַנאָוו אַוועק צו די אינזשעניערן.
„עפּעס גייט עס מיר אַלץ צו מאַזלדיק הײַנט, איך האַלט ראַק אין איין
מעלדן דאַנקבאַרקייטן!" — האָט ער זיך פאַרטראַכט.
הינטער אים האָבן געשפּרײַזט סמאַרטשקאָוו און סילין. דעם שאָפער
האָט ער מיטגערופן, דער טראַקטאָריסט איז צוגעשטאַנען אין וועג. סילין
האָט דערציילט סמאַרטשקאָוון, אַז ער טראַכט צוצוריכטן אַף אײַנצופּרעסן
דעם וועג קליינע בענזין־ציסטערנעס. זיי זײַנען ליידיקע, אַ סאַך לײַכטער
פון די געוויינלעכע געגאָסענע וואַלץ־פּרעסן און וועלן זיי פולשטענדיק
פאַרטרעטן. ניט מער, די פערד וועלן זיי ניט אימשטאַנד זײַן צו שלעפּן,
מען וועט זיי מוזן בוקסירן מיט אַן אויטאָ־מאַשין.
— דו האָסט גרייט כאָטש איין שטיק אַזעלכע ?—האָט זיך סמאַרטש־
קאָוו פאַראינטערעסירט.
— איינע איז גרייט. כ'האָב זי לײַכט צוגעריכט אין די דנאָען פון
די ציסטערנעס, ווי דו ווייסט, זײַנען פאַראַן עפענונגען אַף אַרײַנצוגיסן
און אַרויסצוגיסן דעם בענזין. דורך זיי וועל איך דורכציִען אַ דיקן דראָט־
שטריק, וועלכער וועט דינען פאַר אַן אַקס. נאָר וואָס קומט אַרויס ? אַפן
אײַז וועט מען זיי סײַווי ניט קענען אַרויפשלעפּן.
— דוכט זיך, אַז דער נאַטשאַלניק וויל מיך לאָזן אַפן אײַז אַף
אַ פּראָבע, — האָט סמאַרטשקאָוו פאַרטרווילעך אַ מורמל געטאָן. — נו,
וועל איך דײַן ציסטערנע צוטשעפּען. לויף, גרייט זיך צו בישטיקע !...
די אינזשעניערן זײַנען טאַקע געזעסן, ווי ראָגאָוו האָט געזאָגט, און
געצייכנט. ס'איז באַ זיי געווען וואַרעם, שטיל. באַטמאַנאָוו האָט זיך מיט
פאַרגעניגן אויסגעטאָן, פאַרגעלייגט אויך סמאַרטשקאָוון זיך אויסצוטאָן.
אַ שטיקל צײַט האָט זיך באַטמאַנאָוו אָפּגערוט. ער האָט זיך געוויצלט
וועגן טאָפּאָליעוון און אַלעקסייען, באַוווּנדערנדיק זייער פּראָדוקטיווקייט :
די אינזשעניערן, דער אַלטער און דער נײַער, האָבן בעשוטפעס באַוויזן
אויסצושפּרענקלען מיט צייכענונגס־ליניעס עטלעכע וואַטמאַן־בויגנס. באַ־
טראַכט די סכעמעס פון די אַרבעטן אַפן אײַז, האָט זיך באַטמאַנאָוו גע־
ריבן איבערן קאַרק : יעדער שפּאַן פון די בוי־אַרבעטער דאַרף זײַן אַ שטו־
רעם. אַלעקסיי האָט פאַרענדיקט איבערצושרײַבן אַף ריין דעם באַפעל וועגן
די פאַבינדלער. באַטמאַנאָוו האָט מיט אַ דינער, קלאָרער האַנטשריפט

פֿאַרטוישט דרײַ פּרעכטיקע עפּיטעטן אַף מער באַשיידענערע, און אַלעקסיי האָט זיך ווידער פֿאַרנומען מיטן איבערשרײַבן דעם באַפֿעל — מיט גלײַכע געקסיוועטע אויסיעס אַף גוט פּאַפּיר.

— איך וויל נאָך הײַנט לאָזן די מאַשינען אַפֿן אײַז, — האָט פֿלור־צים באַטמאַנאָוו אַ זאָג געטאָן אָן קיין שום האַקדאָמע. — פֿריִער וועל איך זיך דורכפֿאָרן מיט סמאָרטשקאָוון לײַדיקערהייט, דערנאָך וועלן מיר פּרווון מיט אָנלאָדונג. ראָגאָוו גרייט צו געהילץ פֿאַר די דיספּעטשער־בודקעס, עס וואָלט גוט געווען מיר זאָלן גלײַך פֿונאַנדערפֿירן די באַלקעס און ברעטער איבערן אײַז. וואָס איז אײַער מיינונג, כאַווערים אינזשעניערן?

אַלעקסיי איז געווען דאַקעגן.

— קאָטליאַרעווסקי מאַכט אויסמעסטונגען יעדע שאָ. די גרעב פֿונעם אײַז פֿאַרגרעסערט זיך ביסלעכווײַז, נאָר מען מוז צוּוואַרטן, ס'איז אַ צו גרויסע ריזיקע.

— ווי לאַנג וואַרטן? אַ טאָג? צוויי?

— וואָרשײַנלעך מער. לאָמיר זאָגן — אַ וואָך.

— אָהאָ! עפּשער, צוויי וואָכן? אַ כוידעש? איר זײַט אַזוי רײַך אין צײַט?... און וואָס וועט זאָגן דער הויפּט־אינזשעניער? ניט שוין־זשע איז אויך ער אַזוי קאָנסערוואַטיוו?

— לאָמיר פּרוּוון, אָבער אָן אַזאַרט, — האָט בערידזע מאַסקים געווען.

— איך וואָלט געראָטן צוצופּעסטיקן צו דעם רעם פֿון יעדער מאַשין אַלאַכסנדיקע לאַנגע באַלקעס, — האָט טאָפּאָליעוו געענטפֿערט אַף באַט־מאַנאָווס פֿרעגנדיקן בליק. — אין פֿאַל פֿון אַן אַוואַריע וועט די מאַשין בלײַבן הענגען אַף די באַלקעס, פֿאַרטשעפּענדיק זיך מיט זיי פֿאַר די אײַזשטיקער.

באַטמאַנאָוו האָט מיט דאַנקבאַרקייט אַ קוק געטאָן אַפֿן אַלטן און גענומען זיך אָנטאָן.

— דעם פֿאָרשלאָג פֿון קוזמאַ קוזמיטש נעמען מיר אָן, דו הערסט, סמאָרטשקאָוו? לויף, גרייט צו די מאַשין און פֿיר זי צו צום סאַמע ברעג. אַזוי־אַזוי, פֿאַרזיכטיקער יונגערמאַן! — האָט באַטמאַנאָוו אַ רייץ געטאָן אַלעקסייען, פֿאַרבינדנדיק דאָס בענדל פֿון דעם היטל הינטער דער גאָמבע.

— אין יעדן פֿאַל דאַרפֿט א י ר זיך ניט פֿאַרנעמען מיטן אויספּרווון די פֿעסטקייט פֿונעם אײַז, — האָט זיך בייז אָפּגערופֿן אַלעקסיי, אַ כאַפּ טוענדיק דעם פּאָלושובאָק און דאָס לאַפּן־היטל. — אַ נאַטשאַלניק פֿון אַ בויונג איז גוט, ווען ער איז ניט הינטערן אײַז, נאָר אַף אים!...

באַם דורכגוס האָבן סמאָרטשקאָוו און סילין אונטער דער האַשגאָכע פֿון פֿילימאָנאָוון צוגעפּעסטיקט צו דער אויטאָ־מאַשין צוויי אַלאַכסענדיקע באַלקעס און אַ צוטשעפּ אַף אַ דראָט־שטריק — אַ קליינע ציסטערנע, וואָס איז אַראָפּגעוואָרפֿן געוואָרן דאַלעבן. ס'האָבן זיי צוגעהאָלפֿן די שאָפֿערן, וואָס זייערע אויטאָבילן זײַנען געשטאַנען אין אַ ריי באַם ברעג.

— וואָס האָט איר דאָ צו טאָן ? — האָט זי באַטמאַנאָוו שטרענג אַ פרעג געטאָן. — איך האָב קיינעם ניט גערופן, איך דאַרף האָבן איין סמאַרטשקאָוון.

— מיר פאַרשטייען די לאַגע, כאַווער באַטמאַנאָוו. קיין נאַרישקייטן וועלן מיר ניט פּראָוון, — האָט מאַכאָוו אַ זאָג געטאָן. — מירן זיך לאָזן אָפּן אײַז אויסשליסלעך לויט אַ קאָמאַנדע.

— און דו ביסט אויך דאָ ? און סאָלנצעוו אויך ? כ'האָב דאָך אײַך געשיקט זיך אָפּרוען !

— מען טאָר ניט אָפּשטיין פון די כאַווירים, וואַסילי מאַקסימאָוויטש. און ס'איז דאָך טשיקאַווע ! — האָט מאַכאָוו געזאָגט אַזוי אויפריכטיק, אַז באַטמאַנאָוו האָט אים גלײַך צורו געלאָזן.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ באַראַבאַן ? סמאַרטשקאָוו, צו וואָס האָסטו צוגעטשעפּעט די ציסטערנע ? — האָט ער זיך פאַרוווּנדערט, דערזעענדיק סילינס האַמצאָע. — דאָס איז דאָך אַן איבעריקע מאַסע.

— עס שאַט ניט, זאָל זײַן, — האָט אים קאָווּשאָוו באַרויקט. האָבנדיק שוין באַטראַכט די ציסטערנע. — דער געדאַנק איז אַ גוטער : דאָס איז אַ לײַכטער און פאַשעטער וואַלץ־פּרעס. קוים האָט מען שוין באַשלאָסן צו ריזיקירן, וועט מען שוין שלעפּן דעם דאָזיקן באַראַבאַן אויך.

— פּראָוויאַנט האָט מען ניט פאַרגעסן אָנצולאָדעווען ? — האָט באַטמאַנאָוו געפרעגט. — איין בריגאַדע וועט איבערבלײַבן אָפּן אינדזל, דאַרף מען זי פאַרזאָרגן מיט אַלעם נייטיקן.

— פּראָוויאַנט איז אין דער מאַשין, — האָט סמאַרטשקאָוו געענטפערט.

ער האָט געלאָזט דעם מאָטאָר, אַרײַנגעקראָכן אין דער קאַבינע און געלאָזן דאָס טירל אָפן. באַטמאַנאָוו האָט געוואָלט צוגיין צו דער מאַשין, נאָר אַלעקסיי האָט צוגעקלאַפּט דאָס טירל און אים פאַרשטעלט דעם וועג.

— מען דאַרף ניט, וואַסילי מאַקסימאָוויטש. מיר וועלן אַליין.

— געפאָרן, סמאַרטשקאָוו ! — האָט פילימאָנאָוו אַ קאָמאַנדעווע געטאָן.

אַלעקסיי און סילין זײַנען אַרויפגעשפּרונגען אויף די שטיגלעך פון דער רעכטער זײַט מאַשין. זי האָט זיך פּאַמעלעך אַראָפּגעלאָזט אויפן אײַז. הינטער איר האָט זיך, דרייענדיק זיך אויפן לאַנגן דראָט־שטריק, נאָכגעשלעפּט די ציסטערנע און מיט געקלימפּער און שאַרכעניש צוגעדושעט דעם שניי. באַטמאַנאָוו האָט, אָפּוואַרטנדיק אַ מינוט, גענומען נאָכלויפן. נאָך אים האָט זיך געלאָזט ראַגאָוו. דער אוילעם שאַפערן האָט זיך אויך ניט ווילנדיק אַ לאָז געטאָן.

— דערלויב מיר אויך ! — האָבן אין איין קאָל אַ געשריי געטאָן מאַכאָוו און סאָלנצעוו.

ראַגאָוו האָט אַ צענעם געטאָן די הענט אין ביידע זײַטן :

— שטייך בלייבן אפן אָרט! מאַכאָוו, זײַ גרייט!
— איך הער! — האָט ער אַ געשריי געטאָן אין היספּײַלעס.
סמאָרטשקאָווס מאַשין האָט זיך גערוקט איבערן אייז. די זיך דרייענדיקע ציסטערנע האָט טויב געהילכט, ווי אַ גלאָק. הינטער איר, באַמיִענדיק זיך ניט אָפּצושטיין, זײַנען שנעל געגאַנגען באַטמאַנאָוו און ראַגאָוו. מיטאַמאָל איז וואַסילי מאַקסימאָוויטש שטיין געבליבן, זיך אײַנהערנדיק. — ס'האָט אים באַאומרויִקט אַ פאַרדעכטיקער שטאַרקער טראַסק.
— צוריק! — האָט ער אַ געשריי געטאָן און זיך געריסן צו דער מאַשין. — אַלעקסיי, די ריגע צוריק!
— ס'איז גאָרניט, וואַסילי מאַקסימאָוויטש, — האָט אים ראַגאָוו באַרויִקט. — דאָס טראַסקעט עס אין דער טיף, דאָס אײַז ווערט פעסטער!
באַטמאַנאָוו האָט זיך נאָכאַמאָל אײַנגעהערט, דערנאָך זיך אויסגעדרייט צום ברעג און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט צו פּילימאָנאָוון. די צווייטע מאַשין האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבערן אײַז. באַטמאַנאָוו האָט צוגעוואַרט אַף איר און זיך אַרײַנגעזעצט צו מאַכאָוון אין קאַבינע.
— דו ווייסט, ווו מיר פאָרן, מאַכאָוו? — האָט ער פריילעך אַ פרעג געטאָן, אַראָפּנעמענדיק דאָס היטל און אָפּגעווישט דעם פאַרשוויצטן שטערן. — איבערן דזשאַגדינסקער דורכגוס. דאָ איז אַמאָל געפאָרן דײַן נעוועלסקאָי!...
פון הינטן האָבן זיך איינע נאָך דער אַנדערער אַראָפּגעלאָזט פונעם ברעג די אויטאָ־מאַשינען, אַף דער העלפט אָנגעלאָדעוועט מיט געהילץ. אָפּהיטנדיק צווישן זיך אַן אָפּשטאַנד, זײַנען זיי געפאָרן אין אַ קאָלאָנע איבער דעם נאַרוואַס דורכגעהאַקטן וועג. עס האָבן ריטמיש געהודזשעט זייערע מאָטאָרן, ס'האָט געסקריפּעט הינטער די רעדער דאָס צעקרישלטע אײַז. אין די קאַבינעס האָבן אויפגערעגט געטומלט די שאָפערן. די קאָלאָנע האָט, אַלץ פאַרשנעלערנדיק דעם גאַנג, זיך גערוקט צום אינדזל.
אַפן דורכגוס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט דער ביין־האַשמאַשעס. זײַן אײַזמערבעק איז איצט געווען ניט צו דערזען. פונדערווײַטנס האָט זיך זיי אַנטקעגנגעטראָגן, דאָ אויסגייענדיק, דאָ זיך פאַרשטאַרקנדיק, אַ פילקוילעסדיקער רויש. אומאַרע מוהאַמעטס און קאַרפּאָווס בריגאַדעס זײַנען זיך דעמאָלט, נאָכן פאַרענדיקן דורכלייגן דעם וועג, צונויפגעקומען אַפן אײַז, אַ קילאָמעטער פונעם אינדזל. די מענטשן האָבן זיך מיט פרייד אַ לאָז געטאָן איינע צו די אַנדערע. עמעצער האָט, אָפּשלײַדערנדיק די קירקע און דעם ברעך־אײַזן, זיך אַרומגענומען. קאַרפּאָוו און אומאַרע האָבן זיך צעקושט.
— מאַמינקע טײַערע! ווי דירנדיק — אַ קוש אַפן פראָסט! — האָט ליבערמאַן געשפּאַסט, גערירט פונדעסטוועגן ניט ווייניקער פון אַנדערע.
— אַכטונג! הערט דעם באַשלוס פונעם אַרביטער: דאָס ערשטע אָרט אינעם פאַרמעסט האָט באַקומען די קאָלאָנע פון כאַוועך קאַרפּאָוו!

אַף קאַרפּאָווס זײַט האָט מען טומלדיק אָנגעהויבן קלאַפּן מיט די הענט, אַף אומאַרעס זײַט האָט מען אָנגעהויבן פֿײַפֿן, מ׳האָט פּראָטעס־טירט.

— פֿאַרוואָס איז קאַרפּאָוו דער ערשטער? — האָט אומאַרע געפֿרעגט אַן אויפֿגעקאָכטער. — מיר האָבן געמאַכט מערער, וועסט מיך ניט אָפּ־נאַרן! — אַף אונדזער טייל זײַנען געווען אַ סך אַבי־אָנהויפּונגען. און קאַרפּאָוו האָט דורכגעמאַכט צוויי קילאָמעטער אײַנגאַנצן אָן אַבי אָנהוי־בונגען. ס׳איז אַ ניט ריכטיקער באַשלוס! מען דאַרף עס נאָכאַמאָל באַ־טראַכטן!

— הערט מיך אויס, כאַווער אומאַרע! — האָט זיך ליבערמאַן באַמיט אים איבערצורײַדן.

— ס׳איז ניט קיין ריכטיקער באַשלוס! מיר זיך פֿאַרקלאָגן פֿאַר באַטמאַנגאָוון!

עמעצן האָט נאָכאַמאָל אַ פּאַק געטאָן. אומאַרע האָט זיך אַרומגעקוקט אַף זײַנע מענטשן און צענומען די הענט, ווי ער וואָלט באַ זיי געזוכט אונטערשטיצונג. קאַרפּאָוו האָט אונטערגעשמייכלט, ווי די טײַנעס וואָלטן צו אים קיין שײַכעס ניט געהאַט, און אַלעמען באַטראַכט מיט פֿרײלעכע אויגן.

— זע נאָר, גוטער ברודער, די מאַשינען! — האָט ער פּלוצים אַ געשריי געטאָן, אויפֿציטערנדיק.

דורכן נעפּל מונעם בײַ־האַשמאַשעס האָט זיך באַוויזן אַפֿן וועג איין מאַשין, אַ צווייטע, אַ דריטע. באַ די מענטשן האָבן זיך די הענט אַ וואָרף געטאָן אַרויף — פֿרײלעכע אַפּלאָדיסמענטן האָבן זיך צעטראָגן איבערן דורכגאַנג. קאָלזמאַן די מאַשינען זײַנען צוגעפֿאָרן — און זיי זײַנען, דוכט זיך געווען אָן אַ שיר — האָבן זיך די אַפּלאָדיסמענטן ניט אײַנגעשטילט. זיי זײַנען שטאַרקער געוואָרן, ווען פֿון דער צווייטער מאַשין האָט זיך באַוויזן באַטמאַנגאָוו. ער איז געגאַנגען און אויך אַפּלאָדירט — אומאַרען, קאַרפּאָוון, די אַלע וואָס זײַנען אים אַנטקעגנגעקומען אַפֿן וועג.

— כאַווײרים! — האָט ער אַ זאָג געטאָן, ווען ס׳איז שטיל געוואָרן. — נו, וואָס, איך גראַטוליר! מיר האָבן שוין אַ וועג! מאָרגן איבער־דערפֿרי הייבן מיר אָן פֿירן אַפֿן אינדזל רערן און מעכאַניזמען. און דער־ווײַל וועלן סמאָרטשקאָוו און מאַכאָוו ווײַטער דורכמאַכן דעם רייס ביז צום סאָף, וועלן אָפּפֿירן אַפֿן אינדזל צוויי בריגאַדעס און פּראָוויאַנט. די איבעריקע דאַרפֿן אָפּלאָדעווען דאָס געהילץ, דאָס איז אַ דרינגענדיקע זאַך. דערנאָך אַף אָפּרו. מאַסקים? — האָט באַטמאַנגאָוו אַ פֿרעג געטאָן אומאַרען.

— ניט מאַסקים! איך און מײַנע מענטשן זײַנען באַאוולט.

— באַאוולט? פֿון וועמען?

— ער האָט באַאוולט! — האָט דער שווייסער אָנגעוויזן אַף ליבערמאַנען.

— איך האָט צוגעמישפּעט דאָס ערשטע אָרט קאַרפּאַוון? — האָט זיך באַטמאַנאַוו אָנגעשטויסן.

— ער האָט ניט ריכטיק געמישפּעט! — האָט מען אַרום אָנגעהויבן צו טומלען.

— רעגט זיך ניט אויף, כאַווײרים, איין מינוטקעלע! — באַטמאַנאַוו האָט זיך פאַרטראַכט. — איך פאַרשטיי ליבערמאַנען. ער האָט זיך גערעכנט דערמיט, וואָס קאַרפּאַוס בריגאַדע איז אין אָנהייב געווען שווערער. נאָר איך מיין, אַז דער אַרבעטער וועט זיך אָף אונדז ניט באַליידיקן, אויב מירן קאָלעקטיוו נאָכאַמאָל באַטראַכטן די זאַך. לויט מיר קען מען קיין איינע פון די קאָלאָנעס ניט אָנרופן די צווייטע.ביידע זײַנען ערשטע! דאָס הייסט, אַז זיי ביידע וואָלטן ווי געטיילט צווישן זיך דאָס ערשטע און דאָס צווייטע אָרט. איז דאָס ריכטיק אָדער ניט?

— ריכטיק, גוטער ברודער! — האָט קאַרפּאַוו מאַסקים געווען.

— ריכטיק, אַרבעטער? — האָט זיך באַטמאַנאַוו אויסגעדרייט צום אינטענדענט.

— דאָס איז שלוימע האַמײלעכס אַ פּסאַק־דין, — האָט ליבערמאַן אײַנגעשטימט. — אַזוינס אויסצוטראַכטן איז ניט פאַר מיר געדאַכט.

נאָר אומאַרע איז נאָך אַלץ ניט געווען צופרידנגעשטעלט. ער האָט נאָך ווי פריער אויסגעזען אומצופרידלעך און באַומרויִקט.

— נו, וואָס־זשע בעריגעזטו זיך? ביסט אומצופרידן? — האָט אים באַטמאַנאַוו געפרעגט. — איר זײַט דאָך ביידע אָפן ערשטן אָרט. איר האָט ביידע גוט געאַרבעט.

אומאַרע האָט זיך ענדלעך צעלאַכט:

— אוי, ביסטו אַ כיטרע, נאַטשאַלניק! גוט, גיב פּרעמיעס! — ער האָט זיך זאַכלעך נאָכגעפרעגט: — וואָס'טו געבן?

— צו צוויי קעסטלעך מאַכאַרקע אָף אַ קאָלאָנע, יעדן אַ צוגאָבגעריבט און אַ גוט גלעזל בראָנפן! — האָט זיך באַטמאַנאַוו גלײַך אָפּגעריסן און זײַטיק אַ קוק געטאָן אָף ליבערמאַנען — צי האָט ער ניט איבערגעזאָלצן? דער אינטענדענט האָט האַסקאָמעדיק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

די נאַכט איז צוגעפאַלן שנעל. דאָס אָפּלאָדעווען דאָס געהילך איז שוין פאַרגעקומען אין דער טונקל.

— שנעלער, כאַווײרים, שנעלער! — האָט באַטמאַנאַוו צוגעגעבן כיישעק.

ער האָט אַלע ווײַלע געכאַפּט אַ קוק אָפן אײַנדזל, באַומרויִקנדיק זיך פאַר סמאַרטשקאָוון און מאַכאַוון. אַט האָט זיך פון דאָרט דערהערט דער רויש פון די זיך דערנעענטערנדיקע מאַשינען — זיי האָבן זיך צוריקגעקערט.

קאַרפּאַוו איז צוגעגאַנגען צו באַטמאַנאַוון.

— כ'וואָלט ניט געוואָלט באַומרויִקן, גוטער ברודער, אָבער מען

מוז. — האָט ער אַ זאָג געטאָן אומאַנטשלאָסן. — אַלץ איז הײַנט באַ אונדז אַרויסגעקומען גוט. אָבער דאָס וועטער געפעלט מיר ניט, ס'זאָל זיך באַנאַכט ניט אויפהייבן קיין שטורעם. עס נאָגן מיר, דעם פישער, די ביינער. זע, דער הימל האָט זיך פאַרכמאַרעט, ס'הייבט זיך אויף אַ ווינט.

באַטמאַנאָוו האָט זיך אַרומגעקוקט. איבערן דורכגוס האָבן זיך זעלטן פאַרבײַגעטראָגן פילבאַרע ווינט־כוואַליעס. עפּעס בייזעס האָט זיך גע־הערט אין זייער וווּיעניש, נאָר אַרום זײַנען געווען אַזויפיל פאַרלאָזלעכע מענטשן און אַזאַ גוטער וועג אונטער די פיס, אַז קאַרפּאָווס באַאומרויקונג האָט זיך אויסגעוויזן גוזמעדיק.

— דו טראַכסט צופיל איבער, איוואַן לוקיטש, — האָט באַטמאַנאָוו געזאָגט.

— עס שאַדט ניט צו זײַן פאָרזיכטיק, — האָט זיך קאַרפּאָוו ניט אונטערגעגעבן. — זאָל מען אַף באַנאַכט אַלץ אָפּרוימען פונעם אײַז. איך וואָלט אויך פאַרנומען די מענטשן פונעם אינדזל. און דאָס געהילץ צוריק אַריבערגעפירט אַפן ברעג.

— זײַן פאָרזיכטיק שאַדט ניט אַף קיין אופן. קיין מענטשן און מאַשינען וועלן מיר אַפן אײַז ניט איבערלאָזן. אַפן אינדזל וועט אונדזער בריגאַדע גאָרניש ניט געשען — כ'האָב זיי אַהין אַריבערגעשיקט פּראָ־וויאַנט אַף אַ כוידעש. און שלעפּן צוריק דאָס געהילץ אַפן ברעג דאַרף מען ניט — די שטימונג פון די מענטשן איז מיר טײַערער פונעם געהילץ. קום אָקערשט זיך אָפּרוען, אַלטער פישער. מאָרגן וועלן מיר האָבן ערנס־טערע איניאַנים!...

ס'איז שוין געווען שפּעטער אָוונט, ווען באַטמאַנאָוו, ראָגאָוו, אַלעק־סיי, ליבערמאַן און קאַרפּאָוו האָבן זיך אומגעקערט אַפן באַצירק. די שי־טערע פײַערלעך פון די לאַמטערנס האָבן געזונקען אין דער שוואַרצער פינצטערניש, וואָס איז העננען געבליבן איבערן פלאַץ. לעבן דעם הויז, ווו ס'האָט פריִער געוווינט מערזליאַקאָוו, האָט באַטמאַנאָוו דערזען אין דער טונקעלער שײַן פון די פענצטער טאַניאַ וואַסילטשענקאָ און איר גע־הילף סמירנאָוון.

— זעט נאָר, — האָט ער אַ קוק געטאָן אַף די באַגלייטער. — אונ־דזער רויט היטעלע איז שוין דאָ!

— כּאָווער נאַטשאַלניק פון דער בויונג! — האָט אַ קלונג געטאָן דעם מיידלס שטים, ווען זי האָט אים דערזען. — עס ראַפּאָרטירט דער נאַטשאַלניק פון דער פאַרבינדלער־קאָלאָנע וואַסילטשענקאָ. אײַער אויפ־גאַבע — דורכפירן אַ צײַטווײַליקע פאַרבינדונג פון נאָווינסק ביזן דזשאַג־דינסקער דורכגוס — איז אויסגעפירט. אַלע מיר אָנפאַרטרויטע מענטשן זײַנען געזונט און געפינען זיך ערשט אַף אָפּרו.

— כוואַטן! אַט דאָס איז אַ מאַטאָנע! — האָט זיך באַטמאַנאָוו דערפרייט און, צוציִענדיק טאַניאַ וואַסילטשענקאָ צו זיך, זי געקושט אין

ביידע באַקו. — ראַגאָוו, ליבערמאַן! צוגרייטן קיבעד פאַר די פאַרבינד־לער! אונדזער אָוונט דאַרף צושטאַנדקומען. מען דאַרף אויך פאַרבעטן די שאָפערן און די בויער פונעם וועג. נעמט זיך פאַר דער אַרבעט! — ער האָט זיך ווידער אויסגעדרייט צו טאַניאַן: — קיין אַפּאַראַט האָט מען נאָך ניט באַוויזן אַוועקצושטעלן?

— אַן אַפּאַראַט איז אַוועקגעשטעלט! דער טעלעפאָן אַרבעט! — האָט זיך אָפּגערופן וואַסילטשענקאָ. זי איז ערשט געווען ווי אַ סטרונע — דיר זי קוים אָן און זי שפּילט.

— אַ נאַכעס! — האָט באַטמאַנאָוו אַ געשריי געטאָן.

ער איז אַרײַנגעפלויגן אין שטוב אַרײַן, האָט אַראָפּוואַרפנדיק אין גאַנג דעם פּאָלושובאָק און דאָס היטל, זיך אַ לאָז געטאָן צום טיש. באַם סעלעק־טאָר־אַפּאַראַט איז געזעסן בערידזע — ער האָט גערעדט מיט זאַלקינדן.

— האָסט אַליין גערעדט, לאָז אויך אַ צווייטן ריידן! — האָט באַט־מאַנאָוו אַ זאָג געטאָן מיט שפּאַסיקן צאָרן, אָפּשטופּנדיק דעם הויפּט־אינזשעניער.

ער האָט זיך באַקוועם געזעצט אַף אַ טאַבורעט, אָנגעטאָן די אויער־רעדלעך און מיט אַ גליקלעכן שמייכל צוגערוקט צו זיך דעם מיקראָפאָן.

— האַלאָ, אַף דער ליניע — הערסט מיך! — האָט ער אַ געשריי געטאָן מיט אַ ביסל אַ הייזעריקער שטים, שטיפעריש צווינקענדיק אַלעק־טייען. — איך — באַטמאַנאָוו, געפין זיך באַם דורכגוס. אַלע נאַטשאַל־ניקעס און פאַרטאָרגן פון די באַצירקן זאָלן הערן מײַן געשפּרעך מיטן כאַווער זאַלקינד! — ער האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם. — מיכאַיִל באָריסאָוויטש, גוטן אָוונט! איך וויל באַריכטן וועגן הײַנטיקן טאָג, זיך באַרימען מיט די ערשטע קליינע דערפאָלגן!...

— אויסגעצייכנט! — האָט זיך אָפּגערופן זאַלקינד. — דאָ אַף דער ליניע געפינען זיך גראַד אויך טעמקין, און מעלניקאָוו, און כלינאָוו. מיר האָבן גערעדט וועגן אײַך, ווען בערידזע האָט זיך געלאָזט הערן. מיר הערן דיך, וואַסילי מאַקסימאָוויטש!

אַלע האָבן זיך איבערגעמאַטערט איבערן טאָג ביז אויסשעפּונג — סײַ די פאַרבינדלער, סײַ די שאָפערן, סײַ די וועג־בויער. נאָר די מענטשן האָט באַהערשט אַ קראַפט פון אומגעוויינלעכער גײַסטיקער דערהויבונג, קיינער האָט אַפילע ניט קיין טראַכט געטאָן צו גיין אַף אָפּרו, אַלע האָבן זיך געוואָלט באַטייליקן אין דעם אָוונט.

די וועטשערע האָט מען געמוזט אײַנאָרדענען אין צוויי באַראַקן. אַלץ איז געווען צוגעגרייט פּאָשעט, לויט די מעגלעכקייטן: די בוי־אַרבעטער מיט זייער כיילעק וויַן און צובײַסעכץ זײַנען געזעסן ווי ס׳האָט זיך גע־לאָזט, און קיינער האָט בעסער ניט פאַרלאַנגט. נאָר אינעם צווייטן באַראַק

זײַנען געווען אומצופֿרידענע. — ס'האָט זיך זיי געגלוסט זײַן אײנעם ערשטן באַראַק, ווו ס'האָבן זיך פֿאַרזאַמלט די הויפּט יובילאַנטן, די פֿאַרבינדלער, און ווו ס'האָט געפֿירט דעם פֿאָרזיץ דער נאַטשאַלניק פֿון דער בויונג אַלײן.

דער באַראַק איז פֿול געווען מיט מענטשן. באַטמאַנאָוו איז געשטאַנען באַם טיש מיט אַ בלעכן טעפּעלע אין האַנט און האָט באַטראַכט די פּעגעמער, אָפּגעבערענטע פֿונעם פֿראָסט, וועלכע זײַנען פֿון אַלע זײַטן געווען געווענדעט צו אים.

— לאַנג פֿאַרווײַלן וועלן מיר זיך ניט, ס'איז קײן צײַט ניטאָ, — האָט ער געזאָגט. — גלײַך באַגינען שטײט אונדז ווידער פֿאַר שווערע אַרבעט. קײן לאַנגע רעדעס צו האַלטן איז ניט נײטיק, איך אַלײן זאָג צו, זיך צו באַגרענעצן בעסאַכאַקל מיט עטלעכע ווערטער. — ער האָט אויפֿגעהויבן דאָס פֿאַנעם צו דער שײַן. — אין וואָס באַשטײט בעיִקער אונדזער הײַנטיקע דערגרײכונג? זי באַשטײט ניט דערין, וואָס מיר האָבן בעמעשעך פֿון אַ טאָג געמאַכט דעם וועג צום אינדזל, אין אָרדענונג געבראַכט די אויטאָ־מאַשינען, צוגעצויגן דעם טעלעפֿאָן צום דורכגוס. דער איקער איז דאָס, וואָס מיר און איר האָבן זיך איבערצײַגט: ווען דער ציל איז אַ קלאָרער, ווען מיר זײַנען ריכטיק אָרגאַניזירט און אין אײן דײַע — עקזיסטירן ניט פֿאַר אונדז קײן אויפֿגאַבעס ניט אויסצופֿירן. ניט אומזיסט איז געזאָגט געוואָרן: „דער מענטשלעכער קויעך האָט קײן גרענעץ ניט, אויב דער דאָזיקער קויעך איז — אַ קאָלעקטיוו". איז לאָמיר אויסטרינקען פֿאַר אונדזער גוטן, שטאַרקן קאָלעקטיוו!

ער האָט אויפֿגעהויבן דאָס טעפּעלע, און נאָך אים האָבן אַלע אויסגעטרונקען. דערנאָך האָט טאָפּאָליעוו, דעמפּנדיק זײַן באַס, איבערגעלײענט דעם באַפֿעל פֿונעם נאַטשאַלניק פֿון דער בויונג וועגן פּרעמירן די פֿאַרבינדלער. דער אַלטער האָט זיך באַמערקלעך אויפֿגערעגט. נאָך אים איז אַרויסגעטראָטן טאַניאַ וואַסילטשענקאָ. זי האָט באַוויזן זיך איבערצוטאָן אין אַ נײַ טונקל־בלוי געשטריקט קאָפּטל און אויסגעזען זײער שײן. אַלעקסײ האָט, קוקנדיק אויף איר, באַדויערט, וואָס בערידזע, וועלכער האָט געפֿירט דעם פֿאָרזיץ אין צווײטן באַראַק, זעט זי ניט.

— צווישן אונדז, די פֿאַרבינדלער, בין איך עלטער פֿון אַלע — איך בין אַלט פֿיר און צוואַנציק יאָר. און דער ייִנגסטער צווישן אונדז, גענקע פּאַנקאָוו, פֿופֿצן, — האָט טאַניאַ געזאָגט. — מיר זײַנען זיך אָפֿן מודע פֿאַר אײַך, כאַווײרים: ס'איז שווער געווען זיך דורכצושלאָגן דורך דער טײַגע. נאָר יעדן פֿון אונדז האָט געפֿירט דער געדאַנק וועגן דעם גורל פֿונעם הײמלאַנד, וועגן דעם גורל פֿון אונדזער מאָסקווע. און יעדער האָט געטראָגן אין זײַן נעשאָמע דאָס געשטאַלט פֿונעם גרויסן סטאַלינען, און מיט אים איז קײן זאַך ניט שרעקלעך!... מיר, די פֿאַרבינדלער, ווײסן: עס שטײען אונדז נאָך פֿאַר שווערע אויפֿגאַבן. און מיר פֿאַרזי־

כערך אַבֿך, כאָווער באַטמאַנאָוו, ווי דעם מענטשן, וועלכער איז אַהער געשיקט געוואָרן פונעם כאָווער סטאַלין: די קאָמיוגישע פאַרבינדלער־קאָלאָנע וועט טאָן אַלץ, וואָס איר וועט באַפעלן!...

ווי נאָר זי איז אַנטשוויגן געוואָרן, האָט געבעטן א וואָרט אומאַרע. דערנאָך זײַנען אײנער נאָכן אַנדערן אויפגעשטאַנען און גערעדט קאַרפּאָוו, סמאַרטשקאָוו, זיאַטקאָוו, סילין. קעגן באַטמאַנאָווס קאָוואַנע שנעל צו פאַרענדיקן דעם אָוונט, האָט ער זיך פאַרצויגן. די בוי־אַרבעטער האָבן ווי געוואָרט אַף נאָך עפּעס. באַטמאַנאָוון גופא האָט זיך ניט געגלוסט שיידן מיט זיי.

עמעצער האָט אָפּן קאָל באַדויערט, וואָס ס'איז ניטאָ קיין מוזיק. און זי האָט זיך, ווי אַף א באַשטעלונג, באַוויזן: מאַכאָוו האָט שוין אַרויסגענומען פון א פוטליאַר א פּרעכטיקן באַיאַן. מ'האָט זיך אַרום אים צוזאַמענגעקוועטשט, געמאַכט פאַר אים אַן אָרט, און ער האָט צודריקנדיק דאָס פּאַנעם, וואָס איז ערנסט געוואָרן, צום באַיאַן, אויפגעשפּילט „דאָס ליד וועגן היימלאַנד“. טאַניאַ האָט עס קלינגעוודיק אונטערגעכאַפּט, מיט א שייַנעם, זאַפטיקן באַריטאָן האָט איר אונטערגעהאַלטן קאַרפּאָוו, און נאָך אים האָט אויפגעהילכט דער גאַנצער באַראַק. ווען מ'האָט אָפּגעזונגען דאָס ערשטע ליד, האָט עמעץ אָנגעהויבן א צווייטס, א דריטס. נאָכדעם האָט מען, זיך נאָך מער צוזאַמענקוועטשנדיק, פרײַ געמאַכט א פּלאַץ צו טאַנצן.

אין דער זײַט, לעבן קאָליאַ סמירנאָוון, איז געזעסן גענקע פּאַנקאָוו, וועלכער האָט לעבעדיק געקוקט אַף אַלץ, וואָס איז פאָרגעגאַנגען אַרום אים. טאַניאַ האָט אים געזאָגט, אַז זײַן טאַטע איז גראָד ניטאָ אָפּן באַצירק, ער איז אַרויסגעפאָרן אָפּן אינדזל. דאָס געקרענקטע באָכערל איז שנעל פריילעך געוואָרן, מיטגעריסן פון דער אַלגעמיינער שטימונג. וואַסילי מאַקסימאָוויטש, וועלכער האָט באַאָבאַכטעט גענקען פון ווײַטן, האָט זיך ענדלעך באַשלאָסן צוצוגיין צו די קאָמיוגיסטן און דערפילט, ווי דאָס האַרץ האָט אים מיטאַמאָל אָנגעהויבן צו נאָגן. באַטמאַנאָוו האָט זיך געזעצט צווישן קאָליאַן און גענקען און זיי ביידע שווײַגנדיק אַרומגענומען פאַר די אַקסלען. גלײַך איז צו זיי צוגעקומען אויך טאַניאַ. גענקע האָט א קוק געטאָן אַף זייערע ערנסטע פּענעמער און אומרויִק געוואָרן.

— גענאָדי... דו ביסט שוין ניט קיין קינד, דו פאַרמאָגסט מוט פון א דערוואַקסענעם מענטשן, — האָט באַטמאַנאָוו אָנגעהויבן ריידן אײנעם טומל, באַמיִענדיק זיך אָפּצוהיטן, אַז בײַ אים אַליין זאָל די שטים קיין ציטער ניט טאָן. — דו דאַרפסט מוטיק, ווי עס פּאַסט פאַר א קאָמיוגיסט, איבערטראָגן א שווערע מיטטיילונג... מיר ווייסן נאָך ניט ענדגילטיק, נאָר ס'איז מעגלעך... דײַן טאַטע... איז אומגעקומען...

באַטמאַנאָוו האָט קוים אויסגעהאַלטן דעם דורכדרינגלעכן, אָנגעשטרענגטן בליק גענקעס, בײַ וועלכן די אויגן זײַנען שמעלער געוואָרן.

דערנאָך האָבן פון זיי אַ פּלייצ געטאָן טרערן, און דאָס באָכערל האָט זיך אַ ריס געטאָן, געוואָלט אַנטלויפן. באַטמאַנאָוו האָט אים פאַרהאַלטן. געענקט האָט זיך אײַנגעבויגן, באַהאַלטנדיק דאָס פּאָנעם אָף די קני.

טאַניאַ, וועלכע האָט זיך ניט באַהערשט, איז אײַליק פון זיי אָוועקגעגאַנגען. קאָליאַ סמירנאָוו האָט געהאַלטן זײַן יונגן פרײַנט פאַר אַ האַנט.

— באָמי זיך צו נעמען זיך אין די הענט אַרײַן, — האָט אים באַטמאַנאָוו ווײַטער געצוּמען אײַנגערײדן. — ס'איז אַ שאָד דער טאַטע... טרייסטן דיך קען מען ניט. נאָר דעם קאָפּ פאַרליר ניט. דו וועסט זיך לערנען. דו האָסט גוטע כאַווײרים. קאָליאַ, טאַניאַ, אַ גאַנצע פאַמיליע...

— מיר וועלן טאָמיד זײַן מיט דיר, גענע, — האָט קאָליאַ געזאָגט.

— דו ביסט דאָך מיר ווי אַ ייִנגערער ברודער...

— דו ביסט דער באַלעבאָס פון דײַן גורל, און קיינער וועט דיר קיין זאַך ניט אָנוואַרפן. נאָר אויב דו וועסט אײַנשטימען, וועל איך דיר זײַן אַ צווייטער טאַטע, — האָט וואַסילי מאַקסימאָוויטש גערעדט, זיך אײַנבייגנדיק נאָענט צו גענקען. — אָט איז בײַ מיר אויך... געשטאָרבן אַ זון. הייב אויף דעם קאָפּ, טײַערער, זײַ אַ כוואַט...

באַטמאַנאָוו האָט אַרומגענומען גענקען, אים אויפהייבנדיק, און דאָס באָכערל האָט זיך אונטערגעגעבן וואַסילי מאַקסימאָוויטשן, פלוצים געטאָן אַ פאַל צו צו אים און יאָמערלעך געכליפּעט.

קיינער האָט ניט באַמערקט די דאָזיקע סצענע, אין באַראַק איז ווײַטער אָנגעגאַנגען דער יאָנטעוו פון די בוי־אַרבעטער. עמעץ האָט אַרויסגעשטופּט אין זעך מיט באַראַק מוסיאַ קוטשינאַן. זי האָט אונטערהאַלטנדיק זיך פאַר די זײַטן, שטיפעריש געמאַכט אַ קרײַז, וואַרפנדיק מיט די שוואַרצע ביטרע אויגן. זי האָט זיך מיט אַ פאַרנייג פאַרהאַלטן לעבן ראַגאָזין, און ער האָט זיך, שטעלנדיק אַ פוס נאָך אַ פוס, געלאָזט נאָך איר.

— לעבעדיקער, מאַכאָוו! — האָט סאָלנצעוו אַ געשריי געטאָן, איז אַרײַנגעשפּרונגען אינעם קרײַז פון ערגעץ־ווו פון אויבן און האָט זיך אונטער דעם פאַרשנעלערטן ריטם פון דער מוזיק אַ דריידל געטאָן, אַז אַלע האָבן זיך צעשמייכלט.

צוליבן געזאַנג, דעם טומל פון די קוילעס און דעם טופּעניש פון די פיס האָט קיינער ניט געהערט, ווי אַ געוויטער האָט זיך צעהוליעט אינדרויסן. דער ווינט הינטער די ווענט האָט געוויעט אַלץ שטאַרקער, אַלץ ווילדער. ערשט ווען דער באַראַק האָט פלוצים אַ ציטער געטאָן, מאַכמעס דעם ערשטן שטויס פונעם ווינט, האָבן זיך אַלע אומרויִק אײַנגעהערט.

אין דער אײַנגעשטעלטער שטילקייט האָט זיך קלאָר דערהערט דאָס ברומען פונעם בושעווענדיקן ווינט. אים פאַרטויבנדיק, האָט אַ הילך געטאָן אַ געקראַכערײַ, ענלעך צו אַ דונער. דעם זעלבן אויגנבליק האָט זיך אין באַראַק אויסגעלאָשן דאָס ליכט און אין דער פולשטענדיקער פינצטערניש האָט זיך דערהערט עמעצנס אַ יאָמער־געשריי:

— דאָס אײַז האָט זיך אָפּגעריסן פונעם ברעג! דאָס אײַז איז אַוועק אינעם דורכגוס!

— אָט האָסטו דיר אַ וועג! — האָט קאַרפּאָוו ביטער אַ זיפץ געטאָן.

אינעם באַראַק איז געוואָרן אַ בעהאָלע, עס האָבן זיך אויפגעהויבן קוילעס. אַלע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צום דרויסן, נאָר עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די טיר איז פאַרשפּאַרט פון אויסנווייניק. מען האָט זי גענומען אויסברעכן. אין דער פינצטערניש האָבן אויפגעבליצט העלע שטראַלעכלעך פון לעמפּלעך אין די הענט פון די שאָפערן.

— מעגלעך, אַז דאָס איז געטאָן געוואָרן מיט אַ בייזער קאַוואָנע!

— האָט באַטמאַנאָוו דערהערט איבערן אויער ראַגאָווס שטים. — רוקט זיך אָפּ אַ ביסל אין אַ זײַט.

ראַגאָוו האָט זיך אַ ריס געטאָן צום פענצטער, מיט אַ פעסטן זעץ אַרויסגעהאַקט די ראַם און אַרויסגעוואָרפן זיך אינדרויסן. באַטמאַנאָוו האָט, צודריקנדיק צו זיך גענקען, דערפילט, ווי אַרום אים האָבן זיך שווײַגנדיק צונויפגעדרענגט מענטשן. ער האָט זיי דערקענט לויט באַרירונגען: קאָליאַ סמירנאָוו, אַלעקסיי, קאַרפּאָוו, אומאַרע, סמאַרטשקאָוו, סיליך, פילימאָנאָוו. ער האָט אָפּגעוואַרט אַ רגע און הויך אַ געשריי געטאָן:

— וואָס האָט איר זיך איבערגעשראָקן, כאַווײרים! פאַר אונדז פּאַסט ניט צו לאָזן זיך באַהערשן פון אַ פּאַניק!... איך פאָדער אויף אַלע צו זײַן רויִק און באַדאַכט. ניט שוין־זשע האָט איר זיך דערשראָקן פאַרן בוראַן! דעם וועג וועלן מיר מאַכן אָפּסניי. מיר וועלן אַרומגיין דעם פאַרגאָסענעם שעטעך און נאָכאַמאָל איבערכאַזערן פון אָנהייב. און ווידער אין מעשעך פון איין טאָג — קייכעס וועלן בײַ אונדז קלעקן אַף אַלץ!... איך דערקלער אַ נאַכט־מאָביליזאַציע! אַלע קאָמיוניסטן, אָנפירער, בריגאַדירן — צו מיר!...

די דאָזיקע ווערטער, וואָס זײַנען אַרויסגעזאָגט געוואָרן מיט אַ מעכטיקער קראַפט און איבערצײַגונג, האָט פאַרהאַלטן אַלע אַף די ערטער. פון פאַרשיידענע ווינקלען פונעם באַראַק האָבן זיך ציטעריקע ליכט־שטראַלעכלעך איבערגעקרייצט אַף איין אָרט און אַרויסגעפאַנגען פון דער פינצטערניש באַטמאַנאָווס ענערגיש, ווילד־אויסדריקלעך, רויִק פּאָנעם.

קאַפּיטל צוויי

זאָל זײַן ליכט!

דאָס לעבן אָפן דורכגוס האָט זיך איצט אָנגעהויבן לאַנג פאַרן באַגינען און זיך פאַרענדיקט ערשט נאָך האַלבער נאַכט. די הונדערטער עלעקטרישע זונען, וואָס האָבן באַלויכטן דעם פּלאַץ, האָבן ברייט פונאַנדערגערוקט די ראַמען פונעם ווינטערדיקן טאָג.

אָפן באַצירק איז אײַנגעפירט געוואָרן דער האַרטער רעגולאַמין פון אַ מיליטערישן לאַגער: מען איז אויפגעשטאַנען אַף אַ סירענע־פײַף, דאָס אַרומוואַשן זיך מיטן פרישטיק האָבן פאַרנומען געציילטע מינוטן, מיטיק און אָוונטברויט האָט מען געגעסן גלײַכצײַטיק, דער „אָפּמאַרש“־סיגנאַל צום שלאָפן־גיין איז אויך געמאָלדן געוואָרן מיט אַ פײַף. דעם דאָזיקן רעגולאַמין האָבן די בוי־אַרבעטער אָנגענומען מיט פולער באַגיטיקונג, און ראַגאָוו, אַ גרויסער ליבהאָבער פון מיליטערישער דיסציפּלין, האָט זיך באַמיט, קיינער זאָל אים ניט ברעכן. ער האָט געזאָגט, אַז בלויז איין מענטש בלײַבט אויסער די קלאַלים פונעם נײַעם רעזשים — יענער, וואָס האָט די דאָזיקע קלאַלים אײַנגעפירט, — באַטמאַנאָוו.

דער נאַטשאַלניק פון דער בויונג איז ווייניק געשלאָפן, ווי דאָס טרעפט אָפט מיט מענטשן, וועלכע פילן באַטאָג און באַנאַכט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן גורל פון אַ סאַך מענטשן און אַ גרויסער זאַך. ער האָט זיך טאָמיד אויפגעכאַפּט אין דער זעלביקער צײַט — לאַנג פאַרן פײַף... שטילערהייט, באַמיִענדיק זיך ניט אויפצוּוועקן די כאַווײרים, וואָס שלאָפן דערלעבן, האָט ער זיך אָנגעטאָן קימאַט טאַפנדיק אין דער פינצטער, אַרומגעוואַשן זיך מיט אײַזיק וואַסער און אַרויסגעגאַנגען אינדרויסן.

די ווינטערדיקע שוואַרצע נאַכט האָט פעסט אײַנגעהילט די וועלט. אין ערגעץ ניט קיין פײַערל... דורכמאַכנדיק דעם וועג לויט דער האַשאָרע

און אַן טאָעסן, איז וואַסילי מאַקסימאָוויטש געגאַנגען ניט געאײַלט, אָבער זיכער. אַפֿן באַליבטן אָרט, אַפֿן פעלדזיקן קאַפּ, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט.

די פֿינצטערניש איז פול געווען מיט גערוישן. געדעמפֿט האָט געקרעכצט דאָס וואַסער פֿונעם דורכגוס, פֿאַרמויערט מיטן אײַז. דער ווינט האָט אַט שטיל, אַט הויך אונטערגעפּײַפֿט, אַט איז פֿונדערווײַטנס פֿאַרבײַגעלאָפֿן, קלאַפּנדיק ריטמיש מיט די קאָפּיטעס איבערן אײַז, אַ הירש.

באַטמאַנאָוו האָט זיך אײַנגעהערט, נאָכגעדענקט. אין די דאָזיקע פֿאַרטאָגיקע מינוטן, ווען דער קאָפּ איז באַזונדערס פֿריש, זײַנען אין אים געבוירן געוואָרן יענע געדאַנקען, וועלכע האָבן זיך דערנאָך אין מעשעך פֿונעם טאָג אויסגעפֿאָרמירט אין פֿאַראָרדענונגען און אייצעס פֿאַר די אונטערגעאָרדנטע. באַטמאַנאָוו האָט פֿאַר זיך אַליין קאָנטראָלירט די ריכטיקייט פֿון דעם, וואָס איז אָפּגעטאָן געוואָרן דעם פֿאַרגאַנגענעם טאָג. זאַכלעכע געדאַנקען האָבן זיך צונויפֿגעמישט מיט אַבסטראַקטע ראַיוינעס, וועלכע זײַנען טיילמאָל אויפֿגעקומען ווער ווייס צוליב וואָס.

וואַסילי מאַקסימאָוויטש האָט געהאַט פֿאַרגעניגן צו טראַכטן, אַז ער און אַלע בוי־אַרבעטער אַפֿן באַצירק דאָ, אַפֿן ווײַטן מיזרעך, באַגעגענען די ערשטע אין לאַנד זייער אַרבעטס־טאָג. טיילנדיק דעם דאָזיקן קאָוועד סײַדן מיט די בײַגרענעצלער. ס'איז אויפֿגעקומען אין אים אַן אויסטערלישע און וווּנדערלעכע שפּירונג פֿון קראַפֿט, און ער האָט, קוים אײַנהאַלטנדיק אַן אומפֿאַרשטענדלעכן גליקלעכן שמייכל, אויסגעגלײַכט די ברוסט און די פּלייצעס. די דאָזיקע קראַפֿט איז, ווי אַ וואַרעמער ווינט, געקומען צו אים פֿון דעם גאַנצן היימלאַנד. וואַסילי מאַקסימאָוויטש באַטמאַנאָוו, אַ סאָוועטישער מענטש, איז ניט געווען דער איוואַן, וואָס געדענקט ניט זײַן אָפּשטאַם. ער האָט ליב געהאַט צו דערמאָנען זיך, אַז דאָ האָבן אַנומלט פֿאַרבראַכט רוסישע רײַזנדער, אַז איבער די דאָזיקע וואַסערן איז געפֿאָרן נעוועלסקאָי. מיט אַכטונג און ניט ווילנדיקן אומעט האָט באַטמאַנאָוו געטראַכט וועגן די רײַזנדער. ווי איינזאַם זײַנען זיי געווען אינעם גוראַנגל מיט דער ווילדער נאַטור און די אָנצאָליקע סאָנים! צו דער אַכטונג האָט זיך צוגעמישט דאָס געפֿיל פֿון העכערקייט איבער די ווײַטע פֿאַרגייער, און וואַסילי מאַקסימאָוויטש האָט עס געהאַלטן פֿאַר פֿולשטענדיק אַפֿן אָרט און באַרעכטיקט. דאָס דאָזיקע געפֿיל איז פֿרײַ געווען פֿון זיך גרויס האַלטן און פֿאַררייסנקייט און האָט אויסגעדריקט דעם שטאָלץ פֿאַר דער נײַער אָרדענונג, פֿאַרן סאָוועטישן פֿאָלק, פֿאַרן נײַעם רוסלאַנד — ווי מעכטיק עס האָט זיך אײַנגעשטעלט פֿאַר יעדן איינעם פֿון אירע זין! עס האָט געערגערט דאָס דערמאָנען זיך, אַז נעוועלסקאָי מיט זײַן היסטאָרישער מיסיע איז געקומען צו די דאָזיקע ברעגן אַף זײַן אייגענער אַכראַיעס און ריזיקע, און מיט אים איז געווען אַ קליין הײַפֿל מענטשן. אַף וויפֿל שטאַרקער איז ער געווען, באַטמאַנאָוו, וועלכער איז אַהער געשיקט געוואָרן בעראָש פֿון אַ גרויסן קאָלעקטיוו, וואָס איז

באַוואָפנט מיט דעם וויסן און די מיטלען פון דער פאָרגעשריטענער טעכניק פון דעם יאָרהונדערט!

באַנאַנד מיטן אַדמיראַל האָט זיך באַטמאַנאָוו פאָרגעשטעלט יעקאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ נעוועלסקאַיאַ, די העראָישע רוסישע פרוי, וואָס עס האָבן איר ניט אָפּגעשראָקן די שוועריקייטן און אַנטוישונגען און איז געווען אימשטאַנד מוטיק זיך אָפּצוזאָגן פון די באַקוועמלעכקייטן פונעם געוויינלעכן וועלטלעכן לעבן לעטויוועס אַ שווער אַסקעטיש לעבן צום רום פונעם פאָטערלאַנד. אין רובעזשאַנסקער קאַנטישן מוזיי האָט באַטמאַנאָוו געזען דער פרוי נעוועלסקאַיאַס פאָרטרעט... דער דימיען האָט זי צוליב עפּעס וואָס געמאָלן אין געשטאַלט פון אַנאַ איוואַנאָוונאַ...

אַף זײַנע פאַרבעטנדיקע טעלעגראַמעס האָט זי, ענדלעך, צוגעשיקט אַ בריוו און אַ פאָטאָגראַפיע פונעם זון:

„אָט דאָס איז אַלץ, וואָס איז איבערגעבליבן פון קאָסטיאַן, די מילכאָמע האָט אים בײַ אונדז צוגענומען. מיר זײַנען פאַריאָסעמט געוואָרן, וואַסילי מאַקסימאָוויטש, נאָר מיר דאַרפן זיך קלאַמערן פאַרן געדאַנק, אַז די יעסורים פון מיליאָנען טאַטעס און מאַמעס זײַנען פּונקט אַזוי שטאַרק ווי אונדזערע... איך ווייס ניט, צי פונעם האַרצן גייען עס אַבערע וואַרעמע ווערטער, אָבער זייער אָפט, אין שלאָף און אַף דער וואָר, זע איך אײַך פאַר זיך — אַ שטרענגן, מיט אַ פירהאַלט אין די אויגן. יאָ, איך האָב ניט אײַנגעהיט דעם זון, ניט אײַנגעהיט! איר רופט מיך צו זיך... צי קען איך איצט קומען צו פאָרן? איך טראָג אַ שינעל, און באַטראַכט זיך פאַר אַ שלאַכטמאַן, גלײַך ווי אַלע. מײַן כּיוון איז — זײַן דאָ. אונדזער זון איז אומגעקומען, און מיר דאַרפן זיך ניט פאַרלײַכטערן די מאַראַכע. איך וויל גלייבן, אַז ביז יענער צײַט, ווען מיר וועלן זיך באַגעגענען, וועלן מיר ביידע גרייט זײַן אָנצוהייבן אַ צוזאַמענלעבן בעסער, ווי ס'איז געווען ביז הײַנט... בעסער, קלוגער און אָן צעשיידונגען..."

ווי פֿײַנלעך ער האָט געבענקט אין די דאָזיקע מינוטן, ווי ער האָט געגאַרט, אַז זי זאָל פּלוצים זיך געפינען דאָ, לעבן מיט אים! „אַננאַ! — האָט ער שטום געשריגן. — פון דיר הענגט עס אָפּ איבערצורײַסן די צעשיידונג. איז נעם רײַס זי איבער! מיר דאַרפן זײַן צוזאַמען. אונדזער לעבן וועט ערשט אַנדערש זײַן, איך שווער עס דיר..."

אָפּגעזיפצט, ווי ער וואָלט זיך דערמיט באַפרײַט פון די שווערע דאַיוינעס, האָט באַטמאַנאָוו אַ קוק געטאָן אַפן האַנט־זייגער: די לײַכטנדיקע גרינע ווײַזערס האָבן געוויזן צוואַנציק מינוט אַף זעקס. ער האָט אָפּגעוואַרט געשפּאַנט נאָך אַ מינוט, דערנאָך געדאַנקלעך אויסגערופן: „זאָל זײַן ליכט!"

אין דאָזיקן אויגנבליק האָט אויפגעזונגען איר מוטיק ליד די סירענע און עס האָבן אויפגעפלאַמט די בלענדנדיקע לאָמפן. איינס! — און עס איז באַלויכטן געוואָרן דער יישעוו. צוויי! — עס איז ליכטיק געוואָרן

אַפֿן גאַנצן פּלאַץ, דרײַ! — די פֿײַערן זײַנען זיך צעלאָפֿן איבערן ברעג און לענגאויס דעם צוואַנציק־קילאָמעטערדיקן אײַז־וועג — ביזן סאַמע אינדזל. צוליב די פּראָזשעקטאָרן אַף די סאַפּקעס און די בײַברעגיקע טור־רעמלעך, צוליב די לאַמטערנס אַף די סלופּעס, צעשטעלטע אומעטום אַפֿן באַצירק, האָט זיך גלײַך געשטעלט דער טאָג, און די נאַכט איז אָפּגע־וואָרפֿן געוואָרן ווײַט, אין דער טיף פֿון דער טײַגע.

„אַ זאָג געטאָן — און שוין, ווי באַ גאָט, — האָט וואַסילי מאַקסי־מאָוויטש געלאַכט אין זיך אַרײַן. — אַ ניט גיי וואַרט, זי זאָל זיך אויפֿ־כאַפּן, די העלע זון".

באַטמאַנאָוו האָט באַמערקט: ניט ער אַליין איז וואַך געווען אין דער פֿינצטערניש. אונטער אַ וועלכן עס איז אויסרייד האָט זיך אין דער נאָענט אַרומגעדרייט קאַרפּאָוו... און ראַגאָוו... נאָר אים איז שווער געווען צו באַמערקן, ער איז פֿאַרשוווּנדן, ווי אַ געשפּענסט. צום ערשטן מאָל האָט וואַסילי מאַקסימאָוויטש הויך אויסגעלאַכט קאַרפּאָוון, אַז אויך ראַגאָוו זאָל עס הערן:

— וואָס גייסטו מיר נאָך, גוטער ברודער? אויך מיר אַ פֿרײַוויליקע שוץ־וואַך!

— פֿאַרוואָס עפּעס אַ שוץ־וואַך? ס'איז דען פֿאַרווערט צו שפּאַצירן אין אַ פֿרײַער צײַט, כאַפּן אַ ביסל פֿרישע לופֿט? — האָט קאַרפּאָוו גע־ענטפֿערט טאַמעוואַטע.

מאָרגן זײַנען זיי ווידער געווען אַרום אים, און ער האָט באַשלאָסן ניט צו לייגן קיין אַכט דערויף.

...וואַסילי מאַקסימאָוויטש האָט זיך אײַליק אומגעקערט אַהיים, ווו ער האָט געוווינט מיט זײַן בריגאַדע. ער האָט פֿאַרווערט אָנצורופֿן די דאָזיקע וווינונג מערזליאַקאָווס הויז:

— די וווינונג איז דעזינפֿיצירט געוואָרן, שוין צײַט צו פֿאַרגעסן דעם געוועזענעם באַלעבאָס.

באַטמאַנאָוו האָט ליב געהאַט צו קוקן, ווי עס שלאָפֿן זײַנע געהילפֿן. אַלעקסיי — טאָמיד מיט אַ העל פּנים, רויִק און שטיל, אַף דער רעכטער זײַט; ליבערמאַן — מיט אַן אויסדרוק פֿון זאָרג און אומרויִקייט אַפֿן פּנים, וואָס איז געווען ניט געוויינלעך פֿאַר אים אין צושטאַנד פֿון וואַך זײַן, מיט אַ כראָפּען און מאָדנע אויסגעשרייען; טאַניאַ וואַסילטשענקאָ — ער איז אַרײַנגעגאַנגען צו איר אין צימער — דער קאָפּ אין אַ ליבלעכער, רירנדיקער פּאָזע, מיט צעפּאַטלטע האָר, מיט אַ האַנט־פֿלאַך אונטער דער באַק; און פֿולשטענדיק ווי אַ קליין קינד, צעוואָרפֿן, אַנטציקט סמאַקענדיק מיט די ליפּן, און מיט אָנגעבלאָזענע באַקן, איז געשלאָפֿן בערידזע.

וואַסילי מאַקסימאָוויטש האָט אַ רעגע אָנגעקוואָלן פֿון די שלאָפֿנ־דיקע, דערנאָך זיי אומראַכמאָנעסדיק אויפֿגעוועקט.

— ליידיקגייער, שטייט אויף! פאַפן זײַט איר אַהער געקומען? מען דאַרף אַרבעטן! — האָט זײַן שטים געדונערט.

צוזאַמען מיט ראַגאָזין און ליבערמאַנען איז באַטמאַנאָוו יעדן פרימאָרגן אַרײַנגעגאַנגען אין דער צוזאַמענווינונג צו די אַרבעטער. זיך באַגריסט, האָט ער שפאַסיק גענומען אויספרעגן, וואָס פאַר אַ כאַלוימעס עס האָבן זיך עמעצן געכאַלעמט, האָט מיט קאַפדאַנגעס באַטראַכט דעם לאַקאַל, אומבאַדינגט אויסגעפוצטע בעטרינעס, און זיך געזעגנט מיט פרעטענזיעס צום נײַעם באַטשאַלניק פונעם באַצירק און צו ליבערמאַנען.

— פאַרוואָס איז קאַלט?

— מאַמינקע טײַערע, וואָס פאַר אַ קעלט? טוט אַ קוק אַהער: פופצן גראַד! — איז ליבערמאַן צוגעלאָפן צום טערמאָמעטער.

— סאַראַ געלערנטער מיטאַרבעטער עס האָט זיך אָפגעפונען: ער ווײַזט דעם טערמאָמעטער! באַ דיר דאַרף זײַן איין טערמאָמעטער: אַז די מענטשן זאָלן נאָכן אַרבעטס־טאָג אָפן פראָסט שלאָפן אינעם בלויזן וועש און שמאַכטן פון וואַרעמקייט. אָט זע, דער דיזשורנע אַליין טוליעט זיך אינעם פעלצל, וואָס פאַר אַ טאַם האָט עס!

— אין אָוונט און באַנאַכט איז פאַשעט אַ היץ געווען, — האָט זיך אָנגענומען דער דיזשורנע. — אָפן פרימאָרגן איז אַ ביטל קילער געוואָרן. אַף מיר קוקט ניט, איך טוליע זיך טאָמיד, נאָך מיטל־אַזיע דאַרף איך האָבן אַ הויכע טעמפעראַטור.

— איז הייצט מערער די אויוונס, פלײַסיקער. קאַרגט ניט קיין האָלץ, זײַט ניט קיין מערזליאַקאָוס.

די אַרבעטער האָבן זיך שנעל צוגעוווינט צו די דאָזיקע פרימאָרגנדיקע באַזוכן. בעיס דער אינספעקציע האָט מען זיך געקענט ווענדן צו באַטמאַנאָוון מיט יעדן מין באַקאַשע, מיט יעדן מין פראַגע. און גלאַט — די מענטשן איז געפעלן זײַן זאָרגעוודיקייט. די דאָזיקע זאָרגעוודיקייט, וואָס איז געוויינלעך ניט אַרויסגעזאָגט געוואָרן, און אויב אַרויסגעזאָגט, איז גראָבלעך און שטרענג, האָט זיי געריירט, און זיי האָבן זיך באַמיט צו ענטפערן אַף איר מיט עפעס וואָס. דאָ טאַקע אין די באַראַקן זײַנען צו וואַסילי מאַקסימאָוויטשן צוגעגאַנגען די שאָפערן און געגעבן אַ פאַרפליכטונג צו מאַכן מערער מיט אַ רייס. די אַרבעטער, וואָס האָבן געגראָבן די ראָוועס פאַר די פונדאַמענטן, האָבן פאַרגעלייגט אויסצוריכטן אַ טראַנספאָרטער אַף אַריבערצוואַרפן מעכאַניש די ערד פון דער טיף אַף דער אויבערפלאַך.

ביכלאַל האָט זיך קיינער ניט געקלאָגט אַף די אומבאַקוועמלעכקייטן פונעם לעבן. „מיר וווינען אין ריינקייט, אין וואַרעמקייט, דאָס עסן איז זעטיק — וואָס־זשע נאָך דאַרף מען?". איין אומאַרע מוכאַמעט האָט טאָמיד צו ליבערמאַנס פאַרדרוס, אויסגעדריקט אומצופרידנקייט און עפעס־וואָס געפאָדערט:

— נאַטשאַלניק, פּאָרטרעטן פון די פירער דאַרפן דאָ זײַן, זאָג זיי. מען האָלט דאַרפן אויסשטעלן אַ ווינקל, אויפהענגען אַ שפּיגל, עס זאָל באַקוועם זײַן זיך צו ראַזירן. מיר בעטן אַ מוזיקאַלישן אינסטרומענט, מאַכאָר האָט אַ באַיאַן, און מיר האָבן גאָרניט.

און ליבערמאַן מיט ראַגאָזין האָבן באַקומען אַ פאַראָרדענונג: אויסהענגען פּאָרטרעטן, אײַנאָרדענען אַ באַזונדער צימער פאַר אַ ראַזירערײַ, קריגן אַ מוזיקאַלישן אינסטרומענט.

— אָט איז דער קריטעריום פון מײַנע פאָדערונגען און די כאַווײרינס, — האָט באַטמאַנאָוו געזאָגט. — אין דער צוזאַמענוווינונג דאַרף זײַן ריין, ווי אין אַ שפּיטאָל; וואַרעם, ווי אין אַ באָד; באַקוועם, ווי אין אַ מיידלש צימער.

וואַסילי מאַקסימאָוויטש האָט אָפט דערמאָנט ראַגאָזין:

— פײַן איז געווען יענע „פּאַטיאָמקינישע" צוזאַמענוווינונג פון די שאָפערן, מיט וועלכן דו האָסט מיך פאַרכידעשט אָפן פינפטן באַציריק! ווען וועלן די היגע צוזאַמענוווינונגען אויך זײַן אַזעלכע?

ראַגאָזין האָט אַפילע ניט געוואָרט מען זאָל אים דערמאָנען. זיך פונאַנדערגעקליבן באַנאַנד מיט ליבערמאַנען אין דער באַלעבאַטישקייט פונעם באַציריק, אין די גרויסע זאַפּאַסן, וואָס מען האָט אַהער געבראַכט צופירן, האָט ער געפונען סײַ סטעשקעס, סײַ פאַרהענגלעך צו די פענצטער, סײַ גיטאַרעס, סײַ דאָמינאָ, סײַ שאַכן, סײַ ביכער.

באַטמאַנאָוו מיט די פאַרוואַלטונגס־מיטאַרבעטער האָבן געפרישטיקט צוזאַמען מיט אַלע אינעם גרויסן מאַגאַזין, וועלכער איז נאָך ניט פולשטענדיק געווען אײַנגעאָרדנט פאַר אַ גאַרקיך. דער פרישטיק האָט געדויערט ניט מער ווי פופצן מינוט, נאָר אויך אין מעשעך פון דאָזיקן שטיקל צײַט פלעגן טאָמיד ליבערמאַן און דער קוכער נאַגטיעוו קריגן אַ גאַב. אין איינעם פון די ערשטע טעג, נאָכן פאַרזוכן אַ זופּ פון פיש־קאָנצענטראַטן און נאָכן באַקומען דאָס צווייטע געריכט אַן אייער־קוכן — אַ קליין קוואַדראַטל פון אייער־פּראָשעק, האָט זיך דער נאַטשאַלניק פון דער בויונג טער, סײַ גיטאַרעס, סײַ אַ דאָמינאָ, סײַ שאַכן, סײַ ביכער.

— דאָס איז דאָך פאַר אַ פינפיעריק קינד!

— איך גרייט צו לויט די פּראָדוקטן, וואָס דער נאַטשאַלניק פון באַזאָרגונג גיט מיר אַרויס, — האָט זיך אײַליק פאַרענטפערט נאַגטיעוו, וועלכער האָט שטאַרק מוירע געהאַט ניט צופרידנצושטעלן באַטמאַנאָוון.

— די קאַלאָריעס אַנטשפּרעכן שטרענג די נאָרמעס פאַר אַ דערוואַקסענעם אַרבעטס־מענטשן, — האָט ליבערמאַן, איבעררײַסנדיק דעם קוכער, סאָליד דערווידערט און אויסגעשטרעקט וואַסילי מאַקסימאָוויטשן די מענו־רעשימע! — אינעם דאָזיקן פרישטיק איז פאַראַן מער פון טויזנט פינף הונדערט קאַלאָריעס. איך, לעמאָשל, בין פולשטענדיק זאַט...

ליבערמאַן האָט אָנגעשטעלט אַ צופרידן פּנים, נאָר דעם בליק האָט ער אַוועקגענומען פון באַטמאַנאַוס אויגן.

— הער און דריי זיך ניט אַוועק, — האָט וואַסילי מאַקסימאָוויטש געדעדט שטרענג. — נאָך דער מילכאָמע וועסטו גיין אַרבעטן אין אַן אינס־טיטוט פון שפּײַז־אינדוסטריע. אין מאָסקווע איז פאַראַן אַזעלכער. דאָרט וועסטו יעדן ביסן און דעם בוליאָן אויסמעסטן אַף קאַלאָריעס. אָבער קאַלזמאַן דו אַרבעטסט בא מיר, מוז זײַן איין מאָס: געוויסן. זאָל דער אַרבעטס־מענטש אַוועקגיין פון דאַנען מיט אַ פולן מאָגן. פאַרשטאַנען? זאָל גאַנטיעוו קאָכן אַ זעטיקע קאַשע. קאַרטאָפליעס האָט איר. פיש איז פאַראַן. נאָר צעקאָכט זיי ניט אין דעם וואַסער, ווי הײַנט. מען זאָל קלאָר זען: ס׳איז פיש און ניט הוילע וואַסער.

דער אינטענדענט האָט זיך געפּרוווט אָפּוועגדן:

— איר פאַרגעסט וועגן די נאָרמעס!

— דערפאַר אָבער געדענק איך וועגן די מענטשן. איך ראָט דיר: ניט פאַרגעסנדיק וועגן די נאָרמעס, געדענקען אויך וועגן די מענטשן. דעמאָלט וועט זײַן אַ טאָלק.

פופצן מינוט פאַר זעקס זײַנען זיך די בריגאַדעס פונאַנדערגעגאַנגען אַף די ערטער, פונקט זעקס אַזייגער האָט דער באַצירק אָנגעהויבן זײַן אַרבעטס־טאָג.

דער וועג איבער דער גאַנצער טראַסע פונעם באַצירק איז געמאַכט געוואָרן אַף אַ שלאַגלערישן אופן: אין מעשעך פון פיר טעג. איצט האָט זיך אײַנגעשטעלט דאָס איבערפירן די לאַדונגען. סמאַרטשקאָוו און מאַ־כאָוו, וועלכע זײַנען געגאַנגען אין אַ פאַרמעסט, זײַנען געפאָרן בעראָש פון די אויטאָ־קאָלאָנעס מיט רערן, פּראָוויאַנט און מאַטעריאַלן. מאַכאָווס קאָלאָנע האָט זיך געדוקט פאָרויס, אויסמײַדנדיק דעם פאַרגאַסענעם שע־טעך, איבערן „באַטמאַנאַווישן" וועג צום אינדזל, סמאַרטשקאָוו האָט גע־פירט אַ שנור אויטאָמאָבילן אין דער קעגנגעזעצטער זײַט — איבערן קאָנטינענט צום אַדזן. פאַרן אַרויסלאָזן זיך אַפן רייס זײַנען זיך דער קאָנצענטרירט־ערנסטער סמאַרטשקאָוו און דער כיטרע שמייכלענדיקער מאַכאָוו צוזאַמענגעקומען און געדריקט איינער דעם אַנדערן די הענט, ווי באָקסערס אַפן רינג פאַרן מאַטש.

אַפן פּלאַץ האָט אָפּגעהילכט אַ קראַכנדיק שיסערײַ: אין די פונדאַמענט־ראָווס פאַר די נאַפט־רעזערוואַרן און אונטער די פונדאַ־מענטן פון דעם שפּעטערדיקן געבײַ פון דער פּאָמפּעס־סטאַנציע האָט מען מיט אַמאָנאַל אויפגעריסן די ערד. דער מינירער קרוטאָוו און זײַנע גע־הילפן האָבן אויסגעפּאַרטיקט צו עטלעכע צענדליק שנורן — „פוקסן־נאָ־רעס", אָנגעפילט זיי מיט אויפרײַס־מאַטעריאַל און אַוועקגעגאַנגען, אַי־בערלאָזנדיק נאָך די אויפרײַסן הינטער זיך שטיקער געפרוירענע ערד. באַלד האָבן זיך אין די פונדאַמענט־ראָווס אַראָפּגעלאָזט די ערד־גרעבער.

לענגאויס דער בויונג פֿון דער פּאָמפּן־סטאַנציע האָט זיך געצויגן אַן אַפּדאַך, אונטער אים האָבן די מעכאַניקער מאָנטירט עטלעכע בעטאָן־מישערס. דער באַזאַכטער און פּאַמעלעך־באַוועגלעכער בעטאָנירער פּעטריגין, וועלכער איז געקומען אַפֿן באַצירק מיט אַ גאַנצער גרופּע שילער, יוגנטלעכע פֿון אַ האַנטווערקער־שול, האָט איבערגענומען די אַף אויטאָמאַשינען צוגעפֿירטע פֿעסלעך צעמענט, בוי־שטיינער און זאַמד.

לעבן באַראַק האָבן געקלאַפּט העק, און עס האָט געקרעכצט אַ צירקל־זעג: טעסליערעס בעראַש מיט די ברידער פֿעסטאָוו האָבן אויפֿגעשטעלט נײַע צוזאַמענווױנונגען, אַ קלוב און אַ גאַרקיך מיט אַ קיך.

אין דער ווײַט, אויפֿן ברעג, בײַם דורכגוס, האָבן אָן אויפֿהער געגרעגערט פּיליגס און רעמגיעווס טראַקטאָרן; זיי האָבן אויסגעגלײַכט מיט וואַלץ־פּרעסן אַ גרויסן פּלאַץ פֿון צוויי קילאָמעטער די לענג, וווּ עס האָבן געזאָלט געשווייסעוועט ווערן די רערן. אומאַרע מוכאַמעט, פּעדאַטאָוו, קעדרין און אַנדערע שווייסעווער האָבן דאָ טאַקע פֿונאַנדערגעלייגט זייערע מאַכשירים צום שווייסעווען.

פֿון בײַדע זײַטן לעבן זיי האָבן בוי־אַרבעטער געלייגט פֿונדאַמענטן פֿאַר צוויי הילצערנע הײַזער פֿון מיטלער גרייס — איינס פֿאַר דער טויכער־סטאַנציע, וועלכע איז ניט לאַנג צוריק אָנגעקומען, אונטער דער אָנפֿירונג פֿון דעם הויפּט־טויכער סמעלאָוו, דאָס צווייטע — פֿאַר טאַניאַ וואַסילטשענקאָס פֿאַרבינדלער. און נאָך ווײַטער אַפֿן ברעג איז שנעל אויפֿגעשטעלט געוואָרן אַ דריטע געבײַ — פֿאַר די מינירער. דאָס הויז איז נאָך אַפֿילע אַף אַ העלפֿט ניט פֿאַרטיק געווען, נאָר אַרום אים איז שוין געשטאַנען אַ הויכער פּאַרקאַן, און אינעווייניק האָט דער אינזשעניער נעקראַסאָוו מיט זײַנע מענטשן זיך געגרייט צו די גרויסע אויפֿרײַסן אַפֿן דורכגוס.

די עלעקטראָסטאַנציע איז פֿאַרברייטערט געוואָרן: עס זײַנען דאָרט ערשט געווען זעקס באַוועגלעכע אינסטאַלאַציעס. לעבן דער עלעקטראָסטאַנציע האָבן זיך אויפֿגעהויבן צוויי מאַגאַזין־געבײַדעס: אַ גאַראַזש און אַ מעכאַנישער וואַרשטאַט.

דאָס פֿאַרלייגן דעם פֿונדאַמענט פֿאַר דער פּאָמפּ־סטאַנציע האָט זיך אָקערשט נאָרוואָס אָנגעהויבן, ווי פֿילימאָנאָוו האָט, אָנטרויענדיק די שאָפֿערן פֿאַלישטשוקן און נעמענדיק זיך צו הילף סיערגינען, געפּרווט צום ערשטן מאָל זיך פֿונאַנדערקלײַבן אין דעם קומענדיקן מאָנטאַזש פֿון די פּאָמפּעס און דיזל־מאָטאָרן. אַף דער ערדענער פּאָדלאָגע פֿון דער עלעקטראָסטאַנציע האָט מען צײַטווײַליק, ביז מען וועט פֿאַרענדיקן דאָס אויפֿבויען דעם וואַרשטאַט, פֿונאַנדערגעשטעלט די טיילן און דעטאַלן פֿון דער אויסשטאַטונג. די מאַשינען זײַנען געווען נײַע, קיינער האָט ניט געקענט זייער צוזאַמענשטעל. די אַמעריקאַנישע פֿירמע האָט צוגעשיקט ניט קיין קאָמפּלעטע צייכענונגען, עס האָבן אָפּאַנעם געפֿעלט דעטאַלן: צי האָבן

זיי זיך פֿאַרלוירן און מ'האָט זיי נאָך ניט אָפּגעפֿונען, אָדער די פֿירמע האָט „פֿאַרגעסן" זיי איינצופּאַקן.

באַטמאַנאָוו האָט דעם גאַנצן טאָג פֿאַרבראַכט אָפֿן באַצירק. מ'האָט אים געזען אין מאַכאָווס קאַבינע — ער איז געפֿאָרן מיטן לויפֿנדיקן רייס אָפֿן איינדזל נאָכצוקאָנטראָלירן, צי זיינען ניט פֿאַראַן אָף דער טראַסע קיין אַראָפּגעוואָרפֿענע רערן, קיין שטיין־געבליבענע אויטאָס און שאָפֿערן, וואָס וואַרעמען זיך צופֿיל. און אָט איז ער געקומען צו די שווייסעווער און אויפֿמערקזאַם זיך צוגעהערט צו די אויפֿגערעגטע רייד פֿון אומאַרע מוכאַמעט, וועלכער פֿאָדערט זייער אַ סאַך פֿון זיין אינסטרומענט און געפֿינט טאָמיד אין אים כעסרוינעס. און אָט האָט זיך וואַסילי מאַקסימאָוויטש דערמאָנט אין געקראַסאָוון און געגאַנגען צו אים זען, ווי מען גרייט צו פֿעסטע צינד־קנויטן. און אָט האָט ער זיך פֿאַרקליבן אין דעם פֿונדאַמענט־ראָוו צום אַלטן זיאַטקאָוון.

דער אַלטער האָט געאַרבעט שפּאַר און אומדערמידלעך, זיך זעלטן דערלויבט אָפּצורוען אָדער פֿאַררייכערן. זיינע באַוועגונגען זיינען געווען שפּאָרעוודיקע, דורכגעקאָנטראָלירטע אין מעשעך פֿון יאָרן. ס'האָט זיך געוואָרפֿן אין די אויגן דער אויסערגעוויינלעכער סטאַכאַנאָווישער אינסטרומענט — אַ גרויסע שעפּ־לאָפּעטע מיט אַ שטיל, אויסגעבויגן אין אַ דוהע.

זיאַטקאָוו האָט געהאַלטן די לאָפּעטע מיט דער איינגעבויגענער זייט פֿאָרויס, מיט זיין האָרב האָט זיך די שטיל אָנגעשפּאַרט אין דעם אַלטנס קניִעס. קימאַט זיך ניט איינבייגנדיק, האָט ער אָנגעדריקט אָפֿן עק פֿון דער שטיל, און די לאָפּעטע האָט ווי אַליין אונטערגעכאַפּט און אויפֿגעהויבן די ערד. אַ שטויס — און שטיקער ערד זיינען געפֿלויגן אָף דער לענגטע פֿונעם טראַנספּאָרטער, וואָס האָט זיך באַוועגט פֿון אויבן!

באַטמאַנאָוו האָט קאָנטראָלירט מיט אַ סעקונדאָ־מעטער: זיאַטקאָוו האָט באַוויזן איבערצוואָרפֿן מיט זיין לאָפּעטע טאָפּלט מער ערד, ווי יעדער אַנדערער ערד־גראָבער פֿון די יונגנטלעכע.

— לאָזט אָקערשט אַ פּרווו טאָן, — האָט ער אַ בעט געטאָן זיאַטקאָוון.

— צו וואָס איינשמוצן די הענט? — איינער זאַך איז — אַרבעטן מיטן קאָפּ, — האָט דער אַלטער געזאָגט.

— די הענט לערנען דעם קאָפּ. אָף דער בויונג וועט אויסקומען אייבערצוואָרפֿן ניט איין מיליאָן קוביק ערד, איינער לאָפּעטע וועט מיר צונויף קומען אָף אַנדערע באַצירקן.

וואַסילי מאַקסימאָוויטש האָט אָנגענומען דעם געפּרווירענעם גרונט און אים געוואָרפֿן אָף דער לענטע, ער האָט געוואָרפֿן די לאָפּעטע אָפּט און זיכער, אָבער צו שטאַרק און ניט גלייכמעסיק. די האַרבאַטע שטיל האָט ניט פֿאַרלייכטערט, נאָר פֿאַרשווערט די באַוועגונגען.

— גלײַכער... דריק ניט אָן שטאַרק, — האָט זיאַטקאָוו אונטער־געזאָגט, אויפמערקזאַם באַאָבאַכטנדיק דעם נאַטשאַלניק פון דער בויונג.

די אַרבעטער האָבן זיך געוואָלט צורוקן אַ קוק טאָן, ווי באַטמאַנאָוו אַרבעט, נאָר זיאַטקאָוו האָט זיי מיט אַ מאַך מיט דער האַנט אומגעקערט אויף די ערטער.

— אָפּגעוווינט זיך, — האָט באַטמאַנאָוו אַ זאָג געטאָן מיט באַ־דויער. ער האָט זיך שטאַרק פאַרסאַפּעט.

— ביסט באַקאַנט, זע איך, מיט דער לאָפּעטע? — האָט זיאַטקאָוו אַ פרעג געטאָן.

— יאָ, איך האָב געאַרבעט ווי אַ הייצער אויף אַ לאָקאָמאָטיוו. איר האָט אַ טשעקאָווע לאָפּעטע, מען דאַרף זיך בלויז צוגעוווינען. — ער האָט אַ בליק געטאָן אויף די אַרבעטער: קימאַט ער איינער אַליין קען זיך מיט איר באַגיין, און ס׳איז נייטיק, אַז אויך אַנדערע זאָלן מיט איר קענען אַרבעטן. זי ברענגט אומבאַדינגט נוצן.

— זיי נעמען שווער איבער, — האָט זיאַטקאָוו אַ זאָג געטאָן ניט אָן פאַרדרוס. אויפן אַלטנס טונקל פּנים האָט זיך באַוויזן אַ קאַרגער שמייכל. — לייצים, זיי רופן זי דער קעמל.

— פאָטער, איך פאַרגעס אַלץ אײַך צו פרעגן... איך האָב געקענט אַ פיאָטר זיאַטקאָוו. כ׳האָב געלערנט מיט אים צוזאַמען אין דער אַקאַ־דעמיע, זיך באַפרײַנדעט. שפּעטער איז אויסגעקומען צו טרעפן זיך אין זאַפּאָראָזשיע. ער איז דאָרט געווען אַ דירעקטאָר. איז ער ניט אײַער אַ קאָרעוו?

— אַ ייִנגערער ברודער...

— אַזוי גאָר! וווּ איז ער איצט? — איז וואַסילי מאַקסימאָוויטש הייטערער געוואָרן.

— כ׳ווייס אָפילע ניט... ס׳איז דערגאַנגען אַ ידיעה, אַז ער פאַר־טיזאַנעוועט. איך האָב מײַנע פאַרלוירן. דער זון איז געווען הינטער לע־נינגראַד, ער לאָזט שוין לאַנג ניט הערן פון זיך. די אַלטע מיט דער טאָכ־טער זײַנען געבליבן אין סוואָבאָדנע, זיי וווינען אויף דער זעע. איך אַליין בין פון מײַרעוו, נאָר נאָכן טורקסיב האָב איך פאַרקערעוועט אויפן ווײַטן מיזרעך. עטלעכע יאָר געאַרבעט אין די גאָלד־גרובנס און פאַרשיידענע בויונגען.

— ווי האָט איר צו אונדז געטראָפן?

— כ׳האָב געהערט, אַז מ׳בייטיקט זיך דאָ אין מענטשן, האָב איך זיך אַהער געבעטן.

— און ס׳איז אײַך ניט שווער אין אײַערע יאָרן? מען קען דאָך געפינען אַ לײַכטערע אַרבעט.

— איך דאַרף ניט קיין לײַכטערע, באַמרויקט זיך ניט וועגן מיר...

זיאַטקאָוו האָט פאַרריכט די הענטשקעס און זיך ווידער גענומען פאַר

זײַן קרומער לאָפּעטע, באַטמאַנאָװ איז צוריקגעגאַנגען צו אַנדערע איניאָנים. ער האָט זײ געהאַט אַ סך. קײן שום מער אָדער װײניקער װיכטיקע זאַך האָט אים ניט אױסגעמיטן. עטלעכע מאָל אין טאָג האָט ער גערעדט דורכן סעלעקטאָר מיט דער טראַסע און מיט דער פּאַרװאַלטונג, פאַרגעבן אַלץ נײַע און נײַע אױפגאַבן און קאָנטראָלירט צי זײ זײַנען אױסגעפירט געװאָרן. ער איז טאָמיד געװען צװישן די מענטשן, האָט זײ געלערנט אַרבעטן און אַלײן געלערנט בײַ זײ.

פּלוצים, אין אַ סאַמע אומדערװאַרטער צײַט, פלעגט ער באַפֿױלן ראַגאָון צו מעלדן אַן אַלאַרעם. אױב דאָס איז געשען גאַנץ פרי אָדער באַנאַכט — איז אױגנבליקלעך פּאַרלאָשן געװאָרן די עלעקטרע, די קאָמאַנדעס פון קעגנגאַז־פּאַרטײדיקונג, װעלכע האָבן זיך געלערנט בײַם שעף דעם בײַגרענעצלער, זײַנען זיך פונאַנדערגעלאָפן אַף די ערטער. דער בױונג־אָביעקט איז אָפּגעשטאָרבן, די בױ־אַרבעטער האָבן זיך פאַרװאַנדלט אין שלאַכטלײַט, װאָס זײַנען גרײט צו פאַרטײדיקונג.

װי בײַ אַלע אַפן באַצירק, איז אױך װאַסילי מאַקסימאָװיטשעס פּאָנעם געװאָרן צעשמיסן פונעם װינט און קופּער־רױט פון שטענדיקן זײַן אַף דער קעלט. אײנמאָל האָט ער אָפּגעשטעלט טאַניאַן און איר געװיזן זײַנע הענט, פאַרגרעבטע און צעקאַליעטשעטע פונעם פראָסט.

— איר זײַט גערעכט: די הענט געװױנען זיך צו צו יעדער טעמפּעראַטור. אָט גײ איך אַצינד אָן הענטשקעס אַפילע בעײס אַ שטאַרקן װינט, און ס׳זאָל דאָס עפּעס זײַן! אַ דאַנק אײַך פאַר דער אײצע.

דאָס מײדל האָט ניט גלײַך באַנומען װעגן װאָס עס גײען די רײד. באַנומען, האָט זי אַף אים אַ קוק געטאָן מיט דערעכערעץ; ס׳האָבן איר געפּרײט זײַנע גײַסטיקע מײַלעס, װאָס האָבן זיך פּאַמעלעך אַנטפּלעקט. ס׳האָט זיך איר געװאָלט אַ דריק טאָן די בלױ־רױטע הענט פונעם נאַטשאַלניק פון דער בױונג.

שױן ניט אײנמאָל האָט באַטמאַנאָװ געזאָגט האַלב אין שפּאַס, האַלב ערנסט:

— ס׳װעט אײנגיכן קומען אַ טאָג, װען מיר, די שװאַרצע אַרבעטער, װעלן אַװעקגײן אין אַ זײַט, אַרױפגײן אָט אַף יענעם סאָפּקעלע און אָפּרױמען דאָס אָרט פאַר די אינזשעניערן. זאָלן זײ װײַזן, אַף װאָס זײ זײַנען פעיִק.

און אַזאַ טאָג איז אָנגעקומען. אין אַן אומװינטיקן און לױטערן פרימאָרגן האָבן די אינזשעניערן אָפּגערײניקט אָפּן אײַז פונעם דורכגוס אַ פּלאַץ פון פינף הונדערט מעטער די לענג פונעם ברעג־ראַנד, אין דער ריכטונג צום אינדזל, קעדײ דורכצופירן די ערשטע פּרוװ־עקספּלאָזיע. דאָס

איז געווען דער אָנהייב פון די הויפּט־אַרבעטן אויפן באַצירק און גלײַכצײַטיק אַ קאָנטראָל איבער טאָפּאָליעווס פּאַרשלאָג.

קאַרפּאָוו האָט אַרויסגעפירט אויפן דורכגוס עטלעכע בריגאַדעס. מיט ברעך־אײַזנס און העק האָבן זיי גענומען אויסהאַקן אינעם אײַז ברייטע ריוועלעך אויף יעדן פינפטן מעטער. עס זײַנען געפלויגן, פינקלענדיק קעגן דער זון, בלויע אײַז־שפּריצן, ס'האָט זיך צעטראָגן אַן אומאָנגענעם גריל־צענײַש און קלינגערײַ. די דאָזיקע שווערע אַרבעט איז געגאַנגען פּאַמעלעך. קאָוושאָוו האָט געקוקט אויפן זייגער, אומטערגעאײַלט.

לענגאויס די ליניעס פון די ריוועלעך האָט נעקראַסאָוו, שוין ניט קיין יונגער מאַן מיט אַ שווערער און ברייט פּנים, נאָר אין טאָג אַ האַרצי־קער מענטש, אויסגעלייגט אויפן אײַז, צוזאַמען מיט קרוטאָוון און זײַנע געהילפן, אַן עלעקטרישן דראָט. פון אים צו די ריוועלעך האָבן די מי־נירער אויסגעצויגן פּאַראַיינִיקנדיקע שנורן, וואָס צו זייערע עקן זײַנען געווען צוגעבונדן זעק פון ניט דורכנעצנדיק פּאַפּיר — אין די זעק איז פריִער אַרײַנגעלייגט געוואָרן אַמאָנאַל. ווי נאָר אַלע ריוועלעך זײַנען פאַרטיק געווען, האָבן הונדערטער מענטשן גענומען די זעק מיטן אַמאָנאַל און פאַראַמאָל זיי אַראָפּגעלאָזט אין דעם ברוינדיקן וואַסער פונעם דורכגוס.

לויט טאָפּאָליעווס געדאַנק האָבן די מינעס, וועלכע זײַנען אויסגע־לייגט געוואָרן אין אַ ליניע אויפן גרונט פונעם דורכגוס, געדאַרפט אַ זעץ טאָן מיט דער זעלבער קראַפט אַרויף, אין דעם וואַסער און דעם אײַז און אַראָפּ — אינעם באָדן, קעדיי אויסצוהאַקן אין אים אַ שפּאַלט — די טראַנשיי. אין דער טראַנשיי האָט מען געזאָלט געהעריק באַהאַלטן די רערן, באַוואָרענען זיי פאַר געפרירן ווערן אום ווינטער (די טראַנשיי וואָלט פון אויבן שנעל פול געוואָרן מיט אָנגעטראָגענער ערד) און פאַר די שיפן, וואָס שווימען אום זומער אויפן דורכגוס, וועלכע וואָלטן געקענט מיטן קיל פאַרטשעפּען די באַפּטלייטונג און זי צעשעדיקן.

...נעקראַסאָוו האָט געגעבן עטלעכע אָפּגעהאַקטע פײַפן — אַזוי פײַפן די מיליציאָנערן אין די שטעט. טייקעף נאָך דעם האָבן זיך דערהערט אַלאַרמירנדיקע קלעפּ אין אַ רעלס. די מענטשן האָבן אין איין אויגנבליק אָפּגערייניקט דאָס אײַז פונעם דורכגוס און דעם גאַנצן בוינג־פּלאַץ. אויפן ברעג זײַנען פאַרבליבן בלויז נעקראַסאָוו און דער טויבער סמעלאָוו — זיי זײַנען אַרײַנגעקראָכן אין דעם בלינדאַזש, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן, קעדיי צו קענען פון אים באַאָבאַכטן, באַם סאַמע ראַנד פונעם אײַז.

באַטמאַנאָוו האָט דערלויבט אָפּצושטעלן די אַרבעט אויך די, וועל־כע האָבן זיך ניט געפונען דירעקט נאָענט צום אָרט פון דער עקספּלאָזיע. עטלעכע הונדערט מענטשן זײַנען אַרויפגעגאַנגען אויף דער סאָפּקע הינטער דעם יישעוו. די גאַנצע סאָפּקע האָט זיך אַ באַוועג געטאָן און אָנגעהויבן

טומלען. נידעריקער, אַפֿן שיפּוע, זײַנען געשטאַנען באַטמאַנאָוו, בערידזע און קאָוושאָוו.

מאַכאָוו, וועלכער האָט אַלץ באַאָבאַכטעט האָט, אַן אויפֿגערעטער פֿון דערוואַרטונג, מיט אַ שמייכל אַ ווײַז געטאָן אַף זיי מוסיאַ קוטשינאַן און סאָלנצעוון:

— זיי שטייען ווי דרײַ ריטער־העלדן!

אין די ווײַסע פּאָלושובאָקס, אײַנגעצויגענע מיט רימענס און העל־מען־אַרטיקע היטלען מיט לאַפּנס האָבן זיי בעעמעס דערמאָנט לעגענדאַרע ריטער: דער הויכער און פֿעסטער באַטמאַנאָוו, דער קרעפּטיקער שוואַרץ־באָרדיקער בערידזע און דער שלאַנקער קאָוושאָוו. עס האָבן בלויז געפֿעלט פֿאַנצערס און שווערדן.

ס'איז צו זיי אַרויפֿגעגאַנגען, קרעכצנדיק, טאָפּאָליעוו. ער האָט זיך אויסגעגלײַכט פֿאַרן נאַטשאַלניק פֿון דער בוױנג און מיט אַ ביסל אַלט־מאָדישער פֿײַערלעכקייט אַ זאָג געטאָן:

— איך גיב אײַך מײַן בראָכע צו סיגנאַליזירן די עקספּלאָזיע, וואַ־סילי מאַקסימאָוויטש.

דער אַלטער האָט זיך דענערווירט און שוין צו אָפּט זיך צוגעבויגן צו דער זילבערנער טאַבאַק־פּושקע מיט דער אָטעם־פּאַרע, וואָס קושט זיך מיטן פֿאַרצעלײַענעם דעקל. אַלעקסיי האָט אים צוגעצויגן צו זיך און אײַנגערוימט אַפֿן אויער:

— ס'האָט זיך מיר דערמאָנט איינע אַ פֿראַזע: „אַ סאָף! איך האָב מײַנס דערפֿילט אין לעבן. איך דאַרף גאָרניט האָבן. כ'בין פֿאַראינטערע־סירט אין אַ רויקער עקזיסטענץ". וואָסער אַלטער מאַן האָט דאָס געזאָגט?

קוזמאַ קוזמיטש האָט זיך פֿאַרהוסט פֿון געלעכטער אַרויס און, באַ־רירנדיק מיט די וואָנסעס אַלעקסייס באַק, געענטפֿערט:

— אַן אָפּמאַך איז טײַערער פֿון געלט, ליבינקער. אונדזער אינטימער שמועס האָט זיך דעמאָלט פֿאַרענדיקט מיט אַ קלינג פֿונעם טעלעפֿאָן. איך בין זיך מוידע, אַליאָשאַ: איך ציטער מיט יעדן נערוו. איך האָב שוין אַזויפֿיל עקספּלאָזיעס דורכגעפֿירט אין לעבן, און זיך נאָך אַלץ צו זיי ניט צוגעוווינט. און הײַנט איז אַ ספּעציעלע עקספּלאָזיע: אָדער איר וועט טאָפּאָליעוון דריקן די האַנט, אָדער איר וועט אים אָפּגעבן אין אַרכיוו, ווי אַ זאָקן, וואָס טויג שוין צו גאָרניט.

באַטמאַנאָוו האָט אַרויסגענומען פֿון קעשענע אַ רעוואָלווער. אַלע האָבן פֿאַרקישעפּט נאָכגעשפּירט, ווי ער האָט פּאַמעלעך אויפֿגעהויבן די האַנט.

אַ שאָס! אַף אַן אויגנבליק איז אַנטשטאַנען אַ טויטע שטילקייט. עס האָט זיך בלויז געהערט טאָפּאָליעווס פֿאַרגיכערט אָטעמען. אינעם בלינ־דאַזש האָט נעקראַסאָוו אײַנגעשלאָסן דעם קאָנטאַקט, און אַן אומבאַמערקט קורצער צײַט האָט דער עלעקטרישער שטראָם דערגרייכט די צינד־קאַפּסולן

אַף די עקן פֿון די דראָטן. — און די ערד האָט אויפֿגעציטערט, דאָס צעבראָכענע אײַז האָט זיך פֿאַרטויבנדיק צעקראַכט, די לופֿט האָט זיך צעוויגט. איבערן דורכגוס האָט אַ פֿלי אַרויף געטאָן אַ מאַסע פֿון וואַסער, שניי, אײַז און ערד, איז אַף אַן אויגנבליק געבליבן הענגען הויך אין דער לופֿט און, ביסלעכווײַז פֿאַרשנעלערנדיק דאָס פֿאַלן, אַ זעץ געטאָן אַראָפּ.

נעקראַסאָוו, שיר אַ פֿאַרטויבטער, האָט דערזען פֿונעם בלינדאַזש דעם גרונט, וואָס האָט זיך אַנטבלויזט, טיף צעשניטן פֿונעם אויפֿרײַס. אין דער טראַנשיי זײַנען אויפֿגעשווײַנז געלעגן וואַסער־געוויקסן און צאַפּלענדיקע פֿיש. עס זײַנען אַריבער סעקונדעס, צענדליקער סעקונדעס, און דאָס וואַסער, פֿונאַנדערגעטריבן דורכן אויפֿרײַס, האָט זיך אַלץ נאָך ניט אומגעקערט אַף זײַן אָרט. ענדלעך האָט זיך עס מיט אַ רויש צונויפֿגעשלאָגן, פֿאַרדעקנדיק מיט זיך דעם גרונט.

די מענטשן אַף דער סאָפּקע האָבן זיך אַ באַוועג געטאָן, געשריגן און געפּאַטשט מיט די הענט, האַגאַם זיי האָבן נאָך ניט געוווּסט דערווײַל די רעזולטאַטן פֿונעם אויפֿרײַס.

עס זײַנען נאָך געפֿלויגן אין דער לופֿט שטיקלעך ערד און אײַז, ווי קאָווּשאָוו האָט אַ כאַפּ געטאָן קוזמאַ קוזמיטשן אונטער דער האַנט און אַראָפּגעלאָפֿן פֿון באַרג. צעטרעטנדיק דעם שניי, האָט זיך אויך אַ לאָז געטאָן אַראָפּ דער טומלענדיקער צעקאָכטער אוילעם בוי־אַרבעטער.

אָפּן ברעג — ווי נאָך אַ שטורעם: — די פֿעלדזיקע אויסשטאַרצן זײַנען פֿאַרגאָסן מיט וואַסער, אײַז־שטיקלעך, שטיקער שליימיקע ערד, וואַסער־געוויקסן און טויטע פֿיש. דעם גרויען אײַנטאָניקן שטעטך פֿונעם דורכגוס האָט איבערגעשניטן אַ ריזיקע צעריסענע וווּנד פֿון אַן אײַז־עפֿענונג.

קאָווּשאָוו און טאָפּאָליעוו זײַנען צוגעלאָפֿן צום קאַנאַל, אין וועלכן עס איז נאָרוואָס פֿאַרשוווּנדן דער קײַלעכאַרטיקער סקאָפֿאַנדר פֿונעם טויכער.

— ס'איז דאָ אַ טראַנשיי! אַ גלײַך־גלײַכיקע! געזען מיט די אייגענע אויגן! — האָט זיי נעקראַסאָוו נאָכגעשריגן.

באַטמאַנאָוו און בערידזע זײַנען צוימענדיק דעם אומגעדולד, געגאַנגען פּאַמעלעך צום דורכגוס, אַלע האָבן זיי איבערגעיאָגט. באַטמאַנאָוו האָט געזאָגט, אַז ער האָט זיך צו לאַנג פֿאַרהאַלטן אָפּן באַצירק און עס איז שוין צײַט זיך אומצוקערן קיין נאָווינסק. בערידזע האָט צעטראָגן אויסגעהערט — ער איז געווען אומגעדולדיק צו דערוויסן זיך, וואָס פֿאַר אַ רעזולטאַטן עס האָט געגעבן דער אויפֿרײַס.

— באַנאַכט האָט מען מיר מיטגעטיילט, אַז פּיסאַרעוו האָט זיך נאָכגעפֿרעגט, צי איך בין דאָ און ווי לאַנג איך וועל זיך פֿאַרהאַלטן, — האָט באַטמאַנאָוו ווײַטער גערעדט. — זאָל דאָס באַדײַטן, אַז איך דאַרף זיך

אַבּלן אין דער פֿאַרהאַלטונג, אָדער, פֿאַרקערט, מען דאַרף זיך פֿאַרהאַלטן? צי טראַכט ער ניט צו קומען נאָהער צו פֿאָרן?

— ס'וואָלט גוט זײַן, ער זאָל קומען צו פֿאָרן. מיר וועלן אָפּן אָרט באַווײַזן און אַרומריידן אַלע אַנדערע גויטן, — האָט בערידזע געזאָגט.

אין שמועס האָבן באַטמאַנאָוו און בערידזע ניט גלײַך באַמערקט טאַפּאַליעוו, וועלכער איז זיי אָקעגנגעלאָפֿן. קוזמאַ קוזמיטש האָט זיך געשטרויכלט, אײַן מאָל נאָכאַנאַנדערגעפֿאַלן... זיי האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו אים:

— דער אַלטער נעבעך, ס'איז עפּעס געשען. צי האָט זיך מיט דער טראַנשײַ ניט אײַנגעגעבן? — האָט זיך באַטמאַנאָוו באַאומרויקט.

טאַפּאַליעוו איז קוים אַרויפֿגעפֿאַלן בערידזען אויף די הענט. ער האָט ניט געקענט ריידן, אַ כריפּעניש און פֿײַפֿן האָבן זיך אים אַרויסגעריסן פֿון דער ברוסט.

— מען דאַרף ניט אַזוי, קוזמאַ קוזמיטש, טײַערער, — האָט באַטמאַנאָוו ווייך געזאָגט, אונטערהאַלטנדיק טאַפּאַליעוון אונטער די הענט. איר דאַרפֿט ניט לויפֿן, אַפֿילע אויב ס'איז עפּעס געשען. עס וועט זיך טאָמיד געפֿינען עמעצער אַ ייִנגערער.

— מען דאַרף... דאַווקע אַליין!... — האָט טאַפּאַליעוו שווער און אָנגעשטרענגט אַרויסגערעדט. — נעקראַסאָוו האָט געזען... ס'איז דאָ אַ טראַנשײַ! אויסגעגראָבן, ווי מיט אַ לאָפּעטקע... אַ גלײַכינקע אָט... האָב איך זיך דערפֿרייט... איך ראַפּאָרטיר... כ'האָב אײַך ניט אונטערגעפֿירט...

— אַ דאַנק אײַך, קוזמאַ קוזמיטש! — האָט באַטמאַנאָוו באַדאַנקט מיט האַרץ. — ערשט איז די אויפֿגאַבע פֿונעם דורכגוס, קען מען זאָגן, געלייזט.

שנײַצנדיק הויך די נאָז אין אַ טיכל אַרײַן, האָט דער אַלטער געבאַסעוועט:

— עס וואָלט זיך וועלן מאַכן ווײַטערדיקע עקספּלאָזיעס. עס זאָל אַלץ פֿאַראַמאָל. אָבער אַף יעדער אײנער מוז מען האָבן ניט ווייניקער פֿון דרײַ־פֿיר טעג. עס פֿאַלט שוין צו די נאַכט, — גוט, וואָס מיר האָבן כאָטש איינע הינט באַוויזן.

באַטמאַנאָוו האָט זיך פֿאַרוווּנדערט אַרומגעקוקט:

— ווי שנעל דער טאָג איז אַריבער!

אַרומגערינגלט פֿון די אינזשעניערן און די אַרבעטער, איז דער נאַטשאַלניק פֿון דער בוירונג באַהיט געגאַנגען לענגאויס דער ברייטער, עטלעכע מעטערדיקער אײַנז־עפּענונג. עס זײַנען זיך פֿון איר צעגאַנגען אין פֿאַרשיידענע זײַטן געשלענגלטע פּלאַץ־ליניעס. אַ פּאַרע האָט זיך אין

קנוילן צערויסגעקנייקלט פֿון דער אײַנרעפּענונג און זיך געשפּרייט איבערן אײַז.

— פֿון דער עקספּלאָזיע איז דאָ נאָך אַ פֿאַרדינסט, וואָס מען וועט ניט דאַרפֿן האַקן דאָס אײַז אויף אַראָפּצולאָזן די רערן: דער קאַנאַל איז פֿאַרטיק, — האָט געזאָגט דער הויפּט־אינזשעניער.

ס'איז צו אים צוגעגאַנגען אומאַרע מוכאַמעט און אים אָנגערירט די פּלייצע:

— כאָזער בערידזע, גענוג צו קוקן, איכ'ל אָנהייבן שווייסעווען די רערן.

מיט אַ טאָג פֿריִער האָט בערידזע צוגעזאָגט אומאַרען אָנצוהייבן דאָס שווייסעווען גלײַכצײַטיק מיט די עקספּלאָזיעס. מ'האָט אָבער ניט באַוויזן צוצוגרייטן די אויסשטאַטונג פֿאַר דעם עלעקטרישן שווייסעווען, דערצו האָבן די קלאַפּאָטן אַרום דער ערשטער עקספּלאָזיע אײַנגעשלונגען די גאַנצע אויפֿמערקזאַמקייט פֿון די אינזשעניערן — ווען אומאַרע מוכאַמעטן האָבן זיי פֿאַרגעסן.

— די טראַנספֿאָרמאַטאָרס צום שווייסעווען דאַרף מען נאָך קאָנטראָלירן, — האָט בערידזע געזאָגט. — ווען מירן אַלץ צוגרייטן ווי ס'דאַרף צו זײַן, וועלן זיי פֿאַרגעסן.

— גוט, שווייסעווען מיט עלעקטריע וועלן מיר שפּעטער אָנהייבן. און שווייסעווען מיט גאַז? פֿאַרוואָס קען מען ניט? — איז אומאַרע ניט אָפּגעטראָטן. — קאַרביד איז דאָ, זויערשטאָף איז דאָ, אַלץ איז בײַ מיר צוגעגרייט.

— ס'איז שוין שפּעט, טײַערער. ס'פֿאַלט צו די נאַכט. האָב געדולד ביז מאָרגן.

— ביז מאָרגן? — האָט זיך אומאַרע דערשראָקן. — כ'האָב אַזוי לאַנג געוואַרט! — שוין עטלעכע כאָדאָשים קיין פֿײַער אין די הענט ניט געהאַלטן! כ'בין אינגאַנצן דורכגעפֿרוירן, די נעשאָמע געפֿרוירן! קיין נעכט ניט געשלאָפֿן — געטראַכט, ווי כ'על אָנהייבן שווייסעווען...

בערידזע האָט זיך איבערגעקוקט מיט באַטמאַנאָוון, טאָפּאָליעוון און קאָוושאָוון — זיי האָבן געשמייכלט מיט די קאַלטע ליפּן. אומאַרע האָט אַריבערגעפֿירט אַ בעטנדיקן בליק פֿון איינעם אויפֿן אַנדערן.

— מען דאַרף דערלויבן, גריגאָרי דאַווידאָוויטש, — האָט טאָפּאָליעוו ניט אויסגעהאַלטן. — קוים האָט מען שוין באַשלאָסן אָנצוהייבן דאָס שווייסעווען הײַנט, דאַרף מען זיך ניט צוריקציִען.

— גוט, איר האָט געפֿויעלט בײַ מיר. נעם זיך צו דער אַרבעט, אומאַרע!

— דאַנק, נאַטשאַלניק! גרויסן דאַנק! — על אײַך דערפֿאַר געבן מאַטאַנע! — האָט דער שווייסעווער אַ געשריי געטאָן און אַוועקגעלאָפֿן צום ברעג.

אַפן ריזיקן פּלאַץ צום שווייסעוועץ זײַנען געלעגן אויסגעלייגט אַף
הילצערנע אונטערלאַגן דרײַ זייער לאַנגע רערן־שנורן מיט די באַהעפטן
איינע צו דער אַנדערער. לעבן איינער פון די שנורן איז געשטאַנען אָר־
מאַרע מוכאַמעטס גאַז־אַגרעגאַט צום שווייסעוועז. זײַן בריגאַדע — דער
הויכער פריילעכער גוואַר וויאַטקין, אומאַרעס געהילף, און נאָך דרײַ אַר־
בעטער — האָט געוואַרט אַף איר עלטסטן.

אומאַרע האָט אין גאַנג אויסגעשויגן די באַפעלן. די געהילף־אַרבע־
טער האָבן זיך אַ נעם געטאָן אויסגלײַכן מיט שטאַנגען די ערשטע צוויי
רערן. דער עלטסטער האָט אויפמערקזאַם באַטראַכט די ראַנדן פון די
רערן, וועלכע זײַנען שוין אָפּגערייניקט געוואָרן ביז גלאַנץ, און גענומען
פונעם געהילפס האַנט דעם צינדער — פון אים צום אַגרעגאַט האָבן זיך
געצויגן צוויי גומע־שלאַנגען. דער שווייסעווער האָט אַראָפּגעבויגן דעם
שנאָבל פונעם צינדער צו דער מעטאַלענער באַנקע, וואָס איז געלעגן אַף
דער ערד, אין וועלכער עס האָבן געטליִעט שמאַטעס דורכגעזאַפּטע מיט
שמירעכץ. עס האָט אויפגעפלאַמט אַ ציטעריק צינגל פון אַ בלוילעכן פלאַם.
אומאַרע האָט אײַנגעשלאָסן דעם זויערשטאָף, אַ שטאַרקער שטראָם פײַער
האָט זיך מיט אַ פּאַרטויבנדיקן קלאַנג, ענלעך אַף אַ שאָס, אַרויסגעריסן
פון דער אונטערשטער סקופּקע און זיך צעציטערט אין אומאַרעס הענט.
ער האָט אַ געשריי געטאָן פון היספּײַלעס און, איבערוואַרפנדיק דעם ציג־
דער פון איין האַנט אין דער אַנדערער, אַ שפּיל געטאָן מיטן ריטשענדיקן
פײַער.

אומאַרעס פּאָנעם איז אויגנבליקלעך ערנסט געוואָרן: „אַ שפּאַס אַף
אַ זײַט, ס'הייבט זיך אָן די אַרבעט". ער האָט אויסגערעגולירט דעם פלאַם,
מיט אַ לײַכטער באַוועגונג פון דער לינקער האַנט אַראָפּגעלאָזט אַפן
פּאָנעם די מאַסקע, גענומען באַם געהילף אַן אײַזערן פּרענטל און צוגע־
טראָטן צום שווייסעוועז.

אונטערן פלאַם־שטראָם האָט זיך אַפן מעטאַל באַוויזן אַ רויטער
פלעק, ער איז שנעל ווײַס געוואָרן. דער שווייסעווער האָט אונטערגע־
שטעלט אונטערן פײַער דאָס פּרענטל, און דער צעשמאָלצענער מעטאַל
האָט אין איין פּונקט אָנגעפילט דעם בלויז צווישן די רערן. דערנאָך האָט
אומאַרע געמאַכט נאָך צוויי אַזעלכע „פּונקטן" אַפן קרײַז פון דער נאָט —
דערמיט האָט ער באַהאָפטן די רערן. נאָך דעם האָט דער שווייסעווער
פאַמעלעך געפירט דעם צינדער פון אונטן אַרויף אין דער זײַטיקער זײַט
פונעם באַהעפט. דורכגעגאַנגען אַ פערטל פונעם קרײַז, האָט אומאַרע אַרי־
בערגעשפּרײַזט איבער די רערן און ווײַטער געשווייסעוועט אַף דער צוויי־
טער זײַט.

ערשט זײַנען נאָך פאַרבליבן ניט צוזאַמענגעשווייסעוועט דער אויבן
און דער אונטן פונעם באַהעפט. אומאַרע האָט בלויז אַ קוק געטאָן אַף
די געהילפן, און זיי האָבן גלײַך אָנגעהויבן איבערדרייען די רערן: די צו־

זאַמענגעשווייסעוועטע ערטער זײַנען געווען אויבן און אונטן, די ניט צוזאַמענגעשווייסעוועטע — אין די זײַטן.

— אַט, וואַסילי מאַקסימאָוויטש, האָבן מיר זיך דערוואָרט: אומאַרע מוכאַמעט שווייסעוועט לויטן מעטאָד פון איבערדרייען באַם דורכגוס, — האָט בערידזע אַ זאָג געטאָן.

— דער ערשטער באַהעפט, — האָט זיך גערעגט אָפּגערופן דער נאַטשאַלניק פון דער בויונג. — דער אָנהייב...

אַרום אומאַרען איז געשטאַנען אַן אוילעם, באַלויכטן איגעם בײַן האַשמאַשעס מיט אַ שאַרער בלייער שײַן. די מענטשן האָבן אָנגעשטרענגט געקוקט אַף דעם קליינעם יאָדערדיקן שווייסעווער. עס איז זיי, די דורכגעפּרוּוירענע ביז די ביינער אין מעשעך פונעם טאָג, וואַרעמער געוואָרן לעבן דם דאָזיקן מענטשן, ווי ער וואָלט געוואַרעמט מיט דעם זעלבן לויטערן פײַער, ווי דאָס וואָס האָט געררוישט אין זײַנע הענט.

לעסאָף איז אומאַרע אָפּגעשפּרונגען פון דער רער און האָט לײַכט צוריקגעוואָרפן אַרויף די מאַסקע. ער האָט פריילעך אַ קוק געטאָן אַף באַטמאַנאָוון, אַף בערידזען און געגאַנגען לענגאויס דער רערן־ליניע.

— וואַסילי מאַקסימאָוויטש! — האָט ער אַ געשריי געטאָן, זיך כאַפּנדיק. — דעם לעצטן באַהעפט וועל איך אויך צוזאַמענשווייסעווען. גיב אַ וואָרט!

— גוט, כ׳גיב אַ וואָרט!

די אַרבעטער האָבן אונטערגערוקט די ווײַטערדיקע רער. דער שווייסעווער האָט אַלץ געקוקט אַף באַטמאַנאָוון און בערידזען און אונטערגעשמייכלט. ווען די רער איז שוין געווען צוגעגרייט, האָט ער פאַרדעקט דאָס פּאָנעם מיטן באַשיצערל און זיך גענומען שווייסעווען דעם צווייטן באַהעפט.

אַלעקסיי האָט מיט אַ לאָמטערנדל אין האַנט גענוי באַטראַכט די רערן, וואָס אומאַרע האָט פאַרשווייסעוועט. איבערגעפירט די אויפגעגלאַנצטע אויגן איבערן שווייסעווערס פּאָנעם, האָט ער מיט אַ מאַך פון דער האַנט צוגערופן באַטמאַנאָוון, בערידזען און די איבעריקע. פירנדיק דעם פינגער איבערן קרײַז פון דער רער, האָט אַלעקסיי הויך איבערגעלייענט:

— „זאָל לעבן אונדזער מאָסקווע! רום דעם גרויסן סטאַלינען! מיר וועלן זיגן! יאַנואַר 1942".

מיט די דאָזיקע ווערטער, וואָס זײַנען אַף אייביק מיט פײַער אײַנגעשריבן געוואָרן איגעם מעטאַל פונעם ערשטן באַהעפט, האָט דער שווייסעווער אומאַרע מוכאַמעט געלייגט דעם אָנהייב פון דער נאַפטלייטונג.

קאַפּיטל דריי

ווי ווערט אויסגעלייגט אַ נאַפּטלייטונג

די בוי־אַרבעטער האָבן זיך נאָכאַמאָל אויפגעהויבן אַף דער סטאַפּקע, קעדיי צו באַאָבאַכטן פון אַ זיכער אָרט די עקספּלאָזיע. ווען זיי האָבן איינצײַטיק אויפגעהויבן די קעפּ צום הימל, נאָכשפּירנדיק די מאַסע וואַסער און ערד פונעם יאַם־באָדן, וואָס האָט זיך אַ ריס געטאָן אין דער הייך, האָבן זיי דערזען פונקט איבערן דורכגוס אַן עראָפּלאַן. די אויפרײַס־כוואַליע האָט אים צעטרייסלט, ער האָט אַ צאַפּל געטאָן, ווי אַן אויסטערגעשאָסענער פויגל, נאָר ווי עס איז זיך אויסגעגלײַכט און גענומען זיך אַראָפּלאָזן. באַטמאַנאָוו און בערידזע האָבן זיך מיט פענד געלאָזט אַראָפּלויפן פונעם באַרג.

דער עראָפּלאַן האָט לײַכט געלאַנדעט אַף דעם אײַנגעוואַלצעוועטן פּאַס פונעם אײַז־וועג. עס זײַנען פון אים אויסגעשטיגן דודין, פּיסאַרעוו און זאַלקינד. דער סעקרעטאַר פונעם קאַנטקאָם און דער באַפולמעכטיקטער פונעם מעלוכישן פּאַרטיידיקונגס־קאָמיטעט זײַנען געווען אין אַלצאיינע בעקעשעס פון שוץ־קאָליר, מיט קעלנער פון גרויען קאַראַקול, און אין אַלצאיינע גרויע פּאַפּאַכעס.

— דו ביסט מעקאַבל־פּאָנעם גאַסטפרײַנטלעך, ניטאָ וואָס צו זאָגן. אַ סאַלוט פון טויזנטער האַרמאַטן! — האָט זאַלקינד אַ שפּאַס געטאָן, באַמערקנדיק וואַסילי מאַקסימאָוויטשעס אויפגערעגטקייט.

— איך פאַרשטיי ניט, ווי דאָס איז געשען, — האָט באַטמאַנאָוו געזאָגט, זיך אויסגלײַכנדיק פאַר פּיסאַרעוון.

יענער האָט אים דערלאַנגט די האַנט, קוים שמייכלענדיק:

— מיר זײַנען אַליין שולדיק, מיר האָבן אײַך ניט באַצײַטנס מיטגעטיילט.

— ס'איז גאָרניט געשען. ס'האָט לײַכט אַ טרייסל געטאָן. אונדזער פּילאָט איז אַ גוטער, ער האָט זיך ניט פאַרלוירן, — האָט דודין צוגע־

געבן, זיך אַרומקוקנדיק. — דערציילט, כאַווער מאַטמאַנאָוו, ווי איר באַלעבאַטעוועט דאָ...

דער סעקרעטאַר פונעם קאַנטקאָם און דער באַפּולמעכטיקטער, באַגלייט פון באַטמאַנאָוון און בערידזען, זיינען לאַנג אַרומגעגאַנגען איבערן באַצירק. זיי זיינען געווען אַפן פּלאַץ צום שווייסעווען, און אינעם ייִשעוו, און אין די פונדאַמענט־ראָוועס, געשמועסט מיט די אַרבעטער, מיט די אַרבעטער־עלטסטע...

— דאָס לעבן האָט זיך פונאַנדערגעוויקלט ווי עס דאַרף צו זיין, כוואַטן, — האָט דודין אַ זאָג געטאָן לויבנדיק, ווען די אינספּעקציע איז געווען פאַרענדיקט.

זיי זיינען אַריינגעגאַנגען אינעם „עלטסטן־הויז“ — אַזוי האָט זיך איצט גערופן קאָטליאַרעווסקיס הייזל, וואָס איז געווען פאַרנומען פון די אינזשעניערן. ניט לאַנג צוריק איז אַהער אַריינגעלאָפן אַלעקסיי — קאָנטראָלירן עפּעס אין די צייכענונגען. ער האָט אַפילע ניט געהאַט קיין צייט זיך אויסצוטאָן, און געמאַכט די אויסרעכענונג שטייענדיק איינגעבויגן איבערן טיש. ער האָט געוואָלט אַרויסגיין, נאָר דודין האָט אים פאַרהאַלטן.

— איך קען זיך לאַכלוטן ניט פאָרשטעלן, אַף וואָס פאַר אַן אויפן איר וועט איבערפירן פונעם ברעג אַפן אינזל די האַלבקילאָמעטערדיקע סעקציעס פון דער רערן־לייטונג, — האָט דודין אַ זאָג געטאָן, זיך ווענדנדיק צו אים. — דאָס איז דאָך אַ מאַכינע! און ווי וועט איר זיי אַראָפּלאָזן אינעם דורכגוס?

דודין האָט זיך אויסגעטאָן, און נאָך אים די אַנדערע. אויך אַלעקסיי האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם פּאָלושובאָק, פונאַנדערגעלייגט איבערן טיש די צייכענונגען און אָנגעהויבן דערקלערן. דער סעקרעטאַר פונעם קאַנטקאָם און דער באַפּולמעכטיקטער האָבן אים געהערט אויפמערקזאַם. דודין איז צוגעגאַנגען און איבער אַלעקסייס אַקסל אַ קוק געטאָן אין דער צייכענונג. פּיסאַרעוו האָט, ליכט איינבייגנדיק דעם גרויסן קאָפּ און ניט אַוועקנעמענדיק פון קאָוושאָוון דעם דורכדרינגענדיקן בליק, אַ פרעג געטאָן:

— ווי זיינען טעכניש באַגרינדעט די אַרבעט־טערמינען באַם אויסלייגן די נאַפטלייטונג אינעם דורכגוס? ווי זיינען אויסגערעכנט די רעסורסן — צי וועלן קלעקן אַרבעטס־הענט, מען זאָל גלייכצייטיק קענען אָנגיין מיט דער בויונג פון דער פּאָמפּע־סטאַנציע? מיט וואָס פאַר אַ טעכנישע מיטלען וועט באַאַרבעט ווערן דער אינדזל־באַצירק?

אַלעקסיי האָט געכאַפּט אַ קוק אַף באַטמאַנאָוון, זאַלקינדן און בערידזען, וועלכע זיינען געזעסן אין אַ זייט. מ'האָט פון אים, אייגנטלעך, געפאָדערט אַ גאַנצן רעפעראַט. דער פּאַרטאָרג האָט צוגעשמייכלט, און בערידזע האָט קאָמיש געצויגן מיט די אַקסל: דריי זיך אַרויס, ברודער, ווי דו קענסט!

די אָנפירער פון דער בויונג האָבן געזען, אַז דודין און פּיסאַרעוו

ווילן זיך אין איצטיקן פֿאַל, ווי פֿריִער אײנעם שמועס מיט די אַנדערע אַרבעטער, איבערצײַגן, אַז דער קאָלעקטיוו פֿאַרשטייט זײַנע אויפֿגאַבן.

— קוקט ניט אָף באַטמאַנאָוון און בערידזען, זיי וועלן אײַך ניט העלפֿן, — האָט דודין שפּאַסיק געזאָגט אַלעקסייען.

אַלעקסיי האָט גענומען פֿונעם טיש די נייטיקע מאַטעריאַלן און אויס־פֿירלעך רעפֿערירט וועגן דעם פּלאַן פֿון די ווינטער־אַרבעטן אָף די באַ־צירקן און דעם איגדזול. דעם דאָזיקן פּלאַן האָט ער געקענט אָף אויסנ־ווייניק אין אַלע פּראַטים און גערעדט זיכער, צום סאָף אַפּילע מיט ברען. אַלעקסייס רעפֿעראַט האָט, מאַשמאָעס, באַפֿרידיקט די געסט, — מער קיין פֿראַגן זײַנען ניט געקומען.

— פֿאַרוואָס האָט איר אונדז ניט דערציילט, כאַווער באַטמאַנאָוו, ווי ס'האָט אויסגעזען אָפּן באַצירק מיט צוואַנציק טעג פֿריִער? — האָט זיך פֿיסאַרעוו אַ וווּנד געטאָן צום נאַטשאַלניק פֿון דער בויונג. — איר האָט דאָ געטראָפֿן אַ שרעקלעך בילד? אַ כורבן, אַ סקאַנדאַל?

— קיין באַזונדער שרעקלעכס איז ניט געווען. איך געדענק שוין אַפּילע ניט, וואָס מיר האָבן דאָ געטראָפֿן. פֿאַרשטייט זיך, אַ ביסל האָט מען געמוזט צוהאָרעווען. דערויף זײַנען מיר דאָך געקומען צו פֿאָרן.

זאַלקינד האָט אים, שמייכלענדיק, אַ ריר געטאָן מיט דער האַנט פֿאָרן אַקסל:

— פֿאַרוואָס־זשע איז מערזליאַקאָוו אַרויסגעטריבן געוואָרן, וואַסילי מאַקסימאָוויטש? אויב עס זײַנען דאָ ניט געווען קיין אומאָרדענונגען, קומט דאָך אויס, אַז דו האָסט זיך מיט אים אומזיסט אָפּגערעכנט? פֿאַר־וואָס־זשע שטעלן מיר אים פֿאַר אַ געריכט? פֿאַרוואָס האָט אים די אָרטי־קע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע אויסגעשלאָסן פֿון צו זײַן אַ פּאַרטיי־קאַנדידאַט? מיר האָבן, אַגעוו, געזען מערזליאַקאָוון אָף דער טראַסע. ער האָט דער־לאַנגט פֿיסאַרעוון אַן אָנקלאָג אָף דיר פֿאַר ניט העפֿלעכער באַציִונג.

— איך בין נאָך געווען צו דעליקאַט מיטן דאָזיקן שווינדלער, — האָט באַטמאַנאָוו דורכגעזייט צווישן די ציין. — ער האָט זיך אײַנגעשאַפֿן לעבן אָקעאַן אַ באַלגופֿישע ווירטשאַפֿט, זיך אָפּגעצאַמט פֿונעם באַצירק מיט אַ מיטלאַלטערלעכן פֿאַרקאַן, קיין צײַט ניט געהאַט זיך צו באַשעפֿ־טיקן מיט דער בויונג. נו, האָב איך אים באַפֿרײַט... זאָל ער איצט אָף דער פֿרײַהייט פֿאַשען די קו און די כאַזיירים...

— דו האָסט דאָך אָבער צוגענומען בײַ אים די קו מיט די כאַזיירים! האָסט אים געלאָזט אַ הוילן איבער דער וועלט! ווו וועט זיך איצט דער מענטש אַהינטאָן? — האָט דער פּאַרטאָרג איראָניזירט.

— כאַווער זאַלקינד האָט אײַך געבראַכט אַ שיינע מאַטאָנע, — האָט זיך דודין דערמאָנט.

דער פּאַרטאָרג האָט אַרויסגענומען פֿון דער טעקע אַ טעלעגראַמע פֿון כאַווער סטאַלין: „נאָווינסק באַם אַדנן פֿאַרוואַלטונג פֿון נאָווינסקער

בוידונג דעם טראַקטאָריסט סילין סעמיאָן אילאיטש. איך דאַנק אײַך, סע־ טעמיאָן אילאיטש, און אײַער פרוי פאַר אײַער פאַטריאָטישער זאָרג וועגן דער רויטער אַרמיי. סטאַלין״. אַן אָנגעלייגטע מאַטאָנע איז אויך געווען אַ נומער פון דער קאַנטישער צײַטונג מיט אַן אַרטיקל וועגן די בוי־אַרבע־ טער פון דער נאַפטליטונג.

— מיר וועלן צונויפרופן אַ מיטינג, פאַרלייענען עס פאַרן גאַנצן אוילעם, — האָט באַטמאַנאָוו געזאָגט, איבערגעבנדיק די טעלעגראַמע און דאָס אַרטיקל די אינזשעניערן.

בערידזע האָט אונטערגעשטראָכן מיטן נאָגל אין דער צײַטונג עפּעס אַ שורע, און אַלעקסיי האָט אויפגעשײַנט, אויפכאַפּנדיק צווישן די נעמען פון די באַרימטע מענטשן פון דער בוינג, וואָס זײַנען אויסגערעכנט אין דעם אַרטיקל, אויך זײַן פאַמיליע־נאָמען. „דאָ, באַם אַדון, פאַרטיידיקן זיי דאָס פאָטערלאַנד״, — האָט דער קאָרעספּאָנדענט געשריבן.

מ׳האָט אַרויסגערופן סילינען.

— האָסט אַרײַנגעטראָגן געלט אַף אַ טאַנק ? — האָט זאַלקינד פריילעך געפרעגט.

— אַרײַנגעטראָגן, כאַווער פּאַרטאָרג.

— געשריבן צום כאַווער סטאַלין.

— געווען אַזעלכעס.

— איז נאַ דיר !

סילין האָט גענומען די טעלעגראַמע און זי שיר ניט אַראָפּגעלאָזט, ווען ער האָט טויפעס געווען, פון וועמען זי איז. דער טראַקטאָריסט האָט זי געלייענט און איבערגעלייענט, צוליב עפּעס וואָס זי איבערגעדרייט און באַטראַכט אַף דער צווייטער זײַט. זײַן פּאָנעם האָט אַף אַ קינדערישן אויפן טמימעסדיק איבערגעגעבן די געפילן, וואָס האָבן אים אויפגעברויזט. אין די אויגן האָבן אַ פינקל געטאָן טרערן. צוגעדריקט די טעלעגראַמע צום האַרצן, האָט ער זיך שווײַגנדיק אויסגעדרייט און אַרויסגעגאַנגען.

— איך פאַרשטיי, פאַרוואָס איר האָט קיין כיישעק ניט צו ריידן וועגן מערזליאַקאָוון, — האָט זיך פּיסאַרעוו געווענדעט צו באַטמאַנאָוון. — ביכ־ לאַל האָט איר בענויגייע אים געהאַנדלט ריכטיק, און איך בין ניט זיכער, אַז איך אַף אײַער אָרט וואָלט זיך מיט אים באַגאַנגען ווייכער. און איצט שטערט ער אײַך ניט מער, און איר האָט אין אים פאַרגעסן. אָבער ער עקזיס־ טירט נאָך, און מיר וועט אויסקומען ווי ס׳איז צו באַווירקן זײַן גורל. דערפאַר וויל איך אַף וויפל ס׳איז מעגלעך אויסקלאָרן מײַן באַציונג צום דאָזיקן מענטשן, איידער איך שטעל אים פאַרן געריכט...

באַטמאַנאָוו האָט גוויוער געווען אין זיך דעם איבל, און אָנגעהויבן דערציילן וועגן מערזליאַקאָוון. ער האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר געפערלע־ כער פון אַן אָפענעם סוינע. ס׳איז ווייניק צו זאָגן: מערזליאַקאָוו האָט ניט דערפילט זײַן אויפגאַבע. ער, דער אַנפירער פונעם באַצירק, האָט

אַרויסגעוויזן גלײַכגילטיקייט צום גורל און די נויטן פון די מענטשן, וואָס זײַנען אים אונטערגעוואָרפן. די זאָרגן פונעם קאָלעקטיוו זײַנען אים ניט אָנגעגאַנגען, גלײַך זיי וואָלטן צו אים קיין שײַכעס ניט געהאַט. ער האָט זיך גלײַכגילטיק באַצויגן צו די קלאַנגען, וואָס האָבן זיך פאַרשפּרייט אַפן באַצירק וועגן דעם, אַז מאָסקווע איז קלוימערשט אײַנגענומען געוואָרן דורך די דײַטשן, און וועגן אַ קלוימערשטן איבערפאַל פון די יאַפּאַנער. אין אַזעלכע פאַר אַלעמען שווערע טעג האָט ער זיך פאַרנומען בלויז מיט זײַן ווילזײַן.

— מען דאַרף טיפער אַרײַנקוקן אין מערזליאַקאָווס פאַרגאַנגענהייט, — האָט דודין באַשלאָסן. — איך וועל זיך ניט וווּנדערן, אויב מיר וועלן דאָרט געפינען אַ וועלכע ס'איז וואָרצלען פון זײַן הײַנטיקער אויפפירונג. ניט איר האָט באַשטימט מערזליאַקאָוון פאַר אַ נאַטשאַלניק פון אַ באַצירק, כאַווער באַטמאַנאָוו, נאָר זאָל אײַך זײַן געשיכטע דינען ווי אַ לעקציע. מען דאַרף זייער גוט קענען אַ מענטשן, האָבן צו אים שטאַרקן צוטרוי, איידער מען רוקט אים אַרויס פאַר אַן אָנפירער. מיכאַיִל באַריסאָוויטש האָט מיר דערציילט וועגן יעפימאָוון — דאָס איז זייער אַ טרויעריקער פאַל! און מערזליאַקאָוו — דאָס איז נאָך אַ צען מאָל מער טרויעריקער פאַל! צום באַדויערן, רוקט מען בײַ אונדז אַרויס ניט זעלטן מענטשן, ניט האָבנדיק זיי פריִער אויסגעשטודירט, און צײַטנווײַז, וואָס מ'האָט זיך צו זיי פּאַשעט ווייניק צוגעקוקט: „עפּשער וועט ער טויגן, דוכט זיך, ניט קיין שלעכטער יונג"; וואָס עס באַקומט זיך דערפון, האָבן מיר זיך אַלע הײַנט איבערצײַגט, בעת מיר זײַנען געגאַנגען איבערן באַצירק: וויפל אַרבעטער זײַנען אַרויס מיט טענות בענויגייע מערזליאַקאָוון!... רעדט ווײַטער, כאַווער באַטמאַנאָוו, — האָט דודין אַ ריר געטאָן וואַסילי מאַקסימאָוויטשן פאַר אַ קני.

— איך קען ניט אָנרופן מערזליאַקאָוון ווי דעם דירעקטן שולדיקן אין פּאַנקאָווס טויט. נאָר אין האַרצן האַלט איך: פּאַנקאָוו איז אומגעקומען צוליב אים.

בײַ באַטמאַנאָווס דאָזיקע ווערטער האָט זיך זאַלקינד האַסטיק אויפגעהויבן פונעם אָרט און אַן אויפגערעגטער אָנגעהויבן שפּרײַזן איבערן צימער. באַטמאַנאָוו איז אַנטשוויגן געוואָרן אינמיטן וואָרט און אויפגעהויבן אַף אים די אויגן. אויך די איבעריקע האָבן אַ קוק געטאָן אַפן פּאַרטאָרג.

— איך בין מיט אים געווען באַפרײַנדעט מער ווי צוואַנציק יאָר. איך פאַרדאַנק אים צוויי מאָל דאָס לעבן, — האָט זאַלקינד אָנגעהויבן ריידן. ער האָט זיך געענדערט אַפן פּנים און זיך פאַרקרימט, ווי פון ווייטיק. — אין איין און צוואַנציקסטן יאָר בין איך געווען אַ קאָמיסאַר פון אַ פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד, און די יאַפּאַנער און די ווײַסע האָבן געהאַט אַף מיר באַזונדערס אַן אויג, זיי האָבן זיך געיאָגט נאָך מיר, און איין

מאָל בין איך מיט עטלעכע פּאַרטיזאַנער אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ פּאַסטקע. עס זײַנען געווען אַ דרײַ הונדערט ווײַסע, און זיי האָבן אונדז שנעל אַרומגערינגלט. אַרויסצורײַסן זיך האָט זיך ניט אײַנגעגעבן, בלויז איין יאַט האָט באַוויזן אַרויסצוגליטשן זיך פֿונעם רינג. צו ראַטעווען זיך האָבן מיר ניט געהאָפֿט. מיר האָבן געשאָסן, זיך אָפּווערנדיק, באַהאַלטנדיק זיך אין ווינט־ברוך און זיך געגרייט דערצו, מיר זאָלן פֿאַר וואָס טײַערער אָוועקגעבן דאָס לעבן. ווי גאָר אומגעריכט פּלוצים איז אונטערגעקומען די יעשוע אין דער פּערזאָן פֿון קוזמיטש פּאַנקאָוו, וועלכער איז צאָרנדיק אָנגעפֿלויגן אַף די ווײַסע מיט אַ הײַפֿל פּאַרטיזאַנער, האָט אָנגעיאָגט אַף זיי אַ פּאַכעד און זיי פֿונאַנדערגעטריבן איבער דער טײַגע. דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן: פּאַנקאָוו האָט אויסגעפֿירט אַן איידעלן און געוואַגטן טאַט אַף אייגענער אַכראַיעס און ריזיקע, קעגן דעם באַפֿעל. דער קאָמאַנדיר האָט אים געשיקט בלויז אין אויסשפּיר און פֿאַרווערט אונטערצונעמען עפּעס וואָס אַליין. מיר האָבן דעמאָלט געשפּאָרט די קויכעס און יעדע אָפּעראַציע דורכגעפֿירט מיט אויסערסטער פֿאָרזיכטיקייט. פּאַנקאָוון האָט זיך אײַנגעגעבן אונדז צו באַפֿרײַען אָן קאָרבאָנעס, און ס'האָט געקענט געשען אַנדערש: ער זאָל אונדז ניט העלפֿן, און זיך מיט די כאַוויירים אומברענגען. די זיגער, נאַטירלעך, מישפּעט מען ניט, נאָר פּאַנקאָוו האָט פֿונעם קאָמאַנדיר אַרײַנגעכאַפּט. און איך הער ביז הײַנט סערגיי קוזמיטשעס ענטפֿער: „איך האָב אַזאַ כאַראַקטער, און איבערמאַכן אים קען מען ניט. אויב מענטשן זײַנען אין אַן אומגליק — מוז איך זיי העלפֿן, ניט שוינענדיק גאָרניט. איך וואָלט זיך פֿאַרשאָלטן אַפֿן גאַנצן לעבן, ווען איך וואָלט ניט געהאָלפֿן דעם קאָמיסאַר זאַלקינדן און זײַנע יאַטן!...“

זיך אײַנגעבויגן צו אַלעקסייען, האָט בערידזע פּלוצים אויפֿגערעגט אַ פֿליסטער געטאָן:

— אַליאָשאַ... איך האָב געהערט זאַלקינדן און ווי זיך איבערגעטראָגן אין די צײַטן פֿון פּאַדייעווס „צעגראָמירונג“. ס'האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז איך זע פֿאַר זיך לעווינסאָנען...

איבערגעראַשט פֿון דאָזיקן געדאַנק, האָט אַלעקסיי מיט בײַדע אויגן זיך אײַנגעקוקט אין זאַלקינדן, ווי יענער וואָלט בעעמעס געווען אַ העלד פֿון דעם בוך, וואָס איז אים באַקאַנט און נאָענט פֿון דער קינדהייט.

— דו, וואַסילי מאַקסימאָוויטש, האָסט זיך באַקענט מיט פּאַנקאָוון ערשט גאָרניט לאַנג, שוין ווי מיט אַ רײַפֿן מענטשן. און ביסט גערעכט: ער איז געווען קלוג און דערפֿאַרן. און אומגעבראַכט האָט אים, וואָרשײַנלעך, דער שטריך פֿון זײַן כאַראַקטער, וועלכן דו האָסט אין אים ניט געקענט. אין געוויסע פֿאַלן איז ער געווען היציק ביז עקסטרעם. ער האָט אַזוי ליב געהאַט מענטשן, זיי אַזוי מיטגעפֿילט, אַז ער איז פֿעיִק געווען צו באַגיין אַ נאַרישקייט, אויב ער האָט זיך דערוווסט, אַז ס'איז זיי שלעכט. און דאָ, אַז ער האָט דערהערט אין וועג פֿון דעם אָנבאַגעגנטן סאַנינען,

אַז ערגעץ ווו גייען מענטשן אויס, האָט ער שוין געטראַכט בלויז וועגן זיי. איך שטעל זיך אים פֿאָר אין יענעם מאָמענט, ווען ער איז געקומען צו מערזליאַקאָוון מיט דער פֿאָדערונג, ער זאָל צוזאַמען מיט אים פֿאָרן צו דער אומינסקער באַזע! עס בלײַבט איבער צו באַדויערן, וואָס אַנשטאָט דעם מענוּוול מערזליאַקאָוו האָט זיך דאָ ניט געפונען קיין אַנדערער מענטש, אַן אָרנטלעכערער און קלוגערער. ער וואָלט געטאָן, וואָס פּאַנקאָוו האָט געפֿאָדערט, און אַלץ וואָלט אַנדערש אויסגעזען: באַטמאַנאָוון וואָלט ניט אויסגעקומען צו דערווישן אַפֿן באַצירק קיין אומאָרדענונגען, און סערגיי קוזמיטש אַליין וואָלט ערשט געזעסן מיט אונדז...

— האָט איר זיך ענדגילטיק איבערצײַגט אין דער אומנוצלעכקייט פֿון ווײַטערע זוכונגען? — האָט דודין געפֿרעגט באַטמאַנאָוון.

— מ׳האָט געזוכט אומעטום, מ׳האָט דורכגעטרייסלט דעם גאַנצן ברעג. איך אַליין בין צוויי מאָל געגאַנגען. עס זײַנען ניט פֿאַראַן קיינע שפּורן.

— מיר וועלן טראַכטן וועגן זײַן פֿאַמיליע, — האָט פּיסאַרעוו געזאָגט. — ער האָט אַ זון, דוכט זיך, אַ מוטער און אַ שוועסטער?...

— זײַן זון וויל איך נעמען אין מײַן הויזגעזינד — האָט באַטמאַנאָוו דערקלערט און אַ קוק געטאָן אַף זאַלקינדן. דער פּאַרטאָרג איז געזעסן, אויסגעדרייט צום פֿענצטער.

— מען דאַרף אויך זאָרגן פֿאַר דעם, אַז עס זאָל איבערבלײַבן אַן אָנדענק וועגן פּאַנקאָוון, — האָט דודין באַמערקט. — איך וועל אַ טראַכט טאָן, ווי צו מאַכן עס בעסער.

— כאַווער באַטמאַנאָוו, — האָט פּיסאַרעוו איבערגעריסן די אײַנגעשטעלטע שטילקייט. — איך האָב גערעדט מיט אײַך אין רובעזשאַנסק, אַז איר דאַרפֿט זײַן באַזונדערס וואַכזאַם. די יאַפּאַנער אינטערעסירן זיך מיט דער באַפּטלייטונג, און אויב אַזוי, דאַרף טאָפּלט צוציִען זייער אויפֿמערקזאַמקייט טאַקע דער באַצירק באַם דורכגוס. איר ווייסט, עס געפֿעלט מיר ניט די מײַסע מיט די באַראַקן. ס׳איז שווער צו טראַכטן, אַז זיי זײַנען געווען צופֿעליק פֿאַרשפּאַרט פֿון אויסנווייניק בעייס דער פֿאַרזאַמלונג. מיר דוכט זיך, אַז ס׳וואָלט ניט שאַטן אַ קוק צו טאָן ערנסטער אויך אַף דער געשיכטע מיט פּאַנקאָוון — צי איז דאָס ווירקלעך אַן אומגליקס־פֿאַל, אָדער עמעצנס אַ בייזער טאַט? פּאַנקאָוו איז דאָך געווען אין דעם קאַנט אַ פּאָפּולערער מענטש און האָט געקענט עמעצן זײַן אַ שטערונג. איך וועל בעטן די כאַווײרים פֿון די זיכערקייט־אָרגאַנען טיפֿער אַרײַנצודרינגען אין מערזליאַקאָווס אײַניען... און זיי וועלן ביכלאַל נעמען דעם באַצירק אונטער אַ באַזונדערער נאָכשפּירונג. אָבער דאָס באַפֿרײַט אײַך פֿונדעסטוועגן ניט פֿון דער פֿליכט און דעם מוז צו זײַן וואַכזאַם...

— צי האָט איר זיך גוט צוגעקוקט צו די מענטשן? צי דאַרף מען ניט ווערמען עס איז צונעמען פֿון דאַנען? — האָט דודין געפֿרעגט.

— נאָך מערזליאַקאָוון האָבן מיר אַראָפּגענומען פון דער אַרבעט און געשיקט קיין רובעזשאַנסק אַ בוכפירער און אַ מאַגאַזינער. זיי האָבן געגאַנוועט פּראָדוקטן, באַשטימטע פאַר די אַרבעטער, און זיך געפּרוווט צו פאַרקויפן זיי די ביווכן. ביכלאַל אָבער זײַנען די מענטשן געשיקט געוואָרן צום דורכגוס נאָך אַ שטרענגן אָפּקלײַב, און דער קאָלעקטיוו איז אין זײַן קערן גוט צוגעקליבן. ס'האָבן אים געפעלט פּאַסיקע אָנפירער. איך מיין, אַז די בויער פונעם אַריבערגאַנג איבערן דורכגוס האָבן זיי באַקומען אין די פּערזאָנען פון בערידזען, ראַגאָוון, קאָושאָוון און פּילימאָנאָוון, — איצט איז שוין קלאָר, אַז זיי וועלן מוזן פעסט פאַרבלײַבן אָפן באַצירק פונעם דורכגוס און דעם אינדזל ביז סאָף ווינטער.

— איך האָב געהערט אַ שמועס וועגן דעם הויפּט־בוכהאַלטער, — וואָס איז דאָס פאַר אַ מענטש ?

— מיר האָבן דורכגעקאָנטראָלירט זײַן אַרבעט : אַלץ איז אין אָרדענונג. ער איז אַ געוויסנהאַפטער און געניטער אַרבעטער. ער און ראַגאָוו האָבן שנעל אין אָרדענונג געבראַכט די עווידענץ און דאָס פאַרזיכערן דעם אינווענטאַר. מעגלעך, אַז די טײַנעס קעגן קאָנדרינען זײַנען אַרויסגערופן געוואָרן צוליב דעם, וואָס ער באַמיט זיך פעסט צו האַלטן דעם גראָשן אין דער האַנט און איז פּעדאַנטיש אין די כעשבוינעס. קיין שלעכטס וועגן אים קען מען דערווײַל, ערלעך גערעדט, גאָרניט זאָגן. נאָר באַנאַנד דערמיט האַלטן מיר אים אָפן אויג. עס זײַנען דאָ פאַראַן נאָך פיר מענטשן געוועזענע אַרעסטירטע : דער מעכאַניקער סיעראָגין, איין דעסיאַטניק, אַ שאָפער און אַ טעסליער. זיי האָבן אַ גוטע כאַראַקטעריסטיק, זיי האָבן זיך אין לאַגער אויסגעלערנט אַ פאַך און דאָרט געאַרבעט אויסגעצייכנט. בײַ אונדז זײַנען זיי אויך אָפן גוטן צעטל. איך מיין, מען דאַרף זיי ניט טשעפּען, קאָלזמאַן ס'איז ניט פאַראַן דערצו קיין גרונט. אײַער וואָרענונג וועגן וואַכזאַמקייט, כאַווער באַפולמעכטיקטער פון מעלוכישן פאַרטיידיקונגס־קאָמיטעט, געדענק איך און וועל זיך באַמיִען, אַז יעדער מענטש אָפן באַצירק זאָל אויך טאָמיד געדענקען וועגן דעם...

דעם זעלבן טאָג זײַנען דודין און פּיסאַרעוו, מיטנעמענדיק מיט זיך באַטמאַנאָוון, בערידזען און קאָושאָוון, אַרויסגעפלויגן צום אינדזל.

אונטער די פליגל פונעם עראָפּלאַן האָט זיך פאַרבײַגעטראָגן די אײַנטאָניקע, נאַקעטע און פאַרגליווערטע טײַגע. קיינע שום סימאָנים פון מענטשלעכער טעטיקייט איז ניט געווען צו באַמערקן.

— צום סאָף פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט האָט אייבער אַ שרײַבער, נאָך זײַן אויפהאַלטן דאָ, אַרויסגעזאָגט מיט פאַרביטערונג אַ מיינונג, אַז דער צאָפנדיקער טייל פון טײַסין וועט קיינמאָל ניט נייטיק זײַן פאַרן מענטשן. עס זאָל הייסן, אַן אומנוציקע שטיק פלאַנעט, — האָט דודין

הויך אַ זאָג געטאָן, אַריבערפירנדיק דעם בליק אַף באַטמאַנאָוון. — איך בין זייער צופרידן, וואָס אונדז איז אויסגעפאַלן דער קאָוועד צו צעשטערן די דאָזיקע מייגונג. דער שרײַבער האָט זיך אַפילע ניט געקענט פאָרשטעלן, וויפל שוואַרץ גאָלד ס׳איז דאָ פאַראַן. אום האַרבסט וועלן זיך צווישן די דאָזיקע רוישטן, — ער האָט אָנגעוויזן אַראָפּ מיט דער האַנט, — ציִען אײַערע רערן, און דורך זיי וועט לויפן דער נאַפט. דאָס איז פײַן, צו אַלדי טײַוול!

די טײַגע איז מיטאַמאָל פאַרשוונדן: זיי האָבן זיך דערנענטערט צום צאָפנדיקן ראַנד פונעם אינדזל. דער פײַזאַזש האָט זיך שאַרף געענדערט: אַף רעכטס האָט זיך געזען דער גרענעצלאָזער גרוילעכער שעטעד פונעם דורכגוס, אַף לינקס זײַנען אין אַ שנור געשטאַנען סאָפּקעס, פאַרוואַקסענע מיט נאָדל־וואַלד, און אינמיטן האָבן איבערן גאַנצן ברעג, אַף וויפל דאָס אויג גרייכט, געשטאַרצט נאַפט־טורעמלעך. פון דער הייך האָבן די טורעמלעך אויסגעזען ווי אַן אויסטערלישער מוסטער פון שפּיצן. זיי האָבן אין אַ גרויסער מענגע אַרומגערינגלט די שטאָט קאַנטשעלאַן, וואָס האָט זיך געשפּרייט איבערן ברעג פון דער בוכטע.

— דאָס באַקו פונעם ווײַטן מיזרעך! — האָט זיך צופרידן אָפּגערופן דודין און אַ ווינק געטאָן אַף די נאַפט־טורעמלעך: דער דאָזיקער וואַלד איז לויט מיר אַן אַ שיר פריילעכער פון דער טײַגע.

ביז שפּעט אין אָוונט זײַנען די געסט געגאַנגען איבער די נאַפטפלעצער און דער שטאָט. מיט נאַפט זײַנען אָנגעפילט געווען ריזיקע רעזערוואַרן אין פּאָרט און אַף די פאַרבערג. נאַפט האָט זיך דורכגעזייעט פון דער שוואַרצער ערד. נאַפט האָט אַרויסגעשלאָגן פון עדד־שפּאַלטן. מיטן רייעך פון נאַפט איז געווען אָנגעזעטיקט די לופט. ס׳האָט זיך געדוכט, אַז די הײַזער, די מענטשן און אַפילע זייער שפּײַז זײַנען דורכגעזאָפּט מיט אים.

די אינזשעניערן האָבן זיך באַשעפטיקט מיט באַטראַכטן די פּאָמפּעסטאַנציע. בעייס דער נאַוויגאַציע האָט די סטאַנציע איבערגעפּאָמפּעוועט דעם נאַפט אין פּאָרט — אין די רעזערוואַרן און שיפּס־ציסטערנעס, וואָס שטייען דאָרט. נאָכן אויפבויען די באַפּטלייטונג וועט די סטאַנציע דאַרפן אָנהייבן איבערפּאָמפּעווען דעם נאַפט דורך דער נאַפּטלייטונג קיין טשאָנגר — די הויפּט־פּאָמפּע־סטאַנציע. דודין און פּיסאַרעוו האָבן אונטערגעוואַרט, ביז די אינזשעניערן וועלן באַטראַכטן די געבײַדע און די אויסשטאַטונג. פאַרענדיקט באַטראַכטן, האָט זיי בערידזע ראַפּאָרטירט, וואָס פאַר אַ צורגאַב־אַרבעטן עס זײַנען נייטיק, קעדיי די סטאַנציע זאָל קענען דערפילן איר נײַע אויפגאַבע.

— וועל איך דאָס פּראָווען אַ יאָנטעוו, ווען די דאָזיקע מאַשינדלעך וועלן אָנהייבן פּאָמפּען דעם נאַפט קיין נאָווינסק! — האָט בערידזע

פאַרכאַלעמט אַ זאָג געטאָן צו אַלעקסייען, ווען זיי זײַנען אַוועק פון דער סטאַנציע.

— איר זאָלט מיך ניט פאַרגעסן צו פאַרבעטן, איך האָב אויך ליב אַזעלכע יאָנטויווים, — האָט זיך דודיק, וואָס איז געגאַנגען פאַר זיי, צעלאַכט.

לעסאָף האָבן זיי באַזוכט דעם פונקט פון דער יאַפּאַנישער קאָנצעסיע. עס האָט זיי באַגלייט אַ דיקער נידעריקער יאַפּאַנער, דער פאַרוואַלטער פון דער קאָנצעסיע. אַף יעדער פראַגע האָט ער געענטפערט מיט העכסטן יראַס־האַקאָוועד, זיך נידעריק פאַרנייגנדיק און באַווײַזנדיק געלע ציין.

— ווי העפלעך ער איז, דער אַנצייגיקער קעלעוו! — האָט אַלעקסיי אַ פּליסטער געטאָן, קוקנדיק אַפן יאַפּאַנער; ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען קיין יאַפּאַנער אין אַזאַ דירעקטער נאָענטקייט.

— איך שטעל זיך פאָר, וואָס דער דאָזיקער סאַמוריי טראַכט אין האַרצן.

באַנאַכט אין קאַבינעט פונעם סעקרעטאַר פון קאָנטשעלאַנסקער שטאָטישן פּאַרטיי־קאָמיטעט האָט נאָך אַלץ פאַר אַלעקסייס אויגן געשווינדלט אַן אײַזיקער שוואַרצער יאַם אָן ברעגעס, ער האָט געפינקלט מיט רעגנבויגנדיקע שימערן, געבלענדט און געטשאַדעט.

— דו געדענקסט, טײַערער אַליאָשאַ, די ליידיקע ציסטערנעס אַפן זאַוואָד? — האָט בערידזע געפרעגט, ווי ער וואָלט זיך אַנגעשטויסן זײַנע געדאַנקען.

דער סעקרעטאַר פון שטאָטקאָם האָט רעפערירט דודינען: אין אַ קורדעש אַרום וועט דער נאַפט־אַרויסבאַקום אַנהייבן רעדוצירט צו ווערן, עס וועט ניט זײַן ווו אים אײַנצוזאַמלען. שוין איצט האָבן זיך אַנגעקליבן זאַפּאַסן, וועלכע ווערן אויסגעדריקט אין ציפערדיקע זעקסערלעך.

— דאָס זײַנען ריזיקע פּולווער־סקלאַדעס, אין וועלכע דער סוינע וועט אַ קלאַפּ טאָן טײַקעף, ווי נאָר עס וועלן זיך אַנהייבן קריגס־אָפּעראַציעס, — האָט פּיסאַרעוו געזאָגט. — מען וועט הונדערט מאָל באַדויערן, וואָס די נאַפטלייטונג איז נאָך ניט פאַרטיק!

דער סעקרעטאַר פונעם קאָנטקאָם און דער באַפולמעכטיקטער פונעם מעלוכישן פאַרטיידיקונגס־קאָמיטעט האָבן גענוי קלאָר געמאַכט, אין וואָס די בויונג נייטיקט זיך, און צוגעזאָגט צו דערפילן אַלע באַטמאַנאָווס ביטעס.

ס'איז פאַרענדיקט געוואָרן דאָס עלעקטרישע שווייסעווען פון דער ערשטער סעקציע רערן־לייטונג, וואָס איז באַשטימט געוואָרן אַף אַראָפּצולאָזן אינעם דורכגוס. די בריגאַדעס פון אומאַרע מוכאַמעט און קעדריבען זײַנען זיך אַנטקעגנגעגאַנגען. אומאַרע האָט פאַרויס אַנגעצייכנט די

מיט פון דער סעקציע מיט צוויי אין די זײַטן אַרײַנגעקלאַפּטע פּלעקער און איצט איז ער ווײַט אַרײַן אין דער „טעריטאָריע" פונעם קעגנער, אײַבעריאָגנדיק אים אין מעשעך פון דרײַ טעג, צום ווינציקסטן, מיט אַ גאַנצער טאָג־נאָרמע.

פאַרענדיקט דעם לויפנדיקן באַהעפט, איז אומאַרע אָפּגעשפּרונגען פון דער רער, האָט אויפגעהויבן דאָס שיצערל און, בעיס די געהילפן האָבן אויסגעגלײַכט פינקטלעך די צוויי קומענדיקע רערן, געשריגן צו קעדרינען, וועלכער האָט זיך דערנענטערט, אים רייצנדיק:

— פאָרסט אַף אַ טשערעפּאַכע! ריר זיך אַ ביסל געשווינדער!

אַפן פּלאַץ צום שווייסעווען, אַ ראַכוועסדיקער ווי אַ פעלד, האָט געהוליעט אַ ווינטל, טראָגנדיק אַ לײַכטן שניי־שטויב. די בלוילעכע שײַן פון דעם שווייסעוון איז קימאַט געווען ניט צו באַמערקן קעגן דעם העלן ליכט פון דער זון. באַטמאַנאָוו פלעגט אָפט קומען אַהער און לאַנג שטיין לעבן אומאַרען, זיך אַנטציקנדיק מיט דעם שווייסעווערס שפּילן זיך מיטן פײַער, מיט דער אָרגאַניזירטער, פלינקער אַרבעט פון זײַן גאַנצן רינג. אומאַרע האָט אַזוי אויסגעטרענירט זײַנע געהילפן, אַז זיי האָבן ערשט ווי געבילדעט צוזאַמען מיט אים איין לעבעדיקן אָרגאַניזם.

דער געוויינלעך צעפלויגענער און אויפברויזנדיקער אומאַרע פלעגט ווערן אַן אַנדער מענטש, ווי נאָר עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס שווייסעווען. זײַנע באַוועגונגען ווערן אײַנגעהאַלטענער, קאַרגער. פאַר יעדער רער איז בײַ אים אָפּגעמאָסטן אַ גלײַכער כיילעק צײַט — קיין סעקונדע ניט מער.

אָט גייט אומאַרע געשווינד צום ווײַטערדיקן באַהעפט. ער דאַרף שוין טוישן דעם עלעקטראָד, און ער מאַכט עס אין גאַנג — ער נעמט אַרויס אַ שטאָלן פרענטל פון דער זײַטיקער טאָרבע — פונעם פּײַלנבײַטל — און פאַרפעסטיקט אינעם רעמל. די געהילף־אַרבעטער האָבן שוין אָפּגעפּוצט די ראַנדן פון די רערן, און וואַרטן אַפן עלטסטן. ער שווײַגט — זיי פאַרשטייען אים אָן ווערטער, און זיי אַלע שווײַגן אויך: עס גייט איצט די אַרבעט, און קיין שום זאַך טאָר ניט אָפּציִען די אויפמערקזאַמקייט. אומאַרע דוקט אַרויף אַף די אויגן דאָס שיצערל און בייגט זיך אײַן, דערנענטערט דעם עלעקטראָד צום באַהעפט פון די רערן. אַ קלינגעוודיק קלעפּל, ווי עפּעס וואָלט געפּלאַצט, מיט אַ כאַראַקטעריסטיש אונטערקנאַלן טוט אַ פלי אַ סנאָפּ גאָלדיקע פונקען, און עס בילדעט זיך אַ בויגן — אַ העל־בלויער פלאַם, וואָס שמעלצט דעם מעטאַל.

באַטמאַנאָוו האַלט אין דער האַנט אַ סעקונדאָמעטער — אַזוי איז בעסער נאָכצוקאָנטראָלירן די אַרבעט פוןביידע בריגאַדעס. דאָס ווײַזערל, וואָס לויפט איבערן קרײַז, העלפט פאַרשטיין דעם אונטערשייד צווישן דעם גוטן, אַלטן און געניטן שווייסעווער קעדרין און דעם אויסגעצייכנטן מײַסטער־קינסטלער אומאַרע מוכאַמעט. באַטמאַנאָוון דוכט זיך, אַז אומאַרע, וועלכער שטייט אײַנגעבויגן איבער דער רער, דריקט מיט

זײַן קראַפט אױף דער צײַט גופע, און זי שרימפּט זיך אונטערטעניק אײַן. אַ סעקונדע נאָך אַ סעקונדע, אַ סעקונדע נאָך אַ סעקונדע! און אָט האָט שױן אומאַרע פאַרשװייסעװעט זעקס באַהעפטן, און קעדרין האָט ערשט אָנגעהױבן דעם פינפטן.

דער נאַטשאַלניק פון דער בױונג פאַרלאָזט אײַליק דעם פּלאַץ — עס רעגט אים אומאַרעס אַרבעט, ער כאַפּט זיך אַליין פאַר דער האַנט, אַז סע גלוסט זיך אים אַפּלאָדירן. און דאָס טויג ניט לאַכלוטן. מען דאַרף אַרבעטן! מען דאַרף אַרבעטן, ניט פאַרלירנדיק קיין צײַט...

אױפן צװייטן טאָג פונעם פאַרמעסט האָט קעדרין אַליין ניט געגלייבט, אַז מען האָט אים אַזױ שנעל איבערגעיאָגט.

— ס'איז עפּעס אַ טאָעס, און עפּשער זאָרגט ניט דער דאָזיקער אומאַרע פאַר דער קװאַליטעט, — האָט ער דערװידערט.

מ'האָט אומאַרען איבערגעגעבן קעדרינס װערטער, און ער האָט זיך ניט געפוילט דורכצולױפן אַ קילאָמעטער לענגאױס דער סעקציע, האָט גענומען דעם אײַנגעשפּאַרטן שװייסעװער אונטער דער האַנט און אים געבראַכט צו זײַן רינג.

— באַטראַכט מײַנע באַהעפטן. באַטראַכט די קװאַליטעט! — האָט אומאַרע געטומלט.

קעדרין האָט מיט קאַפּדאָנעס באַטראַכט דאָס שװייסעװען, ניט אױסגעפונען קיין בלעזעלעך אינעם מעטאַל און, ניט זאָגנדיק קיין װאָרט, צוריקגעגאַנגען צו זיך. אומאַרע האָט אים אָנגעיאָגט:

— װאָס שװײַגסטו? זאָג, װאָס פאַר אַ שװייסעװען איז עס?

— װאָס ביסטו צוגעשטאַנען? האָט זיך אױסגעזוכט אַ צײַט, װען צו מאַכן אַ באַשױונג!

— פאַרװאָס האָסטו דעם שלעכט װאָרט געלאָזט אױפן װינט? זאָג איצט דעם גוט װאָרט.

— גוט, גוט, מאַסקים, — האָט קעדרין נאָכגעגעבן, שמייכלענדיק.

— דו ביסט פון איבן. נאָר מיר װעלן נאָך אַ פּרוּװ טאָן די קויכעס.

באַטמאַנאָװון איז זייער ניט געפעלן, װי אומאַרע און זײַנע כאַװײרים פירן דורך דאָס „סופּיטעװע" שװייסעװען. אַלץ איז געגאַנגען גוט. קאָלזמאַן מ'האָט געשװייסעװעט אייבציקע רערן, װאָס זײַנען געלעגן אױף אונטערלאָגן — דער שװייסעװער איז געשטאַנען מיטן פּנים איבערן באַהעפט. װען ס'איז אָבער אױסגעקומען צו שװייסעװען די רערן, װאָס זײַנען שױן געװען באַהעפט צװישן זיך אין שװערע רינגען, װעלכע מ'האָט ניט געקענט איבערדרייען, האָט זיך דער שװייסעװער געמוזט לייגן אױף דר'ערד. אַזױ, ליגנדיק אױפן רוקן אין אַ קאַנאַװע, אױסגעגראָבן אונטערן באַהעפט, האָט ער געפירט די אַרבעט, ריכטנדיק דעם עלעקטראָד אַרױף צום „סופּיט".

די קעלט פון דער געפרוירענער ערד האָט שנעל דורכגעדרונגען דורכן

וואַטעגעם אָנטועכץ. באַטמאַנאָוו האָט באַמערקט: די שווייסעוועד צימערן, ווען זיי הייבן זיך אויף פֿון דר׳ערד. זייער נאָרמע איז ביסלעכווײַז קלענער געוואָרן. שוין אָפֿן דריטן טאָג זײַנען צוויי שווייסעוועד קראַנק געוואָרן אַף לונגען אַנטצינדונג. באַטמאַנאָוו האָט זיך אָנגעהויבן באומרויִקן, געפֿאָדערט פֿון די אינזשעניערן צו פֿאַרלײַכטערן די אַרבעט.

...זיך אויפֿגעהויבן פֿון דר׳ערד, האָט אומאַרע אָנגעהויבן לויפֿן אַרום דעם שײַטער — זיך באַמיט געשווינדער זיך צו דערוואַרעמען — און פּלוצים באַמערקט לעבן זיך באַטמאַנאָוון.

— ווי די אַרבעט? מײַן שווייסעווען — וויאַזוי, נישקאָשע? — האָט ער געפֿרעגט.

— דו שווייסעוועסט גוט, ביסט אַ כוואַט! אַזאַ אַרבעט דאַרף מען ווײַזן פֿון דער סצענע, ווי קונסט, — האָט באַטמאַנאָוו אויפֿריכטיק געלויבט. — מען וועט מוזן דיר צוטיילן די רויטע פֿאָן.

— קען איך איצט שרײַבן אַ בריוו צו ביידע ברידער אָפֿן פֿראָנט און דער קאַלע קיין קאַזאַן?

— דו האָסט אַ קאַלע אויך?

— נאַטירלעך. ווײַב אָדער קאַלע דאַרף יעדער האָבן. מײַן קאַלע אַרבעט אין קאַזאַן. אַ שיינער מיידל, אַ באַשיידענער. האָט מיך ליב, וואַרט. די מילכאָמע זיך ענדיקן — מיר כאַסענע האָבן.

— צו וואָס וואַרטן אָפֿן סאָף פֿון דער מילכאָמע? רוף זי אַרויס אַהער און האָב כאַסענע.

— זי אַ זעצערן, אַרבעט טיפּאָגראַפֿיע, דרוקט אַ צײַטונג. דאַרפֿסט אַ זעצער — פֿאָדער אַרויס.

— כ׳וועל אַ טראַכט טאָן.

— עך, טראַכט ניט... סײַוויסײַ וועט ניט פֿאָרן. זי וויל אָפֿן פֿראָנט. וועט דרוקן אַ פֿראָנט־צײַטונג.

אומאַרע האָט זיך ווידער אַנידערגעלייגט אַף דר׳ערד, קעדיי צו באַהעפֿטן צוויי העלפֿטן פֿון אַ ריזיקער סעקציע.

— אָט איין סעקציע פֿאַרטיק, — האָט אומאַרע געזאָגט, אַרויסקריכנדיק פֿון אונטער דער רער. — צוויי הונדערט פֿופֿציק פּראָצענט נאָרמע. — ער האָט מיטפֿילנדיק געפֿרעגט באַטמאַנאָוון, פֿאַרקרימענדיק דאָס בלויגעוואָרענע פּאָנעם: — אָוואָדע געפֿרוירן, וואַסילי מאַקסימאָוויטש? פֿאַרוואָס טראָגסטו ניט קיין הענטשקעס?

— ווייס איך דאָרט, מיר, — האָט באַטמאַנאָוו געענטפֿערט געערגערט. — אָט דיר און די אַנדערע שווייסעווער איז שווער, איר ליגט לאַנג אַף דר׳ערד.

—נישקאָשע, מיר אַ שטאַרקער.

— וואָס הייסט נישקאָשע! זע נאָר, ווי דו טרייסלסט זיך איבגאַנצן. איך האָב געהייסן אויפֿנייען גראָבע וואַטענע מאַטראַצן — וועט איר זיי

זיך אונטערלייגן. מען וועט מוזן מאַכן אָפטערער אַן איבערדרײַס. און מען דאַרף ברענען גרעסערע שײַטערס.

אומאַרע האָט אַ קוק געטאָן פון אונטן אַרויף אַף באַטמאַנאָוון און אומעטיק אַ זאָג געטאָן:

— מ׳האָט געזאָגט, פאָרסט אַוועק גיך? אַ שאָד, זיך צוגעוווינט צו דיר.

— באַם דורכגוס וועט בלײַבן בערידזע, ער איז אַ גוטער באַלעבאָס, אַלץ וועט זײַן אין אָרדענונג, — האָט באַטמאַנאָוו געזאָגט. — און איך דאַרף שוין אַוועקפאָרן: די בויונג איז אַ גרויסע, כוץ דײַן באַצירק זײַנען נאָך דאָ צען. כ׳וועל זען, ווי די אינזשעניערן וועלן אַראָפלאָזן אין וואַסער אָט דעם דאָזיקן „גוילעם“, און אַוועקפאָרן...

דער „גוילעם“ — אַ דיקע רער, אַ האַלבן קילאָמעטער די לענג, איז געלעגן אויסגעצויגן אַפן פלאַץ צום שווייסעווען, ווי אַ קאָלאָסאַלע שוואַרצע שלאַנג, וואָס איז געווענדעט מיטן קאָפּ צום דורכגוס. דעם דאָזיקן קאָלאָס פון העכער פופציק טאָן וואָג האָט מען באַדאַרפט אַרויפשלעפן אַפן אײַז און אַראָפלאָזן דורכן קאַנאַל אין דער טראַנשיי אַפן גרונט פונעם דורכגוס.

די דאָזיקע אויפגאַבע האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אויסערגעוויינלעך שווער, זי האָט געשטעלט די אינזשעניערן אין אַ לאַגע אָן אַן אויסוועג. ווען מ׳האָט אין נאָווינסק באַאַרבעט דעם פּראָיעקט פון די אַרבעטן אַפן דורכגוס, זײַנען אַנטשטאַנען צוויי וואַריאַנטן וועגן דעם שווייסעווען און אַריבערפירן די רערן אַפן אײַז. קאָוושאָוו האָט פאָרגעלייגט, מען זאָל צוזאַמענשווייסעווען אַפן ברעג רינגען פון דרײַ רערן, אַריבערפירן די דאָזיקע רערן מיט אַן אויטאָ־מאַשין אַפן אײַז און דאָרט זיי פאַראייניקן אין לאַנגע קייטן. בערידזע האָט ניט מאַסקים געווען אַף אַלעקסייס פאָרשלאָג. דאָס סופּיטעווע שווייסעווען די רינגען אַפן אײַז איז, לויט זײַן מיינונג, אוממעגלעך: קעדיי די שווייסער זאָלן קענען אָנגיין מיטן שווייסעווען אונטער די רערן, וואָלט זיך געפאָדערט אָדער זיי אויפצוהייבן אַף הויכע אונטערלאָגן, אָדער אויסהאַקן קאַנאַוועס אין דעם אײַז.

קאָוושאָוו האָט מאַסקים געווען מיט די מאָטיוון פונעם הויפּט־אינזשעניער און אָנגענומען זײַן פאָרשלאָג: צוזאַמענשווייסעווען האַלב־קילאָמעטערדיקע קייטן אַפן ברעג און מיט טראַקטאָרן זיי אַריבערפירן אַפן אײַז.

מ׳האָט געפּרוווט אַזוי טאָן און ס׳איז ניט אַרויסגעקומען. צוויי טראַקטאָרן, יעדערער פון זעכציק פערד־קראַפט, האָבן אַפילע ניט געקענט דירן די רערן־לייטונג פון אָרט. אַלעקסיי האָט געוואָלט לאָזן אין גאַנג נאָך אַ טראַקטאָר און, אויב עס וועט נייטיק זײַן, אַ פערטן, נאָר בערידזע האָט אים אָפּגעהאַלטן. ער האָט זיך מיט רעכט געשראָקן, אַז באַם שלעפן די

סעקציע וועלן די צוזאַמענגעשווייסעוועטע באַהעפטן ליידן פון אַ ניט דער־לאַזבאַרער שטאַרקער שפּאַנונג, און דאָס וועט ווירקן שעדלעך אויף זייער פעסטקייט. מען האָט זיך אויך געמוזט רעכענען דערמיט, אַז באַם אַריבער־פירן וואָלט די שווערע מעטאַלענע קייט געקענט צעשטערן דאָס אײַז.

— מיר האָבן שלעכט צוגעטראַכט, אַליאָשאַ, האָט בערידזע געזאָגט. מען דאַרף געפינען אַן אַנדער אויפן.

— ס׳וועט זײַן אויך אַן אַנדערער, — האָט אַלעקסיי צוגעזאָגט. — מיט איין „גוילעם" וועלן מיר זיך אַ ביסל אָנפּלאָגן, דערפאַר וועלן שוין די איבעריקע גיין, ווי אויף פוטער. איך טראַכט אָט וואָס...

ער האָט פאָרגעשלאָגן מען זאָל דורכפירן פונעם פּלאַץ פאַר שוויי־סעוועץ אַ קליינבאַן, קעדיי אַריבערצופירן די רערן־לייטונג אויף וואַגאָנעט־קעס. רעלסן האָט געקלעקט בלויז ביזן ברעג־ראַנד. האָט מען דערום באַ־שלאָסן צו פירן די סעקציע ביזן ברעג־ראַנד איבער די רעלסן, און ווײַטער, איבערן אײַז — אויף שליטנס. צוויי מעסלעס האָט געדויערט דאָס אויסלייגן די קליינבאַן־ליניע. אין מעשעך פון דער דאָזיקער צײַט האָבן די טעס־ליערס, אונטער דער השגאָכע פון קאַרפּאָוו, אויסגעפּאַרטיקט שליטנס.

די עלאַסטיש זיך בייגנדיקע קאָלאָסאַלע רער, האָט מען מיט דער הילף פון שטריק, אַננעמענדיק די פאַרשיידנסטעערליי פּאַרזיכט־מיטלען, אַרויפגעוואַליעט אויף די וואַגאָנדלעך... צוויי טראַקטאָרן, געפירט דורך סילינען, האָבן געשלעפּט דעם דאָזיקן אומגעווײַנלעכן צוג צום דורכגוס. באַם ברעג האָט מען די רערן־לייטונג איבערגעלייגט אויף דרײַסיק שליטנס. די טראַקטאָרן, זיך באַוועגנדיק אויפן אײַז, האָבן אַ ריס געטאָן דעם דאָזיקן עק, וואָס מ׳האָט צו זיי צוגעטשעפּעט.

— שטיי! — האָבן אַלע אַ געשריי געטאָן אין כאָר...

אַ גוטע העלפט שליטנס האָט זיך אײַנגעבראָכן, און די רער האָט זיך אַראָפּגעוואַלגערט אויפן פּלאַץ. באַ איין סעקציע האָט מען אַרומגעהאַוועט צוויי טעג. דער גאַנצער באַצירק האָט מיט אומרו באַכגעשפּירט דאָס אַרי־בערפירן די רערן־לייטונג. באַטמאַנאָוו האָט געמאָלדן אַ קאָנקורס: ווער וועט געבן דעם בעסטן פאָרשלאָג, ווי די רערן־לייטונג זאָל וואָס שנעלער געבראַכט ווערן אויפן אָרט.

מוסיאַ קוטשינאַ, וועלכע האָט זיך געפונען מיט איר קיאָסק אויפן אינדזל, איז אַרויסגעלאָפן צו די צופאָרנדיקע שאָפערן מיט דער איין און דער זעלבער פראַגע:

— וואָס איז מיט דער רער?

סאָלנצעוו האָט איר געענטפערט:

— אַ רער, ווי אַ רער.

די ייִנגלעך פון דעם בעטאָנירער פּעטריגינס בריגאַדע האָבן זיך גע־אַמפּערט: מען וועט צושלעפּן די סעקציע אויפן אײַז אָדער ניט? פּעטריגין האָט זיי דערהערט און זיך אויף זיי צעשריגן:

— ווי קען מען גאָר צווייפלען דערין! און אַף וואָס האָט אַ מענטש סייכל? מירן שוין עפּעס־וואָס דערפינדן...

ער האָט שוין אַרײַנגעטראָגן זײַן פאָרשלאָג — פירן די סעקציע איבערן אײַז אַף הילצערנע וואָלצעלעך. פון דאָזיקן געדאַנק האָט מען זיך געמוזט אָפּזאָגן: די הילצערנע וואָלצעלעך וואָלטן ניט אויסגעהאַלטן די מאַסע פון דער רערן־לייטונג און, כוצדעם, וואָלטן זיי זיך, זיכער בעייסן באַוועגן צוזאַמענגעשלאָגן. פון אַלע זײַטן זײַנען אײַנגעפלאָסן צענדליקער אַנדערע פאָרשלאָגן...

— עפּשער מאַכן קירצערע קייטן און אַראָפּלאָזן אַפן גרונט? — האָט געפרעגט באַטמאַנאָוון דער אַלטער זיאַטקאָוו.

זיי זײַנען צוזאַמען געקומען צו די אינזשעניערן.

— דערפון האָבן מיר זיך אָפּגעזאָגט גלײַך לעכאַטכילע, — האָט בעד־ריידזע דערווידערט. — אַראָפּלאָזן קורצע קייטן אינעם דורכגוס האָט קיין זין ניט. שטעלט זיך עס נאָר פאַר אַנשוילעך, און איר וועט זיך אַליין אָפּזאָגן פון דאָזיקן געדאַנק.

— איך וואָלט פאָרגעלייגט, מען זאָל אָפן ברעג צוזאַמענשווייסעווען בלויז רינגען פון דרײַ רערן און דאָס גאַנצע איבעריקע צוזאַמענשווייסע־ווען אַריבערטראָגן אָפן אײַז, האָט געאייצעט טאָפּאַליעוו.

— אויך דערפון האָבן מיר זיך אָפּגעזאָגט. אַזאַ אויפן טויג ניט. באַרעכנט: וויפל באַהעפטן וועט אויסקומען צוזאַמענצושווייסעווען אַף אַ „סופּיט“־אויפן? טויזנטער! מיר וועלן צעגראָבן אונדזער גאַנצן אײַז־פלאַץ. און עס וועט גלאַט גאָרניט אַרויסקומען דערפון: דאָס אײַז איז ניט אַזוי מאַסיוו, מען זאָל קענען אויסהאַקן אין אים קאַנאַוועס. און עס וועט אויך די שווייסעוועער ערגער זײַן: דאָ וועט מען דאָך קיין שײַטערס ניט צעלייגן.

— ווי־זשע איז דער אויסגאַנג? — האָט זיך באַטמאַנאָוו שוין ניט אַף קיין שפּאַס באַאומרויקט.

— ס'איז פאַראַן, דוכט זיך, אַן אויסגאַנג, — איז צוגעקומען קאָוו־שאָוו. — אָט האָט קאַרפּאָוו אַרויסגעזאָגט אַ זאַכלעכן געדאַנק: די רערן־לייטונג ווערט אויפגעלאָדן אַף די וואַגאַנדלעך, אין די בלויזן צווישן זיי ווערן צו דער רערן־לייטונג צוגעבונדן די שליטנס...

— וואָס וועט דערפון אַרויסקומען? — האָט באַטמאַנאָוו אַ פרעג געטאָן מיט האָפענונג.

— די וואַגאַנעטקעס וועלן באַם סאַמע ברעג מיט אימפּעט זיך אַ פאַר־קער טאָן אַף דער ליניע רעכטס, און די רער אַף די שליטנס, וואָס זײַנען צו איר צוגעבונדן, וועט זיך, ניט אָפּשטעלנדיק, אַראָפּגליטשן נאָך די טראַקטאָרן גלײַך אָפן אײַז.

קאַרפּאָווס געדאַנק האָט אויסגענומען באַ די אינזשעניערן. אַרום דער רערן־לייטונג האָבן ווידער אָנגעהויבן אַרומצושמײַען די מענטשן. אַלעקסיי

האָט אַ פּאָך געטאָן צו סילינען מיט דער הענטשקע. די וואַגאָנעטקעס מיט דער רער און די צו איר צוגעבונדענע שליטנס האָבן זיך אַ לאָז געטאָן איבער די רעלסן. און ווידער אַ דורכפאַל! ווי נאָר די שווערקייט פון דער רער איז אַריבער פון די ערשטע וואַגאָנעטקעס אַף די שליטנס, האָבן זיך די אַרומבינדעכצן איבערגעריסן, און דער פאָדערשטער טייל פון דער סעקציע האָט אַ זעץ געטאָן אָפּן אײַז. דער גאַנצער צוג האָט זיך צוזאַמענגעשלאָגן. ס'האָבן זיך צעקוויטשעט, צעגרילצט די רעדער פון די וואַגאָנעטקעס. עס האָבן געטראַסקעט די שליטנס. קאָושאָוו, וועלכער איז געלאָפן אין דער זײַט, האָט לעפּיש געטאָן אַ שפּרונג אונטער און אַנידערגעפאַלן — אַ שטיקל בויגן פון אַ שליטן האָט אים דערלאַנגט איבער די פיס. בערידזע האָט אַ געשריי געטאָן און זיך געוואָרפן צו אַלעקסייען, נאָך אים איז געלאָפן קאַרפּאָוו. נאָר קאָזשאָוו האָט זיך שוין אויפגעהויבן און איז, שטאַרק אונטערהינקענדיק אָפן רעכטן פוס, געגאַנגען זיי אַנטקעגן.

— ס'טוט וויי, אַליאָשאַ? — האָט געאָרגי דאַווידאָוויטש געפרעגט באַזאָרגט.

אַלעקסיי האָט בלויז אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט.

— גוטער ברודער, גיי לייג זיך צו. האָסט דאָך באַקומען אַ פעסטן זעץ, — האָט קאַרפּאָוו געזאָגט.

— ס'גאַרניט מיט גאַרניט! — האָט אַלעקסיי בייז געענטפערט און אַ שמייכל געטאָן. — איצט איז דער דאָזיקער „גוילעם" קאַפּוט! איוואַן לוקיטש, זאָג סילינען — זאָל ער אים שלעפּן אַף צוריק. מיר וועלן איבערכאַזערן אַלץ פון אָנהייב...

באַטמאַנאָוו איז געגאַנגען צו די אינזשעניערן. ווען די רערן־לייטונג איז געפאַלן אָפן אײַז, האָט ער זיך רוגזעדיק אויסגעזידלט און זיך אויסגעדרייט אַף צוריק. לויט דער גראַפיק האָט מען דעם איבערגאַנג איבערן דורכגוס באַדאַרפט פאַרענדיקן אין דרײַ כאָדאָשים — ניט שפּעטער פון מיטן אַפּריל, ווען ס'הייבט אָן שמעלצן דאָס אײַז. יעדער טאָג איז געווען אויסגעפּילט מיט אַרבעט דורך און דורך, און דאָ מוז מען פאַרלירן צוויי אומזיסט־אומנישט.

מ'האָט די רער געשלעפּט צוריק אַף די וואַגאָנעטקעס. סילין האָט, זיצנדיק באַם רודער פונעם טראַקטאָר, אַראָפּגעקוקט אַף די אינזשעניערן און זיך באַמיט צו טרעפן, וואָס נאָך וועלן זיי אויסטראַכטן.

— די פונקציעס זײַנען באַ אונדז ניט קאָאָרדינירט, — האָט אַלעקסיי געטײַנעט, שפּאַנענדיק לעבן בערידזען. — ווי נאָר די טראַקטאָרן הייבן אָן שלעפּן דעם „גוילעם", לאָזן מיר אים איבער אַף גאָטס באַראָט.

— וואָס נאָך זאָלן מיר מיט אים טאָן, מיט דעם פאַרשאָלטענעם?

— האָט בערידזע געצויגן מיט די אַקסלען. — צושטעלן צו אים טויזנט ניאַנקעס?

— טאַקע אַזוי! צו יעדער וואַגאָנעטקע און צו די שליטנס דאַרף מען צושטעלן צו איין מענטשן און אַלע פונקציעס דורכפירן קאָאָרדינירט, לויט אַן אַלגעמיינעם סיגנאַל. די מענטשן באַוואָפענען מיט שטאַנגען...

— ריכטיק, גוטער ברודער. אַזוי וואָלט עס געדאַרפט געמאַכט ווערן, — האָט מאַסקים געווען קאַרפּאָוו, וועלכער האָט טיפעס געווען דעם געדאַנק אַפן האַלבן וואָרט.

— עפשער לוינט זיך אויסצופּרוּוון דעם געדאַנק, — האָט בערידזע געזאָגט. — נאָר מיר דוכט זיך, אַז ווען מען זאָל צום דאָזיקן „גוילעם" צושטעלן אַפילע הונדערט מענטשן, וועט ער קלוגער ניט ווערן...

— קלייַב צו מענטשן, גרייט אַלץ צו, און מירן אָנהייבן, — האָט זיך אַלעקסיי אויסגעדרייט צו קאַרפּאָוון. — סיליגען וועל איך אַליין אויסטייַטשן, וואָס ער האָט צו טאָן.

— כ'לויף! — האָט קאַרפּאָוו געזאָגט.

נאָר אומאַרע מוכאַמעט האָט אים פאַרהאַלטן. שוין אַוואַדע צום צענטן מאָל איז דער שווייסעווער געקומען צו לויפן, אַ קוק צו טאָן, ווי סע גייט די אַרבעט און אונטעריאָגן די אינזשעניערן.

— איר שפּילט זיך דאָרטן! — האָט ער געשריגן צו קאַרפּאָוון. — מיר פאַרענדיקן שוין אַ צווייטן רערן־לייטונג.

— ווייסט וואָס, גוטער ברודער אומאַרע, גיי בעסער אַוועק פונדאַנען, — האָט איוואַן לוקיטש געאייצעט דעם שווייסעווער. — די אינזשעניערן זייַנען אַזוי אויך בייז, און דו העצט זיי נאָך. וועסט אַרייַנכאַפּן פון בערידזען אַף דער הייסער מינוט.

...ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַלעקסיי איז גערעכט. די פופציק מענטשן, וואָס זייַנען צוגעשטעלט געוואָרן צו דער רער מיט שטאַנגען אין די הענט, האָבן זי געמאַכט ווי לעבעדיק. ווען באַטמאַנאָוו און זאַלקינד זייַנען געקומען צום פּלאַץ, איז די רער געלעגן מיט איר גאַנצן לאַנגן קערפּער אַפן אייַז פאַרשטעקט מיט איין עק אינעם ברעג. וואַסילי מאַקסימאָוויטש האָט זיך נאָרוואָס געקלאָגט פאַר זאַלקינדן מיקויעך דעם אומדערפאָלג. ערשט איז ער גלייַך פריילעך געוואָרן און געקלאַפּט ראַגאָוון איבער דער פּלייצע.

— דו האָסט געזאָגט: ס'וועט זיך זיי ניט אייַנגעבן, די אינזשעניערן! — האָט ער אויסגערופן, האַגאַם ראַגאָוו האָט אים אַזעלכעס ניט געזאָגט. — דער רוסישער אייַנפאַל פליוס העכערער מאַטעמאַטיק און פיזיק — דאָס, מייַן טייַערער, איז אַ קראַפט! איצט וועט דער „גוילעם" גיין לייַכט, יעדער אָנהייב איז שווער. איצט דאַרף מען נאָר אַ קוק טאָן, ווי מען וועט דאָס שפּילעכל אַראָפּלאָזן אַפן גרונט פון יאַם, און מען וועט קענען פונדאַנען אַוועקפאָרן.

קאַפּיטל פיר

באַטמאַנאָוו מאַכט קאָמפּלימענטן

באַטמאַנאָוו האָט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט און אינטערעס באַאָבאַכטעט די מענטשן, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט. זיי האָבן, פאַרגעסנדיק אין זיך, זיך אָפּזאָגנדיק פון אַלץ, געזען פאַר זיך בלויז די שווער־שווערע קייטן פון דער רערן־לייטונג און ראַק געטראַכט וועגן דעם, ווי שנעלער זיי אַריבערצופירן אַף זייער פּלאַץ. די מעטורעפּע אַקשאָנעס פון די אינזשעניערן און די אַרבעטער, זייער פולשטענדיקע קאָרבן־גרייטקייט האָבן מעגלעך געמאַכט אויפצוטאָן אוממעגלעכע זאַכן.

קאָוושאָוו, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט דער אַרבעט אַפן אײַז, איז ווי עלטער געוואָרן פאַר די דאָזיקע טעג — דאָס פּאָנעם איז פאַרוואָקסן געוואָרן מיט האַרטן האָר־וווּקס, די אויגן זײַנען רויט געוואָרן פון קעסיי־דערדיקן זײַן אַפן ווינט און קעגן דער בלענדנדיקער זון, די באַקן זײַנען אײַנגעפאַלן. נאָר אין זײַן אײַנגעביסענער ליפּ, בעייס ער האָט געקוקט אַף דער רער, וואָס גיט זיך ניט אונטער, אין די געשווינדע אומגעדולדיקע זשעסטן, אין די שאַרפע ווערטלעך, בייזע און קורצע באַפעלן איז געווען אַזויפיל פּאַראַקשנטע קראַפט, אַז באַטמאַנאָוון האָט זיך געגלוסט אַ זאָג טאָן דעם אינזשעניער: „ריכטיק, באָכער! אַזוי טאַקע דאַרף מען לעבן — מיט אַקשאָנעס, זיך ניט אונטערגעבנדיק קיין שוועריקייטן”. וואַסילי מאַק־סימאָוויטש האָט פאַרהאַלטן בערידזען און געטײַטלט אַף קאָוושאָוון: „נו, וואָס, געאָרגי דאַווידאָוויטש, איר זײַט דעמאָלט אין מאָסקווע גערעכט געווען: איר האָט אַן עמעסן פאַרטרעטער. איך טראַכט, אַז אַפן פראָנט האָט ער בלויז אַ שמעק געטאָן פולווער־רויך, אָבער קעמפן האָט ער זיך אויסגעלערנט בײַ אונדז, אַף דער בויונג”.

סילין האָט זיך אָפט געוואָרפן באַטמאַנאָוון אין די אויגן. סטאַלינס טעלעגראַמע האָט זײַנע וואָכעדיקע אַרבעטס־טעג פאַרוואַנדלט אין אַ יאָנ־

טעוו. ער איז גאַנצע טעג ניט אַראָפּגעקראָכן פֿונעם טראַקטאָר און האָט זיך דער ערשטער געוואָרפֿן אויסצופֿירן די סאַמע שווערע אויפֿגאַבן.

דער נאַטשאַלניק פֿון דער בויונג האָט אויך באַמערקט געניקע פּאַנקאָוון. אין זײַנע וואַטענע קורטקע און הויזן איז דאָס באָכערל פֿאַרטאָן געלאָפֿן פֿונעם הויז פֿון די פֿאַרבינדלער צום פּלאַץ און צוריק. ער האָט ניט געוואָלט אָפּשטיין אין דער אַרבעט פֿון די כאַווײַרים און גלײַכצײַטיק ניט געוואָלט דורכלאָזן עפּעס וואָס פֿון דעם, וואָס איז פֿאָרגעקומען אַפֿן אײַז.

דער אַלטער טאָפּאָליעוו האָט זיך צוגעקילט און שטאַרק געהוסט. עס איז אים שטרענג פֿאַרזאָגט געוואָרן צו ליגן אין דער וואַרעם, נאָר קוזמאַ קוזמיטש האָט ניט געקענט און ניט געוואָלט פֿאַרבלײַבן אומטעטיק. אַוועקגעלאָפֿן בישטיקע פֿון שטוב, האָט ער גאַנצע טעג געאַרבעט מיט די מינירער, אָדער איז געקומען צו דער בויונג פֿון דער פּאָמפּע־סטאַנציע, אָדער צו די פֿאַרבינדלער — אומעטום, ווו ס׳איז נוצלעך געווען זײַן באַהאַוונטקייט.

און זיאַטקאָוו, דער דאָזיקער פּופּציקיעריקער מאַן, וואָס איז פּעיִק איבערצוואַרפֿן אַזויפֿיל ערד, וויפֿל פֿיר מענטשן צוזאַמענגענומען? דערצו האָט ער נאָך, כוצדעם, געבראָכן זיך דעם קאָפּ, ווי־אַזוי צו העלפֿן די אינזשעניערן אין זייער אומדערפֿאָלג מיט דער דאָזיקער גרויסער רער...

דער נאַטשאַלניק פֿון דער בויונג האָט אויך אויפֿגעכאַפּט ראַגאָווס אומגעוויינלעכע אומרו־קייט — צי אָפּט איז ער צו אים צוגעגאַנגען, האָט אים, קענטיק, געוואָלט עפּעס זאָגן, און זיך ניט אַנטשלאָסן.

— וואָס דרייסטו זיך, באָכער, הין און צוריק? — האָט ענדלעך באַטמאַנאָוו אַ פֿרעג געטאָן, דורכמאַכנדיק מיט ראַגאָוון אַ צענטן רייס פֿונעם פּלאַץ פֿאַר שווייסעווען צום דורכגוס און צוריק. — ס׳האָט דיך צו מיר צוגעבונדן, און קענסט זיך ניט אָפּרײַסן, וואָס?

— קאָלזמאַן איר זײַט נאָך ניט אַוועקגעפֿאָרן, וואָלט איך אײַך געוואָלט פֿרעגן... — ראַגאָוו איז רויט געוואָרן. — איך האָב מוירע, איר וועט זיך בייזערן.

— אויב דו האָסט מוירע — שווײַג, — האָט באַטמאַנאָוו שטרענג אַקצענטירט. — און פֿאַראייינוועגס וועסטו מיך באַפֿרײַען פֿון בייזערן זיך.

ראַגאָוו האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט: עך, זאָל זײַן, וואָס עס וועט זײַן!

— ס׳איז מיר לאַנגווײַליק אַפֿן באַצירק, וואַסילי מאַקסימאָוויטש.

— אין אָוונט וועסטו בעטן מאַכאָוון, וועט ער דיר אָפּשפּילן אַ פּאָקסטראָט אַפֿן באַיאַן.

— איך וויל מיט אײַך ערנסט שמועסן, וואַסילי מאַקסימאָוויטש. אַפֿן באַצירק איז פֿאַראַן אַ סאַך נאַטשאַלסטווע, מײַן ראָל איז אַ קליינינקע. און איר, קאָלזמן איר זײַט דאָ, נעמט איך דאָס סאַמע שווערסטע

אַף זיך. איצט איז שוין אַלץ קימאַט אַף אַ דערעך. איר וועט אַוועקפאָרן — וועלן נאָך גענוג באַלעבאַטים פאַרבלײַבן: בערידזע, קאָווּשאַוו, פּילי־מאַנאַוו. איך פאַרשטיי, נאַטירלעך, — באַם דורכגוס דאַרפן אָנפירן גראַד די אינזשעניערן...

— נו? — האָט באַטמאַנאַוו אונטערגעאײַלט. ער איז שטיין גע־בליבן און טשיקאַווע אַ קוק געטאָן אַף ראַגאַוון.

— איך דאַרף באַקומען אַ שווערערע אויפגאַבע. שווערער איידער ס'איז געווען דער פינפטער באַצירק. אַט אַזאַ באַצירק ווי דאָ, נאָר אַן אײַך. איך וויל זיך אויספּרוּוון אַף אַ שווערער און גרויסער אַרבעט.

— עפּשער וואָלט איר גערעדט קאָנקרעטער?

— גיט מיר אָפּ טײַסין! קאַלזמאַן די אינזשעניערן זײַנען באַשעפּ־טיקט באַם איבערגאַנג דורכן דורכגוס, וועל איך זיך אַרויפוואַרפן אַף דער טײַגע.

— ס'איז נאָך פּריצײַטיק פאַר אונדז דאָס אינדזל, — האָט באַט־מאַנאַוו גלײַך געענטפערט. — טײַסין דאַרף מען באַהערשן נאָך אַ גרינט־לעכער צוגרייטונג. נאָך וואָס שטופּסטו זיך שוין? קוידעמקאַל דאַרף מען אַריבערפירן אַהין רערן, מאַטעריאַלן, פּראָוויאַנט — ס'וועט אויסקומען לאַנג צו פירן. און אַוועקרײַסן מענטשן פון דאַנען טאָר מען ניט, אַניט וועט אַרויסקומען ניט דאָ און ניט דאָרט, ניט אַהין און ניט אַהער. איך פאַרשטיי דײַן געדאַנקענגאַנג. דו טראַכסט אַזוי: „אָפּן פינפטן באַצירק האָב איך אָנגעטראָפן אַף אַ כאַאָס און געשאַפן דאָרט אַן אָרדענונג מיט די אייגענע הענט". איז, ערשטנס, דאָס אינדזל — אַ צען מאָל שווערערע אויפגאַבע. און צווייטנס, וויל איך ניט איבערכאַזערן די געשיכטע פונעם פינפטן באַצירק. אויב דו ווילסט וויסן, האָט זיך אָפּן פינפטן באַצירק אַרויסגעוויזן אונדזער שוואַכקייט. צי דען איז דאָס גוט געווען, וואָס דו ביסט אָנגעוויזן געווען בלויז אַף די אייגענע קויכעס? גיב אַ טראַכט, וואָס דאָ איז געשען: פּאַנקאָוו איז ניט געווען קיין שוואַכערער יונג פון דיר. פונדעסטוועגן האָט ער גאָרניט געקענט אויפטאָן באַם דורכגוס.

— מיט פּאַנקאָוון איז אַן אַנדער זאַך: אַן אומגליק־צופאַל. ער האָט ניט באַוויזן אַן אַרבעט צו טאָן.

— ס'איז לאַכלוטן ניט קיין אַנדער זאַך. די ווייסט דאָך ניט, וואָס דיך דערוואַרט אָפּן אינדזל. די געשיכטע מיט פּאַנקאָוון איז אויך אַ סימען פון אונדזער שוואַכקייט. איך קען מער צו אַזעלכעס ניט דערלאָזן. דו ווייסט, ווי מיר וועלן זיך לאָזן אָפּן אינדזל? מעכטיק, צעשמעטערנדיק! מיר וועלן ניט גיין אין דער טײַגע מיט קיין שטעגעלעך. גיב אַ קוק אָפּן פּראָיעקט פון די אינזשעניערן, און וועסט פאַרשטיין — דאָס אינדזל וועט גענומען ווערן מיט שטורעם.

— ווען־זשע וועט דאָס געשען? מען דאַרף אויסהאַקן אַ וואַלד־

שרונט, און אַ וועג אויסלייגן, און אין מעשעך פונעם ווינטער באַווײַזן די רערן פונאַנדערצופירן, אײַנשטעלן אַ באַלעבאַטישקייט...

— איך קלײַב זיך ניט אָפּצולייגן אַף פרילינג דעם שטורעם אַפן אינדזל. מיר וועלן אַריבערשפּרונגען אַף טײַסין, ווען מיר וועלן אַריבערוואַרפן כאָטש אַ העלפט לאַדונגען און אויסלייגן די באַפעלייטונג ביז אין דער מיט פונעם דורכגוס.

זיי זײַנען צוגעקומען צו די שווייסעווער. באַטמאַנאָוו איז געווען צופרידן, ווען ער האָט דערזען קעדריבען ליגן ניט אַף דער הוילער ערד, נאָר אַף אַ וואַטענעם מאַטראַץ. אַזעלכע מאַטראַצן זײַנען געווען אויך בײַ די איבעריקע שווייסעווער. כוצדעם זײַנען אַפן פלאַץ געשטאַנען צוויי הײַזלעך, ווו די שווייסעווער האָבן זיך געקענט אַנוואַרעמען. וואַסילי מאַקסימאָוויטש האָט זיך אויסגעדרייט אַף צוריק.

— פון אַ געוויסער צײַט האָט איר געענדערט אײַער באַציִונג צו מיר, — האָט ראַגאָוו, ניט אָפּשטייענדיק פון אים, אָנגעהויבן צו ריידן. — איך לעב דאָס זייער שווער איבער.

— ביסט עפעס הײַנט אַזוי לירייש אויפגעלייגט, — האָט באַטמאַנאָוו אַ זאָג געטאָן מיט פאַרדרוס. — אַפן פראָסט דאַרף מען וואָס ווייניקער עפענען דאָס מויל, מען קען זיך נאָך דעם האַלדז פאַרקילן. מען זאָגט, אַז פאַר מענער פאַסט זיך זײַן אײַנגעהאַלטן אין אויסדריקן זייערע געפילן.

ראַגאָוו איז געווען דערשלאָגן פון באַטמאַנאָווס ווערטער און דעם טאָן, מיט וועלכן זיי זײַנען אַרויסגעזאָגט געוואָרן.

— דו לאָז ניט אַראָפּ דעם קאָפּ. דו האָסט אַזאַ פעסטן האַלדז, אַז קיין אַראָפּגעלאָזטער קאָפּ קליידט דיר ניט, — האָט וואַסילי מאַקסימאַוויטש צוגעגעבן, אויסבאַהאַלטנדיק אַ שמייכל. — קעדיי עס זאָל אייגמאָל פאַר אַלעמאָל קלאָר ווערן צווישן אונדז, וועל איך אויך ריזיקירן מיט לירישע פאַרטרוילעכקייטן. די פראַגע וועגן דעם אינדזל, בעט איך דיר, פאַרבינד ניט מיט מײַן באַציִונג צו דיר. צום אינדזל האָב איך אַן אַנדער צוגאַנג, איידער צום פינפטן באַצירק אָדער אַפילע צום דורכגוס. מיר, ווי בויער, וואַקסן, און אונדזער טאַקטיק בײַט זיך, ניט עמעס? און איצט וועגן דיר, וועגן מײַן באַציִונג צו דיר. נאָך פאַר דײַן שמועס מיט מיר האָב איך, באַראָטנדיק זיך מיט זאַלקינדן, באַשלאָסן אַוועקצושטעלן דיך אַפן אינדזל.

— איך וועל באַרעכטיקן אײַער צוטרוי! — האָט ראַגאָוו שנעל אויסגעשריגן מיט געפיל.

באַטמאַנאָוו האָט זיך פאַרקרימט:

— ווידער די דאָזיקע אויסגעשריי־צייכנס! זײַ נאָך מויסיף אַזוי: „איך נעם אַף זיך די פאָלגנדיקע פאַרפליכטונגען”. מען דאַרף פאַרשטיין: אַ סאַך זאַכן זײַנען צווישן מענטשן קלאָר אויך אָן ווערטער. דו פאַר־

שטייסט ניט מײַן באַציִונג צו דיר ? נאָך מיר נאָך איז אַלץ קלאָר. מאַכן דיר קאָמפּלימענטן פֿאַר אַלעם גוטן ? דו ביסט ניט קיין פֿרײַלן. אָנטבײַט־לען מיטן פֿינגער אַפֿן שלעכטן ? איך קען עס, באַטירלעך, אויב דו ווילסט עס. לאָמיר נעמען דעם סאַמע פֿרישסטן בײַשפּיל. ניט איין מאָל הער איך פֿון דיר : גיט מיר אַ גראַנדיעזע אויפֿגאַבע. וואָס, עס שפּילן אין דיר כוואַטסקע, העלדישע קויכעס ? נו, גוט, לאָמיר אָננעמען, אַז זיי שפּילן. אָבער צוליב וואָס זיך אָפּזונדערן, זיך פֿאַרוואַנדלען אין אַ וואַסקע בוס־לאַיעוו ? * דאָס איז דאָך ניט קיין מאָדערנער מוסטער. דו האָסט מאַכאָוון געגעבן אַ צונאָמען אינדיווידואַליסט, האָט זיך באַקומען אַ פֿריילעכער שפּאַס. אָבער צי ווייסטו, אַז דיר קליידט גיכער דאָס דאָזיקע לאַנגע וואָרט ? קוקט אים אָן, עס שטערן אים שוין די אינזשעניערן ! מיר דוכט זיך, אַז אויך אַפֿן קאָלעקטיוו קוקסטו ווי אַף מאַטעריאַל, פֿון וועלכן מען פֿלעכט שטריקלעך. — ראַגאָוו האָט געמאַכט אַ שטומען רופֿצייכן פֿון פּראָטעסט — אויב ס'איז ניט אַזוי, בין איך צופֿרידן. דו האָסט עפּעס גערעדט וועגן אַכטונג צו מיר. ניט שויך־זשע האָסטו ניט געזען בײַ דײַן גאַנצער אַכטונג, אַז אָן די אינזשעניערן און דעם קאָלעקטיוו בין איך אַ נול אָן אַ ציפֿערל ? איך אָנערקען עס אָן קיין שום ערגערניש. פֿאַרקערט, כ'בין צופֿרידן, וואָס איך פֿאַרשטיי עס. דאָס דאָזיקע ניט פֿאַרשטיין — הייסט, זײַן געגליכן צו אַ מענטשן, וואָס האַקט אונטער דער צווײַג אַף וועלכן ער זיצט. — באַטמאַנאָוו האָט זיך פֿאַרהוסט, אַרײַנאָטעמענדיק צו ברייט די אײַזיקע לופֿט. — דו האָסט מיר, אָפֿן גערעדט, פֿאַרשאַפֿט קרענקונג, אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויטש, מיט דײַנע רייד. גיב אַ קוק וויפֿל ווערטפֿולע מענטשן עס זײַנען דאָ פֿאַראַן, און קיינער בלאָזט זיך ניט, שטעלט זיך ניט אַרויס מיט זײַן קראַפֿט, פֿאָדערט ניט קיין איבערנאַטיר־לעכע אויפֿגאַבן, — זיי האָבן לעגאַמרע פֿאַרגעסן אין זיך, אײַנגעשפּאַנט זיך און שלעפּן מיט אַלע קויכעס.

— צי שטיי איך דען אָפּ, שלעפּ ניט צוזאַמען מיט זיי ? — האָט ראַגאָוו געפֿרעגט באַליידיקט.

— דו שלעפּסט, ניט וועגן דעם רעדט זיך. דו קענסט אַ סאַך און טוסט אַ סאַך. מיר אינטערעסירן די מיטלען, די מעטאָדן פֿון דײַן אַרבעט. אָט קענען אויך די אַמעריקאַנער אַרבעטן, און פֿונדעסטוועגן פּאַסטן זיך ניט זייערע אַרבעטס־אויפֿנים פֿאַר אונדז. איך האָב זיך צו דיר צוגעקוקט נאָך אַפֿן פֿינפֿטן באַצירק.

— איר קענט אַלץ ניט פֿאַרגעסן יענע מאַשינען ! — האָט ראַגאָוו געזאָגט מיט פֿאַרדרוס.

— האָסט ווידער ניט געטראָפֿן ! דאָס איז טאַקע די צאָרע, וואָס דו אַליין האָסט פֿאַרגעדענקט בלויז די דאָזיקע מאַשינען. איך וואָלט זיי

*) וואַסקע בוסאַליעוו — אַ העלד פֿונעם פֿאָלקס־עפּאָס.

ערשט ניט דערמאָנט אַפילע... אַפן פינפטן באַצירק איז מיר וויכטיק געווען צו פאַרשטיין, ווי־אַזוי דו האָסט זיך דערשלאָגן צום דערפאָלג. און כ׳האָב פאַרשטאַנען, דו האָסט באַוויזן אָפּצושאַצן די קויכעס פון אונדזערע מענטשן, פאַראייניקטע אין אַ קאָלעקטיוו, האָסט באַוויזן זיך אָנצושפאַרן אַף די קאָמוניסטן און צוציִען צו דער בוויונג די נאַנײַער. איך בין צופרידן געווען זיך איבערצוצײַגן, אַז דו האָסט נייגונגען פון אַן עכטן אָנפירער... האָסט פאָרט אַרויסבאַקומען פון מיר אַ קאָמפּלימענט! ס׳איז אָבער פאַראַן אין דיר אויך עפּעס וואָס ניט קיין גוטס. יענע מאַשינען טאַקע, און די פיש, דער טײַוול זאָל זיי נעמען, און די פאַרריסנקייט בענויגייע מענטשן, וואָס ווײַזט זיך טיילמאָל אַרויס — פונוואַנען האָט זיך עס צו דיר גענומען? און די ניט זייער קלוגע גרינגשעצונג צו די אינזשעניערן — זיי זײַנען דאָך, דו אָריגינאַל מײַנער, די געזעצגעבער פון דער סאָוועטישער ווּסנשאַפט! — ראָגאָוון איז שווער געווען אויסצוהערן באַטמאַנאָוון, ער האָט זיך אַפילע אַ צי געטאָן פון אים אַף צוריק.

— שרעק זיך ניט, אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויטש, מיר פירן אַ האַרבלעכן שמועס, נאָר דו מעגסט אים ניט שטאַרק זיך צום האַרצן נעמען. דו וועסט מיר דערווידערן: וועגן די אינזשעניערן איז גערעדט געוואָרן אין שפּאַס, און די געשיכטע מיט די מאַשינען האָט איר מעגאַזעם געווען... גלייב מיר: אויב אַ מענטש איז דיר ניט גלײַכגילטיק, איז פאַר דיר וויכטיק סײַ די גרויסע אויפגאַבע, וואָס ער האָט אויסגעפירט, וועלכע פאַרדינט זיך אַף אַן אָרדען, סײַ אַ ווערטעלע, וואָס ער האָט ווי צופעליק אַ וואָרף געטאָן. ווילסט, איך זאָל זײַן אויפריכטיק ביזן סאָף? נו, קוק זיך ניט אַזוי אַרום, ווי אַ דערשלאָגענער! דו ווייסט, אַז איך אַרבעט אָן אַ פאַרטרעטער, און כ׳וואָלט אַזעלכן זייער וועלן האָבן. מ׳האָט מיר געשיקט איינעם — דו האָסט אים ניט געזען, און קיינער האָט אים ניט געזען, — פּיסאַרעוו האָט אים טייקעף אָפּגערופן. ער איז ניט קיין שלעכטער מענטש, נאָר ניט רײַף נאָך פאַר אַזאַ אַמט. נו, דו ביסט נאָך אויך ניט רײַף. איך מיין צו זאָגן, אַז איך וואָלט דיך מיט פאַרגעניגן גענומען פאַר אַ פאַרטרעטער, נאָר איך פאַרשטיי — ס׳איז פריצײַטיק. צו וואָס דאַרפסטו זיך אויפהייבן אַף אַ דריטן עטאַזש מיט דער דאָזיקער לאָדונג, וואָס ס׳איז גלײַכער איבערצולאָזן אַפן ערשטן?

אַזוי זײַנען זיי, שמועסנדיק, אומבאַמערקט צוגעגאַנגען צום ייִשעוו. זאַלקינד איז געשטאַנען אַפן גאַנעק פונעם קאָנטאָר. דערזען אים, האָט באַטמאַנאָוו אָנגעהויבן גיין געשווינדער.

— איך וועל שוין גיין, וואַסילי מאַקסימאָוויטש, — האָט ראָגאָוו אַ זאָג געטאָן מיט אַ דערשלאָגענער שטים. — דער קאָפּ דרייט זיך מיר פון דעם אַלץ, וואָס איר האָט געזאָגט. איך וויל זיך פונאַנדערקלײַבן מיט זיך אַליין...

— גיי, גיי, קלייב זיך פֿונאַנדער, — האָט באַטמאַנאָוו אַריינגעשמייכלט אין זיך.

בעייס באַטמאַנאָוו האָט זיך אָנגעוואָרעמט, האָט אים דער פּאַרטאָרג דערציילט: פֿון דער פֿאַרוואַלטונג איז געקומען צופֿאָרן פּושטשין מיט אַ טיפּאָגראַפֿיע, וואָס איז אויסגעשטאַט מיט צוויי מאַשינען.

— איך האָב אים אָפּגעשיקט זיך אויסרוען און פֿאַרזאָגט, אַז מאָרגן זאָל זיין דאָס ערשטע בלעטל. ער דאַרף אַרויסלאָזן אַ קורצינקע בלעטעלע, די גרייס פֿון אַ האַנטפֿלאַך, וואָס זאָל טרעפֿלעך שלאָגן אין ציל. פּושטשין איז געווען אַ רעדאַקטאָר פֿון אַ זאַוואָדישער פֿילטיראַזשיקער צייטונג און ווייסט, וואָס דאָס איז אַזוינס. און דאָ פֿעלט זייער אויס אַ קאָלעקטיווער אָרגאַניזאַטאָר און פּראָפּאַגאַנדיסט. ווי מיינסטו, כאַווער באַטשאַלניק?

באַטמאַנאָוו, האַלטנדיק אַ גלאָז מיט די געפּרווירענע ניט פֿאָלגעוודיקע פֿינגער, האָט געזופֿט הייסן טיי און האַסקאָמעדיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

פֿאַר דער צייט פֿון זיין פֿאַרווייַלן אָפֿן באַצירק, האָט זאַלקינד אַ סאַך אויפֿגעטאָן פֿאַר דעם פֿאַרפֿעסטיקן די טעטיקייט פֿון דער פּאַרטייישער אָרגאַניזאַציע. אָף מאָרגן איז באַשטימט געוואָרן אַ פּאַרטיי־פֿאַרזאַמלונג.

— מ׳האָט געוואַרט אָף איר מיט אומגעדולד. די פֿאַרזאַמלונג האָט געזאָלט אויסוויילן אַ נייעם עקזעקוטיוו. זאַלקינד האָט שוין באַוויזן גוט צוצוקוקן זיך צו די מענטשן, געשמועסט מיט אַלע פּאַרטיי־מיטגלידער און אומפּאַרטייישע. ער האָט געזען, אַז די קאָמוניסטן האָבן מיט זייער איבערגעגעבנקייט דער זאַך, מיט זייער אַרבעט־געניטשאַפֿט און מאָראַלישער לויטערקייט זיך איינגעשאַפֿן אינעם קאָלעקטיוו אַ גרויסע אויטאָריטעט. טראַכטנדיק וועגן די מעגלעכע קאַנדידאַטן פֿאַר מיטגלידער אין דעם עקזעקוטיוו, האָט ער פֿאַר זיך אָנגעמערקט קאַרפּאָוון, ראָגאָוון, אומאַרען, גאָנטשאַרוקן, ניעקראַסאָוון — די דאָזיקע פֿינף מענטשן וואָלטן פֿולשטענדיק געקענט זיין די פֿירער פֿונעם קאָלעקטיוו דאָ, אָפֿן וויכטיקסטן באַצירק פֿון דער בויונג.

— מיר וועלן מאָרגן אָננעמען אין דער פּאַרטיי גוטע מענטשן, — האָט זאַלקינד געזאָגט, ווייזנדיק באַטמאַנאָוון עטלעכע ווענדונגען. — פֿאָלישטשוק אַ שטייגער. איך דערמאָן זיך אַמאָל אונדזער באַקאַנטשאַפֿט מיט אים אָפֿן סטאַרט.

זאַלקינד האָט זיך צעלאַכט, אויך באַטמאַנאָוו האָט אַ שמייכל געטאָן.

— איך האָב צופֿעליק געהערט אַ שמועס צווישן אַליאָשאַ קאָוושאָוון מיט מאָפּאָליעוון. דער אַלטער האָט ניט דערלאַנגט קיין ווענדונג?

— האָט וואַסילי מאַקסימאָוויטש געפֿרעגט.

— דערלאַנגט. עס רעקאָמענדירן אים קאָוושאָוו, ראַגאָוו און ניעקראַסאָוו. אַלעקסיי שרײַבט אין דער רעקאָמענדאַציע, אַז נאָך זײַענדיק אַ סטודענט האָט ער געקענט טאָפּאָליעוון ווי אַ גרויסן רוסישן אינזשעניער.

— דער אַלטער איז אַ כוואַט! וועגן אים וואָלט גוט זײַן מאָרגן צו ריידן אַ ביסל אויספירלעכער. זײַן בײַשפּיל איז באַלערנדיק פאַר די יונגע קאָמוניסטן און ביכלאַל פאַר דער יוגנט.

— הייב טאַקע דו אָן דעם דאָזיקן שמועס, — האָט זאַלקינד געאײַצעט.

— גוט. נאָר איך טראַכט, אַז בעסער וועט ריידן וועגן אים אַלעקסיי.

עס געפעלט מיר זייער פרײַנטשאַפט! ווען דו קוקסט אַזוי אַף זיי, טראַכסטו ניט ווילנדיק: אַזאַ פרײַנטשאַפט איז נאָך קיינמאָל ניט געווען. אַן אַלטער און אַ באָכער נאָך קימאַט... וואָס איז דאָס — פאַרהעלטעניש צווישן אַ שילער און אַ לערער? ניין. איז דען אַליאָשאַ קוזמאַ קוזמיטשעס אַ שילער? גיכער שוין פאַרקערט. זײַנען זיי קרויווים? קוואַרטיר־שכיינים? אָדער שפּיל־פּאַרטנערן אין שאָך? ניי־יין. דאָ איז די פרײַנטשאַפט אַ שטאַרקערע, אַ באַזינטערע... זיי זײַנען פרײַנט דערפאַר, ווײַל זיי זײַנען זיך צוזאַמענגעקומען אין זייערע בליקן אַף דער צוקונפט. ווי טשעקאָווע ס'האָט זיך דאָך באַקומען, גיב אַ טראַכט! סײַ דו, סײַ איך, סײַ בערידזע — מיר אַלע זײַנען אומגערעכט געווען בענויגייע דעם אַלטן. מיר האָבן ניט באַוויזן צוצוגיין צו אים דעליקאַט און מיט געפיל. אין טאָג אַרײַן האָבן מיר לעכאַטשילע פאַשעט „אונטערגערוקט" טאָפּאָליעוון גרובסקין, ריכטיקער, קימאַט „אונטערגערוקט". קאָוושאָוו האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר ווײַטזעעוודיקער פון אונדז, ער האָט דערזען, אַז טאָפּאָליעווס אַקצענטירטע לאַיאַלקייט צו גרובסקין איז בלויז געווען אַ טיפּישע פּאָזע פון אַן אינטעליגענט פון אַלטן שניט. „אַך, די נײַע באַטשאַלסטווע זידלט גרובסקין! וועל איך אים לויבן. איך אַליין וואָלט אים געזידלט, ווען ער וואָלט געווען בײַ די קויכעס. איצט איז ער גאָרניט, וועל איך אים אונטערהאַלטן". און ווייניק נאָך, וואָס אַלעקסיי האָט טויפעס געווען טאָפּאָליעווס מעהוס, ער האָט דאָך אַפילע אויסגעפונען אַ שליסל צו זײַן האַרץ. איז דאָך בערידזע, זיך דערווײַטערנדיק פון דעם אַלטן, געקומען צו מיר מיט דער פאָדערונג אים מעשאַלייעך צו זײַן. איך האָב גערעדט מיט קאָוושאָוון; ער האָט גענומען הייס פאַרטיידיקן טאָפּאָליעוון: „איך גלייב, אַז ער וועט זיך ענדערן, איך זאָג אײַך צו צו באַווירקן אים, נאָר ניט פאַראַמאָל". און ער האָט באַווירקט! איינמאָל באַנאַכט — כ'בין געשלאָפן מיט זיי אין איין צימער — האָבן זיי שעפּטשענדיק געפירט אַ שמועס. דער אַלטער האָט באַקומען אַ בריוו פון פראָנט פון זײַן פּלימעניק וואָלאָדיע. אין שײַכעס דערמיט האָבן זיי גערעדט וועגן דער מילכאָמע און דעם זיג. דער אַלטער האָט געפרעגט, וואָס אַלעקסיי טראַכט וועגן דעם נאָכמילכאָמעדיקן שאָלעם, צי וועט שוין זײַן שאָלעם־וועשאָלעווע?

אַלעקסיי זאָגט אים מיט איראָניע: „ווידעראַמאָל מיקויעך רוזקייט און שטילקייט?". דער אַלטער האָט שנעל דערווידערט — ניין, עס אינטערעסירט אים פּאַשעט די דאָזיקע פראַגע. אַלעקסיי האָט געענטפערט: מען דאַרף ניט דערוואַרטן נאָך דער מילכאָמע קיין שום שאָלעם, עס וועט פאַרקומען אַ קאַמף אין אַ צווייטער פאָרעם... אַזוי ביז צו אַ זיגערישן סאָף. וואָלסט באַדאַרפט הערן וועגן וואָס און וויאַזוי זיי האָבן גערעדט!...

— באַטמאַנאָוו איז אַנטשוויגן געוואָרן און זיך ווידער גענומען פאַר דער טיי. וואַסילי מאַקסימאָוויטש האָט ליב געהאַט שטאַרקן טיי. — פון וועמען נאָך זײַנען פאַראַן ווענדונגען, מיכאַיל?

— פון סילינען. ער בעט מען זאָל אים אַריבערפירן פון אַ קאַנדידאַט אַף אַ מיטגליד פון דער פאַרטיי. — זאַלקינד האָט אויסגעזוכט צווישן די פּאַפּירן, וואָס ס'איז אים נייטיק געווען: — „דאָ, אַפן ווײַטן מיזרעך, בין איך אויסגעוואָקסן און זיך אויסגעלערנט אַרבעטן. ערשט איז מילכאָמע, אַף מײַן גוירל איז אויסגעפאַלן צו קעמפן מיט אַרבעט, אַף אונדזער בויונג. אויב איך בין ווערט, בעט איך אָנצונעמען מיר פאַר אַ מיטגליד פון דער פאַרטיי. איך וויל זײַן אַ בוי־אַרבעטער אַ קאָמוניסט".

באַטמאַנאָוו האָט דערציילט דעם פאַרטאָרג וועגן זײַן שמועס מיט ראָגאָווין.

— דאָס איז אַ כעוורעמאַן מיט אַ גרויסער קראַפט, און ווען דו ווילסט אים איבערדרייען, מוזטו זיך אַף אים אָנלייגן מיט דער פּלייצע. איך רייד מיט אים און פיל, ווי עס קנאַקט זײַן געביין. דאָס מאָל, דוכט זיך, האָב איך שוין צו שטאַרק אָנגעדריקט. — געשוויגן אַ ווײַלע, האָט ער מיט אַ גלאַנץ אין די אויגן אויסגערופן: ווי לעכערלעך ראָגאָוו האָט געבעטן, איך זאָל אים געבן דאָס אינדזל!

לויט זאַלקינדס פּאָנעם און בליק האָט באַטמאַנאָוו דערזען: דעם פאַרטאָרג האָט שטאַרק פאַראינטערעסירט די דערציילונג וועגן ראָגאָווין. עס איז אַפילע אומפאַרשטענדלעך געווען דער דאָזיקער צו שטאַרקער אינטערעס. און וואַסילי מאַקסימאָוויטש האָט ניט אויסגעהאַלטן.

— צי מיר דוכט זיך בלויז, אָדער דו קוקסט זיך ווירקלעך אײַן אין מיר? — האָט ער געפרעגט. — האָסט זיך פון מיר אָפּגעוווינט, צי וואָס, פאַר דער צײַט, וואָס איז בין דאָ געווען?

זאַלקינד האָט זיך פלינק אויפגעהויבן, איז צוגעגאַנגען צום פענצטער. דורכן לויטערן, ניט פאַרפרוירענעם גלאָז האָט זיך געזען קימאַט דער גאַנצער פּלאַץ ביזן דורכגוס, וואָס איז גלײַכמעסיק באַלויכטן פון דער זון. זיך אויסגעדרייט מיט זײַן גוטן שמייכל צו באַטמאַנאָוון, האָט זאַלקינד געזאָגט:

— איך האָב געטראַכט וועגן דיר, און דײַן דערציילונג וועגן דעם צוזאַמענשטויס מיט ראָגאָוון איז צוזאַמענגעפאַלן מיט מײַנע געדאַנקען?

— האָסט געטראַכט וועגן מיר ? וואָס־זשע האָסטו געקענט טראַכטן וועגן מיר ?

— נו, איך וועל שוין דערציילן, אײַל מיך ניט... אַ ביסל געשיכטע... אַנומלט, מיט אַ פינף יאָר צוריק, איז געווען וועגן דיר אַ רייד אין עקזעקוטיוו פונעם שטאָטקאָם, אַז דו ביסט ניט זייער קאַרג אַף קיין קריטיק. אַז דו באַציסט זיך גרינגשעציק צו קליינע מענטשן, דערדריקסט זיי, זאָל עס הייסן, מיט דײַן אויטאָריטעט און שטאַנד. אייניקע כאַווייריס האָבן זיך צופיל צערעדט, ניט אַזוי דאָסיק. איינער האָט דיך אַפילע אָנגערופן אַ קליינער נאַפּאָלעאָן.

— טשעקאַווע ! — האָט באַטמאַנאָוו אויסגערופן, אַ בעפּיירעש געטראָפּענער.

— נאָר דו הער מיך אויס רויִקער — דאָס איז דאָך געשיכטע. אָבער אין אַ געוויסער אומשעדלעכער מאָס האָסטו פונדעסטוועגן געטראָגן אין זיך דאָס, וואָס ערשט האָסטו אַליין דערזען אין ראַגאָזין. ווען איך האָב זיך נאָכאַמאָל געטראָפן מיט דיר אין גאָווינסק אום האַרבסט, האָט מיר, נאַטירלעך, אינטערעסירט: האָט זיך באַטמאַנאָוו געענדערט ? ס׳איז באַוווסט סײַ דיר, סײַ מיר, — אין אונדזער סוויווע טרעפט אויך אַזוי: אַ ווערטפולער און שטאַרקער מענטש, וועלכער האָט דעם צוטרוי פון דער פּאַרטיי, ווערט אָן אָנפירער. אַ געוויסע צײַט גייט אַלץ נאָרמאַל. דערנאָך הערט אויף דער דאָזיקער כאַווער צו שפּירן זײַן פאַרבינדונג מיטן קוואַל פון זײַן קראַפט, הערט אויף צו פאַרשטיין, אַז ער אָן דעם פאָלק, אָנעם קאָלעקטיוו, אָן דער פּאַרטיי — איז אַ נול אָן אַ ציפער, ווי דו זאָגסט. עס הייבט זיך אים אָן דוכטן, אַז ער איז אַליין דער קוואַל פון קראַפט און די איינציקע סיבע פון אַלערליי דערפאָלגן.

— מיר האָבן אַזויפיל מאָל געשמועסט. געדענקסט יענע נאַכט אַפן אַכטן נאָוועמבער ? און האָסט מיר קיינמאָל אַזעלכעס ניט געזאָגט... הייסט עס, האָסט באַשלאָסן, אַז איך בין געוואָרן אַ קליינער נאַפּאָלעאָן ?

— האָט באַטמאַנאָוו געפרעגט מיט פאַרוווּנדערונג און אומגלויבן.

— ניין, איך האָב ניט באַשלאָסן. שטעלסט מיר אומזיסט אַזעלכע פראַגן. מיר האָבן בעשוטפעס אָנגעהויבן שאַפן דעם קאָלעקטיוו פון אונדזער שטאַב. איך האָב, וואָס אָן עמעס, מוירע געהאַט, אַז דו שאַצסט איבער די ראָל פון דער פאַרוואַלטונג, ריכטיקער, שאַצסט אונטער די באַדײַטונג פון די באַצירקן, ווו עס ווערט, אייגנטלעך, געבויט די גאַפּטלייטונג. מיר האָט זיך געדוכט, אַז דו זיצסט צווישן די ווענט פון דער פאַרוואַלטונג. ס׳איז דאָך פאַראַן, צום אונטערשייד פון עמעסער שעפערישקייט, אַ שעפערישקייט אַ ביוראָקראַטישע. עס ברויזט די אַרבעט, מען שרײַבט פּאַפּירן, עס קלאַפּן מאַשינקעס...

— דו פאַרשטייסט ניט ערגער פון מיר די באַדײַטונג פון דעם אָנפירנדיקן אַפּאַראַט אַף דער בויונג אינעם פעריאָד פון אָרגאַניזאַציע !

— איך פאַרשטיי, נאַטירלעך, און האָב אָפּגעשאַצט די ציילגעווענדקייט פון דײַנע דעמאָלטיקע אָנשטרענגונגען. מיר האָבן זיך אַלע געריסן אַף דער טראַסע, און דיר אַליין האָט זיך אויך געוואָלט, נאָר דו האָסט אַלע איבערגעהאַלטן. — זאַלקינד האָט ביטערנקע אַ שמייכל געטאָן. — פונדעסטוועגן האָב איך, ווי דו ווייסט, געהאַלטן פאַר ניט איבעריק צו ברענגען צו אַ צוזאַמענשטויס צווישן די פאַרשטייער פון די באַצירקן מיט די פאַרוואַלטונגס־מיטאַרבעטער אַף דער פּאַרטיייִשער קאָנפערענץ — געדענקסט טאַניאַ וואַסילטשענקאָס און קאַטיעניעווס אַרויסטריטן? מיט באַפרידיקונג האָב איך דעמאָלט געזען, אַז דו נעמסט ריכטיק אויף קריטיק. דו שרעקסט זיך ניט פאַר איר און מאַכסט ניט פאַר זיך קיין וואָרע. אַזוי האָבן מיר דורכגעפירט די צוגרייטונג צו אונדזער סטראַטעגישער שלאַכט פאַר דער נאַפּטלייטונג. עס איז בײַ אונדז ניט אַדורך אָן קיין פעלערן און בלויזן. מען דאַרף זאָגן דעם עמעס, מיר זײַנען צוהער צום דורכגוס געקומען מיט אַ פאַרשפּעטיקונג. איך האָב געטאַדלט אומאַרען און אַנדערע קאָמוניסטן, אַז זיי האָבן ניט איבערגעהיט פּאַנקאָוון, אים געלאָזן אַליין. האָבן זיי מיר ענטפערנדיק דערקלערט: „מיר אָנערקענען עס און זײַנען גרייט צו טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט... נו, און איר ווו זײַט געווען? פאַרוואָס האָט א י ר פּאַנקאָוון געלאָזט אַליין?".

— לאָמיר וועגן פּאַנקאָוון ניט ריידן... צום דורכגוס האָבן מיר פאַרשפּעטיקט, דערין האָב איך מוידע געווען נאָך בײַ דודינען, אין רובעזשאַנסק. וואָס־זשע ווילסטו? נאָכאַמאָל מיר טאַדלען?

— דו לאָזט מיר ניט ריידן. דאָ, אָפּן באַצירק, האָבן מיך אַ סאַך זאַכן דערפרייט. דאָ האָב איך דיך דערזען...

זאַלקינדן האָט זיך פאַרוואָלט רייכערן, און ער האָט גענומען זוכן די שוועבעלעך.

— האָב געדולד נאָך פינף מינוט, און דערנאָך וועסטו אויסרייכערן דרײַ פּאַפּיראָסן פאַראַמאָל, — האָט באַטמאַנאָוו געזאָגט. — וואָס פאַר אַ זינד מײַנע האָסטו דאָ דערזען?

— האָסט גערעדט וועגן דער פרײַנטשאַפט צווישן אַלעקסייען און טאַפּאַליעוון. און איך וויל דיר זאָגן וועגן דער פרײַנטשאַפט... צווישן דיר און די מענטשן, די געוויינלעכע בוי־אַרבעטער. איך האָב אויך פריִער באַמערקט די דאָזיקע פרײַנטשאַפט. נאָר דו האָסט זיך עפּעס אַף אַ נײַעם שטייגער דערנענטערט צו די מענטשן. ביסט פּאַשעטער, האַרציקער געוואָרן. דאָס איז זייער גוט. און דײַן אויטאָריטעט איז נאָך העכער געשטיגן. און דאָס, וואָס דו האָסט געוואָרנט ראַגאָוון, — איז אויך אַ גוטער סימען. בין איך טאַקע צופרידן, וואָס מיר, קומט אויס צו אַרבעטן מיט אַזאַ אַ באַטמאַנאָוון.

באַטמאַנאָוו האָט אין בעפּיירעשער פאַרלעגנהייט אַ קלאַפּ געטאָן מיטן דעקל פונעם פּאַרטציגאַר און בייז אַ זאָג געטאָן:

— ביסט אַזוי פֿאַרפֿאָרן, אַז ס׳איז שווער צו הערן. צי קענען מיר ניט אַפּמאַכן אַף לעהאַבע — ניט מאַכן איינער דעם צווייטן קיין קאָמ־פּלימענטן?

— איך נעם אָן דעם פֿאָרשלאָג. — זאַלקינד האָט צוגערוקט דעם טאַבורעט נענטער און זיך געזעצט לעבן באַטמאַנאָוו. — מיר מאַכן היינט אָפּ צווישן זיך צו זאָגן איינער דעם אַנדערן בלויז אומאַנגענעמלעכקייטן. איך וועל טאַקע גלייך אָנהייבן, מען קען?

באַטמאַנאָוו האָט, לאַכנדיק, זיך אַ וויש געטאָן דעם האַלדז:

— איצט וועסטו מיר שוין ניט נאָכגעבן, אַף וויפֿל כ׳האָב זיך אַליין אָנגעבעטן!

— זיאַטקאָוו האָט מיר דערציילט, אַז דו נעמסט איבער באַ אים זיין מעטאָד. אומאַרע האָט זיך אויך באַרימט: ס׳הייסט, איך לערן דעם באַטשאַלניק צוזאַמענשווייסעווען רערן.

— דאָס רעדסטו גלאַט אין דער וועלט! — האָט זיך באַטמאַנאָוו אויפֿגעשטעלט מיט פּאַרדרוס. — איך האָב ליב יעדע אויסגעצייכנטע מע־לאָכע, אַזש די הענט הייבן מיר אָן צו בייסן. ס׳איז דאָך טשעקאָווע אַליין צו פּרווון.

— אַז איך בין גאָרניט דאַקעגן! און כ׳פֿאַרשטיי דיך פֿולשטענדיק, ס׳איז גאַנץ מענטשלעך.

— זיאַטקאָווס מעטאָד וועט צונוצקומען אַף אַנדערע באַצירקן, און אומאַרעס אויך.

— וועגן דעם טאַקע וויל איך ריידן! דו באַגרענעץ ניט, איך בעט דיך, דאָס פֿאַרשפּרייטן גוטע מעטאָדן פֿון אַרבעט בלויז צו פֿערזענלעכן ביישפּיל. דו ביסט ניט פּיאָטר דער ערשטער, און עס זיינען היינט ניט יענע צייטן. קום, לאָמיר צוזאַמען אָוועקשטעלן די טעכנישע פּראָפּאַגאַנדע אַף דער בויונג. מיט שווונג, ווי ס׳געהערט צו זיין! פּושטשינען וועלן מיר הייסן אַרויסלאָזן בלעטלעך וועגן אומאַרען, וועגן מאַכאָוון... מיר וועלן באַשטימען פֿאַר די אינסטרוקטאָרן פֿון די סטאַכאַנאָווישע מעטאָדן — טאַקע דעם זעלבן זיאַטקאָוון, פּיעטריגינען, מיר וועלן אָנהייבן צוגרייטן באַראַטונגען פֿון די סטאַכאַנאָוצעס — אין אָנהייב אַף די באַצירקן, דער־נאָך אַן אַלגעמיינע, פֿון דער גאַנצער בויונג. אָפּגעמאַכט?

— אָפּגעמאַכט, כאָטש פֿאַרטאָרג, — האָט באַטמאַנאָוו געזאָגט און דערלאַנגט אַ צינדערל: — איצט רייכער דריי פּאַפּיראָסן איינעם נאָכן אַנדערן... און פֿאַר די קאָמפּלימענטן וואָלט איך געזשאַלעוועט אַפילע פֿייער צו געבן? אָדער עפּשער זאָל איך דיך מעכאַבעד זיין מיט טיי?

זיי האָבן געטרונקען טיי און זיך געטוישט מיט פֿריינטלעכע בליקן.

— דערלויב וואַסילי, באַרירן נאָך איין דעליקאַטע טעמע. מען קען?

באַטמאַנאָוו האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— באַריר...

— איך האָב אַזוי פֿאַרשטאַנען: דו ווילסט אַדאָפּטירן גענקע פֿאַנ־קאָוון.

וואַסילי מאַקסימאָוויטש איז געוואָרן וואַכעדיק און אַוועקגעשטעלט די גלאָז טיי:

— ס׳געפֿעלט דיר ניט, וואָס?

— פֿאַרוואָס זאָל עס מיר ניט געפֿעלן? כ׳וויל דיר בלויז פֿריינט־שאַפֿטלעך וואָרענען. גענקע איז בײַ מיר אויך אַן אַדאָפּטירטער, ווי דו ווייסט. נאָר ער איז אַרײַנגעקומען אין מײַן הויזגעזינט אַ דרײַיעריקער. גענקע אָבער איז שוין אַ פֿופֿצניעריקער! דו ביסט איצט אַליין, און דײַן האַרץ איז אַזוי... וואָרף ניט אַן אַף אים קיין שרעק.

— איך האָב וועגן דעם געטראַכט און פֿאַרשטיי אַלץ, — האָט זיך באַטמאַנאָוו אויפֿגעשטעלט און גענומען צערודערט אַרומשפּרײַזן.

— פֿאַנקאָוו האָט אים געגעבן אַ סאַך פֿרײַהייט. ער איז געווען אַ קלוגער טאַטע, האָט געקענט פֿונוויטנס אָנפֿירן מיטן יינגל.

— אויך איך וועל דעם יינגל ניט אָנוואַרפֿן מײַן ווילן און מײַנע געפֿילן.

— ריכטיק, וואַסילי. דײַן האַשפּאָע דאַרף זײַן אַן אומבאַמערקטע. דו וועסט זיך דאַרפֿן באַהערשן, קאַלזמאַן ער וועט זיך ניט צוגעוווינען צו דיר, ווי צו אַ טאַטן.

— ער איז מיר אַזאַ שאָד, נעבעך! — האָט באַטמאַנאָוו שווער אָפּ־געזיפֿצט. — איך בין נעכטן געגאַנגען צו די פֿאַרבינדלער און אים געזען... ער שטייט באַם גאַנעק און וויינט אַזוי ביטער. מען קען פֿון זינען אַראָפּ!

באַטמאַנאָוו האָט זיך געזעצט און אַרומגענומען דעם קאָפּ מיט די הענט.

דער נאַטשאַלניק פֿון דער בוויגג און דער פֿאַרטאָרג האָבן זיך ניט טייקעף אומגעקערט צו זייערע פֿליכטן. זאַלקינד האָט באַשלאָסן אַרויס־צורופֿן מענטשן פֿונעם באַצירק.

— אַרבעט דאָ, — האָט אים באַטמאַנאָוו אָפּגעשטעלט בײַ דער טיר.

— בײַ מיר האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ סאַך פּאָסט, באַפֿעלן און דירעקטיוון פֿונעם פֿאָלקאָם, און ביכלאַל איז די פּאָסט פֿאַר די לעצטע טעג פֿאַרנאַכ־לעסיקט. איך וועל זיך שטילערהייט אָן דעם סעקרעטאַר פֿאַרען מיט די פּאַפּירן און דיר ניט שטערן.

זיי זײַנען געזעסן אין פֿאַרשיידענע ווינקלען פֿון אַ ניט גרויס צימער און זיך באַשעפֿטיקט יעדער מיט זײַן זאַך. צו זאַלקינדן זײַנען איינער נאָכן אַנדערן געקומען אַרבעטער פֿונעם באַצירק, קאָמוניסטן און אומ־פּאַרטייישע. באַטמאַנאָוו האָט, אַרויסשלעפּנדיק פֿון אַ דיקן פּאַרטפֿעל פּאַפּירן, זיי שטילערהייט אַדורכגעקוקט, געשטעלט רעזאָלוציעס, געשווינד־

און אַן פֿאַרשטרײַכונגען אָנגעשריבן טעלעגראַמעס און בריוו. דער אײַנ־דרוק פֿונעם שמועס מיט זאַלקינדן האָט זיך אין אים נאָך ניט אויסגע־וועפּט, ער האָט געקוקט אַפֿן פּאַרטאָרג, און ניט ווילנדיק זיך אײַנגעהערט אין זײַן שמועס מיט די באַזוכער.

ס׳איז אַרײַנגעקומען קאַרפּאָוו. באַטמאַנאָוו האָט זיך באַמיט צו פֿאַרשטיין לויטן כאַראַקטער פֿון די פֿראַגן, צו וואָס דער פּאַרטאָרג האָט אים אײַנגעלאַדן. קאַרפּאָוו האָט, כאַפּנדיק אַ קוק אַף וואַסילי מאַקסימאָ־וויטשן און אַראָפּלאָזנדיק די שטים, מיט ברען דערציילט וועגן די אַרבעטן אַפֿן אײַז. „מיכאַיל זעט פֿאַר, אַז גראַד קאַרפּאָוון וועט מען אויסווײלן פֿאַרן סעקרעטאַר פֿון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע פֿונעם באַצירק, וויל ער זיך נאָכאַמאָל צו אים צוקוקן", — האָט באַטמאַנאָוו אַ טראַכט געטאָן.

— איוואַן לוקיטש, פֿאַרבײַפֿאָרנדיק האָב איך זיך אַרײַנגעכאַפּט קיין ביזשנע סאַזאָנקע און זיך געזען מיט דײַנע לאַנדסלײַט, — האָט דער פּאַרט־אָרג געזאָגט. — זיי האָבן דערמאָנט, וויאַזוי זיי האָבן זיך מיט דיר גע־זעגנט, און באַדויערן פֿאַרוואָס ס׳איז צווישן אײַך געקומען צו אַ קאָנ־פֿליקט. זיי האַלטן, אַז דו דאַרפֿסט דער ערשטער דערמאַנען וועגן זיך. צי איז שוין טאַקע בעטעמעס ניט צײַט, דו זאָלסט אָנשרײַבן אַהין אַ בריוול? שרײַב אַזוי, גלײַך עס וואָלט גאָרניט פֿאָרגעקומען...

קאַרפּאָוו האָט אַ שמייכל געטאָן.

— דאָס שוין ניט, גוטער ברודער; זאָלן זיי די ערשטע אָנשרײַבן. זיי האָבן דאָך מײַן גאַנצע פֿאַמיליע אויפֿגעהעצט, געהאַפּט, אַז כ׳וועל זיך דערשרעקן און אָפּזאָגן פֿון דער בויונג... נו, כ׳וועל אַ טראַכט טאָן, עפּשער וועל איך זיי יאָ אָנשרײַבן. מיר זײַנען אייגענע מענטשן און צוליב אַ סיכסעך וועלן מיר זיך ניט פֿונאַנדערגיין.

נאָך קאַרפּאָוון האָט דער פּאַרטאָרג אַרויסגערופֿן גאַנטשאַרוקן און אומאַרען. דערנאָך איז געקומען סמאַרטשקאָוו, נאָך אים — קאָוושאָוו. באַטמאַנאָוון האָט פֿאַרכידעשט זאַלקינדס טאָן, מיט וועלכן ער האָט זיך געווענדעט צו אַלעקסייען. געוויינלעך איז מיכאַיל באַריסאָוויטש געווען פֿאָטערלעך ליבלעך מיטן אינזשעניר.

— פֿאַרוואָס האָט איר פֿאַרהאַלטן סמירנאָוון, כאָטשער קאָוושאָוו? לויט מײַן פֿערזענלעכער פֿאַראָרדענונג האָט ער געדאַרפֿט מיט פֿינף טעג צוריק גלײַך אַרויספֿאָרן קיין נאָווינסק אַף אַ סעמינאַר.

— מיכאַיל באַריסאָוויטש, סמירנאָוו איז מיר זייער נייטיק. איר ווייסט דאָך, אַז די אַרבעט ברענט ערשט אַפֿן דורכגוס. טאַטיאַנאַ אַלייִן וועט זיך קיין אייצע ניט געבן. סאַפּקאַלסאָף, אַז סמירנאָוו וועט דורכלאָזן אַ סעמינאַר וועט קיין שום בייז דערפֿון ניט אַרויסקומען.

— איר ערגערט מיר מיט אײַער אויסשליסלעך פּראַקטיציסטישן צו־גאַנג. פֿריִער פֿלעג איך אים באַ אײַך ניט באַמערקן. און ס׳איז שוין צײַט צו וויסן: די פּאַרטייִשע שולונג טאָר ניט איבערגעריסן ווערן באַ קיינע

שום באַדינגונגען. איך האָב געוווּסט, אַז אָפּן דורכגוס האָט זיך פונאַנ־דערגעוויקלט די אַרבעט, און פונדעסטוועגן האָב איך פאַראָרדנט, מען זאָל פון דאָזיקן באַצירק שיקן סמירנאָוון און נאָך דריי כאַוויירים. פאַר די איבעריקע וועט מיר ענטפערן ראָגאָזו, פאַר סמירנאָוון — איר. וואָס האָט איך עפּעס פּלוצים באַשלאָסן זיך אַריינצומישן ניט אין אייער זאַך?

— איך האָב זיך אין דער פראַגע פאַרשטענדיקט מיטן נאַטשאַלניק פון דער בוויונג.

אַלעקסייען איז דעם פאַרטאָרגס שטרענגקייט געווען אַ רעטעניש.

— כאַווער באַטמאַנאָוו האָט אין דעם פאַל געהאַנדלט ניט ריכטיק, — האָט זאַלקינד האַרב אַ זאָג געטאָן. — ער האָט ניט געדאַרפט ענדערן די פאַראָרדענונגען פונעם פאַרטאָרג פון דער בוויונג. נאָר מיר אינטערע־סירט און, איך באַהאַלט עס ניט, סע ערגערט מיר, אייער אומדערוואַר־טעטע איניציאַטיוו. איך מיין, אַז אין לעצטן פאַל האָט איר געקענט זיך שטעלן אין קאָנטאַקט מיט מיר, זיך ניט פאַרשטענדיקנדיק מיטן נאַטשאַל־ניק פון דער בוויונג.

קאָוושאָוו, וועלכער האָט בעפייערעש פאַרלוירן דעם קוראַזש, האָט אַ קוק געטאָן צו באַטמאַנאָוון, זוכנדיק בא אים אונטערשטיצונג.

— ס'איז ריכטיק, איך האָב געגעבן מיין האַסקאָמע צו פאַרהאַלטן סמירנאָוון, — האָט זיך וואַסילי מאַקסימאָוויטש מוידע געווען. — און דערמיט גופע האָב איך באַפעסטיקט אייער טאָעס, כאַווער קאָוושאָוו. נעמט־זשע גלייך און פאַרריכט אייער פעלער: זאָל סמירנאָוו פאָרן אָף דער שולונג.

אַלעקסיי איז געשטאַנען באַם טיש און געדרייט אין די הענט אַ ראָ־לעטקע. ס'האָט זיך אים ניט געוואָלט אַוועקגיין, איידער ער וועט זיך ניט פאַרענטפערן פאַר זאַלקינדן.

— ס'האָט זיך, פאַרשטענדלעך, באַקומען ניט גוט, — האָט ער גע־זאָגט מיט ערגערניש. — איך בעט, ניט אויסצוטייטשן עס צום שלעכטן. איך האָב ניט געמיינט מיט עפּעס וואָס אייך אָנצורירן, מיכאַיל באַריסאָ־וויטש. מיר האָט זיך דער איניען אויסגעדוכט פּאַשעטער, ווי ער איז.

— דאָס איז אַ שלעכטע פאַרענטפערונג, — האָט אים זאַלקינד אי־בערגעריסן. — לאָמיר דערמיט ענדיקן. נעמט אין אַכט מיין באַמערקונג אָף לעהאַבע, און שוין.

קאָוושאָוו איז אַוועקגעגאַנגען ניט גערן. זאַלקינד האָט זיך צעלאַכט, זיין פּאָנעם איז מיטאַמאָל געוואָרן גוט.

— איך זע, אַז מיר שטערן זיך פאַרט איינער דעם צווייטן. מאַש־מאָעס, מיר טאָרן ניט זיצן אין איין נאָרע.

— לאָמיר זיך באַמיען כאָטש היינט צו באַהערשן אונדזערע טעמ־פּעראַמענטן ניט צוצוזעצן זיך אין קיין באַזונדערע נאָרעס, — האָט באַט־מאַנאָוו געענטפערט אין זעלבן שפּאַסיקן טאָן.

זיי האָבן ווײַטער געאַרבעט. אָנגעקלאַפּט אין טיר, איז אַרײַנגעקומען קאָנדרין. דער פּאַרטאָרג האָט אים אַרויסגערופן, קעדיי זיך צו באַקענען, צו דערוויסן זיך וועגן די פּרײַוויליקע מאַטאָנעס פאַר דער עסקאַדרע עראָפּלאַנען „באַפּטלייטונג־בויער“: מיכאַיִל באַריסאָוויטשן האָט אויך אינטערעסירט די מיינונג פונעם הויפּט־בוכהאַלטער וועגן מערזליאַקאָוון — מיט וואָס איז דערוויזן געוואָרן, אַז דער געוועזענער נאַטשאַלניק פון דער בויונג האָט אַראָפּגעלאָזט די האַנט אין דער מעלוכישער קעשענע?

קאָנדרין איז אין דער ערשטער רעגע געווען צעמישט, נאָר איז שנעל צו זיך געקומען און האָט זאַכלעך, רויִק אָנגעהויבן ענטפערן דעם פּאַרטאָרג. באַטמאַנאָוו האָט זיך ווידער אַוועקגעריסן פון די פּאַפּירן און מינהאַצאַד באַטראַכט דעם הויפּט־בוכהאַלטער. ער איז אויך איצט ניט געפעלן געוואָרן וואַסילי מאַקסימאָוויטשן, האַגאַם ער האָט אויסגעזען צו זײַן ניט קיין נאָר און אַ זאַכלעכער. ער האָט זיך גוט געהאַלטן, עפּשער בלויז געווען צופיל זיך צודינענדיק אין זײַנע ענטפערס.

„ניט שוין־זשע קען אַנטיפּאַטיע אַרויסגערופן ווערן דורך בלויזער ניט אָנגענעמער אויסערלעכקייט און דורך עפּעס ניט דערוויזענע כשאַדים? — האָט זיך באַטמאַנאָוו געפרעגט. דערבײַ האָט ער אַריבערגעפירט דעם בליק אָפן פּאַרטאָרג. אים האָט אַפילע די אויסערלעכקייט כאַראַקטעריזירט: אַן אָפן דרײַסט פּאָנעם, אַן אויפריכטיקער בליק, פרײַע באַוועגונגען, מאַנירן פון אַ באַלעבאָס.

— וואַסילי, — האָט אים זאַלקינד אַ רוף געטאָן, נאָכן באַגלייטן קאָנדרינען. — ס'האָט דיר ניט דערעסן דײַן קאַנצעלאַריע? קום, לאָמיר גיין אַפן באַצירק. כ'דערמאָן דיר: מיר דאַרפן הײַנט איבערגעבן די רויטע פאָן דעם רינג פון אומאַרע מוכאַמעט, אַ פענדל מיט אַ רויטער דעק אַף דער מאַשין — מאַכאָוון.

קאָנדרין האָט זיך אינסטינקטיוו דערשראָקן, דערהערנדיק, אַז זאַלקינד רופט אים אַרויס. אין קאָפּ האָט אים אויפגעבליצט אַ געדאַנק: סיעראָגין האָט ניט געהאַלטן וואָרט. דער בוכהאַלטער איז געגאַנגען צו זאַלקינדן מיט דער קאַוואָנע זיך מוידע צו זײַן. נאָר ס'איז ניט אויסגעקומען זיך מוידע צו זײַן, דער שמועס איז געווען אַ זאַכלעכער און רויִקער. נאָר איינצײַטיק האָט זיך קאָנדרינען אויסגעדוכט: דער פּאַרטאָרג קוקט זיך אײַן אין אים אויפמערקזאַם. און עפּשער קוקט ער זיך אַזוי אײַן אין אַלע נײַע מענטשן? שוין דאָס באַגעגעניש גופע מיט זאַלקינדן האָט קאָנדרינען אויסערסט צעשרויפט. ער איז אָן אַ ציל געזעסן אַ ביסל אין זײַן קאָנטאָרל, אַרויסגעגאַנגען אַ ביסל זיך דורכגיין אַפן פּלאַץ און אומבאַמערקט זיך געפונען לעבן מעכאַנישן וואַרשטאַט, ווו ס'האָט געאַרבעט סיעראָגין.

דעם מעכאַניקערס קאַבינעט איז געווען אָפּגעצאַמט מיט פרישע ברעטער פונעם אַלגעמיינעם צעך, וועלכער איז נאָך ניט געווען אַרויסגעענדיקט. סיעראַגין האָט געקוקט —זיצנדיק אַף עפּעס אַ טשוהונענעם דעטאַל און אונטערברומענדיק אַ מעלאָדיע— אַף אַ גרויסער צייכענונג, וואָס איז געלעגן אויסגעשפּרייט אַף דער פּאָדלאָגע. ער מיט פילימאָנאָוון האָבן נאָרוואָס אָנגעשקיצירט אַפן פּאַפּיר די סכעמע פון אַ וויכטיקן פּאָמפּנטייל, און פילימאָנאָוו איז געלאָפן מיטן סקיץ צו בערידזען. פּאַרטאָן אין דער אַרבעט, האָט סיעראַגין ניט באַמערקט קאָנדריגנען. יענער האָט אַ שטויס געטאָן אַ מעטאַלענעם דעטאַל, וואָס איז אים אונטערגעקומען אונטער די פיס, און זיך אויסגעזידלט.

— דו אַרבעטסט און זינגסט, דו הינטישער מעכאַניקער ? — האָט ער געפרעגט מיט צאָרן.

סיעראַגין האָט פאַרשוויגן, צוגערוקט צו זיך דעם אַוועקגעשטופּטן דעטאַל און ווידער איינגעגראָבן דעם בליק אין דער צייכענונג. אַף זיין פּאָנעם האָט זיך באַוויזן אַן אויסדרוק פון אַקשאָנעס.

קאָנדרין, ווערנדיק אַלץ מער אין קאַס, האָט ניט געזשאַלעוועט די פיס און ווידער אַ שלייַדער געטאָן דעם פולשטענדיק אומשולדיקן דעטאַל און אָנגעכאַפּט סיעראַגינען פאַרן קאָלנער.

— וואָס ביסטו צוגעשטאַנען, וואָס ווילדעוועסטו ? — האָט זיך סיעראַגין אַרויסגעריסן. — צום טייַוול גיי !

— ניין, פּערדל, מיך וועסטו צום טייַוול ניט שיקן, — האָט קאָנדרין געציטשעט, אים טרייסלענדיק. — מיר ביידע זייַנען מיט אַ שטריקעלע צוזאַמענגעבונדן, אונדז שטייט פאָר איין וועג, פון מיר וועסטו צו זאַלקינדן ניט אַוועקגיין. פון מיר פירט איין וועג — אין קיימער אַרייַן. איך וועל דיך אין אים אַרייַנלייגן מיט קאָמפּאָרט, זיי רויק.

— נו, הער אויף ! כ׳וועל שרייַען, מענטשן זאָלן דערהערן ! — האָט סיעראַגין דומפּ אַ געשריי געטאָן, דערשראָקן פאַר קאָנדרינס פאַרקרימטע שרעקלעך פּאָנעם.

יענער האָט אַרייַנגעצויגן דעם קאָפּ צווישן די אַקסל און זיך אַרומגעקוקט, אָפּלאָזנדיק דעם מעכאַניקער. סיעראַגין איז, רייַבנדיק דעם האַלדז, אָפּגעגאַנגען צום טאָקערייַ־ווערקשטעל באַם פענצטער.

— איך זע, אַז דו האָסט זיך איבערגעשמידט און ווילסט מיך פאַרקויפן פאַר דרייַסיק זילבערשטיק. האַלט קאָפּ, פּערדל ! דו ביסט דאָך דער זעלבער אַרעסטאַנט, וואָס איך.

— איך בין ניט קיין אַרעסטאַנט, נאָר אַ פרייַער מענטש ! איך בין פאַר מייַן כעט שוין אָפּגעקומען !

— שטוסים! דו וועסט דעם פלעק ניט אָפּוואַשן, וועסט שוין אַזוי זיך אַרומטראָגן מיט אים.

— וואָס ווילסטו פון מיר? מען טשעפּעט דיך דאָך ניט.

— כ'וויל וויסן, צי האָסטו עס ניט אָנגעשטעלט קעגן מיר דעם פּאַרטאָרג. עפּעס קוקט ער זיך צו שטאַרק אײַן אין מיר.

— איך האָב גאָרנישט ניט גערעדט. נאָר אויב דו וועסט צו מיר צושטייַן, וועל איך דערציילן! איך גלייב ניט, אַז דו ביסט געוואָרן אַן אָרנטלעכער מענטש. ביסט געווען אַ מענגוול, און אַ מענגוול פאַרבליבן.

מיט איין שפּרונג איז קאָנדרין געווען לעבן דעם מעכאַניקער.

— גיב נאָך איין פּיפּס, און וועסט דײַן לידל ניט דערזינגען! ווילסט איך זאָל דיר א פּיק טאָן? — קאָנדרין האָט געהאַלטן אַ מעסער קעגן סיערגיגנס ברוסט.

— זע נאָר, מען טאָר דיר קיין וואָרט ניט זאָגן, — האָט סיערגין אַ וואָרטשע געטאָן, קוקנדיק מיט פאַרגליווערטע אויגן אָפן מעסער.

— טראַכט וועגן דעם, וואָס דו רעדסט, — האָט קאָנדרין, צופרידן מיט דעם אײַנדרוק, וואָס ער האָט געמאַכט, באַהאַלטן דאָס מעסער. — דו קענסט מיך, פּערדל: נאָך איין קרום וואָרט — און כ'וועל זיך מיט דיר אָפּרעכענען, ווי גאָט מיטן שלאָגג.

— וואָס האָסטו זיך אָף מיר אָנגעזעצט, וואָס האָב איך געטאָן? איך זיץ און אַרבעט.

— איך אַרבעט. — האָט אים קאָנדרין איבערגעשפּעט. — קוקט נאָר אָן דעם ענטוזיאַסט! אייזל!

סיערגין האָט צאָרנדיק אַ קוק געטאָן אָפן בוכהאַלטער, נאָר זיך באַהערשט. קאָנדרין האָט זיך צוגעזעצט אָפן טאַבורעט, פאַרדרייכערט. ער האָט זיך דערמאָנט די אייַנצלהייטן פונעם שמועס מיט זאַלקינדן און געקריצט מיט די ציין. מיטאַמאָל איז ער צו זיך געקומען און זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט.

— פאַרגעדענק פּערדל, מײַן וואָרט... איך שלאָף און אָף דער וואָר, אויב דאָס לעבן איז דיר טײַער, — האָט ער צוגעוואָרפן סיערגינען צום אָפּשייד.

אין וואָרשטאַט האָט זיך גיך אומגעקערט פילימאָנאָוו. אָף דער שוועל איז אים אָנטקעגנגעקומען קאָנדרין. פילימאָנאָוו איז געוואָרן אויפמערקזאַם, אַז סיערגין איז עפּעס ווי מען וואָלט אים אָף אַ צווייטן פאַרטוישט. — דער מעכאַניקער איז געווען דערשלאָגן, פון זײַן פריערדיקער הייטערקייט איז קיין שפּור ניט געבליבן. ער האָט אָן דעם מינדעסטן אינטערעס אויסגעהערט, אַז בערידזע האָט געקריגן אַ טעלעגראַמע פונעם דירעקטאָר

פונעם נאָווינסקער זאַוואָד, טערעכאָוון, וועלכער איז מאַסקים אויסצופאַר־טיקן די פּאָמפּן־דעטאַלן, וואָס פעלן אויס.

— וואָס איז צווישן אײַך מיט קאָנדרינען? — האָט פּילימאָנאָוו געפרעגט. — וואָס פאַר אַ געשעפטן האָט איר מיט אים? ניט לויט דער עלטער, ניט לויט דער ספּעציאַליטעט זײַט איר, דוכט זיך, קיין כאַווײרים ניט...

— קיין שום געשפרעכן ניט, האָט סיעראָגין געשווינד געענטפערט. — ער איז מײַנער אַן אַלטער באַקאַנטער, ער קומט אַמאָל אַרײַן גלאַט אַזוי אַ שמועס צו כאַפּן... — דאָס זאָגנדיק, איז דער מעכאַניקער מע־בולבל געוואָרן. קאָנדרין האָט ניט געהייסן דערמאָנען אַפילע וועגן זייער אַמאָליקער באַקאַנטשאַפט.

קאַפּיטל פֿינף

די וואָכיקע טעג פֿון די בוי־אַרבעטער

אַפֿן אײַז פֿונעם דורכגוס, פּאַראַלעל מיט דער אויפֿגעריסענער־אײַז־עפֿענונג, וואָס האָט זיך אויסגעבילדעט דורך די עקספּלאָזיעס, זײַנען אַף בידעריקע הילצערנע אונטערלאָגן געלעגן האַרט אײנע לעבן דער אַבדערער דרײַ סעקציעס פֿון דער רערן־לייטונג. זיי האָבן זיך געצויגן ווי אַ שוואַרצע פֿײַל פֿונעם ברעג צום האָריזאָנט.

צענדליקער אַרבעטער האָבן אונטער גאָנטשאַרוקס אָנפֿירונג פֿלײַסיק אָפּגערייניקט די רערן פֿון אויסנווייניק פֿון ראַציקייטן און זשאַווער. די דאָזיקע אַרבעט איז געווען אַ שווערע, אַן אַוווידאָס־פּערעכדיקע. פֿון דעם ווילדן גרילצעניש און קריצעניש האָט ווי געטאָן אין די אויערן. אַן עסבדיקער זשאַווער־שטויב האָט זיך געטראָגן אין דער לופֿט. אונטער די מעטאַלענע קעמלעך און בערשטלעך, אויסגעבויגענע ווי אַ סערפּ, וואָס זײַנען געלאָפֿן הין און צוריק, האָט די שוואַרצע רער געביטן איר אויסזען פֿאַר די אויגן — זי האָט זיך געהעלט, ברוין געוואָרן און, לעסאָף, געבליבן רויטלעך. קיין שטויב האָט זיך באַם רייניקן שוין מער ניט אויפֿגעהויבן. גאָנטשאַרוק האָט זייער אַ סאַך געפֿאָדערט, מ׳האָט אַפֿילע געוואָרטשעט קעגן אים:

— אַ שפּילצײַג וויל ער מאַכן פֿון די רערן...

— מען וועט זי דאָך סײַווי אײַנשמוציקן.

און ווירקלעך, אויסנוצנדיק דאָס אָנגעקומענע וואַרעמערע וועטער, האָבן די איזאָלירער באַשמירט בעשעפֿעדיק די אָפּגעפּוצטע דערן מיט אַ הייסער שוואַרצער מאַסע, ענלעך אַף דיאָכט. די דאָזיקע מאַסע — צעלאָזטע סמאָלע מיט געוויסע צומישונגען — האָט מען געקאָכט דאָ, אַפֿן אײַז, אין גרויסע קעסלען. אַפֿן שיכט סמאָלע האָבן די איזאָלירער פֿעסט אַרומגעוויקלט די רער מיט יוטעווע לײַוונט און נאָכאַמאָל באַשמירט מיט

סמאָלע. בלויז די צוזאַמענגעשווייסטע באַהעפטן זײַנען איבערגעלאָזט געוואָרן אָן איזאָלאַציע — פאַרן אַראָפּלאָזן די סעקציע אַפּן גרונט האָט מען נאָך געזאָלט אויספּרוּוון איר פעסטקייט.

צו דער רערן־לייטונג האָט מען צוגעשווייסעוועט אַ שמאָל רערל אַרײַנצולאָזן אין איר לופט פון אַ קאָמפּרעסאָר. פון ביידע זײַטן האָט מען די סעקציע פאַרשטאָפּט מיט דיקע, ווי טעלעגראַף־סלופּעס, הילצערנע שפּונטן. מ׳האָט געלאָזט אין גאַנג דעם קאָמפּרעסאָר — און ער האָט אָנגעהויבן דורכן רערל אַרײַנשטופּן לופט אין דער רערן־לייטונג. בערידזע און אַלעקסיי האָבן, שטייענדיק לעבן קאָמפּרעסאָר, נאָכגעשפּירט דעם דרוק לויטן מאַנאָמעטער. ווען דער דרוק וואָלט שוואַכער געוואָרן, וואָלט עס באַדײַט, אַז איינער אָדער עטלעכע פאַרשווייסעוועטע נעט לאָזן דורך לופט.

אומאַרע און קעדרין זײַנען אויך געשטאַנען דאָ. אומאַרע האָט אויפמערקזאַם נאָכגעשפּירט די אינזשעניערן, גרייט יעדע מינוט זיך אַרײַנצומישן. קעדרין האָט אָנגעשטעלט אַ ניט פאַראינטערעסירט פּאָנעם, אָבער ער האָט זיך אויך דענערווירט און אַף קיין מינוט ניט אָפּגעטראָטן. נאָר דאָס שרעקן זיך פון די שווייסעוואַר איז געווען אומזיסט: דער פּרוּוו איז אַריבער בעשאָלעם. קאָוושאָוו האָט פאַראָרדנט אַרויסצולאָזן די לופט פון דער רערן־לייטונג, דורכפירן די איזאָלאַציע פון די באַהעפטן און פאַרטיק מאַכן די סעקציע אַראָפּצולאָזן זי אין דורכגוס.

— עד, ניטאָ באַטמאַנאָוו און זאַלקינד, זיי וואָלטן אַבי אַ קוק געטאָן, ווי מיר ווועלן מעקאַבער זײַן דעם „גוילעם״! האָבן זיך ניט דערוואַרט. — האָט קאַרפּאָוו באַדויערט.

אַלעקסיי האָט פאַרדריסלעך אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — ערשט האָט ער געקענט טראַכטן בלויז וועגן דער רערן־לייטונג, וועלכע מ׳האָט געדאַרפט אַראָפּלאָזן אין וואַסער.

קאַרפּאָווס געהילפן האָבן צוגעטשעפּעט דעם „גוילעם״ מיט דראָטשטיק — אײַנמיטן — צו פיר טראַקטאָרן, וואָס זײַנען געשטאַנען אין אַ ריי אַף דער צווייטער זײַט פון דער אײַז־עפּענונג, און בײַ די זײַטן — צו צוויי הייבקראַנען, וואָס זײַנען אַוועקגעשטעלט געוואָרן איינער אַפּן ברעג, דער צווייטער אַפּן אײַז, אַ האַלבן קילאָמעטער ווײַטער פונעם ערשטן.

אין דער דאָזיקער פאַראַנטוואָרטלעכער אָפּעראַציע איז אַלץ געווען צוגעטראַכט און אויסגערעפּעטירט פון פאָרויס, און איצט איז דאָס אַראָפּלאָזן די רערן־קייטן צוגעגאַנגען שנעל, לויט די דירידזשירנדיקע סיגנאַלן פון אַלעקסייען, לויט זײַן סעקונדעמעטער.

קאָוושאָוו האָט אַ פּאָך געטאָן מיט דער הענטשקע, די טראַקטאָרן האָבן אַ רעווע געטאָן און זיך געלאָזט גלײַך אין דער ריכטונג פון דער אײַז־עפּענונג. די דראָט־שטריק האָבן זיך מיט אַ קלונג אָנגעצויגן און אַ שלעפּ געטאָן נאָך זיך די פּעטגלאַנציקע שוואַרצע רער אַף די פון פריער

אויסגעלייגטע אונטערלאָגן אַפֿן אײַז. ס'האָבן געקנאַלט די הייבקראַנען, אַרויפֿוויקלענדיק די זײַטיקע דראָט־שטריק.

די רערן־לייטונג האָט מיט אַ דומפּ הילכן זיך דערנענטערט צו דער אײַז־עפֿענונג, און אַלעקסיי האָט, אַליין ניט באַמערקנדיק עס, זיך אײַנגעבויגן און צוגעזעצט, ווי די קאָלאָסאַלע שווערקייט פֿון דער מעטאַלענער רערן־קייט וואָלט אים אַליין מיטגעשלעפּט נאָך זיך.

מיטאַמאָל זיך אויסגעגלײַכט, האָט דער אינזשעניער ווידעראַמאָל אַ פּאַך געטאָן מיט דער הענטשקע. די טראַקטאָריסטן האָבן אין איין אויגנבליק אָפּגעטשעפּעט די דראָט־שטריק, און די רערן־לייטונג איז, אָפּבערעכנדיק דעם ראַנד פֿונעם דיקן אײַז, פֿאַרשווונדן אונטערן וואַסער, אַרויסשלײַדערנדיק איבער דער אײַז־עפֿענונג אַ טריב־גרינע כוואַליע. און באַלד איז די רערן־קייט אַרויפֿגעשווומען אַף דער אויבערפֿלאַך.

— אויסגעצייכנט! — האָט סילין אַ געשריי געטאָן מיט פֿאַרלײַכטערונג. — איך האָב זיך געשראָקן — זי וועט אַלץ מיטרײַסן און אַלץ דערטרינקען. זי האָט שוין איינמאָל אַ וואָג! ס'איז אַפּילע אַ כידעש, וואָס אַ שטאָלענע, אַזאַ שווער־שווערע — און זי זינקט ניט אַראָפּ.

— זי איז ליידיק אינעווייניק, דערפֿאַר זינקט זי ניט אַראָפּ. און די הייבקראַנען האַלטן זי אַף די דראָט־שטריק — האָט קאַרפּאָוו דערקלערט די בוי־אַרבעטער, וואָס האָבן זיך צונויפֿגעזאַמלט אַרום אים. דער געוועזענער פֿישער איז געווען אויפֿגערודערט און האָט זיך געפֿילט ווי אַ יובילאַנט. — אָט ערשט דאַרף מען זי דערטרינקען! ווי אינטערעסאַנט עס איז דאָס אַלץ, גוטער ברודער!

— אַ סאָף מאַכן צו די שמועסן! אַף די ערטער! — האָט אַלעקסיי אַ געשריי געטאָן, זיך אומרוּיִק אַרומקוקנדיק, און ערשט איצט באַמערקט דעם געדיכטן אוילעם אַפֿן אײַז.

לויט קאָוושאָוס קאָמאַנדע האָט מען די עקן פֿון דער רערן־לייטונג אויפֿגעהויבן מיט די הייבקראַנען איבער דעם וואַסער. מ'האָט אַרויסגענומען די הילצערנע שפּונטן. אַפֿן עק, וואָס איז געווענדעט געווען צום ברעג, האָט מען אַרויפֿגעטאָן אַ מעטאַלן נעצל.

— לאָז אַראָפּ! — האָט אַלעקסיי אַ געשריי געטאָן.

דער הייבקראַן אַפֿן ברעג האָט אָנגעהויבן צו קנאַלן, פּאַמעלעך אַראָפּלאָזנדיק דעם דראָט־שטריק. די שטאָלענע רערן־קייט האָט אָנגעהויבן מיט איין עק שנעל אַראָפּזינקען אין וואַסער, פֿון דעם צווייטן עק, וואָס האָט אַרויסגעשטאַרצט איבער דעם וואַסער, איז מיט גערויש אַרויס די לופֿט. אײַנגיכן איז דערטרונקען געוואָרן די גאַנצע סעקציע. בלויז דער מעטאַלענער האַלדז האָט אַרויסגעשטעקט פֿונעם דורכגוס. אַף אַ גרויסן שליטן האָט מען שוין אַהער געפֿירט אַ הילצערן הײַזל — אַ קויש; מ'האָט באַשלאָסן צוצודעקן מיטן דאָזיקן קויש די עפֿענונג פֿון דער רערן־לייטונג,

קעדיי עס זאָל זיך אין איר ניט אויסבילדן אַף דער אָפענער לופט קיין אײַז־קאָרעק.

— זי ליגט, גוטער ברודער, אַפן גרונט ווי אַ מין בויגן, — האָט קאַרפּאָוו געענטפערט אַף די פראַגן פון די אַרבעטער, וועלכע האָבן זיך ווידער אַרומגעזאַמלט. — ערשט הייבט זיך אָן די אַרבעט פון די טויכער.

באַם ברעג האָט סמעלאָוו און נאָך צוויי טויכער זיך געגרייט אַראָפּ־צולאָזן אונטערן אײַז, אַפן גרונט פונעם דורכגוס. אין די הענט האָבן זיי געהאַט עלעקטרישע לעמפּלעך און מעטאַלענע רערלעך — הידראָמאָני־טאָרן, פון וועלכע ס'האָבן זיך געצויגן דיקע גומע־שלאַנגען צו אַ פּאָמפּע אַפן ברעג. פאַרשווונדן אונטערן וואַסער, האָבן די טויכער אָנגעהויבן טראָט נאָך טראָט קאָנטראָלירן, צי איז די רער צוגעפּאַסט פעסט צום גרונט. ווו זיי האָבן אַנטדעקט אַ ניט־גלײַכקייט אַפן באָדן, האָבן זיי זי אַוועקגעשווענקט מיט אַ שטראָם פונעם הידראָמאָניטאָר.

דעם ערשטן טאָג האָט סמעלאָוו געאַרבעט מיט אַ גוזמעדיקער האַס־מאַדע, און מ'האָט די טויכער אַרויסגעצויגן אַפן אײַז אין אַ האַלב־פאַר־כאַלעשטן צושטאַנד. ער אַליין איז באַכדעם אָפּגעלעגן אַ מעסלעס. צו אים איז אָפט געקומען צולויפן טאַניאַ וואַסילטשענקאָ.

ס'האָט זיך איבערגעכאַזערט איינער און דער זעלבער שמועס:

— בעט ניט, כ'בין ניט מאַסקים, — האָט דער טויכער געזאָגט.

— זײַ אַ מענטש, סמעלאָוו! די זאָך פאָדערט דאָך עס, — האָט טאַניאַ איבערצײַגט. — איך מוז אַליין אָנפירן מיטן אויסלייגן דעם קאַבל אינעם דורכגוס.

— כ'האָב ניט געזען קיין פרויען־טויכערס, און איך וויל ניט זען.

— אָבער איך בין דאָך שטאַרקער פון דיר, דו שטאָלצער מאַנספאַר־שוין! ווילסט, וועל איך עס דערווײַזן?

— איצט דערווײַז מיר ניט. לאָז מיר פריִער געזונט ווערן.

— נו, האָבן מיר זיך דעררעדט? — האָט טאַניאַ ווידער אָנגעהויבן אין אים אַרײַנריידן.

— ניין, — האָט סמעלאָוו אָפּגעהאַקט און זיך אַוועקגעדרייט. — שטער מיר ניט צו ליגן.

טאַניאַ איז אין קאַס געוואָרן און אַוועקגעגאַנגען.

עטלעכע טעג שפּעטער האָט זיך די טראַנשיי אַפן גרונט אויסגע־צויגן נאָך אַף אַ קילאָמעטער, אַפן אײַז פונעם דורכגוס איז צוגעקומען אַ פערטע סעקציע. די איזאָלירער האָבן גערייניקט און אַרומגעשמירט מיט סמאָלע די דריטע, און די צווייטע סעקציע האָט מען אַראָפּגעשלעפּט מיט טראַקטאָרן אַפן דורכגוס. פאַרשטאָפּט פוןביידע זײַטן, איז זי גע־שווומען אַפן וואַסער מיט די עקן, אויפגעהויבענע אַף דראָט־שטריק.

אומאַרע מוכאַמעט האָט באַקומען אַ באַפעל צוזאַמענצושווייסעווען די ראַנדן פון ביידע סעקציעס — פון דער אַראָפּגעלאָזטער און דער שווי־

מענדיקער. ערשט נאָכדעם האָט מען געקענט די צווייטע רערן־קייט אַראָפּ־לאָזן אַפן גרונט.

מען האָט פון ביידע סעקציעס אַרויסגענומען די שפּונטן, אויסגעפּוצט ביז גלאַנץ די ראַנדן, אַף איינע פון די רערן האָט מען אַרויפגעטאָן אַ „געבלעטלטע" מופטע — אַ גרויסער רינג מיט געמוסטערטע איבנשניטן; דערווייל האָט מען זיך אָפּגערוקט אין אַ זייט.

אומאַרע האָט געשווייסעוועט מיט אַ גאַז־צינדער, שטייענדיק אַף אַ הילצערן בריקל, וואָס איז אַראָפּגעלאָזט געוואָרן אַפן וואַסער. אַף דער אומרויִקער אויבערפלאַך פונעם דורכגוס האָט זיך דאָס בריקל געשאָקלט, עס האָט אומאַרען געשפּריצט אַפן אָנטועכץ און פּאַנעם.

— אַלדי רוכעס! — האָט זיך דער שווייסעווער געבייזערט.

— רו זיך אָפּ אומאַרע, — האָט אַלעקסיי געאייצעט. — אָדער רייס פּאַשעט איבער דאָס שווייסעווען, מיר וועלן צוטראַכטן, ווי צוצופעסטיקן דאָס בריקל.

דער שווייסעווער האָט זיך ניט אָפּגערופן. ער האָט זיך אַנידערגעלייגט אַפן בריקל, אונטערן באַהעפט פון די אויפגעהויבענע רערן־קייטן, און אָנגעשטעלט דאָס פלעמל אַפן „סופיט".

העכער צוויי שאָ האָט אומאַרע געאַרבעט אַפן צוזאַמענשווייסעווען, און צו אַ סאָף איז נאָך ווייט געווען. דער שווייסעווער איז אינגאַנצן פּאַראייזיקט געוואָרן און האָט אַפילע אויפגעהערט צו טומלען, זיך זידלען.

— קום אַרויס אַפן אייז, מוכאַמעט! — האָט קאָוושאָוו געפּאָדערט.

אומאַרע האָט צאַרנדיק אַ קוק געטאָן אַפן אינזשעניער און זיך צעשריגן:

— פאַרשטייסט ניט גאָרניט, און שרייסט! מען טאָר ניט איבעררייסן, מען טאָר ניט!

אַפן צוזאַמענגעשווייסעוועטן באַהעפט האָט מען אַרויפגעטאָן די מופטע. אומאַרע האָט אָנגעשטעלט דעם צינדער אַף די געמוסטערטע איבנשניטן. דאָס וואַסער אינעם דורכגוס האָט זיך אָט אויפגעהויבן, אָט אַראָפּגעפאַלן, — די רערן־לייטונג האָט זיך דערביי באַוועגט ווי אַ לעבעדיקע.

— ווי עס וואָלט געאָטעמט, — האָט קאַרפּאָוו אַ פּליסטער געטאָן.

— אָטעמט אַריין, אָטעמט אַרויס.

בעייס איין שטאַרקן „אַרויסאָטעם" האָט זיך דאָס וואַסער אַ צעוויגעטאָן; די שטאָלענע מאַכינע, אונטערגעבנדיק זיך אים, האָט אַ ציטער געטאָן און לייכט אַ דריק געטאָן אַפן בריקל. דער הילצערנער פּליט האָט זיך איבערגעקערט, דאָס בלויע פלעמל האָט אַ שרייב געטאָן אין דער לופט. אומאַרע איז, אויסגליטשנדיק זיך, אַראָפּ אין דער וואַסער־עפענונג. דאָס אַלץ איז פאַרגעקומען אין איין אויגנבליק. בלויז קאַרפּאָוו האָט זיך ניט פאַרלוירן. ער האָט, ליגנדיק אַפן אייז, צוגעהאַלטן דעם שווייסעווער פאַר דער קורטקע. דעם נאַסן און שנעל פרירנדיקן אומאַרען האָט מען

אונטערגעכאַפּט אונטער די אָרעמס און געשלעפּט צום ברעג, ער זאָל זיך דערוואָרעמען.

דאָס בריקל האָט מען צוגעפּעסטיקט. ס׳האָט זיך געשטעלט דערויף קעדרין. ניט געאַכטעט, געהיט, האָט ער פאַרענדיקט דאָס שווייסעווען. די מופּטע האָט מען אָפּגעפּוצט, באַדעקט מיט אַן איזאָלירנדיקן שיכט.

— היט זיך! — האָט אַ געשריי געטאָן אַלעקסיי.

אַלע זײַנען אַנטלאָפן אין אַ זײַט.

— לאָז אַראָפּ!

דער אַרויפגעהויבענער צוזאַמענגעשווייסעוועטער באַהעפט פוןביידע סעקציעס פון דער רערן־לייטונג האָט זיך, אויפקאָכנדיק די אויבערפלאַך, אַראָפּגעלאָזט צום טהאָם. אינגיכן איז אינגאַנצן דערטרונקען געוואָרן אויך די גאַנצע צווייטע סעקציע, ס׳איז בלויז געבליבן אַרויסשטאַרצן איר עק.

— מיר האָבן אָנגעיאָגט דעם פּלאַן, אַליאָשאַ, — האָט בערידזע געזאָגט און ערשט איצט באַמערקט, אַז די באָרד איז אים פאַראײַזיקט געוואָרן.

— ערשט דאַרף מען אַריבעריאָגן, — האָט קאָוושאָוו געענטפערט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, אַ זוך טוענדיק, צי קען מען הײַנט ניט אויפטאָן עפּעס וואָס.

— ס׳וועט גאָרניט אַרויסקומען, — האָט זיך בערידזע צעלאַכט, פאַרשטייענדיק דעם דאַזיקן זשעדנע בליק.

און בעעמעס, ס׳האָבן זיך שוין אַראָפּגעלאָזט שאָטנס, געשווינד איז צוגעפאַלן די ווינטערדיקע נאַכט, און ווען ס׳איז פינצטער געוואָרן, האָט זיך די גאַנצע אַרבעט איבערגעריסן.

— דאָ פילט מען זיך קיינמאָל ניט פאַר אַ באַלעבאָס, — האָט זיך אַלעקסיי געקלאָגט. — עפּשער וועט זיך פּלוצים באַנאַכט אָפּרײַסן דאָס אײַז פון די ברעגעס, אָדער עס וועט פּאַסירן אַ וועלכע ס׳איז אַנדערע אומדערוואַרטע זאַך? איך זע אָפּטער אין כאָלעם פאַרשיידענערליי קאָשמאַרן.

— דערווײַל איז דער דורכגוס רויק, — האָט בערידזע דערווידערט.

— אָבער צואײַלן זיך דאַרף מען נאַטירלעך.

פונעם ברעג האָט זיך דערהערט אַ סירענע־פּײַף. ער איז אַט שטילער געוואָרן, אַט פאַרשטאַרקט ביז צו אַ רעווען. ס׳האָבן אויפגעפלאַמט פײַער־לעך און באַלויכטן דעם פּלאַץ און דאָס אײַז־וועגעלע.

די אינזשעניערן זײַנען געגאַנגען אַהיים. ערשט האָבן זיי געשפּירט אַ שרעקלעכע איבערגעמידקייט. זי האָט זיי, ווי אַ שווערע לאָדונג, געבויגן אַראָפּ, אונטערגעהאַקט די פיס.

— איך פאַל, דוכט זיך, באַלד אַנידער, — האָט אַלעקסיי אַ זאָג געטאָן. — כ׳וועל אַנידערפאַלן און דאָ טאַקע אַנטשלאָפן ווערן, אָפן אײַז...

— אַליאָשאַ, כ׳האָב דיר פאַרגעסן איבערצוגעבן... אינדערפרי, נאָכן

געוויינלעכן ראַפּאָרט וועגן דעם גאַנג פון דער אַרבעט אַף די באַצירקן, האָט גרעטשקין פאַרפירט אַ שמועס וועגן זשעניאַ קאָזלאָוו. — בערידזע האָט גערעדט פּאַמעלעך, פויל, קוים דורכזייענדיק די ווערטער.

— ס׳איז מיט איר עפּעס געשען ? — האָט זיך אַלעקסיי באַומרויִקט.

— אַבסאָלוט גאָרניט ! זי בעט, מען זאָל איר איבערשיקן אַהער, צו אונדז. גרעטשקין זאָגט : „קאָזלאָוו איז מיר זייער נייטיק אינעם אָפּטייל, זי האָט אַ סאַך אַרבעט אויך לויט דער קאָמיוגישער ליניע, נאָר אויב איר וועט וועלן — וועלן מיר זי אָפּלאָזן אַף אַ כווידעש, אנדערהאַלבן״.

— און וואָס האָסטו באַשלאָסן ?

— זעסטו, גרעטשקין האָט זיך געקרעמפּירט צו ריידן וועגן דעם אויספירלעך דורכן סעלעקטאָר און בלויז פּילזאָגעוודיק אונטערגעשטראָכן „גיט איבער קאָווּשאָוון, אַז זשעניע בעט זיך צום דורכגוס, זאָל ער אַ טראַכט טאָן : זאָל זי קומען צופאָרן אָדער ס׳איז ניט נייטיק״. איך פאַרשטיי אַזוי, טײַערער אַליאָשאַ : אונדזער באַצירק אונטערעסירט זשעניען אַף אַזויפיל, אַף וויפל דו אינטערעסירסט זי... אויב דו קענסט, דערקלער מיר, כ׳בעט דיך, וואָס פאַר אַ פאַרהעלטענישן זײַנען צווישן אײַך...

— פון מײַן זײַט — אַ פּאָשעטע פרײַנטשאַפטלעכע באַציִונג. פון אָנהייב ביזן סאָף.

— און פון איר זײַט — מער ווי אַ פרײַנטשאַפטלעכע, יאָ ?

אַלעקסיי האָט פאַרשנדיק אַ קוק געטאָן אַפן כאָווער.

— יאָ. ווען איך מיט דיר האָבן זיך אומגעקערט פון דעם נאָרטן־מאַרש, איז געווען אַ מינוט, ווען איך האָב שיר ניט אונטער דער ווירקונג פון די באַדינגונגען אַריבערגעטראָטן די גרענעץ פון פּאָשעטע פרײַנטשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן. איך האָב זיך דערפילט איינזאַם, און זי האָט מיך אַזוי פײַן מעקאַבל־פּאָנעם געווען און אַזוי מילד זיך געצויגן צו מיר. אַף אַ מינוט איז מיר געקומען אַ געדאַנק אין קאָפּ : דאָס וועט דאָך ניט אָנרירן מײַן ליבע צו זינאַן, אויב איך וועל אַרומנעמען און צוטוליען דאָס מיידל. און גלײַך האָב איך זיך פאַרשעמט פאַרן דאָזיקן געדאַנק. איך האָב דערפילט, אַז דאָס וועט מיר גראָד אַלץ איבערפירן — סײַ די ליבע, סײַ דאָס גאַנצע לעבן, אַז איך וועל אויפהערן צו זײַן איך אַליין. איך האָב זיך אַוועקגעריסן. זשעניע האָט זיך, וואָרשײַנלעך, באַליידיקט אַף מיר : איך האָב איר עפּעס וואָס טרוקן אַ זאָג געטאָן און ביכלאַל קאַליע געמאַכט אונדזער באַגעגעניש, וואָס איז אין אָנהייב געווען אַזוי וואַרעם. ס׳האָט אַזוי געדאַרפט זײַן. פאַרשטייסט מיך ?...

— איך פאַרשטיי ! איך פאַרשטיי זייער גוט, אַליאָשאַ !...

— איך וואָלט זיך דערנאָך קיינמאָל ניט מויכל געווען אַזאַ שוואַכקייט. איך האָב אַ געליבט ווײַב אַפן פראָנט, צווישן געפאַרן, און דאָ בין איך ניט פעיִק צו באַהערשן עפּעס אַ לײַדנשאַפט פון געציילטע מינוטן.

דאָס וואָלט אויך ניט גוט געווען בענויגייע זשעניען, זי האָט דאָך מיך אויפריכטיק און בעעמעס ליב באַקומען.

— קום, אַליאָשאַ, לאָמיר דיך אַרומנעמען. ביסט אַ כוואַט...

— נו, אַרומנעמען, — האָט זיך אַלעקסיי צעלאַכט, זיך אָוועקגערוקט פון בערידזען. יענער האָט אים דאָך אַרומגעכאַפּט און פעסט צוגעדריקט.

— איך מיין, אַז זשעניע דאַרף אַהער ניט קומען צופאָרן. זי איז אַן אָנגענעמער מענטש, אַ גוטע אַרבעטערן — זי וואָלט בעלי־סאָפּעק געבראַכט נוצן. און פונדעסטוועגן איז גלייכער איר זאָלט זיין צעשיידט. אַז זי וועט דיך ניט זען, וועט זי זיך גיכער באַרויקן. ווי מיינסטו?

— דו ביסט זיכער גערעכט... טו ווי דו פאַרשטייסט... ענדלעך האָבן מיר זיך דערשלעפּט..

אַלעקסיי האָט זיך מיט פאַרלייכטערונג אָנגעכאַפּט פאַר דער טיר־קליאַמקע פון זייער הייזל. ער האָט געפאַנטאַזירט בלויז וועגן איין זאַך: וואָס שנעלער ליגן אין בעט.

דער לעצטער איז פונעם דורכגוס אַוועקגעגאַנגען קאָושאָווס געהילף באַ די אַרבעטן אָפן אייז — קאַרפּאָוו. ער האָט אַלץ באַטראַכט, זיך פאַר־געדענקט, אויסגעקאָמבינירט.

אין שטוב האָט אים באַגעגנט סמאָרטשקאָוו. ווען דער שאָפער האָט זיך אומגעקערט פונעם ווייטן רייס צום אַדון, האָבן אים די פישער מיט־געגעבן אַ בריוו צו קאַרפּאָוון.

— אַ דאַנק, גוטער ברודער, — האָט קאַרפּאָוו געזאָגט, דריקנדיק סמאָרטשקאָוון די האַנט.

ער האָט אַ טאַפּ געטאָן דעם קאָנווערט, נאָר ניט גענומען זיך אים אויפעפענען. האָט זיך אויסגעטאָן, אַרומגעזייפט, צוגעוואַרט ביז דער שאָ־פער איז אַוועקגעגאַנגען, און ערשט דעמאָלט זיך גענומען צום בריוו.

„וואָס־זשע שווייגסטו, דולער איינער? — האָט אים דאָס ווייב גע־פרעגט. — ווי דו וואָלסט אין דרערד איינגעזונקען געוואָרן. דער אוילעם לאָזט דאָך מיך ניט צו רו: „ווו איז איוואַן לוקיטש, לעבט ער, פאַרוואָס שרייבט מען ניט וועגן אים אין די צייטונגען? בעייס ער האָט געאַרבעט אין קאָלווירט — האָט מען אָפּט געשריבן". ס'איז אָנגעקומען אַ צייטונג פון רובעזשאַנסק, וועגן אייער בוירונג אַ גאַנץ אַרטיקל, הונדערט פאַמי־ליעס ווערן דאָרט אָנגערופן, און דו ביסט ניטאָ. עפשער ווערסטו זיך אומקערן אין קאָלווירט? וואָרן די מענטשן זיינען אַף דיר סיידווי באַליי־דיקט. אָדער עפשער וואָלסטו געקומען כאָטש אין אורלויב, זיך באַווייזן כאָטש... מען וועט דאָך דיך אָן שוועריקייטן אָפּלאָזן — דאָרטן זיינען דאָך אַזעלכע ווי דו פאַראַן הונדערטער, אויב דו ווערסט אַוועקפאָרן, וועט קיין בייז ניט געשען, מען וועט אַפילע ניט באַמערקן. איך ווייס פאָשעט

ניט, וואָס צו טאָן מיט דיר! צום צווייטן מאָל שוין האָסטו זיך פאַרדרייט מיט דער דאָזיקער בויונג. דו ביסט דאָך שוין אַ מענטש אין די יאָרן, און בעטסט זיך אַלץ, ווי אַ יינגל, אין שול אַרײַן. די טעכטערלעך שיקן דיר אַ גרוס. אָבער דער טאַטע שווײַגט. ער האָט ניט דערוואָרט פון דיר, דו זאָלסט אַוועקפאָרן, און איז אָנגעשטויסן. איך וואָלט אויך דאַרפן שטאַרקער אין קאַס זײַן אַף דיר, ניט שרײַבן דיר. נאָר ס'איז מיר עפעס אַ ראַכמאָנעס. ס'איז דיר אַוואַדע דאָרטן ניט גוט...".

קאַרפאָוו האָט געקוקט אַף די בלעטלעך, פאַרשריבענע מיט אַ דערוויירטער האַנטשריפט, זיי צערטלעך אויסגעגלעטיקט און געזען זײַן רײַן הויז, דאָס ווײַב און די מיידעלעך באַם טיש. דער אַלטער לייענט אָפן קאָל אַ צײַטונג, זיי הערן... איוואַן לוקיטש האָט גענומען אַ העפט, אַרויסגעריסן אַ בלעטל און זיך געזעצט שרײַבן אַן ענטפער־בריוו, קעדיי מאָרגן אים אָפצושיקן מיט דער אויטאָ־מאַשין, וואָס גייט קיין ניזשנע סאַזאַנקע.

„...כ'האָב דיר ניט געשריבן, ווײַל דו האָסט מיך אַרויסגעטריבן, מיך מעוואַיעש געווען פאַר באַטמאַנאָון. נו, כ'וועל וועגן דעם ניט דערמאָנען — וואָס געווען, דאָס איז פאַריבער. איך פיל, דו האָסט מיך פאַרשטאַנען, האָגאָם ניט פולשטענדיק. צי דען וועט דיר בעסער זײַן, אויב איך וועל זיך, ניט האָבנדיק גאָרניט אויפגעטאָן, אומקערן אין קאָלווירט, איידער עס ווערט פאַרענדיקט די בויונג? דו שרײַבסט ריכטיק: אַזעלכע ווי דו זײַנען דאָ פאַראַן אַ סאַך. אין דאָרף בין איך געווען דער ערשטער, און דאָ בין איך אַ קליין מענטשעלע. דו ווייסט אַליין מײַן בילדונג אימשטיינס געזאָגט — אינגאַנצן זיבן קלאַסן. נאָר איך האָב ניט קיין פרעטענזיעס. דער גוירל האָט מיך צוזאַמענגעפירט מיט קלוגע מענטשן, און כ'בין צופרידן, לערן זיך, נעם אַלץ איבער. האַלט מיר ניט פיר, וואָס איך וויל אין אַ שול אַרײַן, עס שטעקט דערין קיין כאַרפע ניט. ס'איז פאַראַן באַ אונדז אייִנער אַן אינזשעניער, קאָוושאָוו אַלעקסיי ניקאָלאַיעוויטש. איך בין לויטן אָמט אַ געהילף באַ אים, איז לערנט ער מיר, ווען מיר האָבן אַ פרײַע מינוט, מאַטעמאַטיק און פיזיק. ער האָט מיר דערציילט וועגן פאַראייניקטע קיילים, אַזאַ מאַכשיר, און געמאַכט אַ שפאַס: „איין מענטש ווייסט מער, דער צווייטער ווייניקער. און פון איינעם צום צווייטן פליסט אַריבער דאָס וויסן, ווי דאָס וואַסער אין די דאָזיקע קיילים... איינגיכן וועסטו, איוואַן לוקיטש, וויסן אַזויפיל, וויפל איך אַליין האָב באַקומען פון די פראָפעסאָרן אין אינסטיטוט". אַ שפאַס אַף אַ זײַט, איך האָב זיך אַ סאַך אויסגעלערנט באַ די אינזשעניערן. ס'איז זייער אינטערעסאַנט אַף דער בויונג! וואָלסט אַבי אַ קוק געטאָן, ווי מיר לייגן אויס די נאַפטליייטונג. באַשרײַבן עס איז ניט מעגלעך, מען דאַרף עס אַליין זען...".

דאָס בלעטל האָט ניט געסטײַעט, און קאַרפאָוו האָט אַרויסגעריסן

פונעם העפט אַ צווייטס. ווײַטער האָט איוואַן לוקיטש געשריבן, זיי זאָלן זיך ניט ערגערן דערפון, וואָס אין דער צײַטונג איז וועגן אים ניט דער־מאָנט — ס'איז ניט וויכטיק, וועגן אים איז נאָך פריצײַטיק צו שרײַבן, מען וועט שפּעטער שרײַבן. קאַרפּאָוו האָט זיך אָפּגעזאָגט צו קומען צופאָרן אַפילע אַף אורלויב. עס זײַנען טאַקע פאַראַן טויזנטער בוי־אַרבעטער, אָבער יעדער איז נייטיק און ס'איז טײַער יעדע מינוט. צום סאָף האָט איוואַן לוקיטש פאַרבעטן דאָס ווײַב צו זיך אין גאַסט: „וועסט אַליין זען, וועסטו זיך פאַרווונדערן. ס'איז ניט ווײַט צו פאָרן, טאַכאַקל אַ צוויי הונ־דערט קילאָמעטער. עס גייען מאַשינען איבער דער טראַסע, יעדע וועט דיך ברענגען צו פירן. אויב דו וועסט זיך מעיאַשעוו זײַן צו פאָרן, טו זיך אָן וואָס וואַרעמער. קוש שטאַרק די טעכטערלעך, איך בענק זייער. איך זע זיי אין כאָלעם יעדע נאַכט...”.

פושטשינס אויפהאַלטן זיך אַפן באַצירק האָט געגעבן וועגן זיך צו וויסן שוין אַפן צווייטן טאָג: ס'האָט זיך באַוויזן דאָס ערשטע בלעטל. עס זײַנען אַריבער נאָך צוויי־דרײַ טעג, און די בלעטלעך האָבן אַ שווינבל געטאַן איבערן באַצירק, ווי מעוועס אום זומער באַם ברעג. זיי האָבן זיך געווײַסלט אין די אויטאָ־מאַשינען, וואָס פאָרן אַוועק אין דער טײַגע, אַף די שווייס־אַפּאַראַטן, וואָס שפּריצן מיט פלאַם, אַף ווענט פון געבײַ־דעס, וואָס הייבן זיך אַרויף אַ ריי נאָך אַ ריי, אַף די רערן, וואָס די טראַק־טאָרן האָבן געשלעפּט איבערן אײַז פונעם דורכגוס.

פושטשין, אַ שטילער און אומבאַמערקטער, מיט אַ בלייך פּאָנעם און העלע אולטראַ־מאַרין־אויגן, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַן אומדער־מידלעכן אַרבעטער. ער האָט זיך שנעל דערוווּסט אַ סאַך סוידעס פונעם באַצירק, באַוויזן אומעטום צו זײַן און אַרויסגעלאָזט ביז אַ צען בלעטלעך אין מעשעך פון אַ מעסלעס. די שאַפערן האָבן די בלעטלעך אין שפּאַס אַ נאָמען געגעבן „צוגאַב־בענזין”, און דאָס איז אַזוי געווען. מיט עט־לעכע פראַזן זײַנען זיי אימשטאַנד געווען אונטערצינדן די מענטשן, זיי אַ שטויס צו טאָן צו מאַכן נאָך אַ רייס, צוזאַמענצושווייסעווען דרײַ צו־גאַב־רערן, אַרויסצוגראָבן פון דעם באָדן נאָך אַ קובאָמעטער ערד איבער דער נאָרמע. די ברידער פּעסטאָוו האָבן אָנגעהויבן די בויונג פון פיר באַראַקן פון גרייטע הילצערנע קאָנסטרוקציעס — דעם זעלבן טאָג האָט פושטשין וועגן דעם דערציילט דער עפנטלעכקייט.

„כאַוויירים בוי־אַרבעטער! — האָט געגרופן איינס פון די לויפנדיקע בלעטלעך. — הײַנט האָט מ'צן אַפן גרונט פונעם דורכגוס אַראָפּגעלאָזט די דריטע סעקציע. מיר האָבן אַריבערגעיאָגט דעם פּלאַן אַף פינף טעג. אין דעם שווייסעווען די סעקציעס גייט פאָרויס דער רויטפאַניקער רינג פון אומאַרע מוכאַמעט”. אָדער ס'האָט זיך געווענדעט צו די בעטאָנירער:

„פּיעטריגינס בריגאַדע האָט הײַנט אויסגעלייגט איבער דער נאָרמע פּופּציק קובאָמעטער בעטאָן אין דעם פונדאַמענט פאַר דער פּאָמפּן־סטאַנציע. כאַווײרים בעטאָנירער, דעריאָגט די פּאָרויסגייער !".

און קיינער האָט זיך ניט געוווּנדערט אַף אומאַרע מוכאָמעט, וועלכער האָט הונדערט מאָל אין טאָג געשיקט זײַנע געהילפן נאָך אַ נײַ בלעטל אָדער צו די אַנדערע רינגען שווייסעווער — זיך צו דערוויסן, צי האָט אים ניט קיינער אַריבערגעיאָגט.

— ווילסט אָפּגעבן פּאָן קאָדרינען ? — האָט אומאַרע געשריגן און צוגעלאָפן צו דער אויטאָ־מאַשין, ווו לעבן דעם שווייס־אַפּאַראַט האָט זיך געדרויטלט די פּאָן מיט דער אויפשריפט „דעם בעסטן שווייסעווער פון דער בויונג". — איך ניט וויל אָפּגעבן. קאָלזמאַן מיר ניט ענדיקן מילכאָמע — פּאָן אונדזערע.

שוין דרײַ בלעטלעך, אין וועלכע ס'איז דערמאָנט געוואָרן זײַן נאָמען, האָט אומאַרע אַרויסגעשיקט אַפן פראָנט זײַנע ברידער און קיין קאַזאַן — דער קאַלע. פון זיי האָט ער געפאָדערט „צושיקן אַ צײַטונג, ווו מען שרײַבט אויך וועגן אײַך גוטס".

קיינער האָט זיך ניט געוווּנדערט דערויף, וואָס סמאָרטשקאָוו, ווען ער האָט זיך אומגעקערט פון אַ לויפנדיקן אויסמאַטערנדיקן רייס ביזן עק פון דער באַצירק־טראַסע איז אַרײַנגעלאָפן אין דיספּעטשער־בודקע און קוידעמקאָל אַ פרעג געטאָן : „וויפל רערן האָבן מאַכאָוו און סאָלנצעוו ?".

פּושטשין האָט געהאַט בוי־קאָרעספּאָנדענטן — הונדערטער אויגן, דאָס קאָלעקטיווע ניט אונטערקויפלעכע געוויסן. אַ דאַנק זיי האָט ער קיין זאַך ניט אַדורכגעלאָזט אומבאַמערקט, איז ניט פאַרבײַגעגאַנגען קיין גוטס און ניט מויכל געווען קיין שלעכטס. ווען סעמיאָנס האָלצהעקער־בריגאַדע „האָט געמאַכט אַ דרײַ", פּרווונדק אָנגעבן דעם דעסיאַטניק אויסגעפאַרטיקטע אַכציק קובאָמעטער האָלץ פאַר הונדערט צען, האָט מען זיך וועגן דעם דורכן בלעטל דערוווּסט אומעטום. „ס'איז אַ שאַנד ! — האָט זיך דערין גערעדט. — אין אַזאַ צײַט האָט זיך סעמיאָנאָוו אַנטשלאָסן אָפּצונאַרן דעם קאָלעקטיוו און די מעלוכע...". ווען קאַרפּאָוו ווידער האָט אין דער שוין פּאַרטיקער סעקציע פון דער רערן־לייטונג אַנטדעקט אַ שפּונט פון אַ פּעסט אַרײַנגעשטופּטער וואַטענער קורטקע, האָט דאָס בלעטל אויפגעהויבן אַן אַלאַרעם : „כאַווײרים ! צווישן אונדז זײַנען פאַראַן סאָנים. זיי האָבן זיך געפּרווּט שאַפן אַן אָוואַריע אין דער נאַפטלייטונג אַפן סאַמע פאַראַנטוואָרטלעכסטן אָרט. זײַט וואַכזאַם אַף יעדן שריט און יעדע מינוט, כאַווײרים !".

דער קאָלעקטיוו האָט געלעבט מיט די געמיינשאַפטלעכע אינטערעסן, און די בלעטלעך זײַנען געוואָרן אַ טייל פונעם לעבנשטייגער, דער רעדאַקטאָר ווידער — אַ פּולבאַרעכטיקטער און געאַכטעטער בויער פונעם איבערגאַנג איבערן דורכגוס. קיינער האָט אים ניט פירגעהאַלטן פאַר

קיין ליב אָדער קריטיק אין דער צײַטונג. נאָר איין מאָל האָט ער אַ טאָעס געהאַט, באַשרײַבנדיק ניט ריכטיק דעם ראַציאָנאַליזאַטאָרישן פאָרשלאָג פונעם דעסיאַטניק גאָנטשאַרוק, וועלכער האָט פאַרשנעלערט דאָס אָפּריי־ניקן די רערן פון זשאַווער און קאָראָזיע, און ער האָט דעמאָלט רעכט אַרײַנגעכאַפּט אַף דער פראָדוקציע־בראַטונג.

אַלץ אינעם לעבן פון דעם באַצירק איז אומפאַרמײַדלעך געוואָרן דער קיניען פון אַלעמען — אַפילע דאָס, וועגן וועלכן פושטשין האָט ניט געשריבן. לעבעדיקע, שפּאַסיקע שמועסן האָט אַרויסגערופן די געשיכטע, וואָס דער שאָפער סאָלנצעוו האָט גיפטיק אָנגערופן „דאָס בלעטל, וואָס איז ניט דערשינען״.

דער קאָמיוגיסט מאַכאָוו האָט זיך שנעל אַרויסגערוקט אַפן ערשטן אָרט אינעם פאַרמעסט פון די שאָפערן. דער נאַטשאַלניק פון דער בויונג און דער פאַרטאָרג האָבן אים צוגעטיילט אַ רויטן צודעק אַפן ראַדיאַטאָר און אַ פענדל „דעם בעסטן שאָפער״. סמאָרטשקאָוו און סאָלנצעוו, ניט געקוקט אַף אַלע באַמיִונגען, האָבן בעשום אויפן ניט געקענט דעריאָגן מאַ־כאָוון. פושטשין האָט, נאַטירלעך, אָפּט געשריבן וועגן דעם בעסטן שאָפער אין זײַנע בלעטלעך. די אַנדערע שאָפערן האָבן ניט קינע אָפּגעמערקט דעם רעדאַקטאָרס אינטערעס פאַר מאַכאָוון; זיי האָבן אויפגעכאַפּט, אַז פוש־טשין איז אַפילע אויסערלעך ענלעך צו זייער גליקלעכן כאַווער: „פונקט אַזעלכע קאַשטאַן־האָר און בלויע אויגן״. זיי האָבן זיי אין שפּאַס גערופן די ברידער.

פושטשין האָט זיךווירקלעך באַצויגן צו מאַכאָוון מיט אַ באַזונדערער סימפּאַטיע, איז מיט אים אָפטערער איידער מיט אַנדערע שאָפערן געפאָרן אַף אַ רייס, און אַפילע זייערע בעטלעך אין דער צוזאַמענוווינונג זײַנען געשטאַנען לעבנאַנאַנד. דאָס האָט זיך דערקלערט ניט בלויז דערמיט וואָס פושטשין און מאַכאָוו האָבן, ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, געלערנט אין איין שול אין בלאַגאָוויעשטשענסק און באַנאַנד אַרײַנגעטראָטן אין קאָמיוג, נאָר אין אַ גרעסערער מאָס דערמיט, וואָס דער רעדאַקטאָר איז געווען אין היספּײַלעס פון דער אַקשאָנעס און דער געשיקטקייט, מיט וועלכע זײַן בען־גיל האָט געקעמפט פאַרן ערשטן אָרט.

אין איינעם פון די שווערע טעג פאַר מאַכאָוון, ווען סמאָרטשקאָוו און סאָלנצעוו האָבן אים מאַמעש אָנגעטראָטן אַף די פיאַטעס, האָט פוש־טשין, זעצנדיק זיך אַפן אָרט פונעם געהילף אין דער קאַבינע פון זײַן מאַ־שין, פאַרבראַכט מיט מאַכאָוון עטלעכע שאָ און באַוויזן פאַר דער צײַט פונעם אָנלאָדן און אויסלאָדן די אויטאָ־מאַשין צו שרײַבן נאָטיצן פאַר די בלעטלעך. בעייס דעם לעצטן רייס האָט עס פאַסירט יענע זאַך...

אויסמײַדנדיק אַ ריזיקע אײַז־שטיק, וואָס איז קעסיידער אַרויפגע־קראָכן אַפן וועג, איז מאַכאָוו אַרײַן מיט דער גאַנצער שווערקייט פון דער

אָנגעלאָדענער מאַשין אין אַ ווייכן געמיש פון אײַז און וואַסער. דער אויטאָמאָביל האָט פאַרבוקסירט.

— מען וואָלט זיך באַדאַרפט אַרײַנכאַפּן צו מוסיאַן אַף אַ הייס גלעזל קאַווע, — האָט מאַכאָוו אַ זאָג געטאָן פאַרכמורעט, מיט אַ רעמעז אַף זייער אַ שמועס ניט לאַנג צוריק וועגן דעם אָפּרו, וואָס אים דערוואַרט אינגיכן.

בעיס מאַכאָוו האָט זיך געפּרוווט אַרויסשלעפּן דעם „בעהעמאָט פון דער בלאָטע" ווי ער האָט זיך בייז געוויצלט, און פּושטשין איז געלאָפן נאָך די וועג־אַרבעטער, וועלכע האָבן געבויט אַ דרײַקילאָמעטערדיקן וועג־אַרומפאָר אין דער זײַט פון דער אײַז־שטיק, איז אַוועק די צײַט און דער בענזין.

—דער טײַוול האָט עס אָנגעשיקט דאָס פּאַסקודנע אײַז־שטיק! — האָט זיך מאַכאָוו געקאָכט. — אַנדערהאַלבן קילאָמעטער זײַנען נאָך געבליבן. איצט וועט סאָלנצעוו אונדז פאַרבײַפליִען, ווי אַ שנעלפּיסיקער הירש. אַך, סאַראַ שאַנד! מען וועט אָפּכויזעקן! מען וועט מוזן אָפּגעבן דאָס פענדל.

— וואַרט צו מיט דער קלאָגערײַ, — האָט אים פּושטשין איבערגעריסן. — באַשליס געשווינדער, וואָס קען מען נאָך טאָן.

— לויף נאָך בענזין אַף דער באַזע: פּופּצן קילאָמעטער, — האָט מאַכאָוו ניט פרייליך זיך אַ וויצל געטאָן, אַליין ברעכנדיק זיך דעם קאָפּ, ווי זיך אַרויסצודרייען פון דער צאָרע: אויב ס'איז דיר, ווי אַ רעדאַקטאָר, באַקוועם, ביסט מיר אַ פרײַנט און ווילסט מיר בעעמעס העלפן...

— האָט ער פּלוצים אָנגעהויבן.

— רייד שנעלער, מיר פאַרלירן צײַט! — האָט אים פּושטשין איבערגעריסן.

— לייג זיך אַפּן פליגל פון דער מאַשין און זייג דעם קאַרבוראַטאָר, עפּשער וועלן מיר זיך דערמאָלט דערשלעפּן אַף די לעצטע טראָפּנס. נאָר היט זיך, פריר זיך ניט אָפּ די הענט. דו זאָלסט דערנאָך ניט דאַרפן שרײַבן די נאָטיצן מיטן פוס.

ניט אויסגערעדט קיין וואָרט, האָט זיך פּושטשין אַוועקגעלייגט אַפּן פליגל און געטאָן אַלץ אַזוי ווי דער שאָפער האָט אים געהייסן. די מאַשין האָט גערירט פון אָרט, איז אַוועק. פּושטשינס אַנטבלויזטע הענט האָט געפרירט, האָט אָנגעהויבן ווי טאָן, איז פאַרשטאַרט געוואָרן. אין פּאַנעם אַרײַן האָט געשמיסן אַן אײַזיקער ווינט. מיט פאַרקריצטע ציין האָט פּושטשין „אַרויסגעזאָגט" די לעצטע טראָפּנס בענזין. די מאַשין איז אָפּגעפאָרן אַן אַכט הונדערט מעטער און ענדגילטיק שטיין געבליבן.

— קריך אַראָפּ, מיר זײַנען געקומען צו פאָרן! — האָט מאַכאָוו אַ באַסעווע געטאָן.

פּושטשין איז גלײַך אַראָפּגעשפּרונגען פון שטיגל און געלאָפן אַף

צוריק, צו די וועג־אַרבעטער, טרייסלענדיק די רעכטע האַנט, אַז די פינגער זאָלן צוריק ווערן שפּירעוודיק. די וועג־אַרבעטער, וועלכע האָבן מיט אינטערעס נאָכגעשפּירט פון ווײַטנס, ווי דער בעסטער שאָפער פונעם באַצירק מאַטערט זיך צו פאַרענדיקן דעם שלימאַזלדיקן רייס, זײַנען שוין אַליין געלאָפן צו הילף. דאָס לעצטע שטיקל וועג, וואָס איז צום גליק געגאַנגען מעשופּע, האָט די בריגאַדע געשטופּט די מאַשין מיט די הענט און פּלייצעס.

אין אָוונט האָבן סמאַרטשקאָוו און סאָלנצעוו אין דער צוזאַמענוויגונג „אָפּגעפּראַוועט אַ שפּיל" זייער קעגנער, וועלכער איז אויך דאָס מאָל אַרויס אַפן ערשטן אָרט. בײַ דער מיטבאַטייליקונג פון אַלע שאָפערן האָט סאָלנצעוו פאַרפאַסט אַפן קאָל אַן אַרטיקל פאַר דער צײַטונג אונטערן קעפּל: „צוריק, צום זיידנס צײַטן!". אין דעם אַרטיקל האָט זיך גערעדט, אַז דער שאָפער מאַכאָוו האָט דערטרונקען אַן אויפן, ווי מען זאָל אָן בענזין פירן רערן אַף אַן אויטאָ־מאַשין מיט דער הילף פון אַ בריגאַדע פון דרײַסיק מאַן און איין רעדאַקטאָר ווי אַ צוגאָב צום קאַרבוראַטאָר.

פּושטשין האָט, ליגנדיק אַפן בעטל, געוויגט די אַרומגעבונדענע האַנט, וואָס האָט שטאַרק וויי געטאָן, און שווײַגנדיק געשמייכלט. מאַכאָוו האָט זיך גוטמוטיק צוריקגעוויצלט.

די לעבנס־ראָד וואָס באַטמאַנאָוו האָט אָנגעדרייט אַפן דורכגוס, האָט זיך געדרייט אַלץ שנעלער. די איבערגייענדיקע רויטע פאָן פון דער פאַרוואַלטונג, וואָס אין אָנהייב האָט זי געהאַלטן כלינאָווט קאָלעקטיוו, און דערנאָך טעמקינס באַצירק, איז געבראַכט געוואָרן צום דורכגוס און מ'האָט זי איבערגעגעבן ראָגאָוון.

בערידזע, וועלכער האָט באַוויזן צו זײַן אין מעשעך פון איין טאָג אַף אַלע אָביעקטן, האָט זיך צײַטנווײַז אַליין געכידעשט, ווי שנעל עס האָט זיך איבערגעשטאַלטיקט דער ווילדער „עק וועלט". די נאָך ביט פאַרענדיקטע נײַע הײַזלעך בײַ די סאָפּקעס האָבן, פאַרשטעלנדיק מיט זיך מערזליאַקאָווס נעבעכדיקע באַראַקן, געבילדעט אַ לאַנגע פרייליכע גאַס. די מיט פונעם פלאַץ, דאָס סאַמע אָנגעזועגנסטע אָרט, האָט פאַרנומען די בויונג פון דער פּאָמפּן־סטאַנציע — דאָס האַרץ פון דער גאַנצער באַפּטלייטונג; אַף דער בויונג איז ערשט געגאַנגען דאָס פאַרלייגן די פונדאַמענטן. רעכטס פון דער קומענדיקער סטאַנציע האָט אַן עקסקאַוואַטאָר אַרויסגענומען דעם גרונט פאַר קאָלאָסאַלע ערד־רעזערוואַרן. דערלעבן איז געשטאַנען אַן אויסגעפּאַרטיקטער מעטאַלענער רעזערוואַר, דערלעבן האָט מען געניטעוועט אַ צווייטן. אַף דער צווייטער זײַט פון דער פּאָמפּן־סטאַנציע האָט זיך אויסגעשפּרייט די „אינדוסטריעל־ענערגעטישע באַזע פונעם באַצירק": די עלעקטראָסטאַנציע, דער גאַראַזש און

דער מעכאַנישער וואַרשטאַט. איבערן אײַזוועג אַפּן דורכגוס האָבן די אויטאָמאָבילִיסטן שוין איבערגעפירט אַ סאַך לאָדונגען. קאָוושאָוו און טאָפּאָליעוו האָבן זיך פּאָרויסגערוקט אַפּן דורכגוס ביז צו דער מיט, און ס'איז געקומען די צײַט אַריבערצוקלײַבן זיך אַפּן אינדזל, קעדייי פון יענער זײַט ווײַטער אויסצולייגן די רערן. איבערן פּלאַץ איז קימאַט אַ גאַנצן קײַלעכיקן מעסלעס געהאָנגען אַ הודזשעניש: באָס־אַרטיק האָבן געשריגן די אויטאָ־מאַשינען, געקנאַלט די טראַקטאָרן, געקוויטשעט די דיסק־זעגן, געשאָטן שרויט די פּנעוומאַטישע העמערלעך. אינעם דאָזיקן האַרמידער האָבן זיך אויפגעלייזט הונדערטער מענטשלעכע שטימען.

בערידזעס געדאַנקען האָבן זיך אַלץ אָפּטערער געווענדעט צום אינדזל: עס האָט זיך דערנענטערט דער מאָמענט פון אַריבערשפּרינגען אַף אים מיט דער גאַנצער קראַפט, וואָס דער קאָלעקטיוו האָט צונויפגעזאַמלט. ראָגאָוו איז טאָג־טעגלעך צוגעשטאַנען: „ווען־זשע?”. ערשט ניט לאַנג צוריק האָט זיך דער איבערגאַנג איבערן דורכגוס פאָרגעשטעלט פאַר דער שווערסטער אויפגאַבע, אָבער איצט ערשט איז אומעטום אַפּן פּלאַץ אָנגעגאַנגען אַן אומאויפהעלעכער קאַמף מיט דער נאַטור, פונדעסטוועגן האָט שוין דער הויפּט־אינזשעניער געקוקט אַפּן קאָנטינענט־באַצירק מער ווי אַף אַן אָנגריף־פּונקט צו שטורעמען דאָס אינדזל.

ער האָט אַרויסגעשיקט מיט אַן עראָפּלאַן קיין קאָנטשעלאַן קאָטליאַרעווסקין מיט עטלעכע צענדליק בוי־אַרבעטער — צו רעקאָנסטרויִרן די פּאָמפּן־סטאַנציע אַפּן אינדזל. דער טעכניקער טשערנאָוו האָט זיך אַרויסגעלאָזט מיט אַ בריגאַדע פאַרבינדלער אויסצושפּינען אַ מעטאַלן שפּינוועבס איבער דער טײַגע צום אינדזל. נאָר דאָס איז געווען בלויז ווי אַ שלאַכט־אויסשפּירונג.

נאָך באַטמאַנאָווס אַוועקפאָרן איז בערידזע פאַרבליבן דער אויסשליסלעכער באַלעבאָס פון די עקסטע באַצירקן, ווו ער האָט זיך פאַרפעסטיקט אַף לאַנג. זײַנע טעג זײַנען אַריבער אין אַ קעסיידערדיקן פאַרקער מיט הונדערטער בוי־אַרבעטער, אין געראַנגל מיט שווועריקייטן, וואָס זײַנען אַנטשטאַנען אָן אויפהער. אין דער טעלעפאָן־צענטראַלע איז פאַר בערידזען אויסגעטיילט געוואָרן אַ באַזונדער צימער, — דאָ האָט ער, אין שכײַנעס מיט טאַטיאַנאַן, אײַנגעאָרדנט סײַ דעם שטאַב, סײַ די וווינונג, אַהער האָט מען געקלונגען פון דער גאַנצער טראַסע. פון אים זײַנען אַפּילע אַף קיין איין טאָג ניט אַראָפּגענומען געוואָרן די פליכטן פון אַ הויפּט־אינזשעניער פון דער בוינג. אַף אַלע באַצירקן זײַנען קעסיידער אַנטשטאַנען טעכנישע רעטענישן און פּראָבלעמען — זיי צו אַנטשיידן איז מען זיך זעלטן באַגאַנגען אָן אים. צו פאַראייניקן די אוממיטלבאַרע אַרבעט אַפּן באַצירק מיט דער טעכנישער אָנפירונג פון דער גאַנצער בוינג איז געווען ניט לײַכט. אַפּילע זײַנע כאַלוימעס זײַנען געוואָרן ווי אַ העמשעך פונעם אַרבעטס־טאָג. אויך אין שלאָף האָט ער אויסגעהערט דורכן טע־

לעפאָן דעם באַריכט פון גרעטשקינען וועגן דעם מאַצעוו אַף די באַצירקן, געשריגן אין מיקראָפאָן אַרײַן צו מעלניקאָוון, אַז ער פאַרוואָרט אָנצוהייבן דאָס שווייסעווען, אָדער איז געלאָפן איבערן אײַז פונעם דורכגוס — נאָכצושפּירן דאָס אַראָפּלאָזן די לויפנדיקע סעקציע פון דער רערןלייטונג, אָדער האָט זיך פונאַנדערגעקליבן מיט פילימאָנאָוון אין אַ געוויסן אומפאַרשטענדלעכן דעטאַל פון אַ פּאָמפּע, אָדער זיך אַראָפּגעלאָזט אין ערד־ראָוועס, קעדיי צו אָנטשיידן, צי איז שוין ניט צײַט אויסצולייגן אַ שיכט, וואָס לאָזט ניט דורך קיין נאַפט, אין דאָזיקן קומענדיקן רעזערוואַר פון פליסיקן שוואַרצן גאָלד.

נאָר וויפל זאָרגן און קלאָפּאָטן ס׳האָבן זיך ניט אַרויפגעוואַלגערט אַף בערידזעס קאָפּ, האָט ער זיך ניט פאַרלוירן.

— רויִק, רויִק, פרײַנט, — פלעגט ער זאָגן, ווען מ׳איז געקומען צו אים אין פאַרצווייפלונג: דאָס און דאָס קומט ניט אַרויס. — מען דאַרף קלאָר וויסן, וואָס מען וויל, און דעמאָלט דערשלאָגט מען זיך צום ציל. — דאָס איז געווען זײַן באַליבט ווערטל.

בערידזע האָט געהערט צו יענער קאַטעגאָריע סאָוועטישע מענטשן, וועלכע אַרבעטן אַלץ זיכערער און צילגעווענדטער, וואָס שווערער עס פאַלן זיך צונויף די באַדינגונגען. און אַפילע אין יענע פאַלן, ווען מ׳האָט אים בוכשטעבלעך אַף שטיקער צעריסן, האָט אים די גלײַכמעסיקע שטימונג ניט פאַרלאָזן. עמעס, ער האָט זיך געקענט צעקאָכן און אַפילע זייער שטורמיש, אָבער דערפאַר האָט ער זיך שנעל אײַנגעשטילט און געוואָרן באַזונדערס גוט, צערטלעך אַפילע צו יענעם, וועלכן ער האָט מיט אַ שאָ צוריק געזידלט.

קאָוושאָוו און טאָפּאָליעוו זײַנען געווען זײַנע געטרײַע געהילפן. בערידזע איז פעיִק געווען זיי ניט צו שטערן אין זייער איניציאַטיוו. אַלעקסייס אָקשאָנעס און אומדערמידלעכע ענערגיע האָבן געקריגן אַ פרײַע אָנווענדונג פונקט אַזוי, ווי קוזמאַ קוזמיטשעס ענציקלאָפּעדיש וויסן אַפּן געביט פון בויונג.

אָפּן דאָזיקן שטיקל סאָוועטישן ערד איז בערידזען אָנגעגאַנגען אַלץ, נאָר ער האָט זיך פונדעסטוועגן גערנער געווידמעט דעם, וואָס ער האָט אָנגערופן טעכנישע שעפערישקייט. „ווי פּרעכטיק דאָס איז, ווען די וויסנשאַפט באַווירקט אוממיטלבאַר דאָס לעבן!” — פלעגט געאָרגי דאַווידאָוויטש זאָגן מיט לײַדנשאַפט. ער איז ניט מיד געוואָרן צו וואָרענען די אינזשעניערן און בוי־אַרבעטער וועגן די געפאַרן פון דעם אייביקן געפרירעכץ. בערידזע האָט זיך שיר ניט דערפרייט, ווען דאָס אייביקע געפרירעכץ האָט זיך צום ערשטן מאָל באַוויזן — ערשט האָבן די מענטשן לויט אייגענער דערפאַרונג זיך געקענט איבערצײַגן אין דער ריכטיקייט פון זײַנע וואָרענונגען.

איינמאָל אינדערפרי איז צו אים געקומען צו לויפן אַ מעבולבעלער אומאַרע מוכאַמעט.

— כאַווער בערידזע, קאַטאַסטראָפע, צאָרעס, גיכער העלף!

אין דער צוזאַמענוווינונג פון די שווייסעווער האָט גלײַך פון אונטער דער פּאָדלאָגע פּלוצים אַ פּלייץ געטאָן אַ קרעפּטיקער פאָנטאַן אײַזיק וואַסער. די מענטשן האָבן קוים באַוויזן אַרויסצושפּרינגען. דאָס וואַסער האָט געשווינד פול געמאַכט די קוואַרטיר, זיך אַרויסגעגאָסן דורך די טירן און פענצטער. בערידזע האָט דערווישט אַפן אָרט אַן אוילעם בוי־אַרבעטער, וואָס קוקט זיך צו צום אומגעווייגלעכן בילד: אַ הילצערנער באַראַק, אָנגעפילט מיט לויטערן אײַז. דאָס וואַסער האָט, אויגנבליקלעך אײַנפרירנדיק, געבילדעט אַרום דעם הויז אויסטערלישע וואַסערפאַלן. (עמעץ האָט זיי אַפן אָרט געקרוינט מיטן נאָמען „אײַז־פאַלן").

— ווי אַרום דאָס וואַסער געקומען אין הויז, פון וואַנען זיך דערנומען? פאַרוואָס אין אונדזער הויז, פאַרוואָס ניט אין אַ צווייטס? — איז אומאַרע צוגעשטאַנען.

— מײַנע פרײַנט, דאָס איז אַ טיפּיש שטיקל אַרבעט פון דעם אייביקן געפרירעכץ, — האָט בערידזע אויפגעקלערט די בוי־אַרבעטער. — דער באָדן אונטער דער צוזאַמענוווינונג איז שטאַרק אָפּגעאַנגען מאַכמעס דער וואַרעמקייט אין שטוב. און וואָס איז דערפון אַרויס? דאָס אומדורכדרינגלעכע אייביקע געפרירעכץ פון אונטן און דער אייבערשטער באָדןשיכט, וואָס פרירט אײַן אַלץ שטאַרקער, האָבן אָנגעדריקט אַף די אונטערבאָדנדיקע וואַסערן, יענע האָבן אָנגעהויבן זוכן אַן ארויסגאַנג צו דער אויבערפלאַך און אים געפונען אין דאָזיקן דערוואַרעמטן אָרט. אויסמײַדן אַזעלכע אומאָנגענעמלעכקייטן איז מעגלעך. מען דאַרף מאַכן קאַלטע קעלערן אין די הײַזער: דעמאָלט וועט די וואַרעמקייט פון די וווינונגען ניט האָבן קיין ווירקונג אַפן אײַנגעפרוירענעם באָדן.

— אײַער הויז האָט, ווי אַ פּאָמפּע, אַרויסגעצויגן דאָס וואַסער פון די ערד־טיפענישן, — האָט צוגעגעבן טאָפּאָליעוו, וועלכער איז געקומען נאָך בערידזען, און דערציילט אַ פּאַסירונג פון זײַן פּראַקטיק: פּלוצים, מען ווייס ניט פון וואַנען, האָט זיך אינמיטן הויף באַוויזן אַ אײַז־הויפן. האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס אונטערבאָדנדיקע וואַסער האָט זיך אַרויסגעריסן אַף יענעם אָרט, ווו ס'איז געשטאַנען אַ ליידיק פעסל, איבערגעקערט מיטן דנאָ אַרויף. דאָס האָט געשפּילט די ראָל פון אַ פּאָמפּע: אונטער דעם איז די ערד דורכגעפרוירן געוואָרן ווייניקער, איידער אַרום.

— ווו וועלן מיר וווינען? מען דאַרף האָבן קוואַרטיר, — האָט אומאַרע געקוקט אַ געקרענקטער אַף דער צעשטערטער וווינונג.

— האָב קיין צאָרעס ניט, ס'וועט זײַן אַ וווינונג, — האָט בערידזע צוגעזאָגט.

מיט אַ וואָך שפּעטער האָט פּאַסירט אַ צווייט מאָדנע געשעעניש:

אין דער ברויט־בעקעריי האָט זיך אָנגעהויבן אַראָפּזעצן דער אויוון; אין מעשעך פון דריי טעג איז ער קימאַט אינגאַנצן איינגעזונקען געוואָרן אין דער ערד. ראָגאָוו האָט פאַראָרדנט צו שטעלן אַף דער אייבערשטער טייל פונעם פאַרזונקענעם אויוון אַ נייעם.

— אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויטש, רופט אָפּ אייער פאַראָרדענונג, — האָט בערידזע געזאָגט ראָגאָוון.

— וואָס הייסט עס, געאָרגי דאַווידאָוויטש? מען מוז דאָך ערגעץ באַקן ברויט. יענער פאַרשאָלטענער אויוון איז אַראָפּ אין שאָול־טאַכטיע אַריין.

— די מייסע איז די, וואָס אונטער דער ברויט־בעקעריי ליגט אַ שיכט אייביק געפרירעכץ, דאָס הייסט אַ געמיש פון באָדן מיט אייז. מאַכמעס דער וואַרעמקייט פונעם אויוון איז דאָס אייז צעגאַנגען, און אונטן האָט זיך אויסגעבילדעט אַ זומפּ. דער צווייטער אויוון וועט אויך אַהין אַראָפּ. דאָס איז אַ פרישער ביישפּיל פון דער אומפּאַרזיכטיקייט פון די בויער, אונדזערע פּאָרויסגייער. מיר וועלן מוזן, אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויטש, בויען אַ נייע בעקעריי און עפּעס צוטראַכטן אַף צו באַרויקן דעם הער אייביקע געפרירעכץ.

אַ צווייט מאָל האָט בערידזע געפירט אַלעקסייען און טאָפּאָליעוון באַטראַכטן איינעם פון די באַראַקן, וואָס זיינען געבליבן בעירושע פון מערזליאַקאָוון. די פּאָדלאָגע אינעם באַראַק איז געווען מעשופּע, די טירן האָבן זיך געעפנט מיט גרויסער מי.

— נאָך איין פּאָקוס פונעם אייביקן געפרירעכץ, אַליאָשאַ, — האָט אָנגעוויזן געאָרגי דאַווידאָוויטש. — אַף די דאָזיקע צוויי ווינקלען פונעם געביי דריקן די קויכעס פון אויפפּוישונג, דאָס הייסט די קראַפט פונעם פונאַנדערשפּרייטן זיך פונעם אייז פון אונטן. זיי הייבן אויף דאָס געביי פון איין זייט, ווי זיך באַמיענדיק עס איבערצוקערן. אין אַ יאָר אַרום וועט זיך דער באַראַק איינלייגן. ס'איז נאָך גוט, וואָס ער איז ביכלאַל שלעכט אויפגעבויט און פאַרמישפּעט מען זאָל אים פונאַנדערנעמען, אַניט וואָלט זיין שאָד געווען. סאַראַ מענוול ס'איז דאָס אייביקע געפרירעכץ!

טאָפּאָליעוו, וועלכער האָט טאָמיד געהאַט אַ רעזערוו פון אַ סאַך צופאַלן אין דער אייגענער פּראַקטיק, האָט זיך ניט איינגעהאַלטן:

— מיט אַ צען יאָר צוריק איז מיר אויסגעקומען אַרויסצופאָרן קיין סיביר מיט אַ געוויסער טעכנישער קאָמיסיע — מיר האָבן קאָנטראָלירט דעם צושטאַנד פון די אייזנבאַן־בריקן. שטעלט אייך פאָר, אַז פון הונדערט בריקן, וואָס זייער פעסטקייט האָט געדאַרפט קאָנטראָלירט ווערן, זיינען ניינציק געווען אונטערגעהויבן דורך דער קראַפט פון דער זעלבער אויפפּוישונג אַף דריי סענטימעטער. סאַראַ מענוול! — האָט ער איבערגעכאַזערט דעם אויסרוף. — דער אייבערשטער ערד־שיכט, אָנגעזעטיקט מיט פייכטקייט, ברייטערט זיך אויס אום ווינטער פון דער קעלט, נאָר

אַראָפּצו האָט ער ניט קיין אויסגאַנג — דאָרט שטייט פֿאַר אים, ווי אַ וואַנט, דאָס אייביקע געפֿרירעכץ, דערפֿאַר גייט די אויסברייטערונג אַף אַרויף, און די ערד הייבט אָן אויפֿצופֿוישן.

אַלעקסייען איז ניט אויסגעקומען פֿריִער זיך אָנצוטרעפֿן אַף אַזעלכע דערשײַנונגען, און האָט געהאַלטן, אַז בערידזע איז מעגאַזעם די געפֿאַר פֿון דעם אייביקן געפֿרירעכץ. ערשט האָט ער פֿאַרשטאַנען — דער הויפּט־אינזשעניער איז געווען הונדערט מאָל גערעכט, ווען ער האָט פֿון אים געפֿאָדערט אין נאָווינסק צו ענדערן די פּראָיעקטן פֿון די פֿונדאַמענטן פֿון אַלע געמויערטע געבײַדעס.

אַף דער בויונג פֿון דער פּאָמפּן־סטאַנציע האָט מען די פֿונדאַמענטן געמוזט שטעלן לויט בערידזעס פֿאַראָרדענונג אַף טיף אין דער ערד אַרײַנגעשלאָגענע סלופּעס. דער געפֿרוירענער באָדן איז געווען האַרט ווי פֿעלדז, און ס׳האָט געקאָסט אוממענטשלעכע מי אַרײַנצושלאָגן אַפֿילע איין סלופּ. זיאַטקאָוו האָט זיך אין נאָמען פֿון אַלע אַרבעטער געוואַנדן צו בערידזען.

— צי מוז מען אומבאַדינגט האָבן די דאָזיקע סלופּעס — האָט דער אַלטער ערדגרעבער געפֿרעגט, אַרײַנהוסטנדיק אין דער הענטשקע. — מיר נעמען אַף זיך צוליב זיי אַ גרויס מאַטערניש, שלאָגן זיך צײַטנווײַז פֿאַרשעט אַרויס פֿון די קויכעס. אויב מען קען זיך אָן די סלופּעס ניט באַגיין, איז קלערט אונדז אויף, צו וואָס זײַנען זיי נייטיק? וועלן מיר כאָטש אויפֿהערן צו צווייפֿלען.

און געאָרגי דאַווידאָוויטש האָט געמוזט נאָכאַמאָל אויפֿקלערן די בוי־אַרבעטער:

— אונדזער פּלאַץ ליגט אַף אייביק געפֿרירעכץ, און מיט אים טאָר מען זיך ניט שפּילן, ער נעמט אומבאַרעכמאָנעסדיק נעקאָמע פֿון לײַכטזיניקע מענטשן. ס׳וועט אײַך שמעקן, אויב אינעם געבײַ פֿון דער פּאָמפּן־סטאַנציע וועלן זיך אין אַ יאָר אַרום באַווײַזן שפּאַלטן און אין נאָך אין אַ יאָר אַרום וועט זי זיך אָנהייבן אײַנלייגן? די נאַפֿט־אַרבעטער, וואָס וועלן אַהערקומען נאָך אונדזער פֿאַרענדיקן די בויונג, וועלן דאָך אונדז דעמאָלט פֿאַרשעלטן.

— קיינער וויל דאָס ניט. מען מוז בויען, ס׳זאָל זײַן אַ מוסטער, — האָט זיאַטקאָוו געזאָגט.

— און איך מיין אויך אַזוי, — האָט בערידזע אונטערגעכאַפּט. — די סאָוועטישע וויסנשאַפֿטלער און אינזשעניערן האָבן געשאַפֿן אַ פֿולשטענדיק נײַעם וויסנשאַפֿט־געביט, וועלכער קלערט אויף דאָס רעטעניש פֿון דעם אייביקן געפֿרירעכץ און העלפֿט עס צו באַקעמפֿן. די דאָזיקע וויסנשאַפֿט רעקאָמענדירט אונדז, די בויער, צוויי קלאָלים פֿון בויען געבײַדעס אַף אייביקן געפֿרירעכץ. — די מענטשן האָבן אויפֿמערקזאַם געהערט, און בערידזען איז אָנגענעם געווען מיט זיי צו שמועסן. — אָדער

דאָס אייביקע געפרירעכץ אונטער דער געבײַדע דאַרף אײַנגעהיט ווערן, אָדער עס ווערט בעקיוון פאַרניכטעט. ווען דער שיכט געפרירעכץ אונטן איז אַ גרויסער, און די געבײַדע וועט ניט אויסטיילן קיין סאַך וואַרעמ־קייט, באַמיִען מיר זיך אײַנצוהאַלטן דעם רעזשים פון געפרוירענע באָדנס: מיר ווענדן אָן פּאָר די פונדאַמענטן מאַטעריאַלן, וואָס לאָזן ניט דורך קיין וואַרעמקייט, מיר בויען קעלערן און ווענטילאַציעס. נו, און אויב דער שיכט געפרירעכץ איז ניט זייער קיין גרויסער, און דאָס געבײַ וועט אויסטיילן אַ סאַך וואַרעמקייט, דאַרף מען אַ טראַכט טאָן וועגן דעם, אַז אין אַ יאָר־צוויי אַרום זאָלן זיך די פונדאַמענטן ניט געפינען אויף קיין אָפּגעגאַנגענער ערד. דעמאָלט שטעלן מיר די פונדאַמענטן אויף סלופּעס, וועלכע דרינגען אַרײַן טיף אין באָדן, וואָס ליגט אונטער דעם אייביקן געפרירעכץ. באַ אַזעלכע פונדאַמענטן איז שוין דאָס בייזע אייביקע גע־פרירעכץ פאַר אונדז ניט שרעקלעך. וואָס מיט אים זאָל ניט פּאַסירן, ווי עס זאָל ניט אויספּוישן, וועלן די פונדאַמענטן און די געבײַדע גופא שטיין פעסט און זיכער אויף די סלופּעס. אָט דערפאַר מוזן מיר זיי אַרײַנ־שלאָגן אין דער ערד.

— איז דאָס, קומט אויס, אַן ערנסטער איניען, — האָט זיאַטקאָוו געזאָגט. — וועלן מיר, הייסט עס, אַרײַנשלאָגן סלופּעס. קומט, כעוורע, לאָמיר אַליין עפּעס צוטראַכטן, וויאַזוי צו פאַרלײַכטערן די דאָזיקע אַרבעט.

— איך פון מײַן זײַט זאָג אויך צו צוצוטראַכטן עפּעס צוזאַמען מיט די אַנדערע אינזשעניערן.

טאָפּאָליעוו האָט פאַרגעלייגט דורכצושלאָגן די לעכער פאַר די סלו־פּעס מיט דאַמף.

— כ'האָב געטראַכט וועגן דעם, — האָט בערידזע געזאָגט. — ווו נעמט מען דאַמף? מען דאַרף אים האָבן אַ סאַך!

— און „קאַמטשאַדאַל“?

— וואָסער „קאַמטשאַדאַל“?

— נו, יענע דאַמפּערל, וואָס האָט, ווי מען זאָגט, געליטן אום זומער אַן אַוואַריע. פּאַלישטשוק ברענגט עס אין אָרדענונג און פאַרזיכערט, אַז דער קעסל איז פולשטענדיק גוט.

אין דרײַ טעג אַרום האָבן זיך אין די פונדאַמענט־ראָוועס צו די ערדגרעבער אַראָפּגעלאָזט בערידזע און קוזמאַ קוזמיטש. דער אַלטער האָט געהאַלטן אין די הענט אַ לאַנגע אײַזערנע רער, אַ ליידיקע פון אינעווייניק, מיט אַ שאַרפן שפּיץ. נאָך דער רער האָט זיך נאָכגעשלעפּט אַ גומע־שלאַנג, אַ צוגעפעסטיקטע צו איר.

— שטעלט זיך דאָ, — האָט קוזמאַ קוזמיטש אָנגעוויזן זיאַטקאָוון און אים דערלאַנגט די רער. — ביטע, הייבט אָן.

זיאַטקאָוו האָט מיט קראַפט אַרײַנגעשטעקט די רער אין דער ערד.

— דערלאַנגט דאַמף! — האָט בערידזע הילכיק אַ געשריי געטאָן אַרויף.

דער דאַמף האָט, הודזשענדיק, אָנגעפּילט דעם גומע־שלאַנג און די רער, מיט געציש און געפּײַף אַ זעץ געטאָן אינעם געפּרירעכץ. טאָפּאָליעוו האָט פעסטגעשטעלט די צײַט לויטן זייגער. דער באָדן איז אָפּגעגאַנגען און אויפגעברויזט, די רער איז פאַרהעלטניסמעסיק שנעל אַראָפּגעזונקען אין דער שיטער געוואָרענער ערד. די ערדגרעבער, וואָס האָבן געאַרבעט דערלעבן, האָבן ניט אַרויסבאַקומען קיין האַלבן מעטער ערד, און די „דאַמף־נאָדל" (אַזוי האָט טאָפּאָליעוו אָנגערופן זײַן מאַכשיר) האָט שוין דורכגעקעקבערט אָן עפּענונג פון פיר מעטער. אין איר האָט מען אַרײַנגעקלאַפּט אַ סלופּ — אַ דיקן פינפמעטערדיקן קלאָץ.

— איר באַגיטיקט? — האָט בערידזע געפרעגט זיאַטקאָוון.

— זייער האַמצאָעדיק, ניטאָ וואָס צו זאָגן.

— כאַוויירים, דאָס אַרײַנשלאָגן די סלופּעס מיט די הענט רוף איך אָפּ, — האָט צופרידן געמאָלדן בערידזע. — מיר וועלן אַרבעטן מיט „דאַמף־נאָדלען".

דער אַלטער טאָפּאָליעוו האָט זיך ערשט ניט לאַנג צוריק געהאַלטן מינהאַצאַד פון בערידזען, נאָר באַם דורכגוס האָט ער זיך צו אים צוגעוווינט און ניט איין מאָל אים געלויבט פאַר אַלעקסייען. איינמאָל, ווען ער האָט פאַרבראַכט מיט געאָרגי דאַווידאָוויטשן אַ גאַנצן טאָג אָף דער בויונג פון דער פּאַמפּן־סטאַנציע, האָט קוזמאַ קוזמיטש, צו אַלעקסייס פאַרגעניגן, אַ זאָג געטאָן אַ ביסל מעליצעדיק:

— אין אונדזער הויפּט־אינזשעניער איז פאַראַן עפּעס וואָס פון מאַ־צאַרטן. ער האָט אַ רײַכן און לײַכטן טאַלאַנט — די סאַמע שווערע אויפ־גאַבעס ווערן באַ אים אַנטשיידן ווי פון זיך אַליין, אַגעוו־אורכע. ער האָט אַ גליקלעכן כאַראַקטער, אַז ס'איז מעקאַנע צו זײַן. ער ענטפערט זיך איבער אָן אומרו דעם לעבנס־שטראָם, און דער שטראָם טראָגט אים, ניט אָנשלאָגנדיק אין קיין ריפן און ברעגן. צי ווייסט בערידזע פון וואַקלענישן, ספייקעס, אומרוען?

דער אַלטער וואָלט אַזוי ניט גערעדט, ווען ער וואָלט געקענט אַרײַנקוקן בערידזען אין דער נעשאָמע. די ליבע צו טאַניאַן איז געקומען פּלוצים, ווי אַ דונער. ווי אַ באַטרונקענער איז ער אַרומגעגאַנגען די ערשטע טעג און גלײַך, ניט אויסבאַהאַלטנדיק, זיך דערקלערט טאַניאַן. דאָס בלויזע דערקלערן זיך אין ליבע האָט אים געמאַכט פאַר אַ גליקלעכן. טאַניאַן האָט איבערגעשראָקן די פּלוצימדיקייט פון דער דאָזיקער דערקלערונג, זי האָט ניט געגלייבט אין קיין מאָמענטאַלער, לויט איר אויסדרוק, און מעמיילע ניט פעסטער ליבע. געאָרגי דאַווידאָוויטש האָט געגעבן אַ וואָרט צו זײַן געדולדיק, ער האָט פאַרבאָרגן דאָס געפיל אין זיך. און איצט, אַ פאַר־באָרגנס פון אַלעמען, איז זיך עס אין אים ניט געהאַמעוועט צעוואָקסן.

ציִטנוויִז האָט „די האַרץ־סריִיפע" געבושעוועט מיט אַזאַ קראַפט, אַז ער האָט זיך קוים באַהערשט.

ס'איז אים אַלץ שווערער געוואָרן אויסצוקומען אָן טאַניאַן, ס'האָט אים אַלץ שטאַרקער געצויגן צו איר. ווי ער האָט זיך ניט געראַנגלט מיט זיך, האָט ער זיך ניט געקענט פאַרווערן צו קומען צו איר. און ער איז צו איר געקומען אָפטערער, ווי דאָס האָט געפאָדערט די זאַך; גוט נאָך, וואָס זיי האָבן געוווינט אין איין הויז. אָפן אײַנדזול האָט ער געשיקט ניט זי, נאָר טשערנאָוון, און ניט בלויז דערפאַר, וואָס אַף אירע פּלייצעס איז געלעגן די מער שווערע אויפגאַבע פון אויסלייגן דעם קאַבל איבעם דורכגוס, נאָר אויך צוליבן ניט וועלן אָוועקלאָזן טאַניאַן פון זיך.

פונדעסטוועגן, ווען ער האָט זיך באַגעגנט מיט טאַניאַן, האָט ער זײַנע געפילן ניט אַרויסגעוויזן. זײַן באַציִונג צו איר, פריִער אַזאַ קלאָרע, אָפענע, האָט זיך געענדערט. ער האָט מער ניט אַרויסגעזאָגט זײַן אָפנ־האַרציק און אַ ביסל נאַיִוו קוויקן און אַנטציקן זיך מיט איר. און באַשטאַנען איז די זאַך ניט דעריך, וואָס ער איז אימשטאַנד געווען זיך צו צוימען, נאָר ער האָט שוין פּאָשעט ניט געקענט ריידן מיט טאַניאַן וועגן זײַן ליבע. אין איר בײַזײַן האָט אים באַהערשט אַן עמעסע יוגנטלעכע שרעקעוודיקייט, און ער האָט זיך ראַק באַמיט ניט אַרויסצווײַזן לעבער־לען פאַר איר און די אַרומיקע. געבליבן מיט איר אַליין, האָט ער זיך אַנטשלאָסן שוין איר צו זאָגן, אַז ער קען מער ניט אויסבאַהאַלטן אין זיך דעם געפיל. נאָר אויב פריִער פלעגט ער לײַכט אויפנעמען אירע ענטפערס, האָט ער זיך איצט געשראָקן זיי צו הערן.

וואַסילטשענקאָ האָט שנעל באַמערקט די ענדערונג אין אים. און אויב אַמאָל האָט איר געצאַיִבלט און אַפילע אויפגערעגט די לײַכטע אומ־מיטלבאַרקייט, מיט וועלכע ער האָט אַרויסגעוויזן זײַנע געפילן, האָט זי איצטער, ווען אויך זי האָט אים אָף אַן עמעס ליב באַקומען, פאַרלאַנגט און דערוואַרט די דאָזיקע אַרויסווײַזונגען. אין איר פאַרלוירנקייט האָט זי זיך געפרוווט קלאָר מאַכן: וואָס פאַרט איז מיט אים פאָרגעקומען, פאַרוואָס האָט ער זיך געענדערט? געוויינלעך אַ דורכדרינגלעכע, האָט זי זיך אין דעם פאַל אַרויסגעוויזן פאַר אומפעיִק צו פאַרשטיין זײַן מאַצעוו.

די אויפקלערונג איז באַ זיי פאָרגעקומען צופעליק.

טאַניאַן האָט זיך סאָפקאָלסאָף אײַנגעגעבן צו פויעלן באַם הויפּט־טויכער סמעלאָוו, און נאָך אַ געהעריקער טרעניִרונג טאָג־טעגלעך און צו עטלעכע מאָל אין טאָג צוזאַמען מיטן טויכער און נאָך צוויי פאַרבינדלער, פעסטע און געניטע אַרבעטער, האָט זי זיך פאַרנומען מיטן אויסלייגן דעם קאַבל. זי האָט באַוווסטזיניק ניט געזאָגט בערידזען וועגן איר באַשלוס אויסצולערנען דעם טויכער־פאַך. אָן דעם וויסן פונעם הויפּט־אינזשעניער האָט זי צום ערשטן מאָל אָנגעטאָן דעם טויכער־קאָסטיום. סמעלאָוו האָט איר אַראָפּגעפירט אָפן גרונט. ווען בערידזע האָט זיך וועגן דעם דערוווסט,

איז ער געקומען צולויפן צו דער אײַדעפענונג. ער האָט באַפוילן גלײַך צוריקצוברענגען וואַסילטשענקאָן אַפן ברעג. ניט לאָזנדיק טאַניאַן קומען צו זיך נאָך דער נאָך ניט צוגעוווינטער רײַזע אינעם סקאַפאַנדר אַפן גרונט פונעם דורכגוס, האָט זיך בערידזע מיט צאָרן צעשריגן אַף איר.

— צו וואָס פאַר אַ טײַוול קריכט איר אַהין, וווהין מען בעט אײַך ניט! — האָט ער געשריגן און געטופעט מיט די פיס.

טאַניאַ האָט אים נאָך קיינמאָל אַזעלכן ניט געזען, און זיך ניט געקענט אָנשטויסן, אַז זײַן צושטאַנד דריקט אויס די טיפקייט פון זײַן ליבע צו איר. זי האָט ניט געוווסט, אַז מיט עטלעכע מינוט פריִער, בעיס בערידזע האָט געוואַרט אַף איר, לויפנדיק אויפגערעגט לעבן דער אײַז־עפענונג, האָט ער פאַרשטאַנען: אָן טאַניאַן קען ער ניט לעבן.

אָנגעשריגן זיך, האָט זיך בערידזע פאַרשעמט און ניט געקענט קוקן איר אין די אויגן. און טאַניאַ, ניט קענענדיק זיך באַהערשן, האָט געפרעגט מיט פאַריבל און קרענקונג:

— פאַרוואָס האָט איר זיך אַזוי געענדערט, געאָרגי דאַווידאָוויטש? הייסט עס, אַז איך בין גערעכט געווען, ווען כ׳האָב געצווייפלט אין דער אויפריכטיקייט און דויערהאַפטיקייט פון אײַער געפיל? אַזוי איז עס — ס׳האָט זיך אָנגעצונדן ווי אַ בליץ און גלײַך פאַרשווונדן.

אים איז ניט אײַנגעפאַלן, אַז טאַניאַ קען אַלץ אויסטײַטשן אַף אַזאַ אופן, און אַ צערטלעכקייט האָט פאַרטרונקען זײַן האַרץ. פונעם פריִערדיקן צאָרן איז קיין שפור ניט פאַרבליבן. זיך אַרומקוקנדיק אַפן צעמישטן סמעלאָוון און זײַנע כאַווײרים, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— קום אַוועק פון דאַנען, מען קוקט אַף אונדז, — און פאַרגעסן אין אַלץ, האָבן זיי זיך געלאָזט לענגאויס דעם ברעג.

געאָרגי דאַווידאָוויטש האָט זיך אַנטשלאָסן אַרויסצוזאָגן זיך איבערגאַנצן און פאָדערן פון טאַניאַן אַן אַנטשלאָסענעם און ענדגילטיקן ענטפער. נאָר, קוים אָנגעהויבן רײדן, האָט ער אַ טראַכט געטאָן, אַז איר נעגאַטיווער ענטפער וועט אַ סאַך מאַכן צו אַלץ, און אַנשטאָט הייסע אויפריכטיקע רייד, אַרויסגעדריקט פון זיך עטלעכע פאַרפּלאָנטערטע און אומזיכערע ווערטער. אויפגעטראָגן אַף זיך אַליין, איז ער אַנטשוויגן געוואָרן. זי האָט ניט אויסגעהאַלטן דאָס שווײַגן און זיך אָפּגעשטעלט.

— לעצטנס זאָגט איר מיר שוין גאָרניט און קיינמאָל ניט וועגן אײַער ליבע, — האָט טאַניאַ געזאָגט קוים צו דערהערן, ניט האָבנדיק קיין קויעך צו רײדן העכער, און אַ קוק געטאָן אַף אים אַזוי, ווי זי וואָלט זיך געזעגנט אַף אייביק.

לעסאָף האָט בערידזע באַשטימט דעם טאָג צו שטורעמען דאָס אינדזל. מיט אַ טאָג פריִער איז דורכגעפירט געוואָרן אַ באַראַטונג פון דעם אָנפירנדיקן פערסאָנאַל אַפן באַצירק, און ס׳איז באַהאַנדלט געוואָרן דער

פלאַן פון דער אַרבעט אין זײַנע פּראַטים. אים צו פאַרווירקלעכן האָט געשטערט דער בוראַן, וואָס די בויער האָבן אים אַ נאָמען געגעבן „סוינע נומער איינס".

דער ווינט אַפן דורכגוס איז קימאַט קיינמאָל ניט שטיל געוואָרן. ער האָט אויפגעהויבן פון דרערד שניי און זאַמד, געבאַלעבאַטעוועט אַפן פּלאַץ, פאַרקערט די וועגן, געפּײַפט אין די ליידיקע געבײַדע־קאַסטנס, טויב און אומעטיק געהודזשעט אין די מעטאַלענע רעזערוואַרן. די בוי־אַרבעטער האָבן זיך צוגעוווינט צו דער קעסיידערדיקער אַרבעט אַפן ווינט, אָבער די זעלטענע אומווינטיקע טעג האָבן זיי געהאַלטן פאַר אַ יאָנטעוו. דער ווינט, וואָס איז איבערגעגאַנגען אין אַ שטורעם, איז פאַר זיי געווען אַ פּײַן, אַן אומגליק.

בעייס אַ שטורעם זײַנען אַרונטערגעריסן געוואָרן אַלע פּלענער. פון דער אַקטיווער אָנגרײַפערישער פּאָזיציע זײַנען די מענטשן איבערגעגאַנגען צו פאַרטיידיקונג. ווען דער בוראַן האָט זיך פאַרענדיקט, איז אויסגעקומען צו פאַטערן ניט ווייניק צײַט צו פאַרריכטן די באַשעדיקונגען. ס'איז נאָך גוט געווען, אויב זיי זײַנען ניט געווען אַזעלכע גרויסע. טיילמאָל האָט מען די דאָזיקע באַשעדיקונגען שטאַרק אָפּגעפילט, באַזונדערס אַפן דורכגוס.

דער קומענדיקער בוראַן האָט געקענט אַרויסרופן אַן איבעררוקן זיך פונעם אײַז, און דעמאָלט וואָלט די סעקציע פון דער רערן־לייטונג, וואָס איז צו לעצט אַראָפּגעלאָזט געוואָרן אין דורכגוס און האָט אַרויסגע־שטאַרצט אַף דער אויבערפלאַך מיטן עק, אַראָפּ צום גרונט. די גיגאַנ־טישע קראַפט פון די צעבראָכענע אײַז־שטיקער איז בעקויעך געווען צו צעשעדיקן אָדער אַראָפּוואַרפן אין אָפּגרונט די סעקציעס, וואָס זײַנען נאָך ניט אַראָפּגעלאָזט געוואָרן און ליגן אַפן אײַז. ס'וואָלט אומפאַרמײַדלעך פאַרניכטעט געוואָרן דער אײַז־וועג צום אינדזל — אַן אײַנגעפאַרענער, ווי דער ברוק אין אַ שטאָט, אַ ווויל אײַנגעאָרדנטער, מיט פונקטן צום דערוואַרעמען זיך, מיט דיספּעטשער־בודקעס און בענזין־סטאַנציעס.

גלײַך באַ די ערשטע סימאָנים פון דעם אַנקומענדיקן שטורעם האָט בערידזע שנעל צונויפגעשטעלט אָוואַריע־בריגאַדעס, און זיי האָבן זיך געוואָרפן אַנטקעגן דעם הוראַגאַן.

פון נאָווינסק האָבן באַטמאַנאָוו און זאַלקינד געפאָדערט דעם הויפּט־אינזשעניער צום טעלעפאָן, נאָר ער האָט זיך געפונען אַפן דורכגוס. דעם שמועס האָט געפירט טאַניאַ וואַסילטשענקאָ, וועלכע ער האָט איבערגע־לאָזט באַם אַפּאַראַט.

— גיט איבער בערידזען... פאַר יעדער פּרײַז מוז מען ראַטעווען דעם איבערגאַנג איבערן דורכגוס... פאַר יעדער פּרײַז... איר הערט?

— באַטמאַנאָוס שטים האָט געהילכט. טאַניאַ האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווי דער נאַטשאַלניק פון דער בויונג באַדויערט, וואָס ער איז איצטער ניט

מיט זיי. — אַלדאָס איבעריקע וועט זיך לאָזן פאַרריכטן... ראַפּאָרטירט, וואָס פאַר אַ שריט דער הויפּט־אינזשעניער האָט שוין אונטערגענומען.

די מענטשן אָפן אײַז זײַנען צעטיילט געוואָרן. טייל האָבן אונטער דער אָנפירונג פון בערידזען באַפעסטיקט מיט צוגאַב־דראָטשטריק דעם אַרויסשטאַרצנדיקן עק פון דער רערן־לייטונג; אַנדערע, מיט ראַגאָוון בעראָש, האָבן זיך געפּרוּווט מיט דער הילף פון טראַקטאָרן אַרויפצושלעפּן אָפן ברעג די האַלבקילאָמעטערדיקע צוזאַמענגעשווייסעוועטע רערן־קייטן, וואָס זײַנען געלעגן אויסגעצויגן אָפן אײַז, אָבער זיך שנעל איבערצײַגט אין דער אוממעגלעכקייט דאָס צו טאָן.

— באַפעסטיק זיי מיט דראָטשטריק און קאַנאַטן! — האָט ראַגאָוו געשריגן ביז הייזעריקייט.

די בוי־אַרבעטער זײַנען ניט אָפּגעשטאַנען, נאָר אויך דער הוראַגאַן איז אָנגעוואַקסן מיט דערשטוינענדיקער געשווינדקייט. ס׳האָט געוואָרפן די מענטשן, ווי שפּילצײַג. זיי זײַנען אומגעפאַלן און, אויפהייבנדיק זיך, ווידער זיך געוואָרפן צו די רערן, וועלכע מ׳האָט געדאַרפט ראַטעווען פאַר אַלץ אין דער וועלט, פאַר יעדן פּרײַז, אַפילו פאַר דעם פּרײַז פון לעבן.

בערידזע איז אין אײַלעניש שיר ניט אַרונטערגעפאַלן אונטער סי־לינס טראַקטאָר און האָט אים באַפוילן גלײַך אַרויסצופירן די מאַשין אָפן ברעג, קאַלזמאַן ס׳איז ניט שפּעט. דער טראַקטאָריסט האָט זיך ניט גע־קענט גויוער זײַן איבערצולאָזן די כאַווײַרים און, ריזיקירנדיק יעדע מי־נוט אַרײַנצופאַלן אין דעם קאַנאַל, געהאָלפן אויסצוציִען דעם האַרטן שטאָלענעם דראָטשטריק, זיך באַוועגנדיק אין דעם אומדורכדרינגלעכן שניי־שטורעם, ווי אין דער פינצטערניש.

ראַגאָוון און פּאַלישטשוקן האָט דער וויכער אַ שלײַדער געטאָן אָפן אײַז, אַז זיי האָבן זיך ניט גלײַך אויפגעהויבן. און אויפגעשפּרונגען, זיך ווידער אײַנגעטשעפּעט אין דעם שטאָלענעם דיקן דראָט, שלעפּנדיק אים צום הייבקראַן.

— נאָך איין מאָל... נאָך, אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויטש! — האָט ראַגאָוון געמוטיקט פּאַלישטשוק, ניט באַמערקנדיק, ווי פון זײַן נאָז האָט זיך געגאָסן בלוט.

דער אויסגעצויגענער דראָטשטריק האָט אַ זעץ געטאָן דעם דעסיאַט־ניק גאַנטשאַרוק — ער איז אַנידערגעפאַלן פאַרכאַלעשט און זיך שוין ניט אויפגעהויבן. פאַר אַלעקסייען אין די אויגן האָט דער ווינט־אַנשטויס אַרײַנגעשלײַדערט צוויי אַרבעטער אין דעם קאַנאַל. זיי צו ראַטעווען האָט זיך ניט אײַנגעגעבן, מ׳האָט אַפילו ניט געקענט אָפן אָרט פעסטשטעלן די נעמען פון די אומגעקומענע.

דער הוראַגאַן האָט געווילדעוועט אַ קײַלעכיקן מעסלעס און פאַר דער דאָזיקער גאַנצער צײַט האָט זיך ניט אײַנגעשטילט די טיפע זאָרג

פאַרן גורל פון די רערן. די גאַנצע טראַסע האָט שווײַגנדיק אָפּגעוואַרט דעם סאָף פון דעם געראַנגל מיט דער סטיכיע.

אַפן צווייטן טאָג האָט זיך דער שטורעם אין מעשעך פון איין גוטער מינוט איבערגעריסן. די מענטשן האָבן זיך פאַרנומען מיט אונטערציִען דעם סאַכאַקל פון די צאָרעס און שאָדנס, וואָס ער האָט מיט זיך געבראַכט. די ערד איז באַדעקט געוואָרן מיט אַ דיקן שיכט שניי. די וועגן זײַנען פאַרפאַלן געוואָרן. די געבײַדעס זײַנען געווען פאַרשאָטן. דאָרט, ווו פון דער ערד האָבן אַרויסגעקוקט די ריזיקע גריבער, וואָס זײַנען אויסגעגראָבן געוואָרן פאַר נאַפט־רעזערוואַרן, האָבן זיך איצט געהייבן בערג אָנגעטראָגענער שניי.

ווי טאָמיד נאָך אַ שטורעם, זײַנען די בוי־אַרבעטער, אַלע ביז איין מענטשן, אַרויס אָפּצורייניקן די וועגן, אַרבעט־פּלעצער, וווינונגען, סקלאַדעס, מעכאַניזמען. עס זאָלן נאָר האָבן גאַנץ געבליבן די סעקציעס פון דער רערן־לייטונג אַפן אײַז! לעסאָף האָט מען זיך צו זיי דערקריגן, דורכקלאַפּנדיק אינעם שניי אַ טיפע טראַנשיי. צום גליק איז די שרעק געווען אַן אומזיסטע — די רערן זײַנען געבליבן אומבאַשעדיקט.

אין קאַמף מיטן הוראַגאַן זײַנען אומגעקומען דער דעסיאַטניק גאַנטשאַרוק, די שאָפערן קאָזיראָוו און פּיעטוכאָוו, דער שווייסוועער מאַסלאָוו. עס זײַנען פאַרשוווּנדן אָן יעדיִעס דער טעסליער סעמיאָן פּעסטאָוו און דער שוואַרצאַרבעטער פירצאָוו; מ׳האָט זיך מעשאַער געווען, אַז דער וויכער האָט זיי פאַרטראָגן. די דיספּעטשער־בודקע, וואָס איז געשטאַנען אַפן קאַפּ, האָט עס אַרויפגעוואָרפן אַף אַ שטיין, און דער דיספּעטשער בערעזאָוו, וועלכער איז דורך אַ נעס געראַטעוועט געוואָרן, האָט ניט אויפהערנדיק זיך צו וווּנדערן, דערציילט, ווי דער הוראַגאַן האָט אים צוזאַמען מיט דער בודקע אויפגעהויבן איבער דער ערד, אַ דריי געטאָן, אַ דרעליעווע געטאָן אַ צוויי מינוט אין דער לופט און אַראָפּגעשלײַדערט.

די אומגעקומענע האָט מען באַערדיקט אַפן ברעג אין אַ ברודערקייווער.

— דאָס פאָלק וועט ניט פאַרגעסן אײַערע נעמען, רומפולע באַשיצער פונעם פאָטערלאַנד, — האָט אין זײַן רעדע געזאָגט ראַגאָוו.

ניט טייקעף האָט מען זיך אַרומגעזען, אַז טאָפּאָליעוו איז פאַרשוווּנדן. אַלעקסיי איז בלייך געוואָרן, ווען ער האָט זיך געכאַפּט דערויף. בערידזע האָט זיך דערמאָנט, ווי ער האָט אַראָפּגעיאָגט פונעם דורכגוס קוזמאַ קוזמיטשן און דעם האַלב־קראַנקן ניעקראַסאָוון, וועלכע זײַנען געקומען צולויפן באַנאַנד מיט אַלע. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויך ניעקראַסאָוו איז אינערגעץ ניטאָ. די זוכעניש האָבן געבראַכט אַלעקסייען צום הײַזל פון די מינירער, וואָס איז געשטאַנען אין אַ זײַט. נאָר דאָס הײַזל איז ערשט ניט געווען — ס׳האָט בלויז אַרויסגעשטאַרצט פונעם שניי דער קוימען פונעם אויוון.

אַ גרויסער אוילעם בוי־אַרבעטער האָט זיך גענומען אָפּגראָבן דאָס הויז. אַלעקסיי האָט, ווילד אָפּוואַרפנדיק דעם שניי מיט דער לאָפּעטע, זיך אין האַרצן געזידלט, פאַרוואָס ער האָט אין דער מעהומע פאַרגעסן אינעם אַלטן. ער וואָלט ערשט דאָס לעבן אָוועקגעגעבן, ער זאָל אים טרעפן אַן אומבאַשעדיקטן.

שיר ניט אָפּגעריסן די טיר און דער ערשטער אַרײַנגעריסן זיך אין שטוב, האָט זיך קאָוושאָוו אַנגעשלאָגן אַף טאָפּאָליעוון, וועלכער איז געשטאַנען אין פאָדער־הײַזל, און אים שטום אַרומגענומען. פון הינטער דעם אַלטן אינזשעניערס פּלייצעס האָט אַרויסגעקוקט ניעקראַסאָוו.

— ווען מען וואָלט זיך געוועזן ריכטן אַף אַזאַ זאַך, וואָלט מען זיך געוועזן באַזאָרגט מיט ווײַן און פּראָוויאַנט אַף אַ וואָך, — האָט קוזמאַ קוזמיטש אַ באַסעווע געטאָן, גערירט פון אַלעקסייס זונישער האַרציקייט.

דער מינירער האָט ווי אַן ענטפער אַף די וויצן פון די מענטשן, וואָס האָבן אים אָפּגעגראָבן, זיך געזידלט מיט די סאַמע לעצטע ווערטער און אויפגערופן סײַ דעם בוראַן, סײַ דעם שניי, סײַ גאָט...

— די נאַטור, ברודער, איז דאָ אַ שטרענגע. מיט איר דאַרף מען טאָמיד זײַן געהיט, — האָט אים שמייכלענדיק געוואָרנט קאַרפּאָוו.

— זאָל זי פאַרשאָלטן זײַן, דײַן נאַטור, אויב זי פּראָוועט אַזעלכע שטיקלעך מיט אָרנטלעכע מענטשן, — האָט זיך ניעקראַסאָוו געקאָכט.

קאַפּיטל זעקס

די וווינונג פון די געטער — טײַסין

די בוי־אַרבעטער האָבן געוווּסט: ערגעץ־ווו אַ דרײַסיק קילאָמעטער ווײַטער אַפן ברעג רעכטס איז פאַראַן אַ פיש־קאָמבינאַט און אַ יישעוו, אַ קילאָמעטער פערציק ווײַטער — אַ יישעוו פון ניווכן. דאָ אָבער, ווו זיי האָבן איבערגעהאַקט דעם דורכגוס, זײַנען ניט געווען קיין שום שפּורן פון מענטשלעכן לעבן. דער פעלדזיקער קאַפּ גיבעלני *) האָט זיך געהויבן איבערן פלאַכן טויטן ברעג פונעם אינדזל. דער דאָזיקער פינצטערער נאָמען האָט געקלונגען ווי אַ וואָרענונג און דערמאָנט דעם גוירל פון אַ הײַפל נאָמענלאָזע רוסישע מענטשן, וועלכע זײַנען אומגעקומען אין פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט אַפן דאָזיקן ברעג אין אַן אומגלײַכן געראַנגל מיט דער נאַטור. די גראַניט־פעלדזן זײַנען געבליבן דער דענקמאָל פאַר זייער העלדישקייט.

דאָס אינדזל איז פאַרדעקט געווען מיט אַ פאָרהאַנג פון אַ פרײַ־מאָרגנדיקן געדיכטן נעפּל. די אויפגייענדיקע זון האָט אין אים אַ שלאָג געטאָן מיט גאָלדענע שווערדן. דער נעפּל איז זיך שנעל צעקראָכן, צע־שמאָלצן געוואָרן. אין אָנהייב ווי דורך אַ רויכל, דערנאָך אַלץ דײַטלעכער און קלאָרער האָט זיך באַוויזן די טײַגע.

דערווײַל איז אין רעשוס פון די בויער געווען בלויז דער בײַברעגי־קער ערד־פּאַס — אַף אים האָבן זיי זיך באַזעצט, ווי אַף אַן אײַנגענו־מענעם פּלאַצדאַרם, מיט אַלע אַהער אַריבערגעפירטע מאַטעריאַלן, רערן, מעכאַניזמען, פּראָוויאַנט־זאַפּאַסן. הינטער דעם פּלאַץ האָט זיך גלײַך אָנגעהויבן וואַלד.

ער איז געשטאַנען ווי אַ פעסטע וואַנט, גלײַך ער וואָלט אַרויסגע־

---

* גיבעלני — טויט־ברענגער

גאַנגען אַנטקעגן די מענטשן, קעדיי צו פאַרמעסטן זיך מיט זיי אין די קויכעס און ניט לאָזן זיי ווײַטער. די ביימער זײַנען דאָ געוואַקסן אין עטלעכע יאַרוסן. העכער פון אַלץ איז געשטאַנען אַ שלאַנקע קאַלאַנאַדע בלאַטביימער און יאַסענביימער, נידעריקער — בערעזעס, צעדערן און סאָסנעס. אַפן סאַמע נידעריקסטן יאַרוס איז זיך פונאַנדערגעוואַקסן קוסטנ־וואַלד. אין גאַנצן גענומען איז דאָס געווען אַ דורכויסיקער, ווילדער, ענג־צוזאַמענגעפלאָכטענער און פאַרפלאָנטערטער צאָם פון שטאַמען און שטאַרצנדיקע צווײַגן. די טײַגע האָט בייז און אײַנגעהערט געשוויגן, ווי זי וואָלט אָפּוואַרטן, וואָס וועלן די געקומענע אָנהייבן צו טאָן ווײַטער.

בערידזע, ראַגאָוו און קאָוושאָוו האָבן פונעם פעלדז באַטראַכט דאָס דאַזיקע בילד, וואָס איז געווען אומפרײַנטלעך אַפילו קעגן דער זון.

— טײַסיק איז די טײַטש די וווינונג פון די געטער? וואָס פאַר אַן אומבאַקוועם אָרט די געטער האָבן זיך אויסגעוויילט פאַר אַ וווינונג, זאָג זיי עס, — האָט זיך אַלעקסיי אַ וויצל געטאָן.

— יאָ, די געטער האָבן ניט קיין וואַזשנע קוואַרטירמײַסטער, — האָט אונטערגעהאַלטן ראַגאָוו.

— מען דאַרף זיך קלאָר מאַכן, אַז מיר שטייען אַפן ראַנד פון איי־נעם פון יענע ווײַסע פלעקן, כאָטש הויפּט־אינזשעניער, וועלכע איך מיט אײַך האָבן זיך ניט איין מאָל צום האַרצן גענומען, — האָט באַמערקט אַלעקסיי.

— עס מאַכט ניט אויס, מיר וועלן אינגיכן דורכפירן איבער אים אַ רויטן שטריך, — האָט בערידזע באַרויקט.

זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט צו אַן אַלטינק, קײַלעכיק פאַנזעלע, קוים צו באַמערקן עס לעבן וואַלד, וואָס פישער, וואַרשײַנלעך, האָבן עס אויפ־געבויט. דערלעבן איז געשטאַנען אַן אַלט סקלאַדל אַף סלופּעס — „אַ שטיבל אַף הינערשע פיסלעך", ווי ראַגאָוו האָט עס אָנגערופן. גראָד האָט בע־רידזע אויסגעקליבן דאַווקע דאָס דאַזיקע פאַנזעלע פאַרן שטאַב, האַגאַם אַפן ברעג איז שוין אויסגעוואַקסן אַ גאַנצער יישעוו פון געצעלטן.

— אַ קעניגלעכער פּאַלאַץ! — האָט ער געזאָגט, וואַרפנדיק אַן איראָנישן בליק אַף די פאַרשוואַרצט געוואָרענע ווענט פון דער פאַנזע, דעם שוין ברענענדיקן אייוועלע און דעם ווײַסן טיש, וואָס שמעקט מיט פריש האָלץ. — דאָ, אין דער דאַזיקער רעזידענץ פון די טײַסינישע קעניגן, וועלן מיר געבן דעם באַפעל אָנצוגרײַפן.

אין שטיבל האָבן די אינזשעניערן נאָכאַמאָל פאַרפינקטלעכט דעם פּלאַן פון די האַנדלונגען. קאָוושאָוו מיט טאָפּאַליעוון און טאַניאַ וואַסיל־טשענקאָ האָבן געזאָלט זיך פאַרנעמען מיטן אויסלייגן די נאָפטלייטונג פון דאַזיקן ברעג, ראַגאָוו האָט באַקומען די אויפגאַבע פאַרויסצורוקן זיך אין דער טיף פונעם אינדזל, דורכצולייגן די טראַסע פונעם נײַעם באַ־צירק. נאָכן אַרומשמועסן אַלץ, זײַנען זיי אַרויסגעגאַנגען צום דורכגוס.

איבערן אײַז זײַנען אָן אַ סך געגאַנגען מאַשינען מיט מענטשן. עס זײַנען, קראַצנדיק דאָס אײַז מיט די קייטן־רעדער, געקראָכן ריזיקע טראַקטאָרן מיט מעכטיקע בולדאָזערן — מיט שטאָלענע שאַרפע אַקערס. די שטימען פון די מענטשן און די מאָטאָרן האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן אין איין גרויזאַמער, קריגערישער שטורעם־מוזיק.

די ערשטע האָבן זיך פאָרויסגערוקט אין דער טײַגע אין צוויי קאָלאָנעס די טראַקטאָרן. בעראָש פון איינער פון די קאָלאָנעס איז געשטאַנען סילין, פון דער צווייטער — רעמניעוו.

— די טאַנקען פאָרויס! — האָט שטיפעריש געשריגן סילין, גלאַנצנדיק מיט די שוואַרצע קליינע אויגן.

אַריבער דעם בײַברעגיקן פלאַץ, האָט זײַן טראַקטאָר, זיך ניט אָפּשטעלנדיק, אין גאַנג אַ זעץ געטאָן מיטן שאַרפן קאַנט פונעם בולדאָזער אין דעם שטאַם פון אַ גרויסן בלאַטבוים, וואָס אזי געשטאַנען פון פאָרנט, גלײַך ווי אַף דער וואַך. דער מאָטאָר האָט דראָענדיק אַ רעווע געטאָן, די גאַנצע מאַשין האָט אין געשפּאַנטקייט זיך צעטרייסלט. דאָס האָט געדויערט אָן אויגנבליק, און דער בוים האָט זיך אונטערגעגעבן, אײַנגעבויגן, אַנידערגעפאַלן, אונטערגעבראָכן באַם וואָרצל. דער טראַקטאָר האָט אַ צי געטאָן, צעקוועטשט אַ קוסט, אַ זעץ געטאָן אָפּן ווײַטערדיקן בוים, אים לײַכט איבערגעשניטן. הינטער סילינס טראַקטאָר, אַ ביסל לינקער, איז נאָכגעגאַנגען אַ צווייטער, נאָך אַ ביסל לינקער — אַ דריטער... אַ פערטער... אַ פינפטער... די קאָלאָנע, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן דורך רעמניעוון, איז אויך געגאַנגען אין דער זעלבער אָרדענונג, עטלעכע מעטער לינקער פון דער ערשטער. אַלע טראַקטאָרן זײַנען געווען פאַראייניקט מיט אַ דיקן שטאָלענעם דראָט־שטריק. ער האָט זיך נאָכגעשלעפּט פון הינטן, אַרומגעכאַפּט, פאַרשאַרט די ביימער, אײַנגעבויגן זיי און מיט אָן אומבאַרעכמאָנעסדיקער קראַפט אַרויסגעריסן מיטן וואָרצל פון דער געפרוירענער, קלינגענדיקער ערד.

עס האָבן געריטשעט די טראַקטאָרן, ביימער האָבן אין זייער פאַלן פאַרטויבנדיק געקראַכעט. דער וואַלד האָט זיך אײַנגעהילט אין דעם שניישטויב, וואָס איז אַרויפגעפלויגן אין דער לופט, ווי אין דעם רויך פון אַ שלאַכט. די טײַגע האָט דערשראָקן געהודזשעט. מיט אַ פּאָנעם, צעפלאַמט פון אַזאַרט און באַגײַסטערונג, האָט זיך סילין אומגעקוקט אַף צוריק און געשריגן:

— דערלאַנגט איר, דער טײַגע!... ווערסט בעסער ווערן, זיך אונטערגעבן!... ט׳גיט אויסהאַלטן!... אָט אַזוי! צעשמעטער זי, סילין!

לעבן דעם פריילעכן, ווי באַטרונקענעם בערידזען האָט זיך אַרומגעדרייט דער ניווך ניקאָפאָר; ער איז ווידער געקומען צו די בויער אין געסט. אַרײַנציִענדיק דעם קאָפּ צווישן די פלייצעס, האָט ער מיט מוירע געקוקט אַף די מעכטיקע מאַשינען, וואָס אונטער זייער דרוק האָט זיך

אײַנגעוואַלגערט דער וואַלד־קאָלאָס. די הירשן האָבן זיך מיט אַ כראָפּען געריסן פֿון די הענט פֿון די ניווכן, וועלכע זײַנען געקומען צוזאַמען מיט ניקיפאָרן.

— כאַוואַ, — האָט ניקיפאָר אַ צי געטאָן דעם הויפּט־אינזשעניער פֿאַר אַן אַרבל, — ניט טאָר אַזוי טרעטן טײַגע. ער שלעכט — נעמען נעקאַמע. דאַרף אַ ביסל לאָז איבער ביימער.

— מיר וועלן אַ ביסל איבערלאָזן, עס וועט סטײַען סײַ פֿאַר דיר, סײַ פֿאַר דײַנע אייניקלעך, — האָט בערידזע געענטפֿערט צעשטרײַט.

די מאַשינען זײַנען פֿאַרשווּנדן פֿאַרן בליק, אָבער מ׳האָט נאָך אַלץ געקענט נאָכשפּירן זייער רוקן זיך פֿאָרויס לויט דעם, ווי די טײַגע איז אַלץ הײַטער און ווײַטער, ווי מיט אַ גיגאַנטיש מעסער צעהאַקט געוואָרן אויף דער העלפֿט.

סילין האָט זיך געריסן פֿאָרויס. זײַן קאָלאָסאַלע מאַשין, וואָס האָט געאָטעמט מיט היץ, אַן ענלעכע צו אַ טאַנק, איז פּלוצים פֿאַרזונקען אין עפּעס אַ גרוב. ס׳האָט זיך דערהערט אַ כאַיעש רעווען. דער טראַקטאָריסט איז אַרויפֿגעפֿאָרן אויף אַ בערד־הייל; איבערן כאַאָס פֿון אײַנגעוואַלגערטע ביימער האָט זיך אויפֿגעשטעלט אַ גרויסער ברוינער בער, אויפֿגעהויבן צו דער הייך די האָריקע לאַפּעס, ווי ער וואָלט מיט זיי געדראָט זײַן אומבערעגער, און אַנידערגעפֿאַלן.

— וואָס זאָגט איר ניט אויף דעם אומגליק: צעקוועטשט מיט די קייטן־רעדער אַ בער! קריך ניט אין מאָגעט אַרײַן אויף דער הייסער מינוט!

— האָט סילין אַ געשריי געטאָן, אײַנבייגנדיק זיך מיטן גאַנצן קערפּער פֿאָרויס, ווי ער וואָלט וועלן אַנטקעגנגיין מיט דער ברוסט דעם געדיכטן וואַלד, וואָס איז אויסגעוואַקסן אינמיטן וועג.

די באַלעבאַטים פֿון דער טײַגע האָבן נאָך ניט באַנומען, אַז זיי מוזן זיך אונטערגעבן סילינען און ווידערשטאַנד. אַפֿן געטומל איז פֿון די רוישטן אַרויסגעלאָפֿן אַ גאַנצע טשערעדע ווילדע כאַזיירים — זיי זײַנען אַרומגעקראָכן ניט ווײַט פֿונדאַנען, וואָרשײַנלעך, זוכנדיק שפּײַז אונטערן שניי. דערזען דעם קראַכנדיקן שוואַרצן מאָנסטער, וואָס טראָגט זיך אויף זיי, זײַנען זיי פֿאַרשטאַרט געוואָרן, האָבן אָנגעשפּיצט די אויערן, אָנגעהויבן ביז צו כריוקען, דרייען מיט די קינבאַקן און, צו סילינס פֿאַרוווּנדערונג, זיך אַ וואָרף געטאָן אַנטקעגן.

— סאַראַ העלדן! — האָט סילין אַ זאָג געטאָן און אַרײַנגעשניטן זיך אין דער טשערעדע.

אין דער טײַגע האָט זיך אויסגעבילדעט אַ ברייטער וואַלד־שרונט. די אײַנגעוואַלגערטע ביימער מיט די אַריבערגעקערטע צעשפּרייטע וואָרצלען האָבן אים כאַאָטיש פֿאַרשפּאַרט. און איידער נאָך ס׳האָט זיך אײַנגעשטילט אין דער טײַגע דאָס קנאַלערײַ פֿון די טראַקטאָרן, וואָס האָבן זיך אין איר אַרײַנגעריסן, איז שוין דער וואַלד־שרונט פֿול געוואָרן מיט

מענטשן, און זיי האָבן אים געגומען אַפּריניקן פאַר אַ בויונגס־פּלאַץ. מיט פערד האָט מען אָוועקגעשלעפּט די ביימער. בריגאַדעס האָלצהעקער האָבן אויפגעקלונגען מיט העק און זעגן, צוגרייטנדיק היפש קלעצער פאַר אַ בריקוועג, — אַ וועג פון קלעצער אַף זומפּיקע ערטער, — און פאַר טעלעפאָן־סלופּעס. איבער דעם וואַלד־שרונט האָט אַ פלי געטאָן פּאַנטאָוס און שוביגס לידעלע:

העקער, שאַרפער שאַרפט די שאַרפע העק נאָך אויס. איינס... צוויי...
האַקט די ביימער ביז דער טאָג אין וואַלד גייט אויס. איינס... צוויי...
ווען סיוועט קומען שטיל די נאַכט צו גיין אַהער, איינס... צוויי...
גייט און רוט זיך אויס ביז מאָרגן אַן אַ שטער. איינס... צוויי...

די טעסליערעס און באַנאַנד מיט זיי די שווייסעווער, איזאָלירער, מינירער האָבן אויפגעשטעלט געצעלטן. דאָס ליַיוונטענע שטעטל איז געוואָקסן פאַר די אויגן. אין אַ ריי זיַינען אויפגעבויט געוואָרן פיר באַוועגלעכע עלעקטראָסטאַנציעס; זיי טאַקע האָבן געגעבן ענערגיע פאַר דער זעג־מיל. די טעסליערעס פון פעסטאָווס (דעם עלטערנס) בריגאַדע האָבן ערשט אָנגעהויבן אַרומצושלאָגן מיט ברעטער דעם סקעלעט פון דער זעג־מיל, און די דיסק־זעגן האָבן זיך שוין געדרייט, געזוגגען און געקלימפּערט, גלייַכמעסיק צעפּאַסעווענדיק אַף ברוסעס און ברעטער די קלעצער, וואָס זיַינען צוגעפירט געוואָרן פון וואַלד.

ראַגאָוו האָט אויסגעשטאַט אַ גרויסע טראַקטאָר־קאָלאָנע מיט פּראָוויאַנט, אינסטרומענטן אַף געררימע, ברייטע שליטנס, צוגעטשעפּעטע צו יעדן טראַקטאָר. מיט דער דאָזיקער קאָלאָנע האָט אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויטש בעדייע געהאַט אַרויסצופאָרן דורך דעם דורכגעהאַקטן וואַלד־שרונט אין דער טיף פונעם באַצירק. גלייַכציַיטיק האָט פּאַלישטשוק, ראַגאָוס טריַיער באַגלייטער און געהילף פון זינט זיי האָבן זיך באַקענט אַף דער צעשעדיקטער באַרזשע, צוגעגרייט אין זעלבן וועג אַריַין אַ קאָלאָנע אויטאָ־מאַשינען. דער פעסטער שפּור פון די טראַקטאָרישע שליטנס האָט געקענט דינען פאַר אַ גרייטן וועג פאַר די אויטאָמאָבילן.

פושטשין, אָנגעטאָן אין אַן אומגעלומפּערטן און גרויסן פּאָלושובאָק, ניט לויט זיַין מאָס, איז געשטאַנען מיט סמאָרטשקאָוון לעבן זיַין מאַשין און האָט איַיליק פאַרשריבן די פאַרפליכטונגען, וואָס דער שאָפער נעמט אַף זיך: אין פולשטענדיקער אָרדענונג און צום טערמין צושטעלן די באַקומענע לאַדונג אַף דער נייַער טראַסע. סמאָרטשקאָוון, דעם ערשטן צווישן די שאָפערן, איז אויסגעפאַלן דער גורל, ער זאָל זיך דער ערשטער לאָזן מיט דער מאַשין איבער דער טייַגע, וואָס איז נאָך אינדערפרי געווען אומדורכדרינגלעך.

אין פינף טעג אַרום האָט זיך די בויער שוין אויסגעדוכט, אַז זיי

וווינען פון לאַנג אַפן אינדזל. יעדע אַדורכגעלעבטע שאָ האָט אין זיך אַנטהאַלטן אַזויפיל איינדרוקן און געפּאָדערט פון זיי אַזעלכע פיזישע און גייסטיקע אָנשטרענגונגען, אַז מען וואָלט דאַרפן רעכענען אַ מעסלעס פאַר אַ וואָך. ווי אַפן קאָנטינענט, איז אויך אַפן באַצירק קימאַט שטענדיק ליכטיק געווען, די נאַכט איז אַרייַנגעטראָטן אין אירע רעכט אַף אַ קורצער צייַט, בעת די פאַרמאַטערטע מענטשן זייַנען געשלאָפן און אָנגעזאַמלט פרישע קויכעס.

מיטן דונער פון די עקספּלאָזיעס, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן גלייַך אַפן דריטן טאָג, מיטן געריש פון דער איבערגעשראָקענער טייַגע, מיטן קנאַלן פון די מאָטאָרן האָבן די בויער פון דער נאַפטלייטונג מודיע געווען וועגן זיך דעם גאַנצן אינדזל, און ס'האָבן אָפט אָנגעהויבן קומען צו זיי געסט. פון קאָנטשעלאַן זייַנען געקומען צו זיי צו פליִען די נאַפטארבעטער, און קימאַט טעגלעך האָט זיך אַפן דורכגוס אַראָפּגעלאָזט אַן עראָפּלאַן, וועלכער האָט געבראַכט פון נאָווינסק פאָרשטייער פון די אַרבעטער פון דער נאַפט־ראַפינעריע. ביידע דעלעגאַציעס האָבן איבערגעגעבן בריוו פון זייערע קאָלעקטיוון מיט אַ פאָרשלאָג צו די בויער אַרייַנצוטרעטן מיט זיי אין אַ פאַרמעסט לעקאָווועד דעם יאָרטאָג פון דער העלדנמוטיקער רויטער אַרמיי. נאָך זיי זייַנען געקומען אין געסט פישער און האָבן געבראַכט געפרוירענע דאָרשן. מיט אַ גרופּע בייַגרענעצלער איז געקומען צו רייַטן אַף פערד דער לייטענאַנט באַטורין. אין אַ שמועס מיט אים האָט זיך אַלעקסיי דערוווסט, אַז באַטורין איז אַ זון פון דעם אַלטן מייַסטער, „דעם קעניג פון דער וואַגראַנקע", מיט וועלכן דעם אינזשעניער איז אויסגעקומען זיך צו באַקענען אַף טערעכאָווס זאַוואָד.

— הייַנטיקע וואָך האָט מיר דער אַלטער געשיקט אַ בריוו, — האָט דער בייַגרענעצלער געזאָגט. — ער האָט זיך מיט מיר געטיילט מיט אַ פרייד. דודין און פיסאַרעוו זייַנען געקומען צו פאָרן צו זיי אַפן זאַוואָד איבערצוגעבן די איבערגייענדיקע רויטע פאָן פון דעם מעלוכישן פאַרטיידיקונגס־קאָמיטעט.

אין איינער אַ נאַכט איז אַפן אַרבעט־פּלאַץ אַרויסגעקומען פון דער טייַגע אַף ברייטע און קורצע יעגער־נאַרטן דער געאָלאָג כמאָרע מיט אַ רוקזאַק אַפן רוקן און אַ ביקס איבערן אַקסל. ער האָט געפרעגט אַף קאָווּשאָוון, און מ'האָט אים אַרייַנגעפירט אין דעם נייַעם, סאָלידן, לויט טאָפּאָליעווס אָנווייַזונגען געצעלט — אין אים האָבן געוווינט באַנאַנד בערידזע, קוזמאַ קוזמיטש, קאָווּשאָוו און טאַניאַ.

די אינזשעניערן זייַנען געזעסן באַם טיש און פרייליך געטרונקען טיי. אין זייער גוט גרויסן געצעלט איז געווען וואַרעם און ליכטיק. די פאָדלאָגע איז געווען פאַרשפּרייט מיט הירשענע און בערישע פעלן.

טאַניאַ האָט דערציילט, ווי זי באַנאַנד מיט די טויכער האָבן באַטראַכט אַפן גרונט פונעם דורכגוס, אַפן סאַמע טיפסטן אָרט, אַ מילי־

טערישע דערטרונקענע שיף. סמעלאָוו האָט געזאָגט, אַז זי איז באַ זיי אָפּן כעשבן און אַז מיט דער צײַט וועט מען זי אַרויסהייבן.

— די דאָזיקע שיף איז זיכער אַ קאָרבן פון דער יאַפּאַנישער מיל־כאָמע, — האָט זיך מעשאָער געווען טאָפּאָליעוו. — צי וועל איך נאָך דערלעבן צום טאָג פון נעקאָמע פאַרן אומקום פון „וואַריאַג", פאַר פאָרט־אַרטור? מײַנע צוויי ברידער זײַנען דאָרט אומגעקומען.

— איר וועט לעבן הונדערט יאָר, און אויב ס'וועט ווייניק זײַן — וועלן מיר אײַער לעבן פאַרלענגערן אויף נאָך אַ הונדערט יאָר, — האָט אַלעקסיי געשפּאַסט.

עפּעס וואָס ענלעכס אויף קינע האָט זיך אַ רעג געטאָן אין כמאַרעס ברוסט, ווען ער האָט דערזען די דאָזיקע פרײַנטלעכע פאַמיליע.

ער האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל און אַ שפּאַן געטאָן צום טיש. טאַניאַ האָט אים די ערשטע דערקענט און זיך ניט באַהערשט ניט אויס־צושרײַען פון פאַרוווּנדערונג.

— שרעקט זיך ניט, ליכטיקע טאַטיאַנאַ פּעטראָוונאַ, פאַר אַ פרייד־לעכן גאַסט, — האָט כמאַרע געזאָגט גוטמוטיק און אויסגעשטרעקט צו איר די האַנט.

— ס'איז מיר אַפילו ניט אײַנגעפאַלן זיך צו שרעקן. פּאַשעט איר זײַט אַרײַנגעקומען אַזוי אומגעריכט, — האָט טאַניאַ געענטפערט, אָפּ־צענטירנדיק דאָס אירצן אים, און קאַלט געענטפערט אויף זײַן האַנט־דרוק.

זי האָט בישטיקע אַ קוק געטאָן אויף בערידזען. יענער האָט ניט אָוועקגענומען די פאַרשנדיקע אויגן פונעם גאַסט. ס'איז פאַר אים ניט געבליבן אומבאַמערקט טאַניאַס דענערווירטקייט, און ער האָט ריכטיק פאַרשטאַנען: מיט דעם דאָזיקן מענטש בינדט איר ניט קיין בלויזע באַקאַנטשאַפט.

כמאַרע איז צוגעגאַנגען צו יעדן באַזונדער, גערעדט העפלעכקייטן, און זיך געזעצט לעבן אַלעקסייען. קאָווּשאָוו, וועלכער האָט זיך ניט זייער דערפרייט מיטן גאַסט, האָט געמוזט נעמען אויף זיך די ראָל פון אַ צור־פרידענעם באַלעבאָס.

— נו, האָבן מיר זיך באַגעגנט, — האָט כמאַרע אויף אים פרײַנט־לעך אַ קוק געטאָן, אַרויסנעמענדיק ווײַן פונעם רוקזאַק. — איר געדענקט דעם אָוונט אין רובעזשאַנסק? צוליב אײַך, קען מען זאָגן, האָב איך זיך געשלעפּט איבער דער טײַגע אַ צען קילאָמעטער. די עקספּלאָזיעס קראַכן איבערן גאַנצן אינדזל. טשיקאָווע, טראַכט איך זיך, אַ קוק צו טאָן, וואָס קומט דאָרט פאָר.

טאָפּאָליעוו האָט געקוקט כמאַרען גלײַך אין פּאָנעם און אומפרײַנט־לעך באַוויזן מיט די וואָנצעס. ער האָט זיך אַ מאָל צוויי באַגעגנט מיט כמאַרען באַ גרובסקין, און איצט האָט אים זײַן אַרײַנקום קאָליע געמאַכט די באַהאַרצטע שטימונג.

— וואָס קוקט איר אַף מיר אַזוי אויפגעטראָגן, קוזמאַ קוזמיטש?

— האָט כמאַרע געפרעגט שמייכלענדיק. — אײַער פרײַנטשאַפט מיט אײַער פריִערדיקן פּאַטראָן האָט זיך אויסגעוועפּט, אָבער איך האָב דערצו קיין שום שײַכעס ניט. פּאַרטווישט־זשע אײַער צאָרן אַף פרײַנטלעכקייט.

— כ'בין זיך מוידע, אײַער אַרײַנקום האָט מיר פאַרכידעשט. ניט שוין־זשע האָט איר צוליב אַ שפּאַציר אונטערגענומען אַזאַ אײַנמידנדיקע רײַזע איבער דער טײַגע? — האָט דער אַלטער געפרעגט אומצוטרוילעך און זיך אָוועקגעדרייט פונעם שמייכלענדיקן גאַסט.

— שטעלט אײַך פאָר, אַז איך בין טאַקע געקומען גלאַט אַזוי, בלויז אַ קוק טאָן אַף די באַרימטע בויער פון דער נאַפטלייטונג. דער קלאַנג וועגן אײַך האָט זיך צעטראָגן אומעטום. די ניוּוכן האַלטן אין איין ריידן וועגן אײַך...

בערידזע האָט זיך אָפּגעזאָגט פונעם ווײַן, מיט וועלכן כמאַרע האָט אים מעכאַבעד געווען, זיך אויפגעהויבן און איז אַוועקגעגאַנגען צום אַרבעטס־טישל, האָט אָנגעצונדן איבער דעם אַ לעמפּל און זיך פאַרטיפט אין זײַנע נאָטיצן. אָבער זײַן אויפמערקזאַמקייט איז ווי ביז איצט געווען צוגעשמידט צום געקומענעם. געאָרגי דאַווידאָוויטש האָט זיך דערמאָנט, וואָס אַלעקסיי האָט גערעדט וועגן כמאַרען, בעשאַטוי האָט ער ניט צוגעגעבן קיין באַדײַטונג אַלעקסייס ווערטער, אַז דער געאָלאָג איז באַקאַנט מיט טאַניאַן. אָבער דערזעענדיק זיי ערשט צוזאַמען, האָט בערידזע דערשפּירט, אַז אין אים איז אויפגעקומען אַ בריִענדיק געפיל, וואָס אַזעלכעס האָט ער פריִער ניט געקענט.

„ניט שוין־זשע בין איך קראַנק געוואָרן אַף דער באַרימטער אייפערזוכט?“ — האָט ער זיך געפרעגט.

געאָרגי דאַווידאָוויטש איז אַוועקגעגאַנגען פונעם טיש, קעדיי ניט גראָב צו באַטרעטן דעם גאַסט און ניט זען טאַניאַס שאַרפן בליק, וואָס איז אָנגעשטעלט אַף כמאַרען.

וואַסילטשענקאָ האָט אומפרײַנטלעך באַטראַכט דעם גאַסט. מיט דרײַ יאָר צוריק האָט זי זיך באַגעגנט מיט כמאַרען באַ די ראָדיאָנאָווס. איינגיכן האָט זי זיך קלאָר געמאַכט, אַז זי האָט אים ליב. נאָר אַלץ האָט זיך איבערגעריסן אין איינעם אַן אָוונט: ער האָט איר אָפּגעשטויסן מיט זײַן ציניזם. צי דען איז געווען ליבע דאָס, וואָס ער האָט איר פאַרגעלייגט? אַ צוטרוילעכע ביז הײַנט, האָט זי אים מיטאַמאָל אויפגעהערט צו גלייבן און אָפּגעפונען אין זיך קויכעס מיט אים איבערצורײַסן איינמאָל פאַר אַלעמאָל.

ערשט האָט טאַניאַ ניט געקענט פאַרשטיין, פאַרוואָס זי האָט זיך דעמאָלט געפײַניקט, ווען זי האָט זיך מיט כמאַרען צעשיידט, — קיין שום זאַך אין אים איז איר ערשט ניט געווען סימפּאַטיש. ס'איז איר געווען אומאינטערעסאַנט צו הערן כמאַרעס לעבעדיקן און שאַרפזיניקן

שמועס וועגן דעם, ווי ער לעבט אין דער טײַגע, זוכט ציין. כמאַרע האָט זיי קאַליע געמאַכט די אָוונטיקע טיי. ס'איז אַזוי אָנגענעם געווען צו זיצן קעגנאיבער בערידזען! זי האָט באַמערקט, ווי גערגי דאַווידאָוויטש האָט זיך אָנגעכמורעט. ס'האָט זיך פאַרגלוסט צוגיין צו אים. נאָר זי האָט זיך ניט אַנטשיידן. דערנאָך האָט טאַניאַ אויסגעפּרוווט אַף זיך איר באַ־ליבטן קלאַל: „מען דאַרף זײַן אויפריכטיק און אַוועקשלײַדערן פונעם וועג אַלע שטערנדיקע קאָנווענאַנסן". מיטן דאָזיקן געדאַנק איז טאָקע טאַניאַ צוגעגאַנגען צו בערידזען. ער האָט אָפּוואַרטנדיק אויפגעהויבן אַף איר די אויגן.

— איך וויל ניט, עס זאָל אַף מיר פאַלן דער שאָטן פון דאָזיקן מענטשן, — האָט זי שטיל געזאָגט. — איך וועל פאַר אײַך ניט אויס־באַהאַלטן: מיר זײַנען אַמאָל שיר ניט געוואָרן זיך נאָענט איינער דעם אַנדערן. ריכטיקער, איך האָב געהאַלטן, אַז איך קען אים ליב באַקומען. איך האָב באַצײַטנס פאַרשטאַנען מײַן פעלער.

ס'איז איר גיט לײַכט געווען דאָס אַרויסצוזאָגן, דאָס בלוט איז איר אַרײַן אין פּנים. ער האָט גאָרניט געענטפערט, דערשלאָגן שוין דערפון אַליין, וואָס כמאַרע האָט ביכלאַל געהאַט אַ וועלכע ס'איז שײַכעס צו טאַניאַן. דאָס מיידל איז געשטאַנען אַ ווײַלע און אַוועק צו זיך — זי האָט געהאַט היגטער אַ ווענטל אַ באַזונדער ווינקל.

כמאַרע האָט זיי מיט אַ קרום שמייכעלע באַאָבאַכטעט, דערנאָך געפרעגט בײַ אַלעקסייען:

— כאָסן־קאַלע, וואָס?

— צי ערגערט עס אײַך ניט צומאָל? — האָט אַלעקסיי געפרעגט.

— איך פיל זיך באַראַבעוועט, ווען איך זע אַ שיינע פרוי מיט אַ צווייטן, — האָט כמאַרע זיך אַ וויצל געטאָן און מויסיף געווען שוין מיט אַן אַנדערן טאָן, ניט גערן, ווי מען רעדט וועגן עפּעס, וואָס איז ניט צושטאַנד געקומען: — בעשאַטוי האָבן מיר, איך מיט טאַניאַן, גוט פאַרבראַכט עטלעכע אָוונטן.

בערידזע, וואָס עפּעס וואָס פון דעם שמועס איז צו אים דערגאַנגען, האָט צוגערופן אַלעקסייען און אָנגעכמורעט געבעטן:

— טו אַ טויווע, פיר אים אַרויס פונדאַנען. איך וואָרן, ס'קענען אַרויסקומען אומאָנגענעמלעכקייטן. איך בין ניט אימשטאַנד צו אָטעמען מיט אים אײן לופט און אויסהערן זײַנע באַרימערײַען.

מעכאַבעד געווען דעם גאַסט מיט טיי און פאַרזוכט זײַן ווײַן, האָט אַלעקסיי אַוועקגעפירט כמאַרען אַף נאַכטלעגער. ס'האָט זיך אָפּגעזוכט אַן אָרט בײַ ניעקראַסאָוון.

קאָושאָוו איז אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן, אַרומגעדרייט זיך איבערן פּלאַץ. די לעוואַנע־שײַן איז מיט זילבערנע שטראָמען געפאַלן אַף דער טײַגע, צוגעבנדיק די פאַראײַזיקטע ביימער מיט די הוילע צווײַגן אַ

טויטלעכע בלייכקייט. נאַכטיקע גערוישן האָבן זיך געטראָגן פֿונעם וואַלד. אַלעקסיי האָט זיך אײַנגעהערט. ס'האָט אים באַהערשט אַן אינסטינקטיווער אומרו. ניט ווײַט איז פֿאַרבײַגעגאַנגען אַ גרופּע מענטשן, ער האָט זיי צוגערופֿן.

— אייגענע, כאַווער קאָוושאָוו. מיר גייען פֿון אייגענער איניציאַטיוו, קאָנטראָלירן, צי זײַנען ניטאָ קיין פֿרעמדע, — האָט פֿון דער פֿינצטערניש געענטפֿערט סיליגס שטים.

אַלעקסיי האָט זיך מיט צופֿרידנקייט איבערצײַגט, די וואַך־פּאָסטנס זײַנען געשטאַנען אַף די ערטער. נאָר דער אומרו איז פֿונדעסטוועגן ניט אַריבער. איינדערפֿרי איז פֿונעם צווייטן ברעג געקומען צו פֿאָרן פֿילימאַנאָוו און מיטגעטיילט: באַם עק פֿון דער רערן־לייטונג, וואָס שטאַרצט אַרויס פֿונעם דורכגוס, האָט עמעצער געפּרוּווט אַרײַנקלאַפּן הילצערנע שפּונטן; די פֿאַרברעכער האָט אָפּגעם עמעס איבערגעשראָקן, זיי האָבן אַלץ געוואָרפֿן, ניט באַוויזנדיק אָפּצוטאָן זייער פֿינצטער שטיקל אַרבעט. קימאַט גלײַכצײַטיק איז אויפֿגעדעקט געוואָרן, אַז פֿון דעם וואַרשטאַט זײַנען פֿאַרלוירן געגאַנגען צייכענונגען פֿון דער פּאָמפּן־סטאַנציע.

— איך האָב וועגן דעם מיטגעטיילט וווּ מען דאַרף, נאָר איר דאַ קוקט אויך מיט ביידע אויגן, — האָט פֿילימאַנאָוו געוואָרנט.

„ווער זײַנען זיי עס די ניוועזניקעס?" — האָט אַלעקסיי געטראַכט מיט בריענדיקער סינע. אַ העלפֿט פֿונעם אויפֿגעבויטן איבערגאַנג איבערן דורכגוס איז געווען אַלעקסייס אַ לײַבלעך קינד — ער איז אַרײַנגעפֿאַלן אין צאָרן באַם געדאַנק, אַז דעם דאָזיקן קינד דראָען סכּאַנעס. „וואָס שלעפּט זיך דאָ אַרום כמאַרע, וואָס דאַרף ער דאָ?" — האָט זיך קאָוושאָוו פּלוצים געפֿרעגט. ס'איז ניט געווען וואָס פֿאַרצוואַרפֿן דעם געלאָג, ער האָט קיין שום דירעקטע כשאָדים ניט אַרויסגערופֿן, און פֿונדעסטוועגן האָט אַלעקסיי פֿאַרשטאַנען: זײַן אומרו איז אַרויסגערופֿן געוואָרן ניט בלויז צוליב פֿילימאַנאָווס מיטטיילונג, נאָר אויך דורכן קומען פֿון דעם אומגעבעטענעם גאַסט.

אַלעקסיי האָט זיך דערנענטערט צום ברעג. פֿונווײַטנס האָט זיך געזען דער וועג דורכן דורכגוס — אַ קייטעלע פֿײַערלעך, וואָס צעהאַקט דעם נעפּל, ס'האָט זיך דערטראָגן פֿון דאָרטן דער געטומל פֿון דער אַרבעט, וואָס האָט זיך אויך בײַנאַכט ניט איבערגעריסן.

אַלעקסייס געדאַנקען האָבן זיך צוריקגעקערט צו דעם, וואָס האָט אים גערעגט שוין דעם צווייטן טאָג. מ'האָט אים איבערגעשיקט פֿון נאָווינסק דעם ברודערס אַ בריוו — אַ פֿראַנטעווע דרײַעק, וואָס איז פֿאַרשוואַרצט געוואָרן אין דעם לאַנגן וועג. ניט לאַנג צוריק פֿאַר דעם האָט ער באַקומען אַ מיטטיילונג, אַז מיטיע איז געווען לײַכט פֿאַרוווּנדעט, ליגט אין אַ שפּיטאָל און וועט זיך אינגיכן אומקערן אין זײַן טייל. דער ברודער האָט פֿון שפּיטאָל ניט געשריבן, אָפּנים ניט געוואָלט באַאומ־

רוזיקן, און זײַן דאָזיקן בריוו אָפּגעשיקט אַ סאַך פֿריִער, נאָך אין די טעג פֿון די קאַמפֿן פֿאַר מאָסקווע, און אָנגעקומען איז ער ערשט איצט.

„אַליאָשאַ, איך שרײַב דיר בעקיצער. מ׳האָט אונדז געמאָלדן אַ באַפֿעל וועגן אָנגריף. איך גיי אין שלאַכט, אַליאָשאַ! כ׳וועל גליקלעך זײַן צו פֿאַרגיסן מײַן בלוט פֿאַר אונדזער מאָסקווע. אויב עפּעס וועט מיט מיר געשען, באַמי זיך צו פֿאַרטרעטן אויך מיר בײַ די עלטערן. ערשט איצט האָב איך באַנומען, וואָס עס זײַנען אונדזערע עלטערן. ווי ס׳וואָלט זיך וועלן אַ קוק טאָן אויף זיי און אויף דיר! געדענקסט, האָסט מיך געזידלט פֿאַר ווײַניק דערעכערעץ און לײַכטזיניקייט, — ווי ווײַט איז דאָס אַלץ, האַגאַם געווען איז עס לעגאַמרע ערשט ניט לאַנג, מיט עטלעכע כאַדאָשים צוריק. כ׳שווער בײַ מײַן ערע — ניט דיר, ברודערל, און ניט מײַנע גוטע עלטערן וועט ניט אויסקומען רויט צו ווערן צוליב מיר...״.

„אין אַזאַ מאָמענט האָט ער זיך דערמאָנט, ווי איך האָב אים געזידלט פֿאַר ווייניק דערעכערעץ און לײַכטזיניקייט!״ — האָט זיך אַלעקסיי פֿירגעהאַלטן. זיך אומגעקערט נאָך אַ דרײַיאָריק אויפֿהאַלטן זיך אויף דער דאָרעמדיקער בויונג, האָט ער דערווישט מיטיען שוין ניט קיין יינגל, נאָר אַ יוגנטלעכן. די מוטער האָט זיך פֿאַרקלאָגט: „ער רייכערט בישטיקע... זי האָט אים באַגעגנט אין גאַס מיט אַ מיידל... און דאָס לערנען האָט ער ניט זייער גערן. דער טאַטע איז פֿון אים ניט צופֿרידן... נאָר אַ מעזעג־טאָוו איז ער בײַ אונדז אַ ליבלעכער ווי אַ קעלבעלע. ער טוט עפּעס אָפּ אַ שטיקל, דערנאָך ווערט ער צוגעלאָזן, אַז איך מיטן טאַטן ווערן טייקעף ווייכער. שמועס מיט אים, אַליאָשאַ, באַווירק אים...״.

פֿאַרנאַכט זײַנען די ברידער געגאַנגען שפּאַצירן. מיטיאַ האָט מיט פֿרייד אָנגענומען דעם פֿאָרשלאָג זיך אַ ביסל „דורכצולופֿטערן״. אַ געשווינדער אין די באַוועגונגען, אַ פֿריילעכער, האָט ער אַלץ באַמערקט און זיך אויף אַלץ אָפּגערופֿן, זיך געוויצלט וועגן יעדער זאַך, אויפֿמערקזאַם באַטראַכט די פֿאַרבײַגייענדיקע מיידלעך.

— דו פֿאַרשטייסט, אַז די עלטערן זײַנען מיט דיר ניט צופֿרידן?

— האָט אים אַלעקסיי אַ פֿרעג געטאָן.

— כ׳פֿאַרשטיי, סײַ אין דער היים, סײַ אין שול מוסערט מען מיר טאָמיד, שטעלנדיק דיך פֿאַרן מוסטער: „אײַער ברודער איז געווען אַ בעסערער שילער״, אָדער „אַליאָשענקע רייכערט נאָך איצט אויך ניט״. ס׳האָט מיר געפֿעלט געבוירן צו ווערן נאָך דיר! — האָט מיטיאַ געענטפֿערט.

— צי איז עס דען אַזוי שווער זיך גוט צו לערנען, ווען מען האָט דערצו נאָרמאַלע באַדינגונגען? צי דען איז עס אַזוי שווער ניט צו פֿאַרשאַפֿן קיין קרענקונג אַזעלכע אַלטינקע, ווי אונדזערע?

— ס׳איז ניט שווער, נאָר עס געראָט מיר ניט, אַליאָשאַ. עס סטײַען

באַ מיר קויכעס אַף אַ וואָך, ניט מער. דערנאָך געשעט ווידער עפּעס אַן אײַנברוך . . .

ער האָט זיך דערין מוידע געווען מיט אַזאַ האַרציקייט, אַז אַלעקסיי האָט מיט מי דערשטיקט אין זיך די וואַרעמקייט, וואָס איז אין אים אויפגעקומען, ווי אַן ענטפער. מ׳האָט געדאַרפט דעם שטרענגן שמועס דערפירן ביזן סאָף.

— קומט אויס, אַז דו קענסט זיך ניט נעמען אין די הענט אַרײַן. אַזוי געשעט עס מיט פאַרפאַרלעגע שיקורים, וואָס דער ווילן איז באַ זיי אָפּגעשוואַכט: פאַרשטייען, אַז מען טאָר ניט טרינקען, און טרינקען.

מיטיאַ האָט זיך אַרומגעקוקט; באַמערקט, אַז אַרום איז קיינער ניטאָ, האָט ער מיט ברען אַרומגענומען דעם ברודער און אַ קוש געטאָן אין באַק.

— זײַ ניט אין קאַס, אַליאָשקאַ. כ׳בין מעשוגענערווײַז צופרידן, וואָס דו ביסט געקומען צופאָרן. דו האָסט אַזוי אויסגעפעלט אין שטוב!

— קעלבל! — האָט אַלעקסיי אַ וואָרטשע געטאָן אַ גערירטער אין האַרצן און, אָפּשטופּנדיק דעם ברודערס הענט אין אַ זײַט, אַ זאָג געטאָן מוסערנדיק: אַ מאַנספאַרשוין דאַרף זײַן אײַנגעהאַלטענער און פעסטער.

— ווער ווייס, ווי עס דאַרף זײַן אַ מאַנספאַרשוין! דו מיינסט, אַז דו ביסט אַן עמעסער מאַנספאַרשוין, אַליאָשאַ? — דער ייִנגערער ברודער האָט געקוקט אַף אַלעקסייען מיט אַ שמייכל.

— זאָג מיר, וואָס האָסטו בעדייע ווײַטער צו טאָן, שאַלטיק? מיט דער שול האָסטו שוין פאַרענדיקט.

— כ׳וועל גיין אין דער אַרמיי, — מיטיאַ האָט געענטפערט ערנסט, אָן אַ שמייכל. — אַלע ריידן: ס׳וועט איינגיכן זײַן אַ מילכאָמע, אַליאָשאַ. מען דאַרף זיך לערנען מילכאָמע האַלטן. און ביזן גיין אין דער אַרמיי גלוסט זיך אַ יאָרעלע לאָזן ווילגיין. ערגער זיך ניט, אויב מען וועט זיך אַמאָל פאַר דיר קלאָגן אַף מיר. כ׳וועל זיך דאָך עפּעס ניט אַזעלכעס ניט דערלויבן.

— אָט וועל איך איצטער הונדערט מאָל באַדויערן, פאַרוואָס איך בין ניט געווען צו דיר בעסער, צוגעלאָזענער, — האָט אַלעקסיי געשעפּטשעט, שפּרײַזנדיק איבערן מיטן שניי פאַרשאָטענעם פעלדזיקן ברעג פּורנעם דזשאַנדינסקער דורכגוס אַף דעם אינדזל טײַסין. דאָס אומגעוויינלעך שטרענגע און ווי פאַרעלטערטע פּאָנעם פונעם ברודער, בלײַך מאַכמעס דעם פאַרלוירענעם בלוט, איז ווי געשוומען פאַר אים אין דער פינצטערניש.

קאַפּיטל זיבן

וואָס האָט געבראַכט דער פרילינג?

אינמיטן פעברואַר האָט קאַרפּאָוו, אומקערנדיק זיך פון יאַגד, צוגע־טראָגן טאַניאַן אַ בינטל הוילע טרוקענע צווײַגעלעך פון „באַגול".

— דאָס איז, טײַערע, אַן אויפגאַב אַף אַ פרילינגדיקן בוקעט. שטעל אַרײַן אין וואַסער.

אַלעקסיי האָט געלאַכט פון אים:

— צו וואָס באַדאַרף מען דעם בעזעם אין וואַסער אַרײַן? ער וועט צונויף קומען די פּאַדלאָגע צו פּאַרקערן. דעם פרילינג, איוואַן לוקיטש, דערמאָן ניט, ער עקזיסטירט דאָ ניט. — און ער האָט אויפגעזונגען דאָס פּאָפּולערע לידל אַפן באַצירק:

עד, אינדזל דו, טײַערין —
דו לעבעדיק פּלאַנעטל:
עס שטייען צוועלף כאַדאָשים פרעסט,
זומער שטעלט זיך — שפּעטער...

— דער ווינטער האָט זיך געענדיקט, גוטער ברודער, אַ סאָף. אַפילו זיך צו מיט אײַערע אַרבעטן אַפן אײַז. מען קען רעכענען, אַז דער פרי־לינג האָט זיך שוין געשטעלט.

— דו ביסט אַ מאָדנער מענטש, פישער! — האָט אַלעקסיי דער־ווידערט און אים געשלעפּט איגדרויסן אַרויס. — זעסט? אַרום איז אַ שניי און פערציק גראַד פראָסט. עס שמעקט אַפילו ניט מיט פרילינג.

— עס שמעקט, גוטער ברודער. אוי, שמעקט עס! די נאָז איז בײַ דיר פאַרלייגט, שפּירסט ניט. בײַ אונדז קומט דער פרילינג פּאַמעלעך, באַהיטעוודיק. ער לאָזט זיך ניט גלײַך אַרײַן אין אַ געשלעג מיטן ווינטער. קאָוושאָוו האָט ניט באַמערקט דאָס, וואָס ס'האָט קלאָר געזען דער

טוישעוו באַם אַדון: די באַנבייַנג פֿונעם פֿרילינג אין דער נאַטור האָט זיך שוין אָנגעהויבן. ס'איז שנעל פֿאַרשוווּנדן דער שניי־צודעק. דער שניי איז ניט צעשמאָלצן געוואָרן (ס'איז געווען קאַלט), נאָר זיך אויסגע־דעמפּט. די וועגן זייַנען טונקל געוואָרן. אויף די גרויסע שניי־אָנשיטן לעבן די געבייַדעס האָט זיך באַוויזן אַ גרויסע האַרטע שאָל. ס'איז געקומען דער טאָג מיטן ערשטן, ווי אַ טרער, לויטערן טראָפּן, פֿון די דעכער האָבן אַראָפּגעהאָנגען אייַז־צעפּלעך...

— זע, אַלעקסיי ניקאָלאַיעוויטש, דאָס איז פֿרילינג, — האָט אים קאַרפּאָוו אָנגעוויזן אויף זיי.

אָבער אויפֿן צווייטן טאָג איז געפֿאַלן אַ שניי. ער האָט לאַנג גע־שאָטן, ווי מיט שווערע, טרוקענע גרייַפּלעך, און באַדעקט די ערד מיט אַ דיקן ווייַסן שיכט. ס'האָט זיך געשטאַרקט דער ווינט פֿון צאָפֿן, — אַ שאַרפֿער, בריִענדיקער, וואָס פֿרירט אויף דאָס פּנים.

— ווו איז דייַן פֿרילינג איוואַן לוקיטש? — האָט אַלעקסיי גע־פֿרעגט.

אין די דאָזיקע שניי־שטורעמדיקע טעג האָט זיך דאָס בינטל באַגול, וואָס קאַרפּאָוו האָט געשענקט, אומבאַמערקט צעבליט. אינדערפֿרי האָט טאַניאַ געוואָרפֿן אַ צופֿעליקן בליק צום פֿענצטער און מיט היספּייַלעס אויסגעשריגן: די צווייַגעלעך, וואָס זייַנען ערשט ניט לאַנג צוריק געווען טויט און טרוקן, האָבן געלויכטן מיט אַ העל־לילאַווע פֿלעמל פֿון צערט־לעכע בלימלעך.

די אינזשעניערן האָבן זיך געשפּיגלט אין זיי, נאָר בערידזע האָט זיך גלייַך אויפֿן אָרט דערמאָנט, אַז זיי זאָגן אָן פֿרילינג, זיך אָנגעכמורעט און גענומען אייַלן. ס'האָבן זיך נאָך ניט פֿאַרענדיקט די אַרבעטן באַם אַראָפּלאָזן די רערן־לייטונג פֿונעם אייַז, אַ סאַך לאָדונג איז נאָך ניט אַריבערגעפֿירט געוואָרן אויפֿן אינדזל.

ס'איז אָנגעקומען דער מאָמענט פֿון אַראָפּלאָזן די לעצטע סעקציע (זי האָט געדאַרפֿט ליגן אויפֿן סאַמע טיפֿסטן פֿאַרוואַטערנעם אָרט אינעם דורכגוס) און פֿאַראייניקן די טיילן פֿון דער באַפּטלייטונג, וואָס זייַנען שוין געווען אויסגעלייגט פֿון ביידע ברעגעס. מיט צוויי באַהעפֿטן האָט אומאַרע צוזאַמענגעשווייסעוועט די דאָזיקע לעצטע סעקציע, מיט דער הילף פֿון טאַרקטאָרן האָט מען צוגעשלעפּט די רער צום קאַנאַל, די טויי־כער האָבן זי, באַנוצנדיק הידראָמאָניטאָרס, פֿעסט אייַנגעלייגט אויפֿן גרונט — דער צוועלף־קילאָמעטערדיקער איבערגאַנג דורכן דורכגוס איז געוואָרן איין גאַנצער.

די בויער האָבן געהאַט דאָס רעכט צו פֿייַערן אַ גיצאָכן: זיי האָבן אויסגעלייגט דעם איבערגאַנג מיט צוואַנציק טעג פֿאַרן טערמין, אין אומגעוויינלעך שווערע ווינטער־באַדינגונגען און מיט מעטאָדן, וואָס זייַ־נען נאָך אומבאַוווּסט אין דער טעכניק. אין נאָמען פֿונעם קאָלעקטיוו פֿון

ביידע באַצירקן — דעם קאָנטינענטאַלן און פֿונעם אינדזל — האָט בערידזע אַרויסגעשיקט צו דער פּאַרוואַלטונג אַ טעלעגראַם־באַריכט, אין וועלכער ער האָט מיטגעטיילט, אַז די אויפֿגאַבע איז אויסגעפֿירט געוואָרן, און אויסגערעכנט, וויפֿל אַרבעט־קראַפֿט, וויפֿל טראַנספּאָרט־שאָען און בענזין ס׳האָט זיך איינגעגעבן דערביי אָפּצושפּאָרן. די אויסרעכענונג האָט געוויזן: דער עקספּלאָזיע־מעטאָד פֿון גראָבן די טראַנשיי און דאָס אַראָפּלאָזן די נאַפּטלייטונג פֿונעם איינז האָט געקאָסט עטלעכע מאָל ביליקער, איידער דער איבערגאַנג וואָלט געקאָסט, ווען ער וואָלט געבויט געוואָרן לויטן אַלטן פּראָיעקט.

„זיך ניט צופֿרידנגעשטעלט מיט דער דערגרייכונג — האָט זיך דער ראַפּאָרט פֿאַרענדיקט מיט די ווערטער, וואָס זיינען טראַדיציאָנעל פֿאַר סאָוועטישע מענטשן, — נעמט זיך דער קאָלעקטיוו מיט אַ דרייפֿאַכיקער ענערגיע צו פֿאַרענדיקן שנעלער די צווייטע ליניע פֿונעם איבערגאַנג און צוגרייטן זיך צום פֿרילינג“.

דער קורצער זאַכלעכער דאָקומענט, אין וועלכן ס׳איז געווען מער ציפֿערן איידער ווערטער, האָט זיך צעקלונגען איבער דער בויונג, ווי אַ געזאַנג, און אין ענטפֿער האָבן זיך אַ שאָט געטאָן גראַטולאַציעס. „אייער דערפֿאָלג — דאָס איז די בעסטע מאַטאָנע אונדזער העלדנמוטיקער רויטער אַרמיי אין איר יאָרטאָג“, — האָבן געשריבן אין אַ טעלעגראַמע פֿון רובעזשאַנסק דודין און פּיסאַרעוו. גראַטולאַציעס האָבן צוגעשיקט די נאַפֿט־אַרבעטער פֿון קאָנטשעלאַן, די אַרבעטער פֿון די באָווינסקער זאַוואָדן, די קאָלווירטניקעס פֿון די פֿאַרשיידענע יישוּווים באַם אַדון.

די בויער האָבן ניט געדענקט, ווען זיי האָבן געהאַט צום לעצטן מאָל דעם פֿריי־טאָג און אַפֿילו איצט לעקאָוועד אַזאַ יאָנטעוודיק געשעעניש האָבן זיי קיין צייט ניט געהאַט אויף קיין אָפּרו. אָפּגעמערקט עס מיט אַ קורצער פֿאַרזאַמלונג און מיט אַ ניט גרויסער פּאָרציע ווײַן צום אָוונטברויט, האָבן זיך די בויער גענומען אויסצולייגן די צווייטע ליניע פֿון דער נאַפֿטלייטונג איבערן דורכגוס.

לויטן פּראָיעקט האָט מען דאָס געדאַרפֿט מאַכן באַדייטנדיק שפּעטער, שוין נאָכן לאָזן אין גאַנג די נאַפֿטלייטונג. אָבער נאָכן איבערצייגן זיך אין דער ריכטיקייט פֿון די טעכנישע אויספֿירונגען און נאָכן קאָנטראָלירן די קויכעס פֿונעם קאָלעקטיוו, האָט זיך בערידזע נאָך מיט צוויי וואָכן צוריק געוואָנדן צו באַטמאַנאָוון מיטן פֿאָרשלאָג: ניט אָפּלייגן דאָס אויפֿבויען די צווייטע ליניע פֿונעם איבערגאַנג אויף שפּעטער, נאָר אַרויסענדיקן זי פֿולשטענדיק ביז פֿרילינג. דער פֿאָרשלאָג איז געווען אויף אַזויפֿיל אָנצונעדיק, וויפֿל ריזיקאַליש. עס זיינען שוין ניט קיין סך טעג איבערגעבליבן ביזן סוף ווינטער, ס׳האָט זיך דערנענטערט די צייט, ווען דאָס אייז נעמט זיך רירן אויפֿן דורכגוס.

— באַשליסט אַליין, פֿאַר אייך איז דאָס קלאָרער, — האָט באַט־

מאַנאָוו געענטפערט. — אויב איר וועט אַרויסקומען מיט איין ליניע, קומט אײַך אַכטונג און לויב, מיר פאָדערן ניט מער. און פאַר אַלץ, וואָס איר וועט אויפטאָן כּוץ דעם, בין איך גרייט זיך צו פאַרנייגן ביז צו דרערד.

— באַראַט זיך וועגן אַלץ מיטן אוילעם, קאָנטראָלירט נאָכאַמאָל אײַערע קויכעס, פאַררײַסט זיך ניט, די ריזיקע איז זייער אַ גרויסע, — האָט געװאַרנט זאַלקינד.

בערידזע האָט צוזאַמענגערופן אַ באַראַטונג, וועלכע האָט אַרויסגע־טראָגן דעם באַשלוס: בויען די צווייטע ליניע! טאָפּאַליעוו מיט די בעס־טע שווייסער און גיעקראַסאָוו מיט זײַנע מינירער האָבן זיך גלײַך אַריבערגעקליבן אַפן קאָנטינענט. ס'האָבן ווידער אָנגעהויבן קראַכן די עקספּלאָזיעס. אין מעשעך פון אַ וואָך האָבן די מינירער דורכגעשלאָגן אַ טראַנשיי — אַ צווייטע אויפגעריסענע וואַסער־עפענונג, אַף אַ קילאָ־מעטער צאַפּנדיקער פון דער ערשטער, האָט דורכגעשטראָכן דאָס אײַז פונעם דורכגוס. אין דעם טאָג, ווען קאָוושאָוו האָט פון דער זײַט פונעם אינדזל אײַנגעלייגט די לעצטע סעקציע פון דער רערן־לייטונג פון דער ערשטער ליניע, האָט טאָפּאַליעוו באַם קאָנטינענט אַראָפּגעלאָזט אַפן גרונט צוויי קייטן פון דער צווייטער.

אַלעקסיי איז זיך דורכגעגאַנגען עטלעכע קילאָמעטער איבערן אײַז, קעדיי זיך צו טרעפן מיט קוזמאַ קוזמיטשן אַפן דורכגוס. דער אַלטער אינזשעניער האָט אויסגעזען עפּעקטפול — אין אַ טולופּ, מיט פאַר־אײַזיקטע וואָנצעס און מיט ברעמען ווײַסע פון טוי־פראָסט.

— האָסט פאַרענדיקט, אַליאָשאַ, מיט דער ערשטער ליניע? איך גראַטוליר! — האָט טאָפּאַליעוו געזאָגט מיט אַ געדיכטן באַס. — ערשט גיי איבער צו דער צווייטער, מיר וועלן אָנגרײַפן פון ביידע זײַטן. אַזוי אַרום וועלן מיר זיכערער איבעריאָגן דעם פרילינג.

אַלעקסיי האָט אים גענומען אונטער דער האַנט. זיי זײַנען געגאַנגען צווישן אײַז־אָנהויפונגען, ווי אַף אַ שפּאַציר איבער אַ גלאַטיקן גאַס־טראָטואַר.

— איך האָב זיך שוין גענומען פאַר דער צווייטער ליניע, — האָט אַלעקסיי געזאָגט. — איך בין געקומען צו אײַך ניט אויסצוהערן קיין גראַטולאַציעס, נאָר צו וואַרפן אַ הענטשקע. — ער האָט מיט געמאַכטן ערנסט אַראָפּגעצויגן די הענטשקע און זי אַ וואָרף געטאָן אַפן שניי. — איך רוף אײַך אַרויס אַף אַ געראַנגל. איר האָט מיך איבערגעיאָגט אַף צוויי סעקציעס — זאָל זײַן, איך גיב אײַך „פאָרהאַנט". כ'וועל סײַווי קומען צו דער מיט פרײַער.

קוזמאַ קוזמיטש האָט זיך, קרעכצנדיק, אײַנגעבויגן און אויפגעהויבן די הענטשקע.

— דער אַרויסרוף ווערט אָנגענומען. דעם יִטראַן אַף צוויי סעק־

ציעס וואַרפֿן מיר אַראָפּ פֿון כּעשבן, מיר נייטיקן זיך ניט אין אײַער גוט־האַרציקייט. באַרימען זיך פֿון פֿאָרויס וועל איך ניט, — מיר, אַלטע לײַט, זײַנען אַ באַשיידן פֿאָלק. מיר וועלן זען...

זיי האָבן אַרומגעשמועסט, שוין אַף אַ זאַכלעכן אופֿן, די באַדינגונ־גען פֿונעם פֿאַרמעסט און באַפֿעסטיקט זייער אָפּמאַך מיט אַ גלעזל טיי.

פֿון הײַנט אָן האָבן זיך דער אַלטער און יונגער אינזשעניער פֿאָרויס־געדרוקט אײנער דעם צווייטן אַנטקעגן און אָפֿט זיך איבערגעשמועסט דורכן סעלעקטאָר.

— כּאַווער טאַפּאַליעוו, מיר האָבן אויסגעלייגט די ערשטע סעקציע מיט פֿערציק שאָ פֿריִער לויטן פּלאַן, — האָט זיך אַלעקסיי געאײַלט מיטצוטיילן. — ווי געפֿעלט דאָס אײַך?

— איר האָט צוגעזאָגט, כּאַווער קאָוושאָוו, אונדז שנעל איבערצו־יאָגן, די שוואַכינקע זקיינים. עפּעס באַקומט זיך ניט בײַ אײַך, — האָט אים מיט יובל געענטפֿערט טאַפּאַליעוו. — מיר האָבן צוגעגרייט די דריי־טע סעקציע און פֿאַרויסגעלאָפֿן מיט צוויי און פֿופֿציק שאָ דעם פּלאַן.

— מאַכמעט אַכטונג צו דער זיקנע אײַלן מיר זיך ניט, — האָט זיך אַלעקסיי אַרויסגעדרייט און, פֿאַרשטעלנדיק דאָס מיקראָפֿאָן־רערל, אי־בערגעגעבן קאַרפּאָוון: — זיי האָבן אונדז ווידער איבערגעיאָגט, די אַל־טע טײַוואָלים. לויף, דערצייל עס דער כּעוורע...

און דער פֿרילינג האָט זיך דערנענטערט. אַלץ אָפֿטערער האָבן זיך די טריבע, קאַלטע טעג געוועקסלט מיט זוניקע, וואַרעמע. קאַרפּאָוו, וועל־כער האָט בעריעש אַרויסגעפּאַנגען אַ שאָ־צוויי אַף יאַגד, האָט וואָס אַ טאָג געבראַכט נײַע ידיעס.

מיט אויפֿגעלעבטקייט האָט ער פֿלוצים דערציילט אַלעקסייען, אַז אַף די דאָרעמדיקע שיפּוּים פֿון די סאָפּקעס האָבן זיך באַוויזן אַ גוזמע גרויע פֿליגן, ענלעכע צו שטוביקע. ער האָט זיי אָנגערופֿן „פֿרײַנדנס”.

— וואָס איז מיט די „פֿרײַנדנס”? — האָט זיך אַלעקסיי נאָכגע־פֿרעגט בײַ אים אָפּצומאָרגן; באַנאַכט איז פֿאָרגעקומען אַ שאַרפֿע אָפּ־קילונג.

— זיי זײַנען נעלעם געוואָרן ביז איינע, — האָט זיך קאַרפּאָוו מוידע געווען און געוווּנדערט. — אַ סאַך יאָר באַאָבאַכטע איך זיי, גור־טער ברודער, און קען זיך ניט אָפּוווּנדערן; קוים ווערט אַ ביסל וואַרעמער — זײַנען זיי גלײַך דאָ, ווערט קעלטער — זיי זײַנען פֿאַרפֿאַלן געוואָרן. דו ביסט דאָך אַ געלערנטער, זאָג מיר, וווּהין טוען זיי זיך אַהין, פֿון וואַנען נעמען זיי זיך?

קאָוושאָוו האָט זיך אַרויסגעדרייט פֿונעם נײַגעריקן נאַטור־פֿאָרשער:

— מער פֿעלט מיר ניט, ווי נאָר צו פֿאַרנעמען זיך מיט דײַנע פֿליגן!

באַטמאַנאָוו האָט פון גאָווינסק אָנגעפרעגט בערידזען „צי וועט איר קענען אַ טייל מענטשן באַפרייען ? די אַרמיי נייטיקט זיך אין רעזערוון, עס דערנענטערט זיך די קומענדיקע ווערבירונג“. קאַרפּאָוו האָט צוזאַמענגערופן אַ פּאַרטייִשע פאַרזאַמלונג, דערנאָך אַ מיטינג. און עס איז באַשלאָסן געוואָרן : שיקן אין דער אַרמיי אַ גרופּע בוי־אַרבעטער.

— וואָס האָסטו זיך פאַרטראַכט, סעמיאָן אילאיטש ? עס גלוסט זיך דיר אויך ? — האָט בערידזע געפרעגט סילינען. — איך געדענק, ווי דו האָסט זיך געריסן צום פראָנט. אויב דו וועסט צושטיין, וועלן מיר אויך דיך באַפרייען, באַשליס . . .

— אַוואַדע גלוסט זיך גיין מיט די כאַווייִרים. אויב איר וועט הייסן — וועל איך גיין. נאָר פרייוויליק אַוועקצוגיין פון דער בויונג קען איך זיך ניט באַשליסן. איך האָב אין איר די נעשאַמע אַרײַנגעלייגט און איך גאָר צו זען, ווי דער נאַפט וועט אָנקומען פון גאָווינסק.

די „אינדזל־מענער“ — אַזוי האָט מען גערופן די בוי־אַרבעטער פון דעם אינדזל־באַצירק — האָבן פרײַערלעך אַרויסבאַגלייט די מאָביליזירטע כאַווייִרים, צווישן זיי דעם כטאַכאַנאָוועץ סאָלנצעוו, רעמניעוון און אַנד.

— שלאָגט דעם פאַשיסט ! שלאָגט מערער ! שלאָגט בעסער ! און מיר וועלן אײַך געבן נאַפט ! — האָט אָנגעזאָגט אומאַרע, אַרויסטרעטנדיק אויפן מיטינג.

— איך שווער אײַך, כאַווייִרים, אַז איך וועל אַזויפיל פריצן אַוועקלייגן אין שלאַכט, וויפל ביימער כ׳האָב אײַנגעוואַלגערט אין דער דאָזיקער טײַגע, — האָט געענטפערט דער קאָלאָסאַלער רעמניעוו.

באַטורין איז געקומען צו פאָרן צום אַרויסבאַגלייטן מיט אַ גרופּע בײַגרענעצלער, האָט געבראַכט אַ מאַטאַנע פונעם גרענעץ־וואַכפּאָסטן מיליטערישע מונדירונג. רעמניעוו און סאָלנצעוו האָבן אין די נײַע שינעלן, היטלען מיט רויטע שטערנס און שטיוול אויסגעזען בראַווע זעלנער.

— מיר פאַרפליכטן זיך צו פאַרטרעטן די אַוועקגייענדיקע אין דער אַרמיי, — האָט אין נאָמען פון די ערד־גרעבער געזאָגט זיאַטקאָוו. — יעדער פון אונדז וועט פאַרגרעסערן זײַן נאָרמע . . .

די בוי־אַרבעטער האָבן קוים באַוויזן אַרויסצובאַגלייטן די כאַווייִרים, ווי אומגעריכט־פלוצים איז זיי אויסגעקומען מעקאַבל־פאָנעם צו זײַן געסט : צוריקוועגס פונעם רייס האָט מאַכאָוו געבראַכט צו פירן דעם פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פונעם ניזשנע־סאַזאָנקער קאָלווירט דעם פישער זאָבנין און מיט אים קאַרפּאָוס ווײַב מיט די צוויי טעכטערלעך.

איוואַן לוקיטש האָט אַ כאַפּ געטאָן אויף די הענט די מיידעלעך, וואָס זײַנען צו אים צוגעלאָפן, און זײַן קאַטיאַ באַגעגנט אַזוי פריידיק און האַרציק, גלײַך צווישן זיי וואָלט ניט געווען פאָרגעקומען קיין שום רויגע. די פרוי, וועלכע איז נאָך אַלץ ניט געקוקט אויף גאָרניט, געווען אײַנגעשפּאַרט, האָט געמאַכט אַ האַקדאָמע, אַז זי איז געקומען צו פאָרן

ניט מאַכמעס איר גוטן ווילן, נאָר לויטן אויפטראַג פונעם קאָלווירט. קאַרפּאָוו האָט אירע ווערטער דורכגעלאָזט פאַרבײַ די אויערן, און קאַ־טיאַן איז אויסגעקומען צו נעמען אַן אַנטייל אין דעם לעבעדיקן שמועס, וואָס האָט זיך פאַרבונדן צווישן קאַרפּאָוון מיט די טעכטערלעך. אַלעקסיי האָט באַפרײַט איוואַן לוקיטשן אַף אַ מעסלעס פון דער אַרבעט, און די פאַמיליע האָט זיך אײַנגעאָרדנט אין אַן אַלטער פאַנזע. ס׳האָט געפלאַ־קערט אינעם אײַזערנעם אייוועלע. קאַטיאַ האָט זיך געפּאָרעט באַם טיש, אויסשטעלנדיק דעם קיבעד, וואָס זי האָט געבראַכט פונעם קאָלווירט, און איוואַן לוקיטש איז געזעסן און גליקלעך געזשמורעט מיט זײַנע שאַרפע יעגער־אויגן.

— דער זיידע האָט געהייסן דיך אַרומנעמען אַט אַזוי! — האָט געזאָגט דאָס ייִנגערע טעכטערל — אַ ווײַס־געקרײַזלט מיידעלע — און אַרומגעכאַפּט מיט די הענט קאַרפּאָווס פעסטן האַלדז.

— מיר האָבן דיך יעדן אָוונט דערמאָנט, — האָט צוגעגעבן דאָס עלטערע. — דער זיידע האָט אונדז געלייענט אַ צײַטונג, ווו ס׳איז גע־ווען געשריבן וועגן דיר, איך געדענק עס אַף אויסנווייניק.

קאַטיאַ האָט איבערגעגעבן אַ סאַך גריסן און דערציילט פּראָטימדיק וועגן די איניאַנים פונעם קאָלווירט. דער פאָרזיצער האָט געשיקט אַ בריוו, אין וועלכן ער האָט מיטגעטיילט, ווי די קאָלווירטניקעס גרייטן זיך צום פרילינגדיקן פיש־פאַנג און געפרעגט, צי וועט ניט איוואַן לוקיטש צוריק שרײַבן מאַכמעס אַלטער פרײַנטשאַפט זײַנע אייצעס און ווונטשן.

דערווײַל האָט מען זאָבנינען אַרומגעפירט איבערן באַצירק. דער אַלטער פישער האָט זיך צו אַלץ צוגעקוקט שטרענג און מיט אויפמערק־זאַמקייט.

— מאַמעש ווי אַ נײַ באַשטימטע נאַטשאַלסטווע, — האָט בערידזע אַף אים אָנגעוויזן. — מיר אײַלן זיך מיט אַלע קויכעס, כאָווער זאָבניק. איר קוקט אויס דעם פרילינג מיט אומגעדולד, און אונדז זאָגט ער צו בלויז אומאַנגענעמלעכקייטן.

— אַזוי, אַזוי, — האָט זאָבנין געענטפערט אומבאַשטימט.

אַ סאַך זאַכן האָבן אים איבערראַשט אַפּן באַצירק — סײַ די קאַ־לאָסאַלע שלאַנגאַרטיקע מעטאַלענע רערן־קייטן, וועלכע ווערן געשלעפּט אַף דרײַסיק שליטנס הינטער אַ געשפּאַן פון טראַקטאָרן, סײַ די טויכערס אין די גלאַנציקע סקאַפאַנדערס, סײַ די אומאויפהערלעכע באַוועגונג פון די אויטאָמאַשינען איבערן אײַז־וועג. נאָר ער האָט זײַן פאַרוואונדערונג ניט אַרויסגעוויזן.

— רופט צונויף אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג, — האָט ער געבעטן.

— איך דאַרף פאַר אײַך האַלטן אַ רעדע אין נאָמען פון אונדזערע פישער, איך האָב אַן אויפטראַג צו די בויער.

אין אָוונט האָבן זיך די „אינדזל־מענער" פאַרזאַמלט אין איינעם

פון די סאַמע גערוימסטע געצעלטן, און דעמאָלט איז קלאָר געוואָרן דער ציל פון זאַבנינס און קאַטיאַ קאַרפּאָווס קומען צו פאָרן אַהער: דער קאָלווירט האָט אַרויסגערופן דעם באַצירק אַף אַ פּאַרמעסט. כוץ דעם האָט זאַבנין, דערפילנדיק דעם אויפטראָג פון דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון די קאָלווירטניקעס, אויסגעדריקט דאַנקבאַרקייט זייער לאַנדסמאַן — איוואַן לוקיטש קאַרפּאָוון פאַר זײַן ערלעכער אַרבעט אַף דער בויונג. דער פישער האָט דרײַ מאָל אַ קוש געטאָן קאַרפּאָוון און אים איבערגעגעבן אַ פּרעמיע — אַ נײַנקע ביקס. די סטאַכאַנאָווצעס אומאַרעץ און מאַכאָוון האָט דער פישער איבערגעגעבן זילבערנע זייגערס.

— נאָך די מאַטאָנעס האָט מען ספּעציעל געשיקט אַ מענטשן קיין נאָווינסק, — האָט ער ניט פאַרגעסן דערבײַ צו דערמאָנען.

די געסט האָבן געווײַלט אַפן באַצירק דרײַ טעג און זיך געזעגנט צוריקצופאָרן. קאַרפּאָוו האָט זיי באַגלייט ביזן סאַמע אַדון. אַף צוריקוועגס האָט ער באַמערקט אַלץ נײַע און נײַע סימאָנים, אַז דער פרילינג דערנענטערט זיך. געדאַנקען וועגן דער לאַגע אַף די פראָנטן האָבן זיך געוועקסלט מיט זאָרגן וועגן באַצירק און דעם קאָלווירט. קאַרפּאָוו האָט אָפט געכאַפּט אַ קוק אַפן הימל אין דערוואַרטונג אַפן צוריקקומען פון די פייגל. און בעעמעס, ער האָט נאָך ניט באַוויזן אַ טראָט צו טאָן אַפן אינדזל, ווי עס האָבן זיך באַוויזן פּעקלעכווײַז דאַורישע סאָראָקעס. טאַניאַ האָט זיי אַ נאָמען געגעבן אַרטיסטן צוליב די „קעלנערלעך“ — ווײַסע רינגען אַרום האַלדז און די „הערצלעך“ — שוויי־ווײַסע פעדערן אַפן ברוסטל.

— גוטער ברודער, דאָס זײַנען די היגע סאָראָקעס, אַ פרילינג־פויגל, — האָט קאַרפּאָוו מיט אומרו געמאָלדן אַלעקסייען.

אין דער לופט האָבן זיך באַוויזן פלאַטערלעך. ווי לעבעדיקע בלימלעך האָבן זיי זיך געטראָגן אומעטום, בוקעטנווײַז און אייגנציקווײַז: דאָס שפּרינקל־פלאַטערל, דאָס רעגנבויגן־פלאַטערל און דאָס פּאַווע־אייגל מיט אַ העלן פלעק אַף די פליגעלעך. מאַכנעסווײַז זײַנען פאַרבײַגעפלויגן ערגעץ וווהין ווײַטער, צום „עק־וועלט“, גענדז און קאַטשקעס, מיט אַ באַנגליד הויך אין הימל האָבן פאַרבײַגעצויגן בושלען אין געמוסטערטע שורעס.

באַטמאַנאָוו, ווי די פאַרבינדלער האָבן זיך אויסגעדריקט, „איז ניט אַראָפּגעקראָכן פונעם סעלעקטאָר“. ער האָט, באַווײַזנדיק זיך דאָ אַף איין אָרט, דאָ אַפן צווייטן אָרט פון דער טראַסע, צו צוויי מאָל אין טאָג אַרויסגערופן אַלע נאַטשאַלניקעס פון די באַצירקן צום טעלעפאָן און אײַנגעשפּאַרט דערמאָנט:

— די וועגן שטייען שוין אין וואַסער, נאָך עטלעכע טעג — און די באַוועגונג וועט זיך אָפּשטעלן. קאָנטראָלירט ווי עס דאַרף צו זײַן, צי

איז ניט אַ וועלכער עס איז פּונקט טיף אין דער טראַסע אָן פּראָוויאַנט און מאַטעריאַלן. מאַכט אַ דרוק אַפן אויטאָ־טראַנספּאָרט און די טראַקטאָרן, נוצט אויס יעדן מענטשן און יעדע מינוט ביזן לעצטן. נעמט אין אַכט, אַז דער שלעכטער וועג וועט אונדז פאַרהאַמעווען אַף אַ כוידעש צײַט, און אויב איר וועט זיך שוין איצט ניט פאַרנעמען מיט די וועגן, זײַנען מיר אײַנגאַנצן פאַרפאַלענע. גייט איבער אַף אויפבויען זומער־וועגן.

דאָס געשפּרעך האָט זיך פאַרענדיקט מיט דער איין און דער זעלבער ווענדונג צום עקסטן באַצירק:

— וואָס הערט זיך בײַ אײַך אַפן דורכגוס, כאַווער בערידזע?

די זון ווערט פון טאָג צו טאָג הייסער. זי האָט אויפגערודערט די פאַרגליווערטע, טויטע טײַגע. רוישיק און פריילעך האָבן זיך צעזונגען די טײַכן. זיי האָבן אַראָפּגעשווענקט דעם ווינטערדיקן גרויען אָפּזאַץ פון דער ערד און אַנטבלויזט דאָס פאַראַיאָריקע גראָז. עס האָבן אויפגעלעבט די טרוקענע צווײַגן פון דיביימער. בײַ די אָלכעס האָבן זיך אַ באַוועג געטאָן די שופּעלעך אַף די פון האַרבסט פאַרטיקע אוירינגלעך, אַף די ווײַסע פרענדזלעך פון דעם האָיעשאַנע־בוים האָבן זיך באַוויזן גאָלדיקע שטערקעלעך. די דאָרעמדיקע שיפּואים פון די סאָפּקעס האָבן זיך אויסגעפּוצט מיט לילעווע און מאַלינעווע שניי־בלימעלעך. פון וואַלד האָבן דערגרייכט צום אַרבעט־פּלאַץ פייגל־קעלעכלעך און צום קלינגעוודיקסטן דאָס געזאַנג פונעם בויערל.

בערידזע איז אַרומגעלאָפן איבערן דורכגוס אַף זײַן פּיקאָפּ.

— פרײַנט מײַנע... צוליבן גיצאָכן איבערן סויגע, צוליב אונדזער פרעכטיקער זאַך, פאַרגרעסערט אײַערע אָנשטרענגונגען, — האָט דער הויפּט־אינזשעניער געבעטן, צוגייענדיק דאָ צו איין בריגאַדע, דאָ צו דער צווייטער.

צו באַפעלן האָט ער שוין קיין רעכט ניט געהאַט, ווײַל ער האָט געזען: די מענטשן שטרענגען אָן אַלע קויכעס, קעדיי וואָס שנעלער צו פאַרענדיקן דעם איבערגאַנג. די אַרבעט האָט זיך ניט איבערגעריסן אַף קיין איין מינוט, אַפילע באַנאַכט. די טראַקטאָריסטן, שווייסעווער, איזאָלירער, שוואַרץ־אַרבעטער האָבן זיך אָפּגעזאָגט פונעם שלאָף. קאָרפּאָוו האָט קימאַט מיט צוואַנג אַוועקגעפירט אַפן ברעג די אָדער אַ צווייטע בריגאַדע זעענדיק, אַז זי גייט ניט אַראָפּ פונעם אײַז שוין צוויי מעסלעס.

לעסאָף האָבן זיך טאָפּאָליעווס און קאָושאָווט בוי־אַרבעטער צוזאַמענגעטראָפן אַפן דורכגוס. אַלעקסיי האָט איבערגעיאָגט קוזמאַ קוזמיטשן אַף צוויי סעקונדעס.

דער אַלטער האָט אויפריכטיק גראַטולירט קאָושאָון מיטן ניצאָכן.

— איך שטעל אַ פלאַש גוטן ווײַן, אַליאָשאַ. פאַר מײַן גאַנצן לעבן האָב איך ניט געאַרבעט מיט אַזאַ נאַכעס־רועך, ווי אין די דאָזיקע שווערע

טעג. אַט דאָס איז עס דער קויעך פֿון פּאַרמעסט! אַן אים וואָלטן מיר אַפֿילו קיין העלפֿט ניט געווען אָפּגעטאָן.

— אוי, קוזמאַ קוזמיטש, וואַרט אונטער אַ ביסל מיטן פֿרייען זיך. אונדזער מי קען גיין לעיבעד. זעט, וואָס דאָ טוט זיך! — אַלעקסיי האָט זיך אומרויִק אַרומגעקוקט.

דער אומרו איז געווען ניט קיין אומזיסטער. מען האָט נאָך באַדאַרפֿט פֿאַרריכטן די עקן פֿון דער רערן־לייטונג אין דער מיט. און אויפֿן אײַז איז שוין געשטאַנען וואַסער. טויזנטער טײַכלעך זײַנען געפֿלאָסן אַהער פֿון דער טײַגע, געשווינד צעפֿרעסנדיק דעם פּלאַץ, אויף וועלכן די בוי־אַרבעטער האָבן נאָך ניט פֿאַרענדיקט די אַרבעט. יעדע מינוט האָט דער אײַז־באָדן, וואָס איז אַן אויפֿהער דינער געוואָרן, געקענט אַראָפּזינקען אונטער דער קאָלאָסאַלער מאַסע פֿון דעם מעטאַל, וואָס איז אויף אים געלעגן — פֿון דער לעצטער נאָך ניט אַראָפּגעלאָזטער סעקציע פֿון דער רערן־לייטונג.

בערידזע האָט פֿאַרוועדט אַרויפֿצולאָזן אויפֿן אײַז די טראַקטאָרן. די אויטאָ־מאַשינען זײַנען נאָך לעיס־אַטע געגאַנגען פֿונעם קאָנטינענט צום אינדזל, נאָר מיט אַ העלפֿט לאָדונג. די רעדער פֿון די אויטאָמאָבילן האָבן אַרויפֿגעשלײַדערט וואַסער־פֿאָנטאַנען, אין וועלכע עס האָבן אויף אַן אויגנבליק אויפֿגעלאַנצט רויטע רעגנבויגנס.

די לעצטע סעקציע האָט מען אַראָפּגעלאָזט מיט די הענט, מיט די פֿאַראייניקטע אָנשטרענגונגען פֿון הונדערטער מענטשן. סילין האָט זיך געפֿײַניקט, צוקוקנדיק ווי די מענטשן האָבן זיך אונטערגעריסן, רוקנדיק צענטימעטערווײַז צו דער אײַז־עפֿענונג די שטאָלענע מאַכינע. סעמיאָן איליטש האָט געהאַלטן דעם הויפּט־אינזשעניערס מוירע צוליבן אײַז פֿאַר אַן אומזיסטיקע און אים געזידלט אין האַרצן און אויפֿן קאָל. אויפֿגעפּאַסט אַ מינוט, ווען בערידזע, וואָס איז אַרויסגערופֿן געוואָרן דורכן סעקטאָר פֿון דער פֿאַרוואַלטונג, איז געשווינד פֿאַרבײַגעפֿאָרן לעבן אים אויף זײַן פּיקאַפּ, האָט סילין אַרויפֿגעפֿירט דעם טראַקטאָר אויפֿן דורכגוס.

קיינער האָט זיך אין ברען פֿון דער אַרבעט דערויף ניט אומגעקוקט. אַלעקסיי האָט דערהערט דאָס כאַראַקטעריסטישע קנאַלן פֿונעם מאָטאָר שוין גאָר נאָענט. דער אינזשעניער האָט אויפֿגעציטערט און איז אַנטקעגנגעלאָפֿן דעם טראַקטאָר. צעשפּרייט די הענט, האָט ער בייז און מיט אַלע קויכעס געשריגן:

— צוריק! שוין צוריק! דאָס אײַז וועט זיך אײַנברעכן! צוריק! דו וועסט אַלץ אומברענגען, לײַדאַק!

ווי אײַנגעבראָכן מיט דער קראַפֿט פֿון דאָזיקן געשריי, האָט זיך דאָס אײַז צעעפֿנט פֿון פֿאָרנט מיט אַ פֿאַרטויבנדיקן קראַך, און דער קאָלאָסאַלער טראַקטאָר האָט, ריטשענדיק און דראַפּענדיק מיט די קייטן־רעדער דאָס אײַז, אַראָפּגעזונקען אין טהאָם. אַלעקסיי איז אַ רגע שטיין געבליבן

פֿאַרשטײנערט, דערנאָך זיך אַ ריס געטאָן צום אָרט פֿון דער אַוואַריע. ער האָט זיך קרײכנדיק צוגעקריגן צו דער צעעפֿנטער אײַז־עפֿענונג. אויף אַלעקסײס געשרײ זײַנען זיך פֿון אַלע זײַטן צונויפֿגעלאָפֿן מענטשן. סילין האָט זיך אַפֿילע ניט באַוויזן אויף דער אײבערפֿלאַך פֿון דעם וואַסער, וואָס האָט געברויזנט אין דער אײַז־עפֿענונג — אַפּאַנעם, אַז די וואַסער־שטרעמונג האָט אים גלײַך אַוועקגעשלעפּט אונטערן אײַז. די בױ־אַרבעטער, אױפֿגעטרײסלטע פֿון דער קאַטאַסטראָפֿע, האָבן לאַנג ניט געקענט אַוועקגײן פֿון זײער כאַווערס צופֿעליקן קײווער; אַלע פּרווון אַרויסצוציען סילינען כאָטש אַ טויטן האָבן צו גאָרניש ניט דערפֿירט.

אינצווישן האָט זיך אומגעקערט דער הױפּט־אינזשעניער; ער האָט באַרוואָס באַרוקט באַטמאַנאָוון מיטן געוויינלעכן „אַלץ איז אין אָרדענונג”. געאָרגי דאַווידאָוויטש האָט דערזען די רערן־לײטונג פֿאַרלאָזן פֿון אַלע און דעם האַמוין מענטשן אַרום דעם קאַנאַל. זיך ניט געהעריק פֿונאַנדערגעקליבן אין קאַרפּאָווס דערקלערונגען, איז בערידזע אַ מעטורעפּער אָנגעפֿאַלן אויף קאָוושאָוון:

— ווי האָסטו זיך דערוועגט דערצו צו דערלאָזן, יונגל! כ'האָב נאָך ניט באַוויזן אַוועקצוגײן, און דו האָסט שוין אָנגעהויבן צו פֿירן אַלײן דאָס רעדל! איצט זײַ פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר אַ מענטשלעך לעבן! סילין איז אומגעקומען, דו פֿאַרשטײסט צי נײן? סילין! פֿאַרוואָס האָסטו אַרויפֿגעלאָזט דעם טראַקטאָר אויפֿן אײַז? פֿאַרוואָס?

אַלעקסײען האָט אַפֿילע ניט אויפֿגערעגט די דאָזיקע אומגערעכטע באַשולדיקונג. ער האָט בלויז מיט פֿאַרביטערונג געענטפֿערט:

— כ'וואָלט מיט פֿרייד גענומען די שולד אויף זיך... ווען דאָס וואָלט אונדז אומגעקערט סילינען.

קאָווש אָוו האָט זיך דערמאָנט אין דער איבערגעלאָזענער אַרבעט: מען מוז אָניאָגן די דורכגעלאָזטע טײַערע מינוטן. ער האָט צונויפֿגערופֿן די מענטשן און געלאָפֿן צו דער רערן־לײטונג. קאַרפּאָוו האָט מיט פֿירהאַלט געזאָגט בערידזען:

— דו דאַרפֿסט זיך פֿאַר אים אַנטשולדיקן. אין אַזאַ מינוט האָסטו אים באַלײדיקט און געקריוודעט. פֿאַרוואָס, גוטער ברודער? סײַ ער איז ניט שולדיק, סײַ דער אומגליקלעכער סילין, אויב דו ווילסט וויסן. אַלע גלײַען מיט אײן באַגער, און דערפֿאַר שאַנעווען זײ ניט דאָס לעבן...

מיט דער הילף פֿון הײבקראַן, שטריק און דרײַ אויטאָ־מאַשינען האָט מען, ענדלעך, אַראָפּגעלאָזט אין דורכגוס דעם לעצטן רערן־רינג פֿון דער צווײטער ליניע פֿון דעם איבערגאַנג. נאָר די פֿרייד פֿון פֿאַרענדיקן די אַרבעט איז פֿאַרטונקלט געוועזן צוליבן טויט פֿונעם כאַווער. בערידזע האָט געהײסן די אויסגעמאַטערטע און ניט פֿרײלעכע מענטשן גײן אויף אָפּרו. אַלעקסײ איז שוין דרײַ מעסלעס ניט געשלאָפֿן און האָט זיך

געצאַפּלט צוזאַמען מיט אַלע. דאָס שרעקלעכע בילד האָט זיך אָן אויפהער איבערגעכאַזערט פאַר זײַנע אויגן: סילינס טראַקטאָר פאַלט אַראָפּ אין טהאָם אַרײַן. בערידזע האָט אָנגעיאָגט אַלעקסייען, אים אָפּגעשטעלט און, זיך ניט זשעניִרנדיק פאַר די אַרומיקע, פעסט אַרומגענומען:

— זײַ מיר מויכל, אַליאָשאַ, כ׳האָב דיר גראָב באַטרעטן אָף דער הייסער מינוט.

— דאָס איז נאַרישקייטן, געאָרגי, — האָט אַלעקסיי געענטפערט אַ מידער. — מיר, איך און דו, וועלן זיך אַ מיליאָנען מאָל זידלען און זיך איבערבעטן. נאָר דעם גוטן מענטשן, וואָס מיר האָבן פאַרלוירן, וועלן מיר שוין צוריק ניט באַקומען.

אָנהייב מײַ איז אומגעריכט געפאַלן אַ שניי — מיט פוילע גרויסע פליאַכעס. זיי האָט געוועקסלט דער לויטערער און דריבנער ערשטער פרילינגדיקער רעגן. אין מעשעך פון איין נאַכט האָט זיך די דערוואַרעמטע ערד באַדעקט מיט אַ צאַרטן פוך פון גראָז און ווי אויפגעלויכטן מיט אַ גרינגער שײַן.

דער וועג איז זיך צעקראָכן, דער וואַלד־שרונט האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ דורכוויסיקן זומפּ, אין וועלכן ס׳האָבן אומבאַהאָלפן געזונקען די אויטאָ־מאַשינען און טראַקטאָרן. דער איינציקער פאַרקער־מיטל איז פאַרבליבן דאָס רײַט־פערד, און דאָס אויך ניט אומעטום. אַלע מענטשן האָבן געאַרבעט באַם אויפבויען אַ זומער־וועג. ער האָט קימאַט דורכויס באַדאַרפט באַשטיין פון אַ „בריק־וועג" — פון קלעצער אָדער ברוסעס, ענג צונויפגעלייגט אין דער ברייט און צוזאַמענגעבונדן מיט דינע בעלקעס. די בוי־אַרבעטער איז אויסגעקומען אַליין זיי צו טראָגן. באַזונדערס איז די בריגאַדעס שווער געווען אין די ניט באַוואַלדיקטע טאָלן — אין אַזעלכע ערטער האָט מען די קלעצער אויסגעהאַקט אינעם נאָענטסטן וואַלד, טיילמאָל אַ צוויי קילאָמעטער פון דער טראַסע. די בוי־אַרבעטער האָבן זיי געשלעפּט אָף די פּלייצעס, ווער צו איין קלאָץ, ווער צו צוויי, האָבן געזונקען אין דער שיטערער בלאָטע, אָפט געשטרויכלט געוואָרן און געפאַלן.

דער הויפּט־אינזשעניר האָט מיט אַ שווער האַרץ שאָלעם געמאַכט מיטן דאָזיקן באַרבאַרישן אופן פון אַרבעט. ער האָט מיט פרייד אויפגענומען יעדן פאָרשלאָג ווי צו פאַרלײַכטערן די אַרבעט, און אָף צוויי ערטער, ווו מ׳האָט אַנטדעקט אין די מאַגאַזינען ראָלקעס דיקן דראָט, האָט ער געהאָלפן שנעל אײַנצואָרדענען אַ שטריק־וועג אָף אַריבערצופירן די קלעצער פון וואַלד אָף דער טראַסע.

— זאָג נאָך אַ דאַנק דערפאַר, וואָס אַזעלכע אַרבעטן זײַנען אויסגעפאַלן אין דער בעסטער צײַט אין דער טײַגע, — האָט קאַרפּאָוו געזאָגט.

און ריכטיק. די פאַרשאָלטענע קעלטן מיט די שניי־שטורעמס זײַנען שוין געווען אַריבער, דער הייסער זומער מיט די כמאַרעס אומדערטרעגלעכע קאָמאַרעס און מיקלעך איז נאָך ניט אָנגעקומען. די לופט איז געווען וואַרעם און מילד. הינטער דער ווײַסער קאָרע פון מאַנדזשורישער בערעזע האָט אָנגעהויבן קרײַזן דער זאַפּט, און אַלע אויף דער טראַסע האָבן געטרונקען פון בערעזע־קאָרענע גלעזער דאָס זיסלעכע טערפּקע וואַסער, דעם דערפרישנדיקן „פרילינגס־ווײַן".

אויפן פערטן טאָג וואַנדערן איבער דער טײַגע דאָ רײַטנדיק אויף פערד, דאָ גייענדיק צופוס, ביז די קני אין זומפּ, האָט בערידזען און קאַרפּאָוון אָנגעיאָגט אַ קאַלטער ווינט פונעם דורכגוס.

— דער אײַנזאַנג האָט זיך אָנגעהויבן, גוטער ברודער! — האָט קאַרפּאָוו גלײַך פעסטגעשטעלט.

...דער לעצטער, וואָס האָט ריזיקירט צו גיין פונעם קאָנטינענט צום אינדזל איבער דעם נאָך אומבאַוועגלעכן, אָבער אומזיכערן אײַז פונעם דורכגוס, איז געווען קאָנדרין. ער איז שוין ניט איין מאָל געווען אויפן אינדזל; בערידזע האָט אים פאַרפליכטעט צו העלפן אין דער אַרבעט דעם בוכהאַלטער פונעם אינדזל, וועלכער איז ווייניקער דערפאַרן פון אים. קאָנדרין האָט, זיך אָפּבעטנדיק בײַ פילימאָנאָוון, דערקלערט: דער אײַנזאַנג וועט געדויערן אַ וואָכן צוויי־דרײַ; פאַר דער דאָזיקער צײַט וועט זיך אים, קאָנדרינען, אײַנגעבן צו קאָנטראָלירן דעם צושטאַנד פון די כעשבוינעס אין אַלע מאַגאַזינען און האַנדלס־פּונקטן, וואָס זײַנען צעוואָרפן איבערן אינדזל. אינדערעמעסן אָבער האָט זיך קאָנדרין ניט בלויז צוליב דעם אַליין געאײַלט אויפן אינדזל. זײַנע פאַרהעלטענישן מיט סיעראָגינען האָבן זיך פאַרשאַרפט. נאָך דעם ווי די צייכענונגען זײַנען פאַרפאַלן געוואָרן איז סיעראָגין, זייער פאַרביטערט און אויפגערעגט, געקומען צום בוכהאַלטער און געפאָדערט:

— קער אום די צייכענונגען, וואָס זײַנען צוגעגאַנוועט געוואָרן פונעם וואַרשטאַט. דאָס איז דײַן אַרבעט! און הער אויף צו מאַכן כאַזערײַען! אויב ניט, וועל איך זיך מיט דיר צערעכענען.

— ביסט אַראָפּ פון זינען, סיעראָגין? וואָס פאַר אַ צייכענונגען, וואָס פאַר אַ כאַזערײַען? וואָס קער זיך דאָס אָן מיט מיר? — איז קאָנדרין אין כּעס געוואָרן.

דער מעכאַניקער האָט ניט געוואָלט הערן קיין פאַרענטפערונגען, האָט זיך אַקשאָנעסדיק געהאַלטן בײַ זײַנעם. לויט זײַן מיינונג האָט קאָנדרין געהאַט אַ דירעקטע שײַכעס צו די אויסטערלישע פּאַסירונגען אויפן באַצירק סײַ אינעם פאַל מיט די באַראַקן, סײַ אינעם פאַל מיט די שפּונטן אין דער רערן־לייטונג.

— טראָג זיך אָפּ פונעם באַצירק, און איכ׳ל דיך פאַרגעסן, — האָט סיערראָגין געטײַנעט. — לאָז מיך און אַלע מענטשן רויק אַרבעטן. צוליב דיך פאַלט אַ שאָטן אָף אונדז. איך האָב פאַרלוירן די רו — כ׳טראַכט אַלץ, דו זאָלסט נאָר ערגעץ־ווו ניט שעדיקן.

קאָנדרין האָט נאָך פריִער געהאַט די געלעגנהייט זיך איבערצוצײַגן, אַז סיעראָגין איז אינגאַנצן פאַרשלונגען פונעם מאַנטאַזש פון דער פּאָמפּן־סטאַנציע און צו אַלעם איבעריקן האָט ער פאַרלוירן דעם אינטערעס. סיעראָגין האָט געקוקט אָפּן בוכהאַלטער ווי אַ וואָלף, ווען ער איז אַרײַנגעקומען, קאָנדרין, אינעם וואַרשטאַט אָפּילע אין אַ מטלעכן איניען, אין אַ הייסער מינוט האָט ער אים געקענט ניט נאָר פאַרמאָסערן, נאָר אים פּאַשעט דערהאַרגענען.

קאָנדרין האָט זיך געפּרוווט אָנשרעקן סיעראָגינען, אים איבעררײדן

— ס׳איז דערפון גאָרניט אַרויסגעקומען. דער מעכאַניקער איז געקומען צו קאָנדרינען מיט אַן ענדגילטיקן באַשלוס און ניט אָפּגעטראָטן.

— איך וועל וואַרטן ביז מאָרגן, — האָט סיעראָגין פעסט געמאָלדן.

—אויב מאָרגן ביז זעקס אָזייגער אינאָוונט וועלן די צייכענונגען ניט אומגעקערט ווערן אינעם וואַרשטאַט און דו וועסט ניט מיט גוטנס פאַרלאָזן דעם באַצירק, — וועל איך מעלדן וועגן דיר.

אינגיכן נאָכן שמועס מיט סיעראָגינען האָט קאָנדרין, ניט געקוקט אָף דער וואָרענונג, אַז דאָס איז אָפּן דורכגוס וועט אָט־אָט אַ ריר טאָן, זיך אַוועקגעלאָזט אָפּן אינדזל. און נאָך זײַן אַוועקגיין האָט באַנאַכט מיטן מעכאַניקער סיעראָגין פּאַסירט אַן אומגליקס־פאַל. ער איז געגאַנגען פאַרבײַ דער געבײַדע פון דער פּאָמפּן־סטאַנציע און ס׳איז אָף אים פון דער הייך אַראָפּגעפאַלן אַ שווערער ברוס. מ׳האָט בערידזען געמאָלדן וועגן דער געשעעניש; סיעראָגין איז אַ מעסלעס ניט געקומען צום באַוווסטזײַן, זײַן צושטאַנד איז געווען אַ האָפענונגסלאָזער.

פונעם פעלדזיקן קאַפּ גיבעלני האָבן אַלעקסיי און טאַניאַ געקוקט אָפּן אויפגעלעבטן דורכגוס. די אײַז־אָנהויפּונגען האָבן געווירט. גרויסע קריִעס האָבן זיך אַרויפגעוואָלגערט איינע אָף דער אַנדערער און, ווי לעבעדיקע כאַיעס, זיך אַרויסגעוואָרפן אָף די פעלדזן. דער שטראָם, באַפרײַט פון די ווינטער־קייטן, האָט מעכטיק געריִשט. אַ קאָמפּליצירטער ווירבער פון קלאַנגען האָט פאַרטויבט די מענטשן, וואָס זײַנען געשטאַנען אָפּן ברעג. עס האָט געברוווט און געוואָיעט אַ צעבושעוועטער ווינט. ס׳האָבן דומפּ געקנאַלט די אײַז־פלאַסטן, וואָס האָבן זיך צעבראָכן אָף שטיקער — דאָס איז ענלעך געווען צו האַרמאַט־שאָסן. מיט אַן אומאויפהערלעך

שורשען האָבן זיך די קריִעס געריבן איבעם ברעג, ס׳האָבן מוזיקאַליש געזונגען די געשווינדע וואַסער־שטראָמלעך, זיך איבערגיסנדיק און פאַרדרייענדיק זיך אין געווירבלען. און, ענלעך צו די קריִעס, האָבן אויך געפלאָסן אין אַן אומענדלעכער ריי די געדאַנקען פון אַלעקסייען און טאַניאַן, וועלכע באַאָבאַכטן דעם אײַזגאַנג. אַלעקסיי האָט געטראַכט וועגן דעם, אַז שוין זײַט צוויי כאַדאָשים האָט ער ניט באַקומען קיין יעדיִעס וועגן זינאַן. ער האָט געשיקט צו איר מוטער אַ טעלעגראַמע נאָך אַ טעלעגראַמע, נאָר קיין ענטפער איז ניט געקומען.

טאַניאַ האָט זיך שוין צום וויפלטן מאָל געפּרווט פונאַנדערקלײַבן אין אירע און בערידזעס פאַרקאָמפּליצירטע געוואָרענע קעגנזײַטיקע פאַרהעלטענישן. ער איז אַוועקגעפאָרן, און זי האָט געבענקט...

...מיט אַ פאַראַקשנטן געדאַנק וועגן טאַניאַן האָט זיך בערידזע ווײַטער דורכגעשלאָגן דורך דער טײַגע. דער קאַלטער ווינט האָט זיך אײַנגעשטילט. אַלץ האָט ערשט געיובלט אין דער נאַטור. מיט שניי־ווײַסע הענגלעך האָט זיך אויסגעפּוצט די טשערעמכע. די דעמבלעך האָבן אַראָפּגעוואָרפן די ווינטער־קליידונג — די זשאַווערדיקע און ווי אײַזן האַרטע בלעטער; ס׳האָבן זיי פאַרטווישט טונקל־גרינע צווײַגעלעך און מיט אימפּעט זיך אויפרײַסנדיקע קנאָספּן. ס׳האָט זיך צעבליט דער באַגול, און די שיפּויִם פון די סאָפּקעס האָבן זיך צעפלאַקערט מיט אַ פיאָלעט־מאַלינאָווע פײַער.

קאַרפּאָוו, וועלכער האָט באַגלייט דעם הויפּט־אינזשעניער, האָט באַמערקט אַלץ: „הער, עס שרײַט דאָס דרייהעלדזל!" — האָט ער זיך אײַנגעהערט. „זע, גוטער ברודער, די ערשטע שוואַלב איז געקומען צו פליִען". אין דער טײַגע איז געווען אַזויפיל פייגל, אַז מ׳האָט געקענט שיסן אין זיי אַפילע זיך ניט אָנצילנדיק. די אָזיערעלעך האָבן מאַמעש אויפגעזאָטן פון די אַרויפפליִענדיקע קאַטשקעס. קאַרפּאָוו האָט ניט געקענט גיין גלײַך, ער האָט געמוזט מאַכן קרײַזן. ער פלעגט אַרויסקומען צו בערידזען מיט געווילד, פאַרשטעקט הינטערן פּאַסעק, האַלטנדיק אין די הענט בינטלעך פײַלעכלעך, פּרימלעך, רויט־געלע זומפּ־בלימלעך. געאָרגי דאַווידאָוויטש האָט בײַ אים מיט דאַנקבאַרקייט צוגענומען די דאָזיקע פּרעכטיקע מאַטאָנעס. אויף דער בויונג פונעם בריק־וועג האָט מען אָפט געזען דעם הויפּט־אינזשעניער, ווי ער פּאָכעט מיט בלומען. בערידזען איז אָפט אויסגעקומען זיך צו בייזערן אָדער אין אַ נייטיקער מינוט אונטערשטעלן אַ פּלייצע אונטער אַ קלאָץ, און דעמאָלט זײַנען די פײַלעכלעך און פּרימלעך געפלויגן אין בלאָטע אַרײַן. אַזוי אַרום זײַנען פאַרלוירן געגאַנגען צענדליקער בוקעטן, וועלכע זײַנען ניט צוגעשטעלט געוואָרן לויט זייער באַשטימונג — טאַניאַן, וועמען בערידזע וואָלט מיט פרייד אונטערגעטראָגן אַלע בלומען פון דער טײַגע.

צום סאָף פונעם פינפטן מעסלעס האָבן זיך בערידזע און קאַרפּאָוו־

דערקליבן צום גרויסן טײַגע־טײַך אָי. ראַגאָוו האָט דאָ געבויט אַ היל־צערנע בריק. צו דער בריק האָט שוין געפירט אַ פּאַרטיקער וועג פון עטלעכע קילאָמעטער. די בויונג האָט זיך דערנענטערט צום סאָף. פונדעסט־וועגן איז אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויטש געווען אומצופרידן און בייז.

— אַפן דאָזיקן טײַך וועט מען אויקען און ווייקען, — האָט ער זיך פאַרביטערט פאַרקלאָגט פאַר ברעידזען.

מיטן ווינטער־וועג האָט מען אַהער ניט צוגעפירט קיין פּראָדוקטן, ווײַל בעסאַכאַקל מיט צוואַנציק קילאָמעטער ווײַטער איז געווען אַ באַזע. דער דאָזיקער אומבאַדײַטנדיקער מעהאַלעך האָט זיך ערשט, בעייסן שלעכטן פרילינגדיקן וועג, אַרויסגעוויזן פאַר שווער בײַצוקומען. מיט פעק אָף פערד האָט מען געקענט צושטעלן בלויז דאָס סאַמע נייטיקסטע: — מעל, זאַלץ, קאָנסערוון, דערפאַר איז די באַשפּײַזונג געווען אַ קאַרגע, און דאָס ברויט, געבאַקן אָף פײַער־שײַטערס, האָט געשמעקט מיט פער־דישן שווייס און רויך. דערצו נאָך האָט זיך צו די בוי־אַרבעטער צוגע־משעפּעט עפּעס אַן אויסטערלישע מאַכלע. די מענטשן האָבן זיך געקלאָגט אָף אַפּשוואַכונג און פאַרלוירענעם אַפּעטיט; געזאָגט, אַז זיי גייען אונ־טער, געבעטן הילף. נאָכן ברענגען אין אָרדענונג דעם וועג צו דער באַזע, האָט זיך ראַגאָוו אײַנגעגעבן צו ברענגען פּראָדוקטן און פאַרבעסערן די באַשפּײַזונג, נאָר קעגן דער אומבאַקאַנטער מאַכלע איז ער געווען אומ־באַהאָלפן.

לויט ברעידזעס אייצע האָט אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויטש אַרויסגע־רופן אַלגאַ ראַדיאָנאָוונאַ צום סעלעקטאָר און געפרווט זיך דערוויסן פון־דערוויטנס, מיט וואָס מען דאַרף היילן דאָס אומפאַרשטענדלעכע כאַלאַס, פון וועלכן די קראַנקע זײַנען פאַרצערט געוואָרן פאַר די אויגן.

— צי איז דאָס ניט צומאָל צינגע? — האָט אַלגאַ געפרעגט פון נאָווינסק. — די יאָסלעס בלוטיקן? צי זײַנען פאַראַן געשווירלעך אָפן קערפּער? הייסט אַלעמען טרינקען עקסטראַקט פון סאָסנע־נאָדלען. און טרינקט אַליין אויך.

— מיר טרינקען אײַער עקסטראַקט פון סאָסנע־נאָדלען. מיר וואַרגן זיך און טרינקען. אויך אײַער אָווערדיקע טשערעמכע עסן מיר. אָף צינגע קרענקען באַ אונדז צוויי, און דאָס איז אַן אַנדער כאַלאַס, — האָט ראַ־גאָוו געענטפערט.

ער איז געווען צערודערט צוליב דעם איניען און אייגנצײַטיק צופרידן פון דער געלעגנהייט צו שמועסן מיט אַלגאַן. ער האָט זי ערשט ווי געזען, געבויגן איבערן אַפּאַראַט, אַ באַומרויִקטע און גרייטע צוהילף צו קומען.

— אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויטש, כ׳האָב מוירע, אויב דײַנע מענטשן זײַנען ניט קראַנק אָף ענציפאַליט. היט אײַך פאַר קלישטשעס! — האָט אַלגאַ געשריגן. — די קראַנק־געוואָרענע פירט גלײַך אַרויס צום דורכ־

גוס. איך וועל זיי באַטראַכטן און אויב ס׳וועט נייטיק זײַן, אָוועקפירן קיין נאָווינסק.

— איר קומט אַהער צופאָרן? — האָט ראָגאָוו אויסגעשריגן, אַרומגעכאַפּט פון פרייד, און זיך אַרומגעקוקט — צי הערט אים ניט עמעצער. (ווי ס׳וואָלט מעגלעך זײַן דורכן סעלעקטאָר אײַנצוהיטן בעסאָד כאָטש איין־איינציק וואָרט אין דער טײַגע!) — שענקט מיר דאָס גליק, קומט צופאָרן. כ׳וועל וואַרטן.

— כ׳וועל קומען צופאָרן, — האָט אָלגאַ שטיל געזאָגט נאָך אַ רעגע שווײַגן, ווי קעדיי גיכער צו זײַן אין זיך די אומזיכערקייט. — איך וועל זיך אָפּבעטן בײַ באַטמאַנאָוון און קומען צופאָרן. ריכטיקער קומען צו פליִען. גיט צו וויסן, ווען איר שטעלט צו די קראַנקע צום דורכגוס.

— קומט צו פאָרן זאָל זײַן כאָטש צוליב די קראַנקע, — איז ראָגאָוו אַף אַלץ אײַנגעגאַנגען.

— ניט בלויז צוליב דעם וועל איך קומען צו פאָרן, — האָט אים אָלגאַ אומדערוואַרט פאַרריכט.

— וואָס האָט איר געזאָגט? כאַזערט איבער! — האָט ראָגאָוו אַ ליאַרעם געטאָן. אָלגאַ האָט זיך מער ניט אָפּגערופן.

קאַרפּאָוו האָט זיך פרײַוויליק געמאָלדן צו באַגלייטן די קראַנק געוואָרענע מענטשן צום דורכגוס. שוואַכע און אַפּאַטישע, זײַנען זיי געגאַנגען נאָך אים איבער דער טײַגע, איבער דעם פאַרטיקן וועג, ווי זינקענדיקע אין זומפּ. איוואַן לוקיטש, וועלכער האָט מיט דער גאַנצער נעשאָמע מיטגעפילט די קראַנקע, האָט זיך אַרומגעפּאָרעט אַרום זיי אַף די אָפּרו־ערטער, ווי אַרום קינדער, און האָט זיי אַלץ צוגעזאָגט אויפצוזוכן פאַר זיי דעם וואָרצל זשען־שען, וואָס היילט אַף אַ ווונדערלעכן אויפן אַלע מאַכלעס. אין דער זעלבער צײַט האָבן זיך בערידזע און ראָגאָוו פאַרויסגערוקט ווײַטער צו קאָנטשעלאַן.

ס׳איז נאָך ניט געווען פולשטענדיק פאַרענדיקט דער אויפבוי פון דעם זומער־וועג, ווען באַטמאַנאָוו און בערידזע, וועלכע האָבן זיך געפונען אַף די צוויי קעגנגעזעצטע עקן פון דער טראַסע, האָבן זיך גענומען זאָרגן וועגן אָנהייבן די שווייס־אַרבעט אַף דער גאַנצער ליניע. לויטן גאַנג גופע פון דער בויונג האָט זיך דאָס שווייסעווען אַרויסגערוקט ווי דער נאָענטסטער, זייער פאַראַנטוואָרטלעכער און קאָמפּליצירטער עטאַפּ אינעם שאַפן די נאָפּטלייטונג.

באַטמאַנאָוו האָט באַשלאָסן צו באַהאַנדלען די נײַע אויפגאַבן קאָלעקטיוו. צו די סעלעקטאָר־אַפּאַראַטן זײַנען פאַרבעטן געוואָרן די טעכ־

נישע אָנפירער, די אַרבעט־עלטסטע און די סטאַכאַנאָווצעס — די שווייסעווער פון אַלע באַצירקן פון נאָווינסק ביז קאָנטשעלאָן. בלויז בוי־אַרבעטער און וועג־בויער ווייסן פון אַזעלכע באַראַטונגען, ווען די באַטייליקטע דיסקוטירן און קומען צו אַ העסקעם, הגם זיי זיינען פונאַנדערגעשיידט דורך אַ ריזיקן מעהאַלעך און זעען ניט איינער דעם צווייטן.

מיט דער באַראַטונג האָט אָנגעפירט דער הויפּט־אינזשעניער.

— דאָס שווייסעווען, כאַווייריִם, איז דאָס סאַמע וויכטיקסטע אין אונדזער אַרבעט באַ דער נאַפטלייטונג. בלויז נאָך דער דאָזיקער אָפּעראַציע וועלן זיך די טויזנטער רערן, וואָס זיינען צעלייגט איבער דער טראַסע, פאַראייניקן אין איין אייַנריכטונג, — האָט בערידזע געזאָגט. דער דערפאָלג ווידער פון די שווייס־אַרבעטן וועט אַנטשיידן דורך זייער ריכטיקער אָרגאַניזירונג. מיר האָבן אַ סאַך געשמועסט וועגן דעם, בעיס מיר האָבן געאַרבעט איבערן פּראָיעקט, און איך ווייס, וואָס פאַר אַן אַמפערנישן עס קומען ערשט פאָר אַף די באַצירקן. מיר דאַרפן לייזן צוויי פּראַגעס. ערשטנס, וויאַזוי דורכפירן דאָס שווייסעווען אָפן באַצירק: פון איין עק אָדער פון ביידע? צווייטנס, וואָס פאַר אַן אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרעם אויסוויילן פאַר די שווייסעווער? איר ווייסט אַלע, אַז אונדזער פּראָיעקט האָט געענטפערט אַף די דאָזיקע פראַגן אַזוי: די אַרבעט אַף יעדער באַצירק פירן פון איין עק און די שווייסעווער פאַראייניקן אין איין פעסטער קאָלאָנע. ערשט זיינען קעגן דעם אַנטשטאַנען ערנסטע דערווידערונגען. אַף דער טראַסע איז אייַנצײַטיק אַף עטלעכע ערטער געבוירן געוואָרן די אידעע פון אַ צווייטן פּראָנט, אָדער צו שווייסעווען אין צוויי זיך אַנטקעגנגייענדיקע ריכטונגען פון ביידע עקן באַצירק. די פּראַקטיק פונעם שווייסעווען אָפן דורכגוס האָט אונדז באַוויזן צו צווייפלען דערין, צי לוינט זיך צו פאַראייניקן אַלע שווייסעווער אין איין קאָלאָנע. מיר זיינען מעכויעוו נאָך אַמאָל אָפּצומעסטן, איידער מיר שניידן ענדגילטיק אָפּ. לאָמיר אַלע צוזאַמען פאַרקנייטשן די שטערנס, און מיר וועלן קומען צו אַ ריכטיקער לייזונג.

אינזשעניער פּריביטקאָוו פונעם פינפטן באַצירק האָט דערקלערט: באַ זיי איז אַליץ גרייט צום שווייסעווען, און זיי שטימען פאַר אָרגאַניזירן די אַרבעט גענוי לויטן פּראָיעקט.

— צוויי פּראָנטן — הייסט צעדרויבלען די קאַדרען און די טעכניק. מען קען צעטיילן אַף צוויי כאַלאָקים איין פעסל בענזין. נאָר אויב איך האָב איין טעכניקער אַן אַרבעט־עלטסטן באַם שווייסעווען, קען איך אים ניט צעשניידן אַף צוויי טיילן און אַוועקשטעלן צו העלפן אַף די עקן פונעם באַצירק, — האָט דער אינזשעניער גערעדט איבערצייַגעוודיק און זקייניש שעפּעליאַוועט. — אונדזער באַצירק האָט קנאַפּע אַכציק קילאָמעטער. מאַסקים זיין אַף אַ זיך אַנטקעגנגייענדיקער אַרבעט פון ביידע זייטן, הייסט גיין באַוווסטזיניק אַף אַן אָפּשוואַכונג פון דעם קאָנטראָל.

איך קען קאָווירן: עס וועט זײַן זייער אַ סאַך בראַק. מיר וועלן ניט געווינען קיין צײַט, פאַרקערט, מיר וועלן זי אָנווערן אַפן איבעראַרבעטן דעם בראַק.

אינזשעניער קאָטליאַרעווסקי פון קאָנטשעלאָן האָט פאַראייניקט זײַן שטים צו פריביטקאָווס מיינונג. זיי האָט דערווידערט טאָפּאָליעוו פונעם קאָפּ גיבעלני. די בויער האָבן צום ערשטן מאָל דערהערט דעם באָס פּר־נעם כאָשעוון אינזשעניער.

— מײַנע קאָלעגן, וועלכע איך זע ניט, נאָר פאַרשטיי אויסגעצייכנט, זײַנען אין איין זאַך גערעכט: אַרבעטן פון איין עק איז פאַר־העלטנישמעסיק פּאָשעטער און לײַכטער, — האָט זיך קוזמאַ קוזמיטש אַרויסגעזאָגט ניט געאײַלט און סוגעסטיוו. — נאָר צי דאַרף מען זיך ניט אָפּזאָגן פון דער לײַכטערקייט צוליבן אויסשפּילן צײַט? מיר געפעלט ניט דעם כאָווער פריביטקאָווס שטאַנדפּונקט וועגן דער אומפאַרמײַדלעכ־קייט פון בראַק. מען דאַרף האָבן מער צוטרוי צו אונדזערע אַרבעטער־שווייסעווער, עס וועט ניט אומבאַדינגט זײַן בראַק. און איך וואָלט רעקאָ־מענדירט אויסצוטיילן צו הילף די שווייסעווער אַרבעט־עלטסטע געהילפן פון די בעסטע סטאַכאַנאָווצעס. וועט שטאַרקער זײַן דער קאָנטראָל.

— זאָגסט ריכטיק! — האָט אומאַרע צוגעשטימט. ער האָט מיט צאָרן אויסגעהערט פריביטקאָוון און קאָטליאַרעווסקין און אונטערגע־שפּרונגען אַפן בענקל אין דערוואַרטונג, מען זאָל אים געבן אַ וואָרט.

— כ׳בין צופרידן, וואָס מײַן פרײַנט אומאַרע איז אײַנשטימיק מיט מיר, — האָט קוזמאַ קוזמיטש ווײַטער גערעדט. — איך וויל באַרירן די צווייטע פראַגע. דער פּראָיעקט לייגט פאָר, און נאָך אים די כאָווײַרים פריביטקאָוו און קאָטליאַרעווסקי, מען זאָל פאַראייניקן אַלע שווייסעווער אַף אַ באַצירק אין איין קאָלאָנע. איך בין קאַטעגאָריש דאַקעגן! מיר איז אין מײַן לעבן אויסגעקומען ניט ווייניק צו אַרבעטן מיט שווייסעווער, און אַף דער בויונג פונעם איבערגאַנג דורכן דורכגוס האָב איך ענדגילטיק פאַרשטאַנען: מען קען ניט גרופּירן מער פון צען שווייסעווער מיט איין נאַטשאַלניק בעראָש. טוט אָקערשט אַ טראַכט, כאָווײַרים, מיר האָבן באַ־צירקן, ווו ס׳האָבן זיך צונויפגעקליבן ביז צוואַנציק שווייסעווער־מײַס־טערס. דאָס הייסט: דער נאַטשאַלניק פון אַ קאָלאָנע שווייסעווער וועט דאַרפן אָנפירן מיט דער אַרבעט פון צוואַנציק שווייס־אַפּאַראַטן אָדער זעכציק מענטשן! און די נאָרמע איז דאָך באַ אונדז צען באַהעפטן אַף אַ מענטשן. די דאָזיקע נאָרמע שטײַגט אומאַרע איבער אַף דרײַ מאָל מער. עס וועט זײַן אַ נעבעך אַף יענעם נאַטשאַלניק, וועלכער וועט זיך פּרוּוון קאָנטראָלירן די אַרבעט פון אַזעלכע זעכציק שווייסעווער! פאַר־געסט ניט, אַז מען דאַרף אומאַרען מיט אַלץ באַזאָרגן, מען דאַרף פון זײַן וועג באַזײַטיקן אַלע שטערונגען, מען דאַרף פון אים אָפּנעמען די־

אַרבעט. — דאָס זײַנען אַ סאַך קלאָפּאָטן, ניט פֿאַר די קױכעס פֿון אײן מענטשן...

נאָך טאָפּאָליעװן זײַנען אַרױסגעטראָטן די סטאַכאַנאָװצעס, זײ האָבן אים אַלע אונטערגעהאַלטן.

— געאָרגי דאַװידאָװיטש, כאַװער בערידזאַ! פֿאַרענדיק רײדן, שרײַב רעזאָלוציע! — האָט אומאַרע זיך אַלײן גענומען דאָס װאָרט. — די שװײסעװער פֿאַר אַ צװײטן פּראָגנאָז. דאָס לאַנד נײטיק די גאָפּטלײ־טונג, און מיר װעלן זי דערלאַנגען פֿאַרן טערמין. מיר זאָגן צו אַרבעטן אָן בראַק. פֿאַרװאָס האָט אינזשעניער, פֿאַרגעסן די פֿאַמיליע, געזאָגט אַזױ באַלײדיק: „װעט זײַן בראַק״? בראַק ניט זײַן. שרײַב, כאַװער בערידזאַ: „אומאַרע מוכאַמעט זיך מיסכאַיעװ געבן דרײַ הונדערט פּופּציק פּראָצענט און אײנגאַנצן נול בראַק״. אַלע שװײסעװער כ׳רוף אַרױס פֿאַרמעסטן זיך!

עס זײַנען װידעראַמאָל אַרױסגעטראָטן די שװײסעװער. זײ האָבן אָנגענומען אומאַרעס אַרױסרוף. באַטמאַנאָװ און זאַלקינד האָבן זיך אָפּ־געזאָגט פֿונעם װאָרט, װאָס מ׳האָט זײ פֿאָרגעלײגט.

— מיר האָבן גאָרניט װאָס צוצוגעבן צו די װערטער פֿון כאַװער אומאַרע, — האָט געזאָגט דער פּאַרטאָרג. — שליסט די באַראַטונג, געאָר־גי דאַװידאָװיטש....

— מיר לײַדן ניט אױף קרענקלעכער אײגנליבע, מיר האָבן ניט מוירע זיך אָפּצוזאָגן פֿון יענע לײזונגען אינעם פּראָיעקט, װאָס דאָס לעבן האָט זײ אָפּגעפֿרעגט, — האָט געזאָגט בערידזע, שליסנדיק די באַראַטונג. — מיר װעלן אַרבעטן אױף צװײ פּראָגנאָזן און מיט ניט קײן גרױסע גרופּעס שװײסעװער. איך פֿאָדער אױך די אָנפֿירער פֿון דער פּראָדוקציע איבער־צוקוקן די גראַפֿיקס, מאָרגן זײ מיר דערלאַנגען אין דער נײַער באַאַרבע־טונג און אָנהײבן דאָס שװײסעװען. איך האָב אַן אײצע פֿאַרן כאַװער פּריביטקאָװ און אַלע איבעריקע אינזשעניערן: עס הײבט זיך אָן די שװערע צײַט, װען איר זײַט צו יעדער מינוט נײטיק אױף דער טראַסע. לעכײן קלײַבט זיך אַריבער װױנען אין די אויטאָ־מאַשינען.

קאַפּיטל אַכט

טרויעריקע יעדיעס

טאַניאַ וואַסילטשענקאָ האָט ניט אומזיסט שטאָלצירט מיט דער מי פון אירע הענט — מיטן סעלעקטאָר. ניט אומזיסט האָט די קאָלאָנע פאַרבינדלער אַריבערגעטראָגן אַזויפיל לײַדן אין דער ווינטערדיקער טײַגע. דער מעטאַלענער דראָט, וואָס איז אויסגעצויגן געוואָרן פון דער פאַרוואַלטונג ביזן לעצטן פונקט פון דער טראַסע, איז ווי אַ לעבעדיקער נערוו אַרײַנגעוואַקסן אינעם קערפּער פונעם קאָלעקטיוו. ווען מען וואָלט ערשט צוגענומען דעם סעלעקטאָר בײַ די בויער, וואָלטן זיי גלײַך פאַרלוירן דאָס געהער און דעם צונג.

דער סעלעקטאָר האָט אומאיבעררײַסלעך, בײַטאָג און בײַנאַכט, געטראָגן שטראָמען פון מענטשלעכער שפּראַך און פאַרשיידנסטע אָפּקלאַנגען פון לעבן: זייער וויכטיקס און פולשטענדיק אומוויכטיקס, געזעלשאַפטלעכס און פערזענלעכס, טראַגישעס און קאָמישעס. דער ראַדיאָ האָט מיט אומרו מיטגעטיילט וועגן דעם אָנגריף פון די דײַטשן אין דער ריכטונג פון איזיום־באַרווענסק. דער פעלדשער האָט געלייענט פונעם דורכגוס פאַר דער דאָקטערן ראַדיאָנאָוו דעם אַקט וועגן דעם אומגליקס־פאַל מיטן מעכאַניקער סיעראָגין — ער האָט געהאַלטן בײַם שטאַרבן. זאַלקינד האָט גראַטולירט דעם שאָפער סמאָרטשקאָוו: עס האָבן זיך ענדלעך אָפּגעפונען זײַנע עלטערן, זיי האָבן זיך בײַצײַטנס עוואַקוּירט פון אָרלע קיין קאַנסק בײַם יעניסיי. די אינזשעניערן פון די בײַצירקן האָבן לויט דער ריי ראַפּאָרטירט בערידזען וועגן דעם, ווי עס זײַנען אין די ערשטע טעג געגאַנגען די שוויס־אַרבעטן. ליבערמאַן האָט פון נאָווינסק געזידלט זײַן אונטערגעאָרדנטן אויפן אַכטן בײַצירק: „מאַמינקע טײַערע, ווהין האָט איר אַהינגעטאָן אַזאַ גוזמע גרויפּן? איר קאָרמעט די בערן מיט קאַשע, צי וואָס?” דער עקאָנאָמיסט פונעם צענטן בײַצירק האָט מאָנאָטאָן פאַרגעלייענט פאַר דער פאַרוואַלטונג די ציפערן פון דער פּראָדוקציע פאַרן טאָג. דאָס מיידל די דיספּעטשערן פונעם זיבעטן בײַצירק האָט געפרעגט בײַם בײַכער דעם דיספּעטשער פונעם צווייטן: „אַ שטים האָסטו אַ שיי־

נע, נאָר ס׳איז טשעקאָווע, ווי זעסטו אויס ?" — „כ׳בין אַ רויטער", — האָט דער באָכער געענטפערט. „כ׳גלייב ניט". — „קום צו פאָרן, וועסטו זען". די נאַטשאַלניקעס פון די באַצירקן טעמקין און כלינאָוו האָבן זיך געטיילט מיט דער דערפאַרונג פון די פאַרגאַנגענע מעסלעסן. פּושטשין האָט פון נאָווינסק אויסגעפרעגט קאַרפּאָוון וועגן דער לאַגע אַפן אינדזל, פון זײַן זײַט אים דערציילט וועגן דעם פיש־פאַנג אינעם קאַנט און לעסאָף אים געבעטן צורופן אַף אַ מינוטקעלע צום טעלעפאָן מאַכאָוון.

— דו לעבסט ? — האָט דער רעדאַקטאָר געפרעגט באַ זײַן שיסל־פרײַנט.

— דוכט זיך.

— דאָס פענדעלע איז אַפן ראַדיאַטאָר ? מ׳האָט עס נאָך באַ דיר ניט אַפּגעשלאָגן ?

— דאָס פענדעלע איז באַ מיר צוגעשווייסעוועט, קיינער וועט עס ניט אָפּרײַסן.

— וואָס מאַכט מוסיאַ ?

— האָוועט אַרום, קאָרמעט מיט פוטערברויטן און איז מעכאַבעד מיט קאָווען, שמייכלט צו אינטערעסאַנטע כאַווײרים.

— און צו דיר ?

— און צו מיר, אַף וויפל איך בין אינטערעסאַנט.

— ווען איז די כאַסענע ? די כאַסענע, זאָג איך, ווען איז ?

— מ׳האָט נאָך דאָ ניט אײַנגעאָרדנט קיין זאַגס. אינגיכן וועלן מיר אײַנאָרדענען.

— ס׳איז לאַנג צו וואַרטן. לאַנג צו וואַרטן, זאָג איך.

— ס׳מאַכט ניט אויס, מיר זײַנען געדולדיקע. מיר זײַנען געגאַנגען אין דעם יישעוו פון די ניווכן, געזוכט אַ שאַמאַן, ער זאָל אונדז כאַסענע מאַכן.

— ער האָט זיך אָפּגעזאָגט ?

— ווײַזט זיך אַרויס, עס זײַנען שוין קיין שאַמאַנען ניטאָ. דעם לעצטן האָט מען ניט לאַנג צוריק באַגראָבן.

— מער קיין פראַגן האָב איך ניט. איך נעם אַרום און קוש. לאָז ניט אַרויס פון דער האַנט דאָס פענדעלע. כ׳דריק דײַן מאָזאָליעדיקע לאַפּע.

— כ׳דריק דעם רעדאַקטאָרס אויסגעאיידלט הענטל. האַלט פעסטער די פען.

נאָך באַטמאַנאָוון האָט זיך פאַרן סאַמע גרעסטן באַלעבאָס איבערן טעלעפאָן גערעכנט דער הויפּט־דיספּעטשער גרעטשקין. ער האָט אָפּט גערעדט, עטלעכע מאָל אין טאָג, טאָמיד עפּעס אויפגעקלערט און קעסיידער געוועזן מיט עפּעס־וואָס אומצופרידן. לויט די ציפערן האָט ער זיך אָנגעשטויסן די ענדערונגען אַף די באַצירקן און זיך געטשעפּעט צוליב יעדער סיבע, ער איז געוואָרן וואַכזאַם סײַ צוליב אַ הכערונג, סײַ צוליב

אַן אַראָפּנידערונג פון דער פּראָדוקציע. אָפּגעשיקט אַ צעבייזערטע טעלע־גראַמע מיט באַטמאַנאַווס אונטערשריפט, האָט ער איז אַ קורצער צײַט שפּעטער געקלונגען אָפּן באַצירק און זיך נאָכגעפרעגט, צי איז זי געפעלן געוואָרן.

אָפּן אינדזל האָט מיטן הויפּט־דיספּעטשער אָפּט גערעדט אַלעקסיי. אויך איצט האָט גרעטשקין אַרויסגערופן אַלעקסייען צום טעלעקטאָר.

— איך פרעג: וואָס הערט זיך בײַ אײַך אָפּן דורכגוס? דאָס אײַז גייט נאָך אַלץ?

— עס גייט. דער טײַוול ווייס, פונוואַנען עס נעמט זיך אַזויפיל, — האָט אַלעקסיי געענטפערט. — פּאָר מיר מיט בערידזען איז שוין צײַט צו פאַרלאָזן דאָס אינדזל.

— איר האָט מיר אָנגעהאָקט אַ טשײַניק, כאַווייריִם אינדזל־מענער. אַ טשײַניק אָנגעהאַקט, זאָג איך.

— איך פאַרשטיי ניט אײַער זשאַרגאָן, כאַווער הויפּט־דיספּעטשער.

— פאַרשטייסט אַלץ אויסגעצייכנט, מאַך ניט קיין אָנשטעלן. לויט אײַער באַריכט קומט אויס, אַז איר האָט אין מעשעך פון אַ טאָג געמאַכט נײַן קילאָמעטער בריק־וועג. דאָס גייט אַריבער יעדע נאָרמע־גרענעץ. איר האָט אָנגעליגנערט?

— בעשום אויפן ניט, מיר זײַנען אָרנטלעכע מענטשן. אין מעשעך פון טאָג זײַנען געמאַכט געוואָרן נײַן קילאָמעטער. מיר ווילן אינגיכן שיקן אַ ראַפּאָרט, אַז די אַרבעט איז פאַרענדיקט. דו הערסט ניט? איך האָב געזאָגט — אינגיכן וועט דער וועג זײַן פאַרטיק.

— עפּעס גלייבט זיך ניט. פונוואַנען נעמט זיך אַזאַ נאָרמע?

— וואָס הייסט פונוואַנען? קייפל דײַנע נאָרמעס מיטן פּאַטריאָטיזם פון די בוי־אַרבעטער און אויב דו גלייבסט ניט, קום צו פאָרן, קאָנ־טראָליר.

— ס'איז טאַקע אַ שאָד, וואָס איך קען ניט קומען צו פאָרן. דער באַטשאַלניק לאָזט ניט אָפּ אָף דער טראַסע. איך שרײַב יעדן טאָג: „אומ־דריי־שווייסעווען", „סופּיטעווע שווייסעווען", און אַליין האָב איך ניט געזען, וואָס פאַר אַ קונצשטיק דאָס איז. איר וועט דאָרט אויסלייגן די גאַנצע נאַפּטלייטונג, און איך וועל זי ניט זען, — האָט זיך גרעטשקין פאַרקלאָגט.

— עס מאַכט ניט אויס... אין אַ יאָר צען אַרום וועסטו קומען אַהער צו פאָרן, וועסטו דעמאָלט זען, — האָט אַלעקסיי געטריבן שפּאַס. — איך מיין, מען וועט דיר דערלויבן אַ קוק טאָן אָף דער נאַפּטלייטונג. אָף דײַן ברייטער ברוסט וועט דאָך גלאַנצן אַן אָפּצייכענונג: „דעם אָק־טיוון אָנטיילנעמער אין דער בויונג".

— דו ביסט פאַרווילדעוועט געוואָרן אָפּן אינדזל, אַלעקסיי, זיך אויסגעלערנט וויצלען, — האָט גרעטשקין געזיפצט. — ס'איז לאַנגווײַ־

ליק מיט דיר צו ריידן. אַט וויל דיר זשעניע קאָזלאָוו עפּעס זאָגן. ס'איז דיר טשעקאָווע?

— זייער.

זשעניע האָט זיך פאַרקלאָגט: ס'האָבן איר דערעסן די פּאַפּירן, דער טינט, די ציפערן.

— דער פרילינג איז אין סאַמע בלי און איך זיץ צווישן פיר ווענט, אָפּגעשלאָסן מיט גרעטשקינען.

— גיב אַ מאַך אַף אים מיט דער האַנט, און קום צו פאָרן אַהער.

— אַמאָל וואָלט איך אַבי אַנטלאָפן, — האָט זשעניע אָפּגעזיפצט.

— איצט קען מען ניט לויפן. איך אַליין פריידיק אַף יעדן שריט אַכטונג צו דיסציפּלין. איך בין ערשט אַ קאָמיאָרג.

— זאָל איך זיך באַמיִען פאַר דיר? איך זאָג, זאָל איך זיך באַמיִען פאַר דיר?

— כ'וועל דיר געבן אַ באַמיִען זיך! — האָט זיך גרעטשקין אַרײַנגעמישט. — דו פאַרנאַר ניט מײַנע מיטאַרבעטער. זי וואָלט צו דיר אָפּן אינדזל באַרנעאָ געלאָפן, זאָלסט זי נאָר אַ רוף טאָן.

— דו לאָז זי דערווײַל אָפּ אָפן אינדזל טײַסין. לאָז זי אָפּ, זאָג איך, דערווײַל אָפן אינדזל טײַסין.

— אַליאָשאַ, דאָ איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע פאַר דיר! און צוויי בריוו. — האָט זשעניע מיטגעטיילט. — אַלץ פאַר איין מאָל. דו וועסט וואַרטן אַף אַ געלעגנהייט?

באַ אַלעקסייען האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו קלאַפּן דאָס האַרץ.

— שיק וואָס שנעלער, — האָט ער געבעטן. — ניין, די טעלעגראַמע לייען שוין איבער.

— „טײַערינקער אַליאָשענקע שטאַרק זיך. אונדזער זינאַ איז אומגעקומען...‟ — האָט זשעניע געשווינד איבערגעלייענט, און איר שטים האָט זיך איבערגעריסן.

די דאָזיקע פראַזע, וואָס איז דײַטלעך דערגאַנגען צו אַליאָשאַס געהער דורך דעם גערויש פון אומקלאָרע שטימען, האָט אים אַ זעץ געטאָן אין האַרצן.

— לייען! — האָט ער שווער אַרויסגערעדט, צונויפזאַמלענדיק די קויכעס.

— „...געשיקט דיר אַ בריוו, אָפּנעם ניט דערהאַלטן, — האָט זשעניע דורכגעזייעט ווערטערווײַז. — ווו נעמט מען קויכעס אַליאָשאַ איבערצוטראָגן אַזאַ פּײַן‟...

ס'איז שטיל געוואָרן איבער דער ליניע, ס'האָט בלויז אומעטיק געקלאַפּט דער מאָרזע־אַפּאַראַט. די בויער האָבן ליב געהאַט דעם אינזשעניער, און איצט האָבן זיי אים שווײַגנדיק מיטגעפילט.

— לייען איבער די בריוו, זשעניע, — האָט אַלעקסיי געזאָגט, קור־מענדיק צו זיך.

— מען דאַרף ניט, אַליאָשאַ. די בריוו וועלן מיר איבערשיקן, אין דרײַ טעג אַרום ווענסטו זיי באַקומען, — האָט אַנשטאָט זשעניען געענט־פערט גרעטשקין.

— לייען! — האָט קאָווּשאָוו געפאָדערט.

— דער בריוו איז פֿונעם נאַטשאַלניק פֿון אַ מיליטערישער שול, — האָט גרעטשקין דערקלערט און, זיך פֿאַרהיקענדיק מער ווי געווייגלעך, אָנגעהויבן: — „געערטער כאַווער קאָווּשאָוו! אײַער פֿעקל איז אָנגעקור־מען נאָך דעם ווי דימיטרי קאָווּשאָוו איז אַרויסגעפֿאָרן צום פֿראָנט. אײַער ברודער איז געווען דער בעסטער קורסאַנט, און איך האַלט פֿאַר ריכטיק אַרויסצוגעבן עס דעם בעסטן קורסאַנט פֿונעם נײַעם אויפֿנעם. באַשטע־טיקט אײַער האַסקאָמע טעלעגראַפֿיש...״

אַלעקסיי האָט געענטפֿערט בלויז מיט אַ זיפֿץ.

— וואָס? — האָט גרעטשקין געפֿרעגט. — וואָס טאָן מיטן פֿעקל?

— שיק אַ טעלעגראַמע, זאָל ער האַנדלען לויט זײַן אייגענעם אײַנ־זען, — האָט אַלעקסיי געזאָגט מיט יעדעס אין דער שטים. ס'האָט אַ בליץ געטאָן אַ געדאַנק: „ער איז געווען פֿאַרוווּנדעט און זיך אומגעקערט אָפֿן פֿראָנט... עפּשער איז ער ווידער פֿאַרוווּנדעט, און דאָס פֿעקל קען אים בעשום אויפֿן ניט אויפֿזוכן״.

מיט אַ פֿאַרהאַלטענעם אָטעם האָבן מענטשן אַף פֿאַרשיידענע ערטער פֿון דער טראַסע געהערט גרעטשקינס שמועס מיט קאָווּשאָוון. דער סע־לעקטאָר האָט געשוויגן. אַפֿילע דער מאָרזע־אַפּאַראַט איז שטיל געוואָרן.

— פֿאַרליר ניט דעם מוט, אַלעקסיי. זײַ העלדנמוטיק, מײַן טײַערער, — האָט זיך פּלוצים דערהערט בערידזעס שטימע.

ער האָט זיך צו יענער צײַט געפֿונען אין קאָנטשעלאָן און צוגעגאַנ־גען צום אַפּאַראַט, אַרויסצורופֿן באַטמאַנאָוון. דער שטיל־געוואָרענער גרעטשקין איז צופֿרידן געווען פֿון בערידזעס אַרײַנמישן זיך. נאָר אַלעקסיי האָט ניט פֿאַרגעסן וועגן צווייטן נאָך ניט איבערגעלייענטן בריוו.

— לייען! — האָט ער געזאָגט אומגאַטירלעך רויִק.

— מיר וועלן דיר איבערשיקן דעם בריוו. האָב געדולד, אַליאָשאַ, — האָט גרעטשקין געזאָגט בעטנדיק. — דער בריוו האָט עפּשער געבראַכט אַ נײַע פּײַנלעכע בסורע דעם באָכער.

— פּײַניק ניט, לייען, זײַ אַ פֿרײַנט! — האָט קאָווּשאָוו זיך געריסן.

— דער בריוו איז פֿון זיבאַס מאַמע... איך מוז וויסן.

די אײַנגעשטעלטע שטילקייט האָט צעריסן עמעצנס אַ געוויין, דוכט זיך, פֿון אַ פֿרוי, — און אַלץ איז ווידער שטיל געוואָרן.

— „אַליאָשענקאַ, כ'האָב געשוויגן וויפֿל כ'האָב געקענט, כ'האָב דיך געוואָלט אויסהיטן פֿון די צאָרעס, — האָט גרעטשקין ווידער אָנגע־

הויבן שרײַבן. — כ'האָב אַלץ געוואַרט, ס'זאָל אָנקומען אַ פרישע ידיעה, וואָס זאָל אָפּלייקענען די ערשטע. נאָר מער קען איך שוין ניט. כ'האָב קיין רעכט ניט פאַר דיר אויסצובאַהאַלטן. אַלע דײַנע טעלעגראַמעס און בריוו האָב איך באַקומען... כ'האָב זיך זייער געפּײַניקט און אַ סך איבערגעלעבט צוליב דיר. אויך דײַן טאַטע האָט מיר ניט איין מאָל געזאָגט: „שרײַב אים". און איך שרײַב דיר. עס זײַנען געקומען פון דאָרט כאַווייריִם, זיי האָבן דערציילט.

— איך הער ניט, כאַזער איבער! — האָט אַלעקסיי אַ געשריי געטאָן, ווען גרעטשקין האָט געמאַכט אַ פּויזע איבערצוכאַפּן דעם אָטעם.

— זי שרײַבט: „עס זײַנען געקומען פון דאָרט כאַווייריִם, זיי האָבן דערציילט, — האָט גרעטשקין איבערגעכאַזערט. — זינאַ האָט זיך ניט אומגעקערט פון אַ שלאַכט־אויפגאַבע. מ'האָט איר אָנגעטרויט אַ זייער שווערע זאַך. איר און נאָך פיר. זיי האָבן אַלץ געטאָן, נאָר זײַנען אומגעקומען. מ'האָט געפּרוווט זיי אָפּגעפינען און ראַטעווען, נאָר ס'האָט זיך ניט אײַנגעגעבן..."

— וואָס? — האָט אַלעקסיי איבערגעפרעגט, ניט זײַענדיק בעיעכוילעס דורכצולאָזן כאָטש איין וואָרט.

— ראַטעווען זיי, שרײַבט זי, האָט זיך ניט אײַנגעגעבן, זײַנען אומגעקומען. — גרעטשקינס שטים, וואָס איז געווען איבערגעמאַטערט פון די טאָג־טעגלעכע שמועסן דורכן סעלעקטאָר, האָט געקלונגען, ווי אַ סיגנאַל פון אומגליק. — „מיר זײַנען, איך און דו, פאַריאָסעמט געוואָרן, טײַערינקער. דו האָסט ניט דאָס ווײַב, און איך מײַן ליבע טאָכטער. וואָסזשע טוט מען ערשט, אַליאָשאַ? איך וועל עס, זיכער ניט איבערהאַלטן..." דו הערסט ניט? — „איך ווייס ניט וואָס צו טאָן ערשט. מײַנע ווייטיקן האָבן קיין גרענעץ און קיין מאָס ניט..."

— אַלעקסיי, דו הערסט מיך? הײַנט איז אין יעדער פאַמיליע פאַראַן צאָרעס. ניט טרייסטן וויל איך דיך, נאָר העלפן צו געפינען אין זיך פעסטקייט. געדענק: ביסט ניט אַליין, האָסט כאַווייריִם, האָסט אַ סך כאַווייריִם — דאָס האָט זאַלקינד געלאָזט הערן זײַן שטים פון נאָווינסק, און די אַלע, וואָס האָבן אים געהערט, זײַנען געווען צופרידן, וואָס ער האָט פאַר זיי אַלע געזאָגט דאָס נייטיקע וואָרט.

אַלעקסיי איז לאַנג געזעסן באַם סעלעקטאָר. איבער דער ליניע האָט זיך פון ביידע ריכטונגען געטראָגן אַ פילשטימיקער גערויש. איבער אַלעקסייען איז געשטאַנען קאַרפּאָוו, ער האָט זיך געפּײַניקט, וועלנדיק מיט עפּעס וואָס פאַרלײַכטערן דעם כאַווערס לײַדן.

— שטאַרק זיך, גוטער ברודער, גיב זיך ניט אונטער, — האָט ער געשעפּטשעט.

אַלעקסיי האָט זיך אויפגעשטעלט און, זיך וואַקלענדיק, ווי אַ שיקער, אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן, זיך געלאָזט גיין אָן אַ ציל. ער האָט

קיינעם ניט געוואָלט זען. ער האָט אויסגעמיטן קאַרפּאָוון, טאָפּאָליעוון און טאַניאַן, וועלכע האָבן זיך צו אים לאָז געטאָן. אויסגעמיטן דעם פּלאַץ פון דעם באַצירק, האָט ער זיך באַלד געפונען אין דער ווילדער טײַגע. קאַרפּאָוו האָט אים דעריאָגט און אַ צי געטאָן פאַר דער האַנט.

— וווהין גייסטו, גוטער ברודער? כ'וועל ניט לאָזן! גיי אַהיים.

— שטער ניט, איוואַן לוקיטש. איך דאַרף זײַן אַליין, — האָט אים קורץ, נאָר פעסט, אַ זאָג געטאָן אַלעקסיי.

זײַן פּאָנעם, צעקרימט פון גײַסטיקע לײַדן, האָט קאַרפּאָוון דערשטוינט. ער איז אָפּגעטראָטן.

דאָס קליינע טײַכל אָקטאַנקאַ איז געלאָפן מיט אַ שמאָלן און לױטערן שטראָם אינמיטן אַ שײַנענדיקן בערעזענעם וועלדל. נאָר באַלד זײַנען די בערעזקעס פאַרלוירן געגאַנגען צווישן בלאַטביימער, וועלכע זײַנען אין געדיכטע רייען צוגעגאַנגען מאַמעש צום וואַסער. אונטער זיי איז געדיכט און צוזאַמענגעפלאָנטערט געוואָקסן אַ קוסטעס־וועלדל. עפּעס אַ כאַיע איז, ברעכנדיק די קוסטעס, אַנטלאָפן פאַר אַלעקסייען. עס האָבן אַן אויפהער געסקריפּעט צעדערן־ביימלעך. אַ פליענדיקער וועוועריק איז, אויסשפּרייטנדיק די געהײַטלטע לאַפּעס, אַריבערגעפלויגן ווי מיט פליגל, איבערן אינזשעניערס קאָפּ פון איין ברעג אַפן צווייטן, אַ געוויינלעך וועווריקל האָט מיט קינע אים נאָכגעשריגן. מיט אַ פויל גאַגערײַ האָבן זיך פונעם וואַסער אויפגעהויבן פעטע גענדז.

אַלעקסיי האָט גאָרניט באַמערקט, בלויז מעכאַניש פונאַנדערגערוקט מיט די הענט די קוסטעס. פונדערווײַטנס האָט זיך מיט אַ ביקס אין האַנט נאָכגעשלעפּט קאַרפּאָוו. ער האָט געזען: פון צווישן די קוסטעס האָט אַרויסגעקוקט דער באַוואָנסעטער פּיסק פון אַ גרויסער ווילדער קאַץ. איוואַן לוקיטש האָט אַ הייב געטאָן די ביקס, נאָר די כאַיע האָט אַ פינקל געטאָן מיט די קײַלעכיקע געלע אויגן און איז פאַרשוווּנדן.

...וויפל מאָל האָט זיך דיר, אַלעקסיי, אין די נעכט אין נאָווינסק, און זומער באַם אַדון, און דאָ, אַפן אינדזל, געכאָלעמט איין און די זעלבע זאַך, אַ נאָענטע און לײַבלעכע, וואָס האָט דיך געמאַכט קינדיש גליקלעך: האָסט זיך אומגעקערט קיין מאָסקווע! דו גייסט איבער באַקענטע גאַסן, האָסט פונדערווײַטן דערזען יענעם אײַנגעהויקערטן ליק, דעם מוזיי פון דײַן קינדהייט, וועלכער ווערט איצט שטאָלץ אָנגערופן מיטן נאָמען פון נעם באַרימטן אינסטרוקטאָר. לעסאָף גייסטו צום וועג־קרייץ, דרייסט זיך אויס, און פאַר דיר שטייט דײַן טאַטנס האַרציקע שטוב. הייבסט אָן גיין געשווינדער, דיר אַנטקעגן אײַלן זיך, לויפן דײַנע סאָמע נאָענטסטע און לײַבלעכע מענטשן: דער אַלטער, נאָר נאָך זייער מוטיקער טאַטע, די בײַדעריטשקע מאַמע, דער הויכער און דאַרער ברודער, וועלכע הייבט אויף צום באַגריסן ביידע הענט. און פאָרויס לויפט זי, די סאָמע אומגעדולדיקסטע... דער דאָזיקער כאָלעם האָט זיך שטענדיק איבערגעריסן: דאָס

הארץ, איבערגעפולט מיט פרייד, האט אנגעהויבן אזוי צו קלאפן, אז דו האסט זיך אויפגעכאפט...

— איך האב מיט דיר, זינא, געשמועסט, אז קיין זאך וועט אונדז ניט צעשיידן. און אט בין איך פארבליבן אליין, — האט אלעקסיי געשעפטשעט.

וויפל אינהאלט ס'האט אין זיך ארײַנגענומען דאס קורצע צוזאמענלעבן מיט זינאן! איצט, ווען זי איז שוין ניט געווען, האט זיך אלץ דערמאנט באזונדערס פריש. ער האט זי געזען פאר זיך, זי אנגערירט מיט די הענט, קלאר געהערט איר שטים.

...אין איינעם אן אוונט בעת זײַן אורלויב נאך דער דארעמדיקער בוידנג איז אלעקסיי געגאנגען צו א פרײַנט, וועלכער האט געוווינט אף דער זעלבער גאס. ארויפגעגאנגען אף די שטיגן, האט ער זיך באגעגנט מיט א מיידל. זי איז איבערראשט שטיין געבליבן און אויפמערקזאם, מיט עפעס אזא מין זשעדנעקייט זיך אײַנגעקוקט אין זײַן פאנעם. אלעקסיי א פארוואונדערטער, איז אויך שטיין געבליבן. אירע העלע בלויע אויגן האבן זיך פון אים ניט אפגעריסן.

— נו, האט איר זיך ענדלעך אומגעקערט, — האט זי א זאג געטאן מיט א ניט אויסבאהאלטענער פרייד, און איז פרײַ, לײַכט אראפגעגאנגען.

ער האט איר נאכגעקוקט — אף די העלע האר, וואס פאלן אראפ אף דער פלייצע, אף דער קליינער פיגור אין א פאשעט און פײַן געניייטן קליידל — און געפילט א שטארקע באדויערונג, פארוואס דאס דאזיקע מיידל איז אים פארבײַגעגאנגען, און אין א מינוט ארום וועט זי פארשווינדן.

אלעקסיי האט א געשריי געטאן:

— איר האט א טעות געהאט? אבער שטייט נאר א רגע!

זי האט זיך אויסגעדרייט מיט א שמייכל, פון וועלכן איר פאנעם איז נאך שענער געווארן.

— ניין, כ'האב קיין טעות ניט געהאט. איך האב ניט געקענט האבן קיין טעות. איר געדענקט מיך ניט, אליאשא?

— איך זע אײַך דאס ערשטע מאל.

— און איך קען אײַך שוין פון לאנג. איך קען אײַך זייער גוט, — האט זי געענטפערט מיט איבערצײַגונג און זיך אוועקגעגאנגען.

אלעקסיי האט זיך צעטראגן באגריסט מיטן פרײַנט, באקענט מיט זײַן יונגער פרוי (בעת קאוושאוו איז געווען אף דער בוידנג, האט זיך א סאך געענדערט אין מאסקווע) און טייקעף אנגעהויבן זיך נאכפרעגן אפן מיידל, וואס ער האט באגעגנט אף די שטיגן.

— דאס איז זינא. קינדווײַז האסטו איר געשלעפט פאר די צעפלעך און גערייצט: „זינקא־קארזינקא", — האט אים דער פרײַנט דערמאנט.

— זי האט אמאל געוווינט בא אונדז אין הויז און קומט הײַנט אפט

אַהער צו כאַווערטעס. אויב דו ווילסט, וועל איך דיך באַקענען מיט איר. אַפּדאַסנײַ, אַזוי צו זאָגן.

„...מיר זײַנען, איך מיט דיר, פאַריאָסעמט געוואָרן, אַליאָשענקאָ. דו האָסט ניט דאָס ווײַב, און איך האָב ניט מײַן ליבע טאָכטער", — האָט ער ווידער דערהערט גרעטשקינס שטימע.

— קעדייַ זיך צו ראַטעווען פון איר, האָט זיך קאָוושאָוו אַ לאָז געטאָן אין וואַלד אַרײַן. ער איז געלאָפן ווהין די פיס האָבן אים געטראָגן. די צווײַגלעך פון די קוסטעס האָבן זיך פאַרטשעפּעט פאַר זײַנע הענט און פּלייצעס.

— איך גלייב ניט דעריק, איך גלייב ניט! — האָט קאָוושאָוו אַ געשריי געטאָן, און זײַן שטים האָט זיך הילכיק אָוועקגעקײַקלט איבערן וואַלד.

ער האָט געזען זיגאַן אַ לעבעדיקע, בלויז אַ לעבעדיקע! דער זיקאָרן האָט ווי געבלעטערט די זײַטלעך פון זײַן לעבן. אָפּגעריסענע עפּיזאָדן, באַגעגענישן... ניט צוזאַמענגעבונדענע ווערטער, אויסרופן, געלעכטער. עס האָט זיך פײַנלעך געוואָלט דערמאָנען דאָס סאַמע וויכטיקסטע, דאָס סאַמע טײַערסטע אין זייער לעבן, נאָר אַלץ — סײַ דאָס גרויסע, סײַ דאָס גליינלעכע — האָט זיך צונויפגעגאָסן אין איין אַלגעמיינקייט, און די דאָזיקע אַלגעמיינקייט איז געווען גליק.

...איינאַיינציקן טאָג האָבן זיי פאַרבראַכט הינטער דער שטאָט. די ערד און די ביימער זײַנען נאַרוואָס גרין געוואָרן. פרילינג. זינאַ און אַלעקסיי האָבן לאַנג געשפּאַצירט, ביז זיי זײַנען ניט אַרויסגעקומען צו אַ גרויסן סטאַוו. ביַז ביין־האַשמאַשעס זײַנען זיי געזעסן אַפן גראָז. אין דעם טונקל געוואָרענעם וואַסער האָבן געציטערט שטערן. ערגעץ־ווו האָבן מיידלעך זייער שיין געזונגען.

— וואָס קומט ערשט פאַר אין אײַער נעשאָמע, אַליאָשאַ? ס׳איז אײַך אומעטיק?

זי האָט אַף אים אַ קוק געטאָן מיט אַ לאַנגן בליק. זינאָס פּאָנעם איז געווען פּונקט אַזוי שיין ווי אומעטיק, ווי דאָס געזאַנג פון די מיידלעך אין דער ווײַט. אַלעקסיי האָט זיך אײַנגעבויגן און זי אַ קוש געטאָן.

— שטילער, — האָט זי געזאָגט, ווען ער האָט איר געוואָלט עפּעס זאָגן. — לאָמיר שווײַגן און פאַרגעדענקען, אַליאָשאַ, אַף אייביק די דאָזיקע מינוט. דאָס איז ניט עמעס, אַז מיר זײַנען באַקאַנט בעסאַכאַקל עטלעכע טעג! — האָט זינאַ אָנגעהויבן ריידן, איבעררײַסנדיק די מינוט שווײַגן. — איך קען אײַך דאָס גאַנצע לעבן. דאָס גאַנצע לעבן! פון קינדווײַז אָן בין איך געוווּנט געווען צו טראַכטן וועגן אײַך און געוואַקסן אונטער אײַער אומבאַמערקטער האַשפּאָע. און איך האָב טאָמיד געפילט — טאָמיד, איר הערט? — אַז מיר וועלן זײַן צוזאַמען, אומבאַדינגט זײַן.

אַלעקסיי האָט אָנגענומען אירע הענט — די פינגער זײַנען געווען

קאַלטע, ער האָט זיי באַהיטעוודיק אָנגעהויבן דערוואַרעמען מיט דער וואַרעמקייט פון די אייגענע הענט.

— איר האָט עס אַפילע ניט כּוישעד געווען, און מײַן האַרץ איז טאָמיד געווען מיט אײַך. איר האָט געענדיקט דעם אינסטיטוט און אַוועקגעפאָרן אַף דער בויונג — אַף אַזוי לאַנג! מ׳האָט וועגן אײַך גערעדט: „ער איז יונג, ניט דערפאַרן, ס׳איז פאַר אים שווער”. איך האָב געוואָלט, אײַך זאָל גרינגער זײַן, און קעסיידער געטראַכט וועגן אײַך. איך האָב געגלייבט און גלייב אויך איצט: ס׳איז פאַר אַ מענטשן אַ הילף, ווען אַ צווייטער מענטש, וואָס האָט אים ליב, טראַכט וועגן אים. אײַך קומט עס אויס מאָדנע, אַליאָשאַ, וואָס איך האָב זיך אײַך די ערשטע, ניט אויסבאַהאַלטנדיק, דערקלערט?

ער האָט געוואָלט דערווידערן, זינאַ האָט אים איבערגעשלאָגן:

— יעדנפאַלס האָט זיך בײַ אונדז אומגעווייניִלעך באַקומען. איך האָב דאָך אײַך אַפילע רעכט ניט געקענט. מײַן דימיען האָט מיר באַשאַפן אַליאָשאַ קאָווּשאָוון אַזעלכן, ווי איך האָב אים געוואָלט זען... צײַטנווײַז האָב איך אין שרעק געטראַכט: און וואָס, אַז פלוצים וועט ער זיך אַרויסווײַזן אינגאַנצן אַן אַנדערער, און מײַן ליבע וועט פאַרטונקלט ווערן?

זינאַ איז אַף אַ מינוט אַנטשוויגן געוואָרן, אײַנצושטילן די אויפדעגונג, און דערנאָך ווײַטער גערעדט נאָך הייסער:

— איך האָב געהאַט אַ סאַך באַקענטע. אייניקע האָבן זיך מיט מיר אינטערעסירט. אָבער קיינער האָט מיך ניט אינטערעסירט. אין געוויסע בייזע מינוטן האָב איך געלאַכט פון זיך אַליין: אַף וועמען וואַרטסטו? צי דען קען מען וואַרטן, צי וועסטו זיך דערוואַרטן אַף אַ מענטשן, וועלכער קען דיך ניט, שטרעבט ניט צו דיר, טראַכט ניט וועגן דיר? צי וועסטו זיך אַף אים דערוואַרטן, אויב ער עקזיסטירט גאָר עפּשער ניט אַף דער וועלט?

זינאַס אויפרעגונג איז געווען אַזוי גרויס, אַז זי האָט זיך שוין ניט געקענט מיט איר זיך קיין אייצע געבן. זי האָט זיך שנעל אויפגעהויבן פון דער ערד און אים אַ צי געטאָן פאַר אַ האַנט.

— די מינוטן פון צווייפל זײַנען אַריבער, און ווידער האָט אין מיר געלעבט איין זאַך: דאָס גליקלעכע און אַ ביסעלע אומעטיקע געפיל פון דערוואַרטונג. לעסאָף האָבן מיר זיך באַגעגנט, דאָרט אַף די שטיגן. איך האָב ניט געקענט פאַרבײַגיין, ווײַל איך האָב פאַרשטאַנען — ערשט מוזן מיר זײַן צוזאַמען. ווי גוט דאָס איז, וואָס דו האָסט זיך אַרויסגעוויזן בעסער פון דעם אַליאָשאַן, וועלכן איך האָב באַשאַפן אין מײַנע געדאַנקען און פאַנטאַזיעס! לעבעדיקער, רײַכער, קאָמפּליצירטער! — און זי האָט לײַדנשאַפטלעך אַ צעפיר געטאָן די הענט און אויסגערופן מיט יובל:

— איך בין גרייט אַרומצונעמען די גאַנצע וועלט דערפאַר, וואָס מיר איז באַשערט אַזוי ליב צו האָבן!

„אונדזער זינאַ איז אומגעקומען! וואָס־זשע טוט מען איצטער, עליאַ־שאַ? וואָס טוט מען?".

אינדערעמעסן איז זי דאָך שוין מער ניטאָ. זי איז אומגעקומען, ווי פאַרשטייסטו דאָס ניט! ער האָט פאַמעלעך אַוועקגעשלײַכט ווײַטער, פרוּווּנדיק זיך פאַרצושטעלן זי אָפן פּראָנט, ווי זי פירט אויס אַ שלאַכט־אויפגאַבע.

און פּלוצים האָט זיך אים דערמאָנט איינער אירער אַ טאָט — אַ פּאַשעטער און געוויינלעכער, נאָר וועלכער האָט אים איבערראַשט מיט דער קראַפט פון זײַן קאַרבנוויליקייט און עכטער, גרויסער ליבע.

...גלײַך נאָך דער כאַסענע, אַ דרײַ טעג פאַר דער מילכאָמע, האָט זי־נאַס מאַמע, קוקנדיק אַף זיי, געפרעגט אין שפּאַס:

— ווי מיינט איר אײַנצוּאָרדענען אײַער ווײַטערדיקן לעבן, יונגע־לײַט? וואָס פאַר אַ פּלענער האָט איר?

האָט אַלעקסיי אויך געענטפערט מיט אַ שפּאַס. דערנאָך זײַנען זיי געזעסן אַליין. זינאַ האָט דערציילט וועגן אַ דערפינדונג פון אירן אַ כאַ־ווער, אויך אַן אַביטוריענט פון אינסטיטוט.

— ווי־זשע וועלן מיר אײַנאָרדענען אונדזער ווײַטערדיק לעבן? — האָט ער מיט אַ שמייכל איבערגעכאַזערט די פּראַגע. — וואָס פאַר אַ פּלענער האָבן מיר?

— מיר וועלן לעבן שיין, — האָט זי געזאָגט, זיך ניט פאַרטראַכטנ־דיק. — דער הויפּט־פּלאַן: קיינמאָל זיך ניט צעשיידן, זײַן טאָמיד צו־זאַמען. ריכטיק?

— פאַרשטייט זיך, — האָט ער באַשטעטיקט און זיך פאַרטראַכט.

— דיר איז נאָך פאַרבליבן צו שטודירן אַ האַלב יאָר. און דערנאָך וועסטו גיין אַף אַספּיראַנטור?

— נו, יאָ, אַף אַספּיראַנטור. דאָס איז בײַ אונדז אַ באַשלאָסענע זאַך. פּאַקטיש פאַרנעם איך זיך שוין מיט דער צווייטער וויסנשאַפטלע־כער אַרבעט.

זינאַ האָט אָנגעהויבן ריידן וועגן איר און ניט גלײַך באַמערקט, ווי ער האָט זיך אויפגעשטעלט און אָנגעהויבן אַ פאַרכמורעטער שפּרײַזן איבערן צימער.

— איך ווייס, אַז אויב מען זאָל צולייגן מי, קען מען געפינען אַר־בעט אין מאָסקווע, אין אַ וועלכן ס'איז פּראָיעקטן־קאָנטאָר, — האָט אַלעקסיי געזאָגט ניט פריילעך. — נאָר מיר איז שווער וועגן דעם צו טראַכטן. דו ביסט ניט געווען אַף קיין בויונג, און שטעלסט זיך ניט פאָר, וואָס דאָס איז אַזעלכעס. און איך האָב שטענדיק געטרוימט צו בויען אין פאַרוואָרפענע עקן. נאָך דער דאָרעמדיקער בויונג, וועל איך זיך שוין ניט קענען אײַנלעבן אין אַ מאָסקווער קאָנטאָר. און אין דער צענ־

טראָלע איז שוין באַשלאָסן, אַז איך וועל ערשט פאָרן אָדער אַפן ווײַטן מיזרעך, אָדער אַף צאָפן. אײנעם ראַיאָן פון דער פעטשאָרע...

אַלעקסיי האָט זיך אָפּגעשטעלט באַם פענצטער. ס'האָט זיך אים דערמאָנט עפּעס פונעם לעבן אַף דער בויונג — צי אַ געראַנגל פאַר אַ בריק בעייס אַ פאַרפּלייצונג, צי אַ קאָנטראָל־צוג אַף דער נאַכט, דורך זײַ אויפגעבויטער מאַגיסטראַל.

— צעשיידן זיך דאַרפן מיר ניט. און מיר וועלן ניט. איך וועל פאָרן מיט דיר, — האָט ער דערהערט איר שטים, אַ רויִקע און שטילע.

— צי מען וועט דיך שיקן אַפן ווײַטן מיזרעך, צי צו דער פעטשאָרע, אַלצאיינס. וווהין דו, אויך איך אַהין. די אַספּיראַנטור און מאָסקווע וועלן מיר איבערלאָזן. ס'איז אַ ביסל אַ שאָד, נאָר מיילע. די אינערץ פון געווינהייט דאַרף מען גוּיוּוער זײַן. מיט וויסנשאַפטלעכער אַרבעט קען מען זיך פאַרנעמען אויך אַף דער בויונג. דו ווייסט דאָך מיר העלפן, ליבער?...

אירע ווערטער האָבן אים אויסערגעוויינלעך גערירט. אַזעלכע איז זי אין אַלץ, — האָט ער זיך געטראַכט. — פאַר דעם וואָס זי האָט ליב, וועט זי ניט זשאַלעווען דאָס לעבן. ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אומפעיִק צו סענטימענטאַלע אויסברוכן אָדער ווייס איך דאָרט אַלערליי שיינע זשעסטן, נאָר איצט איז ער צוגעגאַנגען צו איר, אומגעטראַכט זיך אַראָפּ־געלאָזט אַף די קני און געגומען צערטלעך קושן אירע הענט...

„זי האָט אויסגעפירט די אויפגאַבע, נאָר אומגעקומען!" — איז אַרויפגעשווומען אין געדאַנק גרעטשקינס שטים. און דעמאָלט האָט אַלעקסיי דערט דערזען זינאַן שטיין פאַרן קאָמאַנדיר.

„די אויפגאַבע איז זייער אַ געפערלעכע. איר גייט אַפן טויט. אויב איר פילט ניט אין זיך גענוג אַנטשלאָסנקייט און קראַפט — זאָגט זיך בעסער אָפּ". „איך האָב זיך אַנטשלאָסן. איר קענט זײַן זיכער, עס וועלן באַ מיר סטײַען קויכעס", — האָט זי רויִק און פעסט געענטפערט.

— גוטער ברודער, היט זיך! — האָט אַ הילך געטאָן אַ הויך געשריי. באַלד האָט פאַרטויבנדיק דורכגעדונערט אַ שאָס. דערלעבן האָט זיך עפּעס־וואָס שווערס אַ וואַלגער געטאָן אַף דרערד.

אַלעקסיי איז געשטאַנען, מיט ביידע הענט אַרומגענומען אַ בוים און זיך ניט באַוועגט. קאַרפּאָוו איז צוגעגאַנגען, אים אַנגערירט פאַר דעם אַקסל. דער אינזשעניער האָט ניט טייקעף אויסגעדרייט דאָס פּאָנעם, וואָס איז געווען באַגאָסן מיט טרערן.

— נאָך אַ סעקונדעלע, און זי וואָלט זיך אַף דיר געוואָרפן, דאָס געמיינע שטיק! — האָט איוואַן לוקיטש געזאָגט, קאָפּענדיק מיט אַ פוס

אַ גרױסע װילדע קאַץ. װעלכע איז געלעגן אױסגעצױגן אױפֿן גראָז. אירע פֿאַרגלײזטע אױגן האָבן נאָך ניט אָנגעװאָרן דעם אַכזאָריעסדיקן אױסדרוק.

— קום צו זיך! — האָט איװאַן לוקיטש געזאָגט. — דו ביסט ערשט װי אַ באַרמיצװע. גיב אַ קוק — אַלץ לעבט.

אַרום איז אָנגעגאַנגען דאָס אײביק דױערנדיקע לעבן. ס׳האָט גערױשט און געזונגען דער שטראָם פֿון דער אָקטאַנקע. צװײ פֿיזעם־הירשן זײַנען צוגעקומען זיך אָנטרינקען, דערזען די מענטשן און אױגנבליקלעך, מיט אײן שפּרונג, אַװעקגעלאָפֿן אין װאַלד אַרײַן. ערגעץ אין דער הײך האָט אומדערמידלעך געאַרבעט אַ פּיקהאָלץ.

קאַרפּאָװ האָט זיך אָנגעשפּיצט, אַ כאַפּ געטאָן די ביקס: עמעץ איז געלאָפֿן מיטן ברעג. דעם יעגערס אױער האָט אױפֿגענומען אַן אָפּגעהאַקט אָטעמען פֿון אַ מענטשן, װאָס האָט זיך, אַפּאָנעם, זײער געאײַלט. אָט האָט ער זיך באַװיזן פֿון הינטער אַן אומדרײ: קאָנדרין! איװאַן לוקיטש האָט אױף אים אָנגעװיזן אַלעקסײען. קאָנדרין האָט זײ ניט באַמערקט. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ניט װײַט זיך אָנצוטרינקען פֿונעם טײַכל. אײַנגיכן איז ער פֿאַרשװוּנדן צװישן די בײמער.

— װאָס זוכט ער אין דער טײַגע, גוטער ברודער? — האָט קאַרפּאָװ פֿאַרכידעשט געפֿרעגט.

— גײ אַװעק, איװאַן לוקיטש, — האָט אַלעקסײ געזאָגט פֿאַרמאַטערט. — איך װעל זיך אומקערן אַלײן. האָב אױף מיר ניט קײן האַשגאָכע. ס׳איז ניט נײטיק. אױב מעגלעך, לאָז איבער די ביקס.

— נו, דאָס שױן ניט, — איז קאַרפּאָװ ניט אײַנגעגאַנגען. — טו װאָס דו װילסט, נאָר איך װעל פֿון דיר ניט אַװעקגײן. אױב דו װילסט זיך ניט אומקערן אױפֿן פּלאַץ, װעלן מיר צוזאַמען שפּאַצירן איבער דער טײַגע. אױב ס׳איז דיר טשעקאַװע, קענען מיר גײן צו די געלאָגן, װעסט זיך אַ ביסל צעשטרײַען. ס׳איז ניט װײַט אַהין צוצוגײן. איך האָב צװײ מאָל באַגעגנט דײַן באַקענטן, ער פֿאַרבעט דיך אַלץ אין געסט.

אין אַ האַלבער שאָ אַרום זײַנען זײ צוגעקומען צום קװאַרטיר־אָרט פֿון כמאַרעס עקספּעדיציע. עטלעכע גרױסע געצעלטן מיט הילצערנע װענט און ברעזענטענע דעכער זײַנען געשטאַנען אױף דער פּאָליאַנקע באַם טײַך. צװײ פֿערד צוגעבונדן צו סלופּעס האָבן געשאָקלט מיט די מאָרדעס, אַרױסבאַקומענדיק פֿוטער פֿון טאָרבעס. אױפֿן ברעג האָבן זיך געזען בױערונג־טוהעמלעך. קײן מענטשן זײַנען אין ערגעץ ניט געװען.

— װוּ־זשע האָבן זײ זיך אַלע אַהינגעטאָן? — האָט זיך קאַרפּאָװ געװוּנדערט. — מיט דרײַ טעג צוריק איז דאָ געװען אַ גאַנצער באַזאַר.

זײ האָבן זיך געלאָזט צו די געצעלטן. ס׳האָט זײ אָפּגעשטעלט אַ שלאָפֿטמאַן אַ בײַגרענעצלער, װעלכן זײ האָבן ניט באַמערקט צװישן

די קוסטעס. ער האָט זיי גענומען אויספרעגן, דערקענט קאָװשאָװן און זיך באַרויִקט.

— עס געפינט זיך דער לייטענאַנט באַטורין, כאָוער אינזשעניער, — האָט ער פריינטלעך געזאָגט. — אויב איר ווילט, קענט איר אים זען, ער איז אָט אין יענעם געצעלט.

דער לייטענאַנט, דערהערנדיק שטימען, איז שוין געגאַנגען צו זיי. ער האָט דערציילט, אַז דער געלעגער כמאַרע און נאָך צוויי מענטשן פון דער עקספּעדיציע זיינען אַרעסטירט און אָפּגעשיקט געוואָרן קיין קאָנ־טשעלאָן אָף אַן עראָפּלאַן. די איבעריקע האָבן פאַרפאַקעוועט דאָס באַ־לעבאַטישקייט און זיך געלאָזט צום טשאָנגאַר.

— ס׳איז דאָ געווען אַ קליין געשלעגערײַ. אײַער באַקענטער האָט זיך ניט גוט אויפגעפירט, און מ׳האָט אים אַ ביסל אונטערגעהאַקט די זײַטן, — האָט זיך באַטורין צעלאַכט און צוגעוווּנקען קאַרפּאָװן.

אַלעקסייען האָט די ידיעה ניט פאַרוווּנדערט.

— אַ שאָד וואָס מיר האָבן פאַרשפּעטיקט. איך וואָלט אים מיט פאַרגעניגן, דעם אויסוווּרף, מויסיף געווען פון זיך אַליין, — האָט ער ערנסט געזאָגט און אַ קוק געטאָן אָף זײַנע פויסטן.

קאַפּיטל נײַן

צווישן דעם אינדזל און דעם קאָנטינענט

די קריִעס זײַנען געשוווּמען און געשוווּמען, ווי זיי וואָלטן פֿונעם גאַנצן יאַם געצויגן אַהער אין דאָזיקן שמאָלן דורכגוס. דאָ האָט זיך דאָס וואַסער אינגאַנצן באַפֿרײַט פֿון זיי, דאָ האָבן זיי זיך ווידער באַוויזן, שווימענדיק צום אָקעאַן, ווי מאַכנעס שעפּסן אָן אַ סאָף אַף פּרילינגדיקע פּיטער־פּלעצער.

פּאָלישטשוקס ניט גרויסער פֿלאָט פֿון אַכט קאַטערס און אַ טוץ באַרזשעס האָט שוין געקענט אַרויס אַפֿן וואַסער, נאָר ס׳איז נאָך פֿרי געווען אָנצוהייבן די נאַוויגאַציע. דאָס האָט בערידזען דענערווירט, ווײַל ער האָט זיך געאײַלט וואָס געשווינדער זיך אַריבערצוקלײַבן אַפֿן קאָנטינענט. דורכפֿאָרנדיק איבערן גאַנצן אינדזל פֿון קאָנטשעלאָן ביזן דורכגוס איבערן אַרויסגעענדיקטן וועג, האָט זיך דער הויפּט־אינזשעניער איבערצײַגט, אַז דעם אינדזל־באַצירק קען מען דרײַסט איבערלאָזן אַף ראַגאָווס האַשגאָכע. אין איצטיקן מאָמענט האָט געאָרגי דאַווידאָוויטש מער באַאומרויִקט די בויונג פֿון דער פּאָמפּן־סטאַנציע אַף יענער זײַט פֿונעם דזשאַגדינסקער דורכגוס. אויסער די צוויי באַצירקן באַם דורכגוס זײַנען געווען נאָך צען, אַף דער טראַסע האָבן זיך אומעטום אָנגעהויבן די שווייס־אַרבעטן, וועלכע פֿאָדערן אַן אויג פֿון אַ גוטן באַלעבאָס. ס׳איז שווער געווען אײַנצוזיצן אַפֿן אָרט.

בערידזע האָט זיך פֿאַרשטענדיקט דורכן סעלעקטאָר מיט באַטמאַנאָוון וועגן זײַנע ווײַטערע פּלענער: ער און קאָוושאָוו וועלן צוזאַמען זײַן אַרום אַ וואָך אַפֿן טשאָנגאַר, העלפֿן פֿילימאָנאָוון זיך פֿונאַנדערקלײַבן אין דעם מאָנטאַזש פֿון די פּאָמפּעס און די דיזלען, אָרגאַניזירן דאָס שווייסעווען אַפֿן קאָנטינענטאַלן הויפּט־באַצירק פֿונעם דורכגוס ביזן אַדון, און דערנאָך זיך לאָזן מיט דער טראַסע קיין נאָווינסק. טאָפּאָליעוו און טאָניאַן האָט דער הויפּט־אינזשעניער אויך גענומען מיט זיך: קוזמאַ קוזמיטש איז צוגעפּעסטיקט געוואָרן צום סטאַנציע־קנופּ אַף אָנצופֿירן מיטן אויפֿבויען די פּאָמפּן־סטאַנציע. און טאָניאַ האָט זיך געלאָזט קיין נאָ־

ווינסק, קעדיי פון דאָרטן אָנצוהייבן אײַנשטעלן אַ באַשטענדיקע טעלע־פאָן־ליניע אַף סלופעס. טשערנאָוון האָט מען מיט דער זעלביקער אויפ־גאַבע איבערגעלאָזט אַפן אינדזל.

פילימאָנאָוו האָט דורכן סעלעקטאָר געפרעגט: צי קען ער אָנהייבן דעם מאָנטאַזש פון די דיזלען און פּאָמפּעס, אָדער ער דאַרף וואַרטן אַפן הויפּט־אינזשעניער? בערידזען האָט זיך געוואָלט זײַן בײַ דער האַסכאָלע פונעם מאָנטאַזש און ס׳איז אים אַ שאָד געווען אים צו פאַרהאַלטן, ער האָט באַשלאָסן גלײַך זיך אריבערצוקלײַבן אַפן קאָנטינענט. פאָלישטשוק האָט אַלץ דערווידערט: מען דאַרף אָפּוואַרטן נאָך אַ צוויי־דרײַ טעג. ראַגאָוו, געטרײַ זײַן אײַנשטעלונג, האָט צוגעגאָסן בוימל אַפן פײַער:

— פאָרט אַוועק, פרײַנט, וואָס שנעלער, איר האָט מיר שוין דער־עסן! וואָס פעלט דאָ אַזויפיל נאַטשאַלסטווע? פאַר מיר אַליין איז דאָ אויך ענג. דו, פאָלישטשוק, מאַך ניט קיין פּאַניק. ווער בעסער אַליין דער קאַפּיטאַן און פיר זייער שיף.

— גרייט צו אַ קאַטער! — האָט בערידזע באַפוילן.

פאָלישטשוק, וועלכער איז אין האַרץ געווען צופרידן, אַ פאַרבענק־טער פאַר דער צײַט פונעם ווינטער נאָכן וואַסער, איז אָן ווײַטערע דער־ווידערונגען געלאָפן און אויסגעפירט די פאַראָרדענונג.

גלײַך נאָך בערידזען און זײַנע באַגלייטער איז אַפן קאַטער אַרויפ־געגאַנגען קאָנדרין אין דער באַגלייטונג פון אַ סערזשאַנט, וועלכער האָט אים, דעם הויפּט־בוכהאַלטער, קאָנוואָירט. בעיס בערידזע האָט זיך וועגן עפעס פאַרשטענדיקט מיט פאָלישטשוקן, האָט קאָוושאָוו דערציילט טאַ־ניאַן און טאָפּאָליעוון, פאַרוואָס קאָנדרין איז אַרעסטירט געוואָרן. דער דאָזיקער מענטש האָט אויסבאַהאַלטן זײַן עמעסן פאַמיליע־נאָמען, און איינצײַטיק אויך אַלטע זינד, האָט זיך אײַנגעאָרדנט אַף דער אַרבעט מיט אַ פאַלשן דאָקומענט. דער מעכאַניקער סיעראָגין האָט, ווען ער איז געקומען צו זיך, אַלץ דערציילט פילימאָנאָוון. סיעראָגין האָט באַשולדיקט קאָנדרינען אין וועלן אים דערמאָרדן און אַז ער האָט אַ שײַכעס צו די פאַרפאַלן געוואָרענע צייכענונגען און די שפּונטן, וואָס מ׳האָט געפונען אין דער רערן־לייטונג. גלײַכצײַטיק האָבן די פאַרזיכערונג־אָרגאַנען אויפ־געדעקט אַף פילימאָנאָווס באַצירק אַ פאַרדעכטיקן מענטשן, וועלכער האָט אַף דער אויספאָרשונג דערקלערט, אַז ער האָט עס לויט קאָנדרינס אָנ־ווײַזונג צוגעגרייט דעם אומגליקס־פאַל מיטן מעכאַניקער.

— קאָנדרין האָט זיך מודע געווען אין די פאַרברעכנס? — האָט טאַניאַ געפרעגט, אַ קוק טוענדיק אַפן הויפּט־בוכהאַלטער מיט אַ פאַר־האַסטן בליק.

— ניין. דאָס איז, זאָגט מען, אַ געניטער פאַרברעכער מיט אַ רײַ־כער פאַרגאַנגענהייט.

ווי נאָר דער קאַטער איז אָפּגעשווומען פונעם ברעג, איז דער הויפּט־

אינזשעניער געאָרגי דאַווידאָוויטש פריילעכער געוואָרן. מער פון אַלץ אין דער וועלט האָט ער ניט ליב געהאַט צו פאַרשפעטיקן אָדער אָפצולייגן אַ באַשלאָסענע זאַך; ווען זי האָט זיך אָנגעהויבן, איז בערידזע דורכגענומען געוואָרן פון דער זיכערקייט, אַז זי וועט מיט דערפאָלג אויסגעפירט ווערן. זײַנע באַגלייטער האָט אויך געפרייט דאָס ענדערן די סוויווע, און אַפילע אַלעקסיי איז הייטערער געוואָרן, אַרויפקומענדיק אַפן באָרט פונעם קאַטער.

געאָרגי דאַווידאָוויטשן האָט אַלע יענע טעג באַאומרויִקט אַלעקסייס צושטאַנד. נאָך אַ צווייטאָגיקן וואַנדערן באַגאַנד מיט איוואַן לוקיטשן אין די וואַלד־געדיכטענישן איז קאָוושאָוו אַרויסגעקומען פון דער טײַגע מיט אַ גרויען קרויז אין די האָר, ווי ער וואָלט פאַרגליווערט געוואָרן אין אומגעשטערטער רויִקייט. בערידזע האָט פון אים ניט געהערט, ער זאָל זיך כאָטש מיט איין וואָרט פאַרקלאָגן, ווי אין זײַן לעבן וואָלט קיין שום וויטיקלעכס זיך ניט פאַרלאָפן.

דער דורכגוס איז געווען אומרויִק. די כוואַליעס, טונקעלע אונטערן פאַרכמאַרעטן הימל, האָבן לײַכט אונטערגעטראָגן דעם קאַטער און די שיטערע קריִעס אַרום אים. אַפן דעק זײַנען פון אַלע זײַטן אַרויפגעפלויגן שפריצן קאַלט וואַסער. דער ברעג פונעם אינדזל איז שנעל קלענער געוואָרן, דער ווײַטער ברעג פונעם קאָנטינענט איז געווען פאַרהוילן הינטער דער ווײַסקייט פון נעפל.

די פאַסאַזשירן זײַנען דורכגעפרוירן געוואָרן — דער ווינט אַפן וואַסער, אַ פײַכטער און שאַרפער, איז דורכגעדרונגען דורך די רעגן־מאַנטלען און דעם אָנטועכץ. טאַניאַ האָט געוויזן אַ בײַשפיל און איז אַראָפגעגאַנגען אונטן, נאָך איר זײַנען אַראָפגעגאַנגען בערידזע, אַלעקסיי און טאַפאַליעוו. אין דער קאַיוטע, וועלכע האָט געגלאַנצט מיט דער פריש־בלויער איילפאַרב פון די ווענט, סופיט און בענקלעך, איז געווען וואַרעם. אַלעקסיי האָט זיך געזעצט לעבן טאַניאַן, אַקעגן האָבן זיך אײַנגעאָרדנט בערידזע און טאַפאַליעוו.

— וואָס וואָלט יעדער פון אונדז געטאָן די ערשטע זאַך, ווען ער וואָלט זיך געפונען אין אַ שטאָטישער קולטור־סוויווע? — האָט בערידזע געפרעגט.

— מאַניקיר, — האָט טאַניאַ געענטפערט, באַטראַכטנדיק מיט ערגערניש אירע הענט. — די מאַניקירשע וואָלט זיך עס געבייזערט: וויפל אַרבעט ס'איז דאָס פאַראַן באַ די דאָזיקע לאַפעס! דערנאָך וואָלט איך געגאַנגען אין אַ שטוב, ווו מען קאָכט גוט, וואָלט דאָרט צו דער זעט אָפגעגעסן, ניט לייגנדיק קיין אַכט אַף די באַאומרויִקטע באַלעבאַטים. דערנאָך וואָלט איך געגאַנגען פון איין קינאָ אין אַנדערן אַף אַלע סעאַנסן.

— איך וואָלט זיך אַרויסגעלאָזט וואַנדערן איבער פאַרקן און בולוואַרן, זיך פאַשעט צוצוקוקן צו די שפאַצירנדיקע מענטשן, — האָט

קוזמאַ קוזמיטש געזאָגט. — איך וואָלט זיך געשפּיגלט אין מאַמעס מיט קינדער. איך האָב זיי שוין אַזוי לאַנג ניט געזען! אַפן גאַנצן אינדזל איז באַ אונדז געווען איין פרוי — טאַניאַ, נאָר זי ווערט ניט גענומען אין כעשבן: ניט קיין מאַמע, ניט קיין קינד.

בערידזע האָט זיך דערמאָנט:

— אומאַרע האָט מיר געזאָגט: „ווען כ׳וועל אָפּשווייסעווען די גאַנצע נאָפּטלייטונג, גיב אורלויב. כ׳על פאָרן קאַזאַן און דעם אייגענעם טאָג כאַסענע האָבן — מען קען ניט לעבן אַליין, נייטיק אַ פאַמיליע, נייטיק קינדער, כ׳וויל אַ באַקוועם, וואַרעם לעבן״.

טאַניאַ האָט געוואַרט וואָס ער וועט ווײַטער זאָגן, איר בליק האָט צעמישט בערידזען, און ער האָט זיך געווענדעט צו אַלעקסייען, וועלכער האָט געשוויגן פאַרזונקען אין געדאַנקען.

— און דו? צו וואָס וואָלסטו זיך אַ נעם געטאָן, זיך אומקערנדיק פון דער טײַגע?

— כ׳וואָלט זיך אײַנגעבעטן פאַר אַ קוואַרטיראַנט אין זאַלקינדס פרײַנטלעכן הויז, וואָלט פאַרנומען אַ ווינקל מיט אַ ווייכן דיוואַן און וואָלט ליגנדיקערהייט געלייענט איינס נאָך ס׳אַנדערע דיקע ביכער, וואָס באַשרײַבן פּאַסירונגען, ווי לעמאָשל „די דרײַ מושקעטערן״, — האָט אַלעקסיי אומעטיק אַרויסגעזאָגט זײַן פאַרלאַנג.

בערידזען האָט פאַרקלעמט דאָס האַרץ: „עלנטער, דיך וואָלט מען שוין באַדאַרפט אײַנאָרדענען אין אַ גוטער פאַמיליע, אונטער דער השגאָכע פון קלוגע, האַרציקע מענטשן — כאָטש אַף אַ וואָך״. נאָר געזאָגט האָט ער:

— לעבט זיך אַ מענטש אין נאָרמאַלע קולטור־באַדינגונגען און איז ניט צופרידן, קרימט זיך און וואָרטשעט, דאָס געפעלט אים ניט און יענץ טויג אים ניט. ערשט ווען ער פאַרברענגט אַ יאָר אין דער טײַגע אָדער אין דער אַרקטיק, הייבט ער אָן צו פאַרשטיין און טײַער האַלטן יעדע זאַך אין זײַן פאַרלאָזענער קוואַרטיר.

— ווען איר וועט זיך באַווײַזן אין שטאָט, וועט מען אײַך שיקן אַ רוף־מעלדונג פון דער פאַריקמאַכערײַ, — האָט טאַניאַ געזאָגט, קוקנדיק אַף זײַן באָרד. — מען וועט זאָגן: ווי אַ מענטשן דערעסט עס ניט צו טראָגן אַזאַ מאַסע!

— איך וועל אין קיין פאַריקמאַכערײַ ניט גיין. לויט דער סטאַטיסטיק זײַנען בלויז באַ דרײַ לײַט אַפן ווײַטן מיזרעך פאַראַן אַזעלכע בערד: באַ איינעם אַ זאָקן אַ פאַרטיזאַן, באַ אַ זיבעציקיעריקן וועכטער אין אַ רובעזשאַנסקער שפּיטאָל און באַ מיר. נאָכן טויט פון די זקיינים וועל איך פאַרבלײַבן דער איינציקער באַזיצער פון דער דאָזיקער שיינקייט.

דער שמועס איז אַרויף אַף געשעענישן, וואָס עלטערן פריצײַטיק דעם מענטשן.

— יעדער כוידעש מילכאָמע־צײַט איז גלײַך ווי עטלעכע יאָר, — האָט טאָפּאָליעוו באַמערקט. — אַ יונגערמאַן, וואָס איז הײַנט אַלט צוואַנציק יאָר, וועט זיך אין אַ יאָר אַרום אויסגלײַכן מיט אַ דרײַסיק־יעריקן רײַפן מאַנספּאַרשוין. איך האָב אײַנזינען, פאַרשטייט זיך, ניט בלויז די אויסערלעכקייט.

אַלעקסיי האָט דערפילט אַף זיך טאַניאַס פאַרשנדיקן בליק און איר געפרעגט:

— כ׳האָב זיך געעלטערט, עמעס? עפּעס האָבן זיך באַוויזן גרויע האָר, — ער האָט באַרירט דעם גרויען קרויז, וועלכער האָט זיך דײַטלעך אויסגעטיילט אַפילע פון זײַנע העלע האָר.

טאַניאַ האָט ניט אויסבאַהאַלטן דאָס, וואָס זי האָט געטראַכט וועגן אים.

— האָסט זיך געענדערט, אַליאָשאַ. די גרויע האָר — דאָס איז גאָרניט. פריִער, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן, ביסטו געווען ווי אַ הויז, וואָס אַלע זײַנע טירן־פענצטער זײַנען צעעפנט, און ערשט איז דאָס דאָזיקע הויז פאַרהאַקט אַרום און אַרום.

געאָרגי דאַווידאָוויטש האָט געוואָלט דערצו מוסיף זײַן: „ס׳טויג ניט, וואָס דו האָסט זיך אַזוי אין זיך אָפּגעשלאָסן, אַלעקסיי — אײנעם אַליין איז שווערער זיך אַן אײצע צו טאָן מיט לײַדן״ — און האָט זיך אײַנגעהאַלטן, ניט וועלנדיק אויפרודערן זײַן וווּנד.

זיי האָבן זיך פאַרוווּנדערט, וואָס זייער נעסיִע האָט זיך פאַרענדיקט אַזוי געשווינד: דער קאַטער האָט עטלעכע מאָל זיך פאַרטשעפּעט פאַר עפּעס מיט די באָרטן, ווײַזט אויס פאַר אַ ברעג־שטריק, און זיך אָפּגע־שטעלט. אַף די שטיגלעך, וואָס פירן אין דער הייך, איז זיי אַנטקעגנ־געקומען פּאָלישטשוק.

— אַן אומגליק איז אונדז געשען, כאַווער הויפּט־אינזשעניער, — האָט ער געזאָגט פאַרשולדיקט.

בערידזע האָט געהייסן טאַניאַן און טאָפּאָליעוון פאַרבלײַבן אין דער קאַיוטע, און אַליין איז ער מיט אַלעקסייען אַרויסגעגאַנגען אײַנדרויסן. דער ווינט האָט זיך פאַרשטאַרקט. דער קאַטער איז פאַרקלעמט געווען צווישן גרויסע קריִעס, וועלכע האָבן פאַרשפּאַרט דעם פאַרוואַטער.

—כ׳האָב געפּרוווט אויסמײַדן — איז גאָרניט אַרויסגעקומען. דאָס אײַז האָט אָנגעהויבן גיין געדיכט. כ׳האָב געוואָלט זיך אַריבערכאַפּן, געלאַווירט וויפל כ׳האָב געקענט. אַזאַ פאַרדרוס, פיר קילאָמעטער זײַנען פאַרבליבן צום ברעג, אַ קלייניקייט, — האָט גערעדט דער דערשלאָגענער פּאָלישטשוק.

— יאָ, אַ קלייניקייט, — האָט בערידזע דורכגעזייעט דורך די ציין, זיך אײַנקוקנדיק אין די פאַמעלעך פאַרבײַשווימענדיקע, ווײַטע, אומקלאָרע קאָנטורן פונעם ברעג.

— פּרובירט פונאַנדערצעשטופּן אַט יענע קריץ־געדיכטעניש, האָט בערידזע געהייסן פּאַלישטשוקן.

— כ'האָב שוין געפּרוווט.

— דאַרף מען פּרוּוון נאָכאַמאָל, — האָט אַלעקסיי געזאָגט און זיך פּאַראיייניקט צו די יונגען פון דער קאַטער־מאַנשאַפט. זיי האָבן זיך באַ־מיט אָפּצושטופּן מיט דרענגער די קריִעס פון די באָרטן.

פּאַלישטשוק איז געלאָפן צום מאַטאָרמאַן. אַלאַרמירנדיקע סירענע־פייפן האָבן מיט האָפענונגלאָזער רעגלמעסיקייט זיך געטראָגן איבערן דורכגוס. דער קאַטער האָט אַ ציטער געטאָן, אַטאַקירנדיק צווי גרויסע אייז־שטיקער, וועלכע האָבן אים באַלאַגערט פון דער פאַרנטיקער זייט.

— גיי אַראָפּ צום גרונט, ליבער פריינט, פּאַטער ניט אומזיסט די קויכעס, — האָט קאַנדרין, וועלכער איז דאָ געשטאַנען באַנאַנד מיטן סערזשאַנט, באַשלאָסן צו טרייבן שפּאַס. זעענדיק אַרום זיך באַהערשטע מענטשן, האָט ער ניט באַנומען די גאַנצע געפאַר פון דער לאַגע. — באַפעלט, כאָוער הויפּט־אינזשעניער, צו זינגען די פאַרן־טויט־טפילע.

— איר הערט בעסער אויף צו פּראָווען שטיק און פאַרמאַכט ביכ־לאַל דאָס מויל, — האָט אים בערידזע אָפּגעשניטן.

ער האָט זיך פעסט אָנגעכאַפּט פאַרן דרענגל, מיט וועלכן אַלעקסיי האָט זיך אָנגעזעצט אַף אַ קריִע, וועלכע איז געקראָכן אַפן קאַטער.

— איך קען זיך עס ניט מויכל זיין, אַליאָשאַ! איך האָב זיך צו־געאײַלט מיט דער דאָזיקער נסיִע און איך אַלע אַרײַנגעשלעפּט אין אַן אומגליק.

— שלאָג זיך מיט דער פויסט אין ברוסט וועט דיר לײַכטער ווערן, — האָט זיך אַלעקסיי אָפּגערופן, רויט ווערנדיק פון אָנשטרענגונג און שווער אָטעמענדיק.

— פאַרזיכטיקער! — האָט פּאַלישטשוק אַ געשריי געטאָן צו איי־נעם פון די מאַטראָסן, וועלכער האָט זיך שיר ניט אָפּגעריסן פונעם קאַ־טער. ער האָט באַטראַכט די אינזשעניערן, ווי ער וואָלט זיי אָפּגעשאַצט און מיט אַ טאָן פון באַפעל אַ זאָג געטאָן: מיר וועלן אַרבעטן לויט אַ ריי, אַניט וועלן מיר פון די פיס פאַלן. גייט איר דערווײַל אין דער קאַיוטע. איך וועל רופן, ווען עס וועט נייטיק זיין. איר, כאָווער סערזשאַנט, העלפט אונדז צו.

— איך הער! — האָט זיך יענער אָפּגערופן און באַפוילן קאַנדרי־נען: — נעמט אָקערשט יענץ דרענגל...

ערשט האָט מען אין דער קאַיוטע געהערט, ווי דער ווינט האָט געוואָיעט, און דאָס אייז האָט געפּלאַצט. די סירענע האָט זיך געריסן מיט האָפּסאָקעס. דער מאָטאָר איז אַט שטיל געוואָרן, אַט ווידער אָנגע־הויבן צו קלאַפּן, און דעמלט האָט דער קאַטער אײַנגאַנצן געציטערט.

— וואָס האָט איר זיך אָנגעכמורעט? ס'איז קיין געפאַר ניט. מיר

וועלן אַ ביסל כאַפּן אַ שפּאַציר אַף אַ זײַט, אַ גרויסער אומגליק, — האָט בערידזע געזאָגט, אַ בליק טוענדיק מיט די ציין.

געאָרגי דאַווידאָוויטש איז געזעסן קעגנאיבער טאַניאַן. דאָס מיידל האָט, זיך שוין ניט אויסבאַהאַלטנדיק, אָן אויפהער געקוקט אַף אים.

— וואָס פאַראַ אויגן איר האָט! — האָט בערידזע ניט געקענט פאַרבאָרגן זײַן פאַרוואונדערונג. ס'איז אים ליכטיק געוואָרן אַף דער נעשאָמע פון איר בליק.

— וואָס פאַראַ?

— עפּעס, ווי זיי וואָלטן גערעדט... ס'איז שווער אויסצודריקן. מען קען אין זיי זען, וואָס איר טראַכט.

— ס'איז גוט, וואָס זיי האָבן זיך אַרויסגעזאָגט אַנשטאָט מיר.

— וועגן דײַנע אויגן, טאַטיאַנאַ, האָט הײַנע אַזוי געזאָגט, — האָט זיך טאָפּאָליעוו אַרײַנגעמישט אין שמועס: — „צי האָט זי גרויסע אויגן? ווי קען איך דען דאָס וויסן? צי דען קען מען באַשטימען דעם קאַליבר פון אַ וואָפן, ווען זי איז אָנגעשטעלט אַף דיר, דיר צו טרעפן מיט אַ קויל?".

טאַניאַ און בערידזע האָבן זיך צעלאַכט. אַלעקסיי האָט מיט סימפּאַטיע און אומעט געקוקט אַף זיי און זיך אײַנגעהערט אין דעם, וואָס ס'איז פאָרגעקומען פון אויבן.

— לאָמיר זיך דערציילן פאַרשיידענע געשיכטעס, — האָט פאָרגעשלאָגן בערידזע. — אָדער לייזן אייביקע פּראָבלעמען. ביז מיר וועלן זיך דערשלאָגן צום ברעג — וועלן מיר באַווײַזן צו לייזן אַלע פּראָבלעמען.

— וועלכע, לעמאָשל? — האָט זיך טאַניאַ פאַראינטערעסירט.

— מאַלע וועלכע! פּראָבלעמען פון ליבע, לעבן, טויט. וואָסער געפיל איז, לויט אײַער מיינונג, דאָס שטאַרקסטע אינעם מענטשן?

— אַף געוויס ליבע, — האָט זיך טאַניאַ אַרויסגעזאָגט.

— אויב איר ווילט, וועל איך דערווײַזן, אַז דאָס סאַמע איקערדיקסטע, וואָס מאַכט אַלץ צו זיך אונטערטעניק — דאָס איז דער מאָגן־געפיל. איך קען אײַך דערציילן אַ געוויסע איבערצײַגנדיקע געשיכטע.

בערידזע האָט דאָס פאָרגעלייגט מיט אַן ערנסטן בליק, נאָר טאַניאַ האָט צווייפלענדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ, זיך אָנשטויסנדיק, אַז ס'וועט קומען אַ שפּאַס. טאָפּאָליעוו האָט זיך פּלוצים שטיל און עפּעס האַרציק צעלאַכט.

— פון וואָס לאַכט איר, קוזמאַ קוזמיטש? — האָט טאַניאַ געפרעגט. — איר קענט די דאָזיקע מאָגן־געשיכטע?

— ניין, איך קען זי ניט. איך האָב צוגעמאַכט די אויגן און מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז מיר זיצן אין אַ היימלעך צימער בײַ אַ גלעזל טיי אָוונטצײַט.

— ס׳איז ענלעך דערויף, — האָט טאַניאַ באַשטעטיקט מיט אַ שמייכעלע. — אוונטצײַט באַ אַ גלעזל טיי דערציילן עלטערע מענטשן פאַר יינגערע די געשיכטע פון זייער טונקעלער פאַרגאַנגענהייט. געאָרגי דאַווידאָוויטש וועט דערציילן וועגן דעם ביצאַכן פונעם מאַגן איבערן האַרצן, און דערנאָך וועט קומען אײַער ריי.

בערידזע האָט גאַרניט באַוויזן צו דערציילן. דורכן ליוק, וואָס האָט זיך אומדערוואַרט אויפגעעפנט, זײַנען אַרײַנגעפלויגן וואַסער־שפּריצן. פון אויבן האָט אַרײַנגעקוקט פאַלישטשוק:

— איך בעט טוישן די מאַנשאַפט. כאַוועך טאָפּאָליעוו און טאַטיאַנאַ פעטראָוונאַ זאָלן בעסער בלײַבן רויק אַף די ערטער.

ווען קוזמאַ קוזמיטש איז געבליבן אַליין מיט טאַניאַן, האָט ער זי פאַטערלעך צוגעצויגן צו זיך.

— דו שרעקסט זיך, טאָכטער?

— ניין, קוזמאַ קוזמיטש. איך האָב זיך אין דער טײַגע צו אַלץ צוגעוווינט. ווען ס׳איז געווען באַזונדערס שווער, האָב איך אַ טראַכט געטאָן: אַף דער מילכאָמע איז דער טויט קעסיידער איבערן קאָפּ. איצטער פיל איך ניט קיין רעאַלע סאַקאָנע, ווײַל איך בין מיט אײַך, געאָרגי דאַווידאָוויטשן און אַלעקסייען. אין אַזאַ קאָמפּאַניע איז ניט מעגלעך זיך אָפּצולאָזן. פאַרקערט, עס גלוסט זיך העלפן אײַנצוהאַלטן דעם מוט.

— ס׳איז ניט אָנגענעם צו שפּירן די אייגענע אומבאַהאָלפנקייט, — האָט דער אַלטער אָפּגעזיפצט. — אָט זיך און וואַרט: עפּשער וועט געשען אַ נעס.

— ניט געזאָרגט, קוזמאַ קוזמיטש, דער נעס וועט געשען, — האָט שוין איצט טאַניאַ באַרויקט טאָפּאָליעוון, האַגאַם ער האָט זיך באַומרויקט ניט צוליב זיך.

איבערן הימל האָבן זיך געקנוילט פינצטערע וואָלקנס. דער דורכגוס האָט געברויזט מיט אַ ווײַסן שוים, און דורך אים האָבן זיך קימאַט ניט אַרויסגעזען די קרײַעס, וועלכע האָבן פאַרשפּאַרט דעם קאַטער. פאַלישטשוקס מאַנשאַפט האָט זיך אָפּגערוט, וואַרעמענדיק זיך אין דעם מאַטאָר־צימער. ער אַליין איז אָן איבעררײַס געשטאַנען אַף דעם וואַך־פּאָסטן. לויט זײַנע סיגנאַלן האָבן די אינזשעניערן און קאָנדרין, אַרבעטנדיק מיט די דרענגלעך, דאָ אַף איין אָרט, דאָ אַף אַ צווייטן, זיך באַמיט אָפּצושטויסן די אָנגרײַפנדיקע קרײַעס. אָפּן דעק איז שווער געווען אײַנצושטיין. דער ווינט האָט אַרויסגעריסן די שווערע דרענגלעך פון די הענט און געדראָט אַראָפּצושלעפּן די מענטשן אין טהאָם אַרײַן. דער קאַטער האָט זיך, ווי אַ שאָלעכץ, פּלוצים אויפגעהויבן אַף אַ קאַם פון אַ וואַסער־באַרג, ווער ווייס פון וואַנען זיך גענומען, און מיט אימפּעט געטאָן אַ פאַל אַראָפּ, צום טהאָם.

— היט זיך! — האָט געוואָרנט פאַלישטשוק, צופאַלנדיק צום באָרט

אַ וואַסער־שטראָם איז אַריבער איבערן קאַטער. פּאַלישטשוק האָט זיך אויסגעגלײַכט און אָנגעשטעלט דאָס דרענגל. די אינזשעניערן און דער סערזשאַנט האָבן אויך אומדערמידלעך געאַרבעט מיט די דרענגלעך. פּאַלישטשוקס בליק איז ווידער געפאַלן אָף קאָנדרינען: דער בוכהאַלטער האָט אַרויסגעלאָזט דאָס דרענגל און זיך געהאַלטן קראַמפּהאַפטיק פאַרן פּאַרענטש.

— גייט אַוועק פונדאַנען! צום טײַוול! — האָט פּאַלישטשוק בייז אַ געשריי געטאָן.

— כאַווער בערידזע, דערלויבט אים אין דער קאַיוטע, — האָט זיך דער סערזשאַנט געוואָנדן, אָגוועזנדיק אָף קאָנדרינען. — ער שטערט דאָ, ס׳איבלט צו קוקן אָף אים.

— גוט, — האָט בערידזע מאַסקים געווען.

— גייט אַראָפּ אין דער קאַיוטע! — האָט דער סערזשאַנט באַפוילן.

יענער האָט גערן געפאָלגט און פאַמעלעך און פאָרזיכטיק אָנגעהויבן זיך אַראָפּלאָזן אינעם ליוק.

— וואָס וועט איר מיט אים טאָן, אויב ס׳וועט אויסקומען איבערצולאָזן דעם קאַטער? — האָט קאַוושאַוו געפרעגט.

— איך וועל אים שווימענדיק צושטעלן אָפן ברעג, אָף וויפל עס וועט מעגלעך זײַן. כאַווער פּאַלישטשוק וועט מיר געבן אַ מאַטראַס צו הילף.

— דער ווינט קען אונדז אַרויסראַטעווען פונעם אַפּז! — האָט פּאַלישטשוק געזאָגט מיט זיכערקייט. — ס׳זאָל זיך נאָר קיין שטורעם ניט צעשפּילן.

אַלעקסיי און בערידזע, טאָפּענדיק, אויפגערעגטע און דורכגענעצטע, האָבן זיך אומגעקערט אין דער קאַיוטע. פון זייערע אַלצאיינע גומענע רעגן־מאַנטלען איז שטראָמלעכווײַז אַראָפּגערונען דאָס וואַסער אָף דער פּאָדלאָגע.

— ווי איר ביידע זײַט פאַרשיידענע און ענלעכע! — האָט זיך טאַניאַ אַרויסגעכאַפּט, אויפריכטיק שטאַלצירנדיק מיט זיי. ס׳האָט זיך איר פון גאַנצן האַרצן געוואָלט זיי זאָגן עפּעס אַ גוט וואָרט.

די אינזשעניערן האָבן זיך קעגנזײַטיק באַטראַכט און זיך געזעצט לעבן אייגאַנדער. קאָנדרין האָט זיך אײַנגעאָרדנט אָף די שטיגן, נעבנטער צום אַרויסגאַנג. ער איז געווען איבערגעשראָקן, דערשלאָגן און ער האָט עס ניט פאַרבאָרגן.

— מיט וואָס־זשע זײַנען מיר ענלעך? — האָט בערידזע געפרעגט מילד, ניט אַוועקנעמענדיק די אויגן פונעם מיידל. דאָס קאַפּטיכל, וואָס זי האָט אַרויפגעכאַפּט, האָט איר עפּעס אָף אַ נײַעם שטייגער שיין געמאַכט.

— איינער אַ באַקענטער מאַטראָס האָט מיר דערציילט אין רובע־

זשאַנסק וועגן אַן עמעסן שיפסברוך. — טאַניאַ האָט אַקצענטירט דאָס וואָרט „אַן עמעסן". — אַף דעם אַכאַטסקי־יאַם האָט אַ שטורעם אַנגעיאָגט אונדזערע אַ קליינע שיף. פונעם גאַנצן עקיפּאַזש האָבן זיך געראַטעוועט בלויז דרײַ...

טאַניאַ האָט אויפמערקזאַם באַאָבאַכטעט די מיטרײַזנדער. אַלעקסיי איז פולשטענדיק רויק, אַפילע גלײַכגילטיק צו דעם, וואָס קומט פאָר. טאָפּאָליעוו שמייכלט צו זײַנע געדאַנקען, אויסגלײַכנדיק די וואָנצעס. קאָנדרין קוקט זיך אַרום מיט אַזאַ בליק, ווי ער דערוואַרט, אַז באַלד־באַלד וועט דאָס קאַיוטעלע צעקוועטשט ווערן. און בערידזע קוקט מיט שטיפערישע אויגן אַפן שילדל „ניט רייכערן" און דערלאַנגט איר, אַליין פאַררייכערנדיק, אַ פּאַפּיראָס. טאַניאַ פאַררייכערט אומגעשיקט באַ זײַן פּאַפּיראָס, דערנענטערנדיק איר פּאָנעם צו זײַנעם. פון אויבן שיסט פּאָלישטשוק ווידעראַמאָל... דער מאָטאָר קלאַפּט נערוועז...

— אונדזער שיפל סקריפּעט, מען קען מיינען, אַז זײַנע באָרטן האָבן ניט קיין שום אײַזן־באַשלאַג, — האָט בערידזע געזאָגט.

טאַניאַ האָט זיך צעלאַכט און פאַרהוסט, זיך פאַרכלינענדיק מיטן רויך.

— איר זאָלט קיינמאָל קיין ליגן ניט זאָגן, געאָרגי דאַווידאָוויטש, אײַער ליגט שוין צופיל אויבנאויף. דאָס שיפל סקריפּעט נעמלעך דערפאַר, וואָס זײַנע באָרטן האָבן ניט קיין שום אײַזן־באַשלאַג.

— איר האָט דערציילט וועגן אַן עמעסן שיפסברוך, — האָט קוזמאַ קוזמיטש דערמאָנט.

— זיי האָבן געקעמפט פאַרן לעבן, אָבער אַן פאַכעד פאַרן טויט. יענער, וואָס האָט מיר דערציילט די געשיכטע — דאָס איז געווען איינער פון די דרײַ, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט, — האָט געזאָגט אַ פראַזע, וואָס האָט מיך איבערראַשט: „אויב אַ מענטשן דראָט אַ סאַקאָנע, אַפילע דער טויט, און ער ווייס עס, דאַרף ער אַרײַננעמען דעם ווילן אין פויסט אַרײַן און פאַר גאָרנישט ניט מוירע האָבן. דעמאָלט וועט אים אַלץ, וואָס איז אים אין לעבן טײַער, העלפן צו פאַרבלײַבן פעסט און שטאַרק. ער וועט ניט פאַרלירן די מענטשלעכע כשיוועס אין דער לעצטער מינוט און שטאַרבן מיט ערע".

קאָנדרין האָט זיך מיט אומעטיקן צווייפל אויסגעדרייט צו טאַניאַן.

— אַ כוואַט, צום טײַוול! — האָט קוזמאַ קוזמיטש אַ כריפּע געטאָן. ער האָט באַוויזן זיך צוצוקילן, בעייס ער איז געשטאַנען אַפן דעק. ס'האָט אים אַנטציקט דעם מיידלס העלדנמוט, וועלכע האָט זיך באַמיט צו דערמוטיקן זיי, די מענער.

— דאָס איז נאַרישקייט און שטוס! — האָט קאָנדרין געלאָזט הערן זײַן סקריפּענדיקע שטים.

ער האָט זיך מיט די קליינע רויט־געוואָרענע אייגלעך אַרומגעקוקט

אַף די מיטרײַזנדיקע. זיי האָבן זיך אַף אים ניט אומגעקוקט, ווי ער וואָלט דאָ ניט געווען. בלויז טאַניאַ האָט זיך ניט אײַנגעהאַלטן.

— וואָס איז נאַרישקייט און שטוס ? — האָט זי אַ פרעג געטאָן.

— אַלץ, וואָס איר, די ערלעכע קאָמפּאַניע, פּלוידערט דאָ. אַזעלכע שיינע זאַכן זײַנען אין לעבן ניט פאַראַנען. יעדן איז טײַער זײַן פעל, און אַלע האָבן מוירע פאַרן טויט. איר ווילט דאָך אויך ניט דערטרונקען ווערן ! דערווײַל זײַט איר נאָך ליבלעכע פרײַנט־כאַווײרים דערפאַר, ווײַל איר האָפט זיך צו ראַטעווען. אָבער ווען די צײַט וועט קומען, וועט איר איינער דעם צווייטן דעם גאָרגל איבערבײַסן פאַר אַ רעטונגס־גאַרטל.

טאַניאַן האָט די דאָזיקע פלוצימדיקע אַרויסטרעטונג איבעררײַשט סײַ מיטן זין פונעם געזאָגטן, סײַ, נאָך מער, מיטן טאָן — אַ בייזער און איבערצײַגטער. זי האָט מיט פאַראַכטונג אַ קוק געטאָן אַף אים, און ער האָט איר בליק ניט אויסגעהאַלטן.

— קיינער פון אונדז קלײַבט זיך ניט צו בײַסן איינער דעם אַנדערן, — האָט זי געזאָגט. — פאַרקערט, מיר וועלן צופרידן זײַן צו דערלאַנגען איינער דעם צווייטן די האַנט צו הילף, ס׳איז שלעכט מיט אײַך, אויב איר דענקט אַזוי. דאָס הייסט, אַז איר זײַט גרייט צוצונעמען בײַ אַ כאַווער דעם רעטונגס־גאַרטל.

קאָנדרין האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר ס׳האָט אים איבערגעשראָקן דער שטויס, פון וועלכן דער קאַטער האָט זיך אַף אַן אויגנבליק אויסגעבויגן אַף אַ זײַט. דאָס רעווען פונעם ווינט איז שטאַרקער געוואָרן.

— אַ שטורעם, כאַווײרים, — האָט בערידזע אַ זאָג געטאָן.

ס׳האָט ווידעראַמאָל אַ טרייסל געטאָן דעם קאַטער. טאַניאַ און אַלעקסיי האָבן זיך ניט אײַנגעהאַלטן אַף זייערע ערטער. דאָס מיידל איז געפאַלן אַף דער ברוסט בערידזען, וואָס איז געזעסן אַנטקעגן, אַלעקסיי אַף טאָפּאָליעוון. בערידזע האָט זיך ניט באַהערשט און טאַניאַן אַ קוש געטאָן. קוזמאַ קוזמיטש האָט אַ מורמל געטאָן אַלעקסייען אַפן אויער:

— כ׳בין גרייט אַוועקצוגעבן מײַן אַלט לעבן, אַבי נאָר דו, מײַן פרײַנט, זאָלסט לעבן בלײַבן.

דער דאָזיקער עפּיזאָד, וועלכן קאָנדרין האָט ניט באַמערקט, האָט צערודערט אַלע איבעריקע פּאַסאַזשירן. גויווער געווען איר פאַרלעגנהייט, האָט טאַניאַ אַ בעט געטאָן טאָפּאָליעוון:

— דערציילט עפּעס וואָס, קוזמאַ קוזמיטש.

— וואָס נעמלעך ?

— נו, כאָטשבי... וועגן דער ערשטער ליבע דערציילט.

— דאָס איז פאַר מיר אַ שווער לייענען. ס׳האָבן זיך בײַ מיר אויסגעוועפּט אַלע זיכרוינעס. און איך געדענק שוין ניט, צי איז גאָר געווען בײַ מיר אַן ערשטע ליבע ? — דער אַלטער האָט גערעדט שפּאַסיק, זײַנע אויגן האָבן געפינקלט. — די לאַנגע יאָרן לעבן האָבן אַלץ אויסגעקערט

פונעם זיקאָרן. דאָס איז ווי אַ גרויסע עקספּלאָזיע אין אַ וואַלד: עס זײַנען געשטאַנען ביימער, ט׳האָבן געזונגען פייגל, און פלוצים האָט זיך די מענטשן פאַרגלוסט אַן עקספּלאָזיע. און אָט איז שוין קיין שום וואַלד ניט פאַראַן, עס שטאַרצן אַרויס פון דער ערד בלויז טויטע שטאַמען. אויך אין בין — ווי אַ טויטער שטאַם פון אַ בוים, וואָס איז אַמאָל גרין געווען.

בערידזע האָט אַ קוק געטאָן אַף קאָוושאָוון — יענער האָט אים פאַרשטאַנען אָן ווערטער. די אינזשעניערן האָבן זיך אויפגעהויבן אַף די שטיגלעך, — מיט אַנשטרענגונג אויפגעריסן דעם ליוק. דאָס קראַכען פונעם שטורעם האָט זיך אַרײַנגעריסן אין דער קאַיוטע. אויך קאַנדרין האָט געשטעלט צוויי טריט אַף די שטיגלעך. ס׳האָט אַף אים אַ גאָס געטאָן זיד־וואַסער. פונקט איבערן קאָפּ האָט זיך מיט אַ טראַסק פאַרקלאַפּט דאָס דעקל. דער בוכהאַלטער האָט זיך געשווינד אומגעקערט. טאַניאַ האָט אים מיט אַ שמייכל אָבסערווירט.

בערידזע און אַלעקסיי האָבן זיך ווי ס׳איז דערקליבן צו פאַליש־טשוקן. מיט אַ פינצטער בלוי־בלייך פּאָנעם האָט ער אָפּגעהאַקט געשריגן צו די אינזשעניערן:

— פונדעסטוועגן צי איך צו צום ברעג! מען זאָל זיך נאָר נאָך אַ ביסל ד׳ערהאַלטן!... דער מאָטאָר וויל ניט אַרבעטן! נאָר פון גע־פאַנגענשאַפט האָבן מיר זיך אַרויסגעריסן! מיר וועלן זיך אָן קיין באָד ניט אַרויסדרייען!... גרייט צו דעם אַלטן און טאַניאַן! איבעריק אָנ־טועכץ אַראָפּוואַרפן! נעמט רעטונגס־גאַרטלען!

אין דער קאַיוטע האָט עס אַזוי געשאָקלט און געטרייסלט, אַז ס׳איז שווער געווען אײַנצוזיצן, אַפילע אָנהאַלטנדיק זיך מיט ביידע הענט. און פונדעסטוועגן האָבן זיך די ווענט פון דער קאַיוטע אויסגעוויזן די אינ־זשעניערן ווי אַ באַשיצונג פאַרן שטורעם. אַזוי דערזעט זײַן רעטונג פאַר די שניי־וויכערס אַ וואַנדערער, אַנגעיאָגט פון אַ שניי־שטורעם, אין אַ שאַלאַש, וואָס ער האָט צופעליק אַנגעטראָפן. בערידזע האָט זיך מיטן בליק באַגעגנט מיט טאַניאַן און צו איר אַ שמייכל געטאָן.

— קומט, פרײַנט, לאָמיר אַרויסגיין פונדאַנען, — האָט אַלעקסיי רויק אַ זאָג געטאָן און אָנגעהויבן אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם מאַנטל און די קורטקע.

— נעמט דערווײַל אַף יעדן פאַל, — האָט בערידזע דערלאַנגט טאַניאַן און טאָפּאָליעוון רעטונגס־גאַרטלען.

— נו, און איך דאַרף אומקומען?! גיט מיר אויך אַ רעטונגס־גאַרטל! — האָט מיט אַ דינער שטים אַ געשריי געטאָן קאַנדרין פון די שטיגלעך.

— גייט אַרויף אַפן דעק, וועט דער סערזשאַנט געבן, — האָט זיך בערידזע מיט עקל אַוועקגעקערט פון קאַנדרינען.

דער בוכהאַלטער האָט קלאַפּנדיק מיט די פּיס גענומען לויפן אַרויף מיט די שטיגלעך. אין דעם אָפענעם ליוק האָט געשמיסן דאָס וואַסער.

— און איר ? — האָט אַלעקסיי געפרעגט טאָפּאָליעוון. דער אַלטער האָט זיך ניט געאײַלט אַראָפּצוציִען די אייבערשטע קליידונג.

— מיך נעמט ניט אַרײַן אין כעשבן, אַליאָשאַ. איר דאַרפט שפּאָרן די קויכעס, און אייסעקן זיך מיט מיר איז ניטאָ וואָס.

— הערט אויף, קוזמאַ קוזמיטש ! — האָט טאַניאַ אַ געשריי געטאָן מיט ווייטיק. — ווי שעמט איר זיך ניט.

— איך שווים אויסגעצייכנט, — האָט בערידזע דערקלערט. — דו, אַליאָשאַ, וועסט אונטערהעלפן קוזמאַ קוזמיטשן. אונדזערע מאַטראַסן וועלן העלפן טאַניאַן.

— מיר העלפן איז ניט נייטיק, געאָרגי דאַווידאָוויטש, איך בין אויסגעוואַקסן אַפן אַדון און שווים ווי אַ פיש.

— און דו גאָר אונדז ניט אָפּ, געאָרגי. איך ווייס ווי דו שווימסט, — האָט אַלעקסיי געזאָגט אַנגעכמורעט.

ער האָט, ווי פון אַ קינד, אַראָפּגענומען פון טאָפּאָליעוון דעם פּאַלטאָ. אַלעקסייס ווערטער האָבן צערודערט טאַניאַן. זי האָט בעטנדיק אַף אים אַ קוק געטאָן. פאַרשטאַנען איר בליק, האָט ער צו איר אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

ס׳האָט אַזאַ טרייסל געטאָן דעם קאַטער, אַז זיי זײַנען אומגעפאַלן. ס׳האָט זיך דערהערט אַ הילכיקער טראַסק, ווי דאָס שיפל וואָלט זיך צעבראָכן אַף צווייען. זיי האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צום אַרויסגאַנג. אין דעם ליוק האָט זיך באַוויזן דאָס פּנעם פון איינעם פון די מאַטראָסן.

— גייט אַרויס ! שנעלער ! — האָט ער אַ געשריי געטאָן.

אַלעקסיי האָט אַ כאַפּ געטאָן די רעטונגס־גאַרטלען, איינעם אַנגעטאָן טאָפּאָליעוון, דעם צווייטן טאַניאַן. דאָס מיידל איז אַף אַ רעגע צוגעפאַלן צו אַלעקסייען.

— אַליאָשאַ, ראַטעוועט בערידזען, — האָט זי אַ שעפּטשע געטאָן, אים שטאַרק קושנדיק.

און זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו געאָרגי דאַווידאָוויטשן, זיך צו געזעגענען מיט אים. אַלעקסיי האָט אַ כאַפּ געטאָן קוזמאַ קוזמיטשן און געקראָכן אַרויף מיט די זיך שאָקלענדיקע שטיגן. זיי זײַנען אַרויסגעשפּרונגען אַפן דעק. דער רעווענדיעקר ווינט האָט זיך אין זיי אײַנגעקלאַמערט. אין דעם מעטורעפן ווילדעווען פון דער סטיכיִע איז שווער געווען טויפעס צו זײַן, ווו ס׳איז דער הימל, ווו דער ברעג, ווו דער דורכגוס. אַלץ האָט זיך צוזאַמענגעמישט. דער קאַטער איז אַט פאַרגליווערט געוואָרן, אַט זיך אַ לאָז געטאָן פאַרויס.

— דער מאָטאָר אַרבעט לאַכלוטן ניט ! — האָט פּאַלישטשוק צוגעוואָרפן געאָרגי דאַווידאָוויטשן. — מען מוז זיך וואַרפן אין וואַסער.

אין דער מעהומע האָט אַלעקסיי דערזען קאָנדרינען. מיט אַ צע־קרימט פּנעם פון איימע האָט זיך דער בוכהאַלטער געהאַלטן מיט ביידע הענט פאַרן באַריער פון דער בודקע פון דער מאַשין־אָפּטיילונג. דאָרט איז געווען אַ רעטונגס־גאַרטל. דערזען אַזעלכן אַף טאַניאַן האָט ער זיך פאַר אים אָנגעכאַפּט מיט איין האַנט און אַ צי געטאָן צו זיך.

— אַוועק! — האָט אים דער סערזשאַנט אָפּגעריסן.

— איר מיט דער כעוורע ראַטעוועט טאַניאַן מיט טאָפּאָליעוון. איך נעם אַף זיך געאָרגי דאַווידאָוויטשן, — האָט זיך אַלעקסיי שנעל אָפּגע־רעדט מיט פּאָלישטשוקן.

דער קאַטער האָט זיך אַ וואַלגער געטאָן אַף אַ זייט. ס'האָט אים ווידער אַ שליידער געטאָן אַ כוואַליע.

— פאַרלאָזן דעם קאַטער! — האָט אַ רעווע געטאָן פּאָלישטשוק.

— שפּרינג, נעווילע! — האָט דער סערזשאַנט אַ שטופּ געטאָן קאָנדרינען, וועלכע איז געפּלעפּט געוואָרן פון שרעק.

אַלעקסיי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אין טהאָם, מיטשלעפּנדיק מיט זיך בערידזען. פון דעם אייזיקן וואַסער האָט זיך דאָס האַרץ איינגע־שרומפּן. אַלעקסיי האָט געשפּירט, ווי בערידזע וואַרפט זיך אין זיינע הענט, שטערנדיק אים אַרויפצושווימען אַף דער אויבערפלאַך. ער האָט אים אין דעם וואַסער אַ שטאַרקן ריס געטאָן פאַר די האָר, און געאָרגי דאַווידאָוויטש האָט זיך איינגעשטילט, באַנעמענדיק, וואָס אַלעקסיי פאַר־לאַנגט פון אים. און ס'האָט זיי גלייך אַרויסגעשטויסן אין דער הייך.

— לאָמיר שווימען אַהין, דאָרט איז דער ברעג! — האָט אַלעקסיי אָנגעוויזן, אונטערהאַלטנדיק בערידזען.

מ'האָט געקאָנט ניט געזען: ניט דעם קאַטער, ניט די כאַווירים. די כוואַליעס האָבן זיך, ווי כאַיעס, געוואָרפן אַף זיי, זיי אויפגעהויבן צום הימל, געשליידערט אַראָפּ, אַריבער איבער זייערע קעפּ.

בערידזע האָט זיך דענערווירט, געדרייט מיטן קאָפּ און אַלץ זיך גע־פּרווט אַ געשריי צו טאָן, נאָר בלויז זיך פאַרכליבעט מיט וואַסער.

— רויק, געאָרגי! שאַנעווע די קויכעס! — האָט אַלעקסיי געשריגן, און אַליין געשפּירט, ווי ס'פרירן די מוסקולן, און זיך באַמיט ניט אַריינ־צופאַלן אין פאַרצווייפלונג.

קאַפּיטל צען

אַ מײַסעלע וועגן העלדן

אַלעקסייען כאַלעמט זיך: דער נאַנײַער וואָלאָדקע כאַדזשער זינגט — דערציילט זײַנע לידער־מײַסעלעך. די שטימע פונעם דערציילער, אַ מיידלשע דינע און ווייכע, הענגט סאַמע איבערן אויער, נאָר וויפל קאַוו־שאָוו באַמיט זיך ניט, קען ער וואָלאָדקען ניט דערזען.

ווי סוידעסדיק דאָס אַלץ קומט פאָר! גלײַכצײַטיק מיט די ווערטער טער באַווײַזן זיך די בילדער פונעם מײַסעלע, וועלכע טוישן זיך געשווינד און, וואָס איז גאָר וואונדערלעך, ער גופא באַטייליקט זיך אין דעם.

דאָס ערשטע מײַסעלע איז וועגן אַ סנײַפּער אַ ניווך פונעם יישעוו מילוואָ באַם דזשאַגדינסקער דורכגוס.

„...מאַקאַר האָט זיך אויסגעלערנט גוט צו שיסן, אוי, גוט. דער זיי־דע ניבעלקע האָט אים אויסגעלערנט. אין דער טײַגע אַף יאַגד האָט מאַ־קאַר אַ וועוריק אין אויג אַרײַנגעטראָפן — אַט סאַראַ גוטער צילעוווער ער איז! און דאָס איז אים אָפן פראַנט צונוץ געקומען: פון מאַקאַרס ערשטן שאָס איז אַ פאַשיסט אַנידערגעפאַלן מיט אַ לעכעלע אין שטערן.

אַ פאַשיסט איז געפאַלן און מאַקאַר האָט אַרײַנגעלייגט נאָך אַ שווע־בעלע אינעם פושקעלע. ווען ס'האָט זיך אַ פול פושקעלע אָנגעקליבן, האָט עס מאַקאַר אָוועקגעשיקט צום זיידן גיבעלקע אַפן ווײַטן מיזרעך.

די שלאַכטלײַט, מאַקאַרס כאַווײַרים, האָבן געלאַכט: צו וואָס שיקט מאַקאַר שוועבעלעך?

— עי, פרײַנט, ניט שוין־זשע האָסטו ניט קיין שענערע מאַטאָנע? אַ געמיין פעקל שיקסטו אַהיים.

מאַקאַר האָט ניט געלאַכט. מיר קענען דאָך אונדזער מאַקאַרן — ער לאַכט קיינמאָל ניט, אַפילע ייִנגלווײַז איז ער געווען ערנסט, ווי אַן אַלטער.

— אין דער היים האָט מען גערן צו דערהאַלטן מײַנע פעקלעך. איך האָב אַ זיידן גיבעלקע, ער האָט אין קיין שול ניט געלערנט, ער פאַר־

שטייט ניט קיין ציפערן, אים איז לײַכטער צו כעשבענען אַף שוועבעלעך,
— אַזוי האָט מאַקאַר געענטפערט די כאַווירים.

— אויב אַזוי נעם נאָך אונדזערע אַ צענדליק פושקעלעך, זאָל זיך דײַן זיידע כעשבענען געזונטערהייט.

— אײַערע דאַרף איך ניט פונדעסטוועגן. כ׳האָב דעם זיידן גיבעלקע אַ וואָרט געגעבן — שיקן בלויז אייגענע שוועבעלעך.

מאַקאַרס מאַטאַנע איז אָנגעקומען אינעם יישעוו מילוואָ. האָט זיך גיבעלקע דערפרייט, אַלע שוועבעלעך איבערגעציילט, קיין איינס ניט דורכגעלאָזט, קיין איינס ניט אַראָפּגעלאָזט. צוריק אין פושקעלע אַרײַנגעלייגט און באַהאַלטן. מ׳האָט געזען, באַם זיידן אין דער פאַנזע הענגט מאַקאַרס פּאָרטרעט אויסגעשניטן פון אַ צײַטונג; לעבן אים ליגן שוין דרײַ פושקעלעך. אין יעדן פושקעלע פופציק שוועבעלעך, צוזאַמען הונדערט פופציק שוועבעלעך — הייסט עס הונדערט פופציק פאַשיסטן פון דער וועלט אָוועקגערוימט. זייער גוט. ער איז אַ כוואַט, מאַקאַר!

דער זיידע גיבעלקע איז געגאַנגען צום פּאַרזיצער:

— ניקאָפאָר, פאַרזאַמל דעם אוילעם — מיר וועלן שרײַבן אַן ענטפער מאַקאַרן.

די ניוזכן האָבן אין קלוב געהאַלטן רעדעס, אַלע רעדעס זײַנען פאַרשריבן געוואָרן, און אָט איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אַ בריוו צו מאַקאַרן. די מענער און פרויען האָבן ניקאָפאָרן געגעבן געלט — אַף אַן עראָפּלאַן.ווער געלט, ווער פעלכלעך. מען זאָל צונויפזאַמלען נאָך אַ ביסל געלט, וועט זײַן אויך אַ דריטער עראָפּלאַן. און צו מאַקאַרן אַפן פראָנט איז אָוועקגעלאָפן אַ בריוו: „אַ דאַנק, פאַר דער מאַטאָנע, אַ דאַנק. מיר וואַרטן אַף נאָך. שלאָג דעם פאַשיסט...״

די בילדער — ווי אילוסטראַציעס צו דעם מײַסעלע, וואָס ווערן געזונגען מיט אַ לויטערער און מונטערער, אַ ביסל איראָנישער שטים.

אַלעקסיי־מאַקאַר יאָגט זיך אַפן פראָנט נאָך די פריצן, לייגט אַפּ איין שוועבעלע נאָכן צווייטן און, צונויפגעזאַמלט אַ פול פושקעלע, שיקט ער עס אָפּ אַפן ווײַטן מיזרעך.

אַלעקסיי, וועלכער האָט זיך פאַרוואַנדלט אין דעם אַלטן גיבעלקע, ציילט פאַמעלעך, זיצנדיק אין זײַן פאַנזע אינעם יישעוו מילוואָ, די שוועבעלעך, האַלט נאָכדעם אַ רעדע אין קלוב, גיט איבער ניקאָפאָרן פעלן פון אַ יאַם־כאַיע און אַ ווידרע אַף צו קויפן אַן עראָפּלאַן, גיט איבער מיט די אייגענע הענט דעם בריווטרעגער אַ בריוו פאַר מאַקאַרן און בעט אים, ער זאָל נאָר ניט פאַרלירן.

אַלעקסיי — דער אינזשעניער קאָוושאָוו ליגט אַף דער ערד לעבן בערידזען און קען ניט פאַרשטיין, וואָס מיט אים קומט פאָר. ער האָט ניט וויינִיק מײַסעלעך געהערט, זיי געלייענט, געזען מײַסעלעך־פּיעסעס

אַף דער סצענע, נאָר קיינמאָל איז נאָך ניט פאָרגעקומען אַזוי, אַז מען זאָל גלײַכצײַטיק סײַ הערן זיי, סײַ זען און אַליין זיך אין זיי באַטייליקן.

אַ צווייט ליד — אַ מײַסעלע וועגן דעם באָרדיקן אינזשעניער. אַלעקסיי האָט דערזען בערידזען און זיך דערפרייט צוליב אים: „אָט וואָס פאַר אַ באַרימטער דו ביסט, געאָרגי, דאָס פאָלק האָט שוין וועגן דיר געשאַפן אַ מײַסעלע. האָסט זיך אומזיסט מעצאָער געווען, אַז אונדזערע מײַסים וועלן פאַרבלײַבן פאָר קיינעם ניט באַוווּסט".

ווײַטער האָט זיך אין דעם מײַסעלע גערעדט וועגן דעם גרויסן נאַטשאַלניק און דעם יונגן אַליאָשאַן. און אַלעקסיי האָט דערזען פאַר זיך באַטמאַנאָוון, בערידזען און זיך אַליין.

„...זיי זײַנען אַלע דרײַ דרײַסט אַרײַנגעגאַנגען אין דער טײַגע — און די טײַגע האָט זיך צעעפנט פאַר זיי. דער בער, דער טיגער און אַלע כאַיעס זײַנען אַנטלאָפן. דער גרויסער נאַטשאַלניק, דער באָרדיקער אינזשעניער און דער יונגער אַליאָשאַ זײַנען שנעל געגאַנגען און געבראָכן דעם וואַלד — הינטער זיי האָט זיך באַלד באַוויזן אַ וועג. איבער אים איז געלאָפן אַ טראַקטאָר, האָט געפיכקעט, גערייכערט, געשלעפט הינטער זיך אַן אײַזערנע רער. זי איז געווען אַ שוואַרצע און לאַנגע — איין עק איז בײַ אונדז, דעם צווייטן זעט מען ניט: שטעקט אין הימל.

דער גרויסער נאַטשאַלניק, דער באָרדיקער אינזשעניער און דער יונגער אַליאָשאַ זײַנען געקומען צום יאַם. דער ברייטער בויך פונעם וואַסער איז געלעגן פאַר זיי.

— ווײַט אין יאַם אַף אַן אינדזל פליסט אַרויס נאַפט פון דער ערד. שלאָגט אַרויף אין דער הייך און גייט לעאיבעד. דער דאָזיקער נאַפט זאָל דורך דער רער אָנהייבן פליסן צום פראָנט. אַזוי האָט סטאַלין באַפוילן, — האָט דער גרויסער נאַטשאַלניק געזאָגט.

מ'האָט אַראָפגעלאָזט דעם טראַקטאָר אַפן וואַסער — דערטרונקען געוואָרן. מ'האָט אַראָפגעלאָזן אַ מאַשין — דערטרונקען געוואָרן. מ'האָט אויפגעהויבן די רער אַף אַ דאַמפער — שיר זי ניט דערטרונקען. ווי דערשלעפט מען די רער אַפן אינדזל? זיי זײַנען אַלע דרײַ געשטאַנען לעבן יאַם, געטאַרכט. דער יונגער אַליאָשאַ האָט זיך אַנידערגעלייגט אַף דער ערד און זיך צעקלאָגט:

— אַפן פראָנט פעלט אויס בענזין. עס וועלן זיך אָפשטעלן די טאַנקען, עס וועלן זיך אָפשטעלן די מאַשינען, די עראָפלאַנען וועלן אויפהערן פליִען. וואָס־זשע וועט איצטער זײַן?

און פונעם אַדון איז שוין אײַליק געקומען דער פישער איוואַן:

„— איך וויל אײַך העלפן..."

אַלעקסיי האָט זיך אין שלאָף דערפרייט:

— אָט איז אויך קאַרפאָוו אַרײַן אין דעם מײַסעלע. שאָלעם־אַלייכעם, איוואַן לוקיטש!

„...דער גרויסער נאַטשאַלניק האָט געזאָגט:

— שווימט זאַלבעדריט צום אינדזל. זאָל דער באָרדיקער אינזשעניער ווײַזן דעם וועג. דער ייִנגער אַליאָשאַ און דער פישער איוואַן זאָלן שלעפּן די רער. איך וועל בלײַבן אַפן ברעג, וועל זי אונטערשטופּן. שווימט געשווינדער, אײַלט זיך צו, אַפן פראָנט דאַרף מען נייטיק דעם נאַפט. ווען ער וועט אַ פּליס טאָן דורך דער רער, וועל איך אָנהייבן שיסן, וועט איר דערהערן.

דער גרויסער נאַטשאַלניק איז געבליבן באַם וואַסער. דער באָרדיקער אינזשעניער, דער ייִנגער אַליאָשאַ און דער פישער איוואַן זײַנען אַוועקגעשווומען צום אינדזל. די רער איז אַ שווערע, זי האָט דעם פישער איוואַן און דעם ייִנגן אַליאָשאַן אַ צי געטאָן צום גרונט. זיי זײַנען ביידע שנעל מיד געוואָרן, נאָר געשווומען, געשלעפּט די רער אַף זיך. דער באָרדיקער אינזשעניער איז געווען פאָרויס, האָט זיך צו זיי אומגעקוקט: ס'האָט זיך אים געוואָלט זיי העלפן, נאָר ער האָט זיך געהאַט זײַן אייגענע אַרבעט — ווײַזן דעם וועג, די כוואַליעס צעשלאָגן און די פיש פאַריאָגן...

זיי זײַנען שוין זייער נאָענט צום אינדזל צוגעשווומען, שוין ניט קיין סאַך געבליבן. אָבער דער סאַמע גרעסטער פיש איז אַף זיי אָנגעפאַלן. דער באָרדיקער אינזשעניער האָט זיך אָנגעהויבן מיט אים צו ראַנגלען, און זיך בעשום־אויפן ניט געקענט קיין אייצע געבן — ס'איז געווען אַ שטאַרקער פיש...״

...אַלעקסיי ליגט אַף דרערד, הערט אַ קרעכץ — דאָס מאַטערט זיך עס בערידזע לעבן אים. אַלעקסיי וויל אויפשפּרינגען און לויפן צום כאַווער, נאָר ער קען גיט: ס'הערט זיךווידער דעם דערציילערס שטים.

„...דער פישער איוואַן און דער ייִנגער אַליאָשאַ זײַנען דערשווומען צום אינדזל, אַרויסגעצויגן די רער אַפן ברעג, זיי גיבן אַ קוק — עס שלאָגט אַרויס נאַפט פון דער ערד, האָט זיך ווי אַ שוואַרצער זײַל אויפגעהויבן איבער דער טײַגע. זיי האָבן דעם דאָזיקן זײַל אין דער רער אַרײַנגעשטעקט, דער נאַפט האָט אַ לויף געטאָן איבער דער רער. פון יענעם ברעג האָט דער גרויסער נאַטשאַלניק הויך אויסגעשאָסן. הייסט עס, דער נאַפט האָט פאַרבײַ אים צום פראָנט אַ פלייץ געטאָן. דער פישער איוואַן און דער ייִנגער אַליאָשאַ האָבן אויסגעשריגן „הוראַ״. אָבער דער באָרדיקער אינזשעניער האָט זיך נאָך אַלץ געראַנגלט מיטן פיש אין יאַם — ס'איז שווער געווען מיט אים זיך אַן אייצע צו געבן. דער פישער איוואַן איז פאַרבליבן אַפן אינדזל, אָפּהיטן די רער, און דער ייִנגער אַליאָשאַ האָט זיך אומגעקערט אין יאַם אַרײַן — העלפן דעם באָרדיקן אינזשעניער. זאַלבעצווייט האָבן זיי שנעל דערהאַרגעט דעם פיש.

דער ייִנגער אַליאָשאַ האָט מיט איין האַנט אָנגעכאַפּט דעם באָרדיקן אינזשעניער, זיי זײַנען געשווומען צום ברעג — צום גרויסן נאַטשאַלניק.

צוגעשווומען ביז אין מיטן — ווידער געשען אַן אומגליק, אַ שטורעם האָט זיך אויפגעהויבן אַפן יאַם. ס׳האָט זיי אָוועקגעטראָגן ווײַט־ווײַט. דער באָרדיקער אינזשעניער האָט מער שוין שווימען ניט געקענט. ער זאָגט צום יינגן אַליאָשאַן:

— לאָז מיך איבער. זאָל׳ איך אומקומען, אַבי דו ראַטעווע זיך.

דער יינגער אַליאָשאַ האָט אים ניט געפאָלגט. ער איז געשווומען און געשווומען. אַ גרויסע כוואַליע האָט זיי ביידע אַרויסגעוואָרפן אַפן ברעג. און אונדזערע ניווכן האָבן געפונען אַפן ברעג דעם באָרדיקן אינזשעניער און דעם יינגן אַליאָשאַן, זיי אָנגעקאָרמעט און שלאָפן געלייגט. זאָלן דער באָרדיקער אינזשעניער און דער יינגער אַליאָשאַ אין מענוכע זיך אויסרוען, קיינער וועט זיי ניט אָנרירן, די ניווכן וועלן ניט לאָזן זיי קיין אַוולע טאָן, די ניווכן זײַנען זיי פרײַנט... גרויסע פרײַנט...".

צערטלעך און מעלאָדיש איז די שטים פונעם דערציילער, ס׳איז אָנגענעם צו הערן. נאָר ער ווערט פאַרטויבט פון אַן אומדערוואַרטעטן אויסגעשריי:

— וואָס־זשע שטייסטו און קוקסט, אַליאָשאַ! זי טרינקט זיך דאָך! געשווינדער, געשווינדער, אַליאָשאַ! זי טאָר ניט דערטרונקען ווערן!

אַלעקסיי שטרענגט זיך אָן: דאָס שרײַט בערידזע, ער רופט אים צו הילף, מען טאָר זיך ניט פאַרהאַלטן!

אַלעקסיי האָט זיך, ווי צערײַסנדיק פענטעס, פײַנלעך אָנגעשטרענגט און ענדגילטיק זיך אויפגעכאַפּט. ער האָט דערזען איבער זיך אַן אַלטן שאַלאַש. לעבן אים האָט זיך געוואָרפן און גערעדט פון וועג אין שווערער פאַרטראָגנקייט בערידזע. ס׳איז שוין פרימאָרגן. אַ שײַן האָט זיך שרעקעוודיק דורכגעשלאָגן דורך דעם דרײַעקיקן פענצטער־לאָך פונעם שאַלאַש. ניווכן זײַנען געזעסן באַ אַ שײַטער, פאַרריכט נעצן און געשמועסט. אַלעקסיי האָט דערקענט צווישן זיי דעם פאַרזיצער פונעם קאָלווירט ניקיפאָרן. לעבן אים איז געלעגן צעלייגט אַן אַלטער מיט אַ ליולקע צווישן די ציין, האָט פאַמעלעך געמישט עפּעס אַ געקעכץ אין אַ קעסעלע איבערן שײַטער. דאָס איז, אַפּאָנעם, געווען טאַקע דער זיידע גיבעלקע. ווער־זשע פון זיי האָט אַזוי פײַן און יינגלעריש דערציילט דאָס מײַסעלע?

די ניווכן האָבן געשוויגן, זיך אײַנהערנדיק אין בערידזעס קאָל, וואָס האָט זיך אַזוי מאָדנע געענדערט, ער האָט אָפּגעהאַקט גערעדט, דאָ אויסשרײַענדיק די ווערטער, דאָ פליסטערנדיק:

— אַליין זײַנען מיר געבליבן, אַלייך. פאַרוואָס־זשע שווײַגסטו, אַליאָשאַ? ווי שרעקלעך ס׳איז דײַן שווײַגן! כ׳פאַרשטיי דיך, כ׳פאַרשטיי! טרייסטן קענסטו ניט... און איך קען אויך ניט...

ניקאָפאָר האָט, אויפהייבנדיק די ליולקע, געזאָגט:

— באָרדיקער אינזשעניער האָט אַ גרויס האַרץ. אים שטאַרק שווער. דאָס ווײַב שאָד, די כאַווײרים שאָד. אומגעקומען דאָך...

אַלעקסייען כאַפּט אַרום אַ שרעק. הייסט עס, ס'איז מער ניטאָ אַף וואָס צו האָפן: די ניווכן האָבן ניט געפונען ניט טאַניאַן, ניט קוזמאַ קוזמיטשן, ניט פּאָלישטשוקן, מיט זײַנע מענטשן, ניט דעם סערזשאַנט. בלויז איין קאָנדרין איז ניט קיין שאָד — ס'איז אים אַזוי געקומען, דעם מענוּוול.

די מענטשן באַם שײַטער האָבן פּאַראַמאָל אויסגעדרייט די קעפּ צום דורכגוס. גיבעלקע האָט זיך געכאַפּט פאַר דער ביקס. צום שײַטער איז צוגעגאַנגען אַ מענטש, אַן אָפּגעשליסענער און שרעקלעכער: קאָנדריך־סאַמאָוו!

— איך בין פונעם דערטרונקענעם קאַטער. איך האָב זיך געראַטעוועט איינער אַליין, די איבעריקע זײַנען אומגעקומען, — האָט ער אַ ברום געטאָן. — לאָזט זיך מיר דערוואַרעמען. און גיט מיר עפּעס עסן. און איך מוז זיך אויסרוען.

די ניווכן האָבן אַוועקגעזעצט דעם בוכהאַלטער לעבן שײַטער, גענומען זיך אייסעקן, אים מעכאַבעד זײַן, איבעריאָגנדיק איינער דעם צווייטן, מיט פיש פונעם קעסעלע. קאָנדרין האָט, זיך שטיקנדיק פון זשעדנעקייט, געשלונגען דאָס עסן און אַלץ געקוקט אין קעסעלע אַרײַן. ניקיפאָר האָט באַדויערנדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ.

אַלעקסיי האָט זיך מיט מי אויפגעהויבן, אין קאָפּ האָט שרעקלעך אָנגעהויבן רוישן. ער איז געשטאַנען אַ רעגע, זיך וואַקלענדיק, און אַרויסגעגאַנגען. אים דערזען, איז קאָנדרין אָפּגעשפּרונגען פונעם שײַטער. ער האָט זיך אָנגעשטויסן אָן אַ וואָרצל און אַנידערגעפאַלן מיט אַ געשריי. ער איז אויפגעשפּרונגען און גענומען לויפן, ברעכנדיק די קוסטעס. אַלעקסיי, קוים באַוועגנדיק די ניט פאָלגעוודיקע פיס, האָט זיך אַ לאָז געטאָן נאָך אים. עס האָבן אים איבערגעיאָגט ניקיפאָר און גיבעלקע מיט ביקסן אין די הענט.

— דאָס איז אַ שלעכטער מענטש? פאַרוואָס אַנטלויפט ער? — האָט ניקיפאָר געפרעגט.

— אַ פאַרברעכער! מען טאָר אים ניט פרײַ לאָזן! מען דאַרף אים פאַרהאַלטן! — האָט אַלעקסיי, שווער אָטעמענדיק, אַ געשריי געטאָן.

— דו לויפן ניט בייטיק, — האָט גיבעלקע אָפּגעשטופּט אַלעקסייען און זיך געלאָזט נאָך ניקיפאָרן, לעכערלעך אונטערשפּרינגענדיק און שרײַענדיק מיט אַ דין קעלעכל.

אַלעקסיי האָט זיך אומגעקערט צום שײַטער. אַ ייִנגער ניווך (ער האָט עס, זיכער, דערציילט דאָס מײַסעלע) האָט זיך באַזאָרגט און אומרויִק אײַנגעקוקט אין אַלעקסייען, אָנגערירט זײַן קאָפּ און שווײַגנדיק אים געוויזן זײַן האַנט: בלוט. אַלעקסיי האָט זיך שטאַרק צעדראַפּעט אַ שלייף. אָפּגעריסן אַ שטיקל לײַוונט פון דער בלוזע, האָט ער אָפּגעווישט דאָס בלוט און זיך אײַנגעהערט. פון דער טײַגע האָבן זיך דערטראָגן פאַר־

שטיקטע געשרייען און שאָסן. אַפּאָנעם, אַז ניקיפאָר און גיבעלקע האָבן זיך באַמיט צו פאַרהאַלטן דעם אַנטלאָפענעם. דערנאָך האָט זיך דערהערט נאָך אַ שאָס, עמעץ האָט זיך ווילד צערעוועט און אַלץ איז שטיל געוואָרן. די פישערס באַם שײַטער האָבן זיך באַרויִקט, אויפגעהערט זיך אײַנצוהערן.

ניקאָפאָר און גיבעלקע האָבן זיך אומגעקערט. ניקאָפאָר האָט געריבן די הענט און אין פאַרלעגנהייט געקוקט אַף אַלעקסייען:

— אַ פאַסקודנער מענטש, אַ בייזער. האָט זיך דאָך געשלאָגן, די האַנט מיר אײַנגעביסן, איבערן קאָפּ מיך געשלאָגן. זיך אַרויסגעריסן, ווידער אַנטלאָפן. מיר האָבן געשריגן: מען דאַרף ניט אַנטלויפן... האָט ער ניט געפאָלגט.

און דער אַלטער האָט באַטראַכט די ביקס, זי נאָכאַמאָל אָנגעלאָדן און ווידער אָנגעהויבן רויִק צו מישן אינעם קעסעלע, ווי ס'וואָלט גאָרניט פאָרגעקומען.

— עפשער, מאָקאַרס פושקעלע צוגעבן נאָך שוועבעלע? — האָט גיבעלקע געפרעגט אַלעקסייען.

— ווי דײַנער מיינסט?

קאָושאָוו האָט ניט טייקעף פאַרשטאַנען די פראַגע. דערנאָך האָט ער געענטפערט:

— קענסט צוגעבן נאָך צען. מען זאָגט, ער איז געווען אַ זייער געפערלעכער סוינע.

גיבעלקע האָט אַ טראַכט געטאָן און ניט מאַסקים געווען:

— פונדעסטוועגן, צופיל — צען. צוגעבן אַט, — דער אַלטער האָט געוויזן איין פינגער. — מער אַזאַ מענטש ניט ווערט. טפו!

— באַהאַלט עס, — האָט ניקיפאָר דערלאַנגט אַלעקסייען קאָנדריקסאַמאָווס דאָקומענטן.

אַלעקסיי האָט זיי פונאַנדערגעלייגט, זיי זאָלן זיך צוטריקענען קעגן פײַער. ניקאָפאָר האָט באַטראַכט דעם שטאַרקן ביס אַף דער האַנט.

גיבעלקע האָט פאַרזוכט דאָס געקעכץ און צופרידן געשמוצערט מיט די ליפּן:

— פעטע פיש, געשמאַק זייער. — אַנידערגעשטעלט דאָס קעסעלע פאַר אַלעקסייען, האָט ער אים מעכאַבעד געווען: — עס... דײַן געזונט דאַרף פאַרריכטן...

קאָושאָוו האָט ניט גערן געגעסן די הייסע לעמעשקע פון די צעקאָכטע פיש.

— דער באָרדיקער אינזשעניער אונדזער ווידער קאָך פיש, — האָט גיבעלקע געזאָגט מיט פאַרגעניגן, ווען אַלעקסיי האָט זיך אָוועקגעדרייט פונעם קעסעלע. — דײַנער שלאָפן דאַרף, גיי, זאָמל אָן קויכעס.

אַלעקסיי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אַף ניין. ער איז געזעסן, אויס־

שפּרייטנדיק די הענט איבערן פֿײַער. זײַנע פֿינגער האָבן געציטערט. אַלעקסיי האָט פֿאַרמאַכט די אויגן — עס האָט וויי געטאָן דאָס קוקן און פֿאַר אים האָט זיך ווידער באַוויזן דאָס גרינע וואַסער, די כוואַליעס, וואָס טראָגן זיך אָף אים. אַלץ האָט זיך אַפּסנײַ איבערגעכאַזוערט. אויפֿגעציטערט, האָט אַלעקסיי אויפֿגעעפֿנט די אַנטצונדענע אויגן און זיך אײַנגעקוקט אין פֿײַער...

ביזן אָוונט האָבן די אינזשעניערן צוזאַמען מיט די ניווכן געזוכט די כאַוויירים. אַרומגענישטערט דעם בוֿעג אָף אַ מעהאַלעך פֿון אַ גוטע דרײַסיק קילאָמעטער, האָבן זיי קיינעם ניט געפֿונען.

— זײַנען דערטרונקען געוואָרן. דאָס וואַסער האָט אײַנגעשלונגען, — האָט באַשלאָסן ניקאָפּאָר. — מער איז ניטאָ וואָס צו זוכן.

אַלעקסיי האָט ניט געקענט גלייבן, אַז טאַניאַ און קוזמאַ קוזמיטש זײַנען אומגעקומען. ס'איז אַזוי אוממעגלעך געווען זיך פֿאָרצושטעלן דעם טויט פֿון די דאָזיקע צוויי מענטשן, וואָס זײַנען פֿאַרשיידן געווען לויט דער עלטער, נאָר ביידע פֿולע מיט יונגע קויכעס. ס'האָט זיך אים אַלץ אויסגעדוכט, אַז אָט־אָט וועלן זיי זיך אָפּגעפֿינען — לעבעדיקע, אומבאַשעדיקטע. ערשט אין אָוונט האָט אַלעקסיי מאַסקים געווען איבערצורײַסן דאָס זוכן. סײַ ער, סײַ ניקאָפּאָר און זײַנע מענטשן האָבן זיך פֿולשטענדיק אַרויסגעשלאָגן פֿון די קויכעס.

אַלעקסיי, אַליין אַ דערשיטערטער, האָט מיט פֿײַנלעכן אומרו אין דער נעשאָמע געזען, ווי שווער בערידזע האָט איבערגעלעבט דעם אומגליק. ער איז ווי אַלט געוואָרן פֿאַר דעם מעסלעס. דאָס, וואָס פֿריִער איז עס געווען אומבאַמערקט אין דעם פֿריילעכן און טיכטיקן בערידזען — די קנייטשלעך אַפֿן פּאָנעם, די גרויקייט באַ די שלייפֿן, די מידקייט אין די אויגן, — איז איצט דײַטלעך אַרויסגעטראָטן אין דעם מענטשן, וואָס איז פֿאַרגליוועט געוואָרן פֿאַר צאָרעס.

בערידזע האָט אין קעגנזאַץ צו אַלעקסייען טייקעף אָנגעהויבן גלייבן אין טאַניאַס אומקום. ער האָט נאָכגיביק אײַנגעשטימט מיט ניקאָפּאָרן, אַז דאָס ווײַטערע זוכן די כאַוויירים איז אומזיסט.

אויך דער זיידע גיבעלקע האָט באַמערקט זײַן צושטאַנד, האָט ער אים כיטרע אַ זאָג געטאָן:

— אונדזער ניווכן זאָגט: דער באָרדיקער אינזשעניער אַ פֿריילעכער, טאָמיד רעדט, טאָמיד לאַכט. אָבער ניט עמעס: דײַנער טאָמיד שווײַגט, ווי שטיין.

געאָרגי דאַווידאָוויטש האָט געענטפֿערט מיט אַ פֿײַנלעכן שמייכל. אַלעקסיי האָט זיך אָוועקגעקערט, אים ניט צו זען.

נאָך אַן אויסמאַטערנדיקער שלאָפֿלאָזער נאַכט באַם שײַטער האָבן זיך די אינזשעניערן געלאָזט פֿונעם ברעג צום יִשעוו מילוואָ, און ניקאָפּאָר איז, לויט קאָוושאָווס שטאַרקן פֿאַרלאַנג, געבליבן באַם דורכגוס.

קעדיי ווײַטער צו זוכן. דער זיידע גיבעלקע האָט געבראַכט אַלעקסייען און געאָרגי דאַווידאָוויטשן אין זייער נײַער שטוב. מיט טמימעסדיקן שטאָלץ האָט זיי דער אַלטער געוויזן אין זײַן וווינונג, וואָס דער קאָלווירט האָט אויפֿגעבויט, אַלצדינג, אָנהייבנדיק פֿון די לויטערע שויבן און אויסלאָזנדיק בײַ זײַן אייניקלס, דעם סנײַפּער מאַקאַרס גרויסן פּאָרטרעט, וועלכער איז געווען אײַנגעראַמט אין אַ בערעזע־קאָרענע ראַם. אויף אַ פּאַכל לעבן דעם פּאָרטרעט זײַנען געלעגן די אין דעם מײַסעלע באַזונגענע דרײַ פֿושקעלעך שוועבעלעך.

פֿונעם קאַנטאָר פֿון קאָלווירט האָט אַלעקסיי געפּרוווט זיך דורכריידן מיט נאָווינסק — דער טעלעפֿאָן פֿונעם יִשעוו איז נאָך אום ווינטער, לויט ניקאָפֿאָרס באַקאָשע, אײַנגעשלאָסן געוואָרן אין דער מאַגיסטראַלער טעלעפֿאָן־ליניע פֿון דער בויונג.

בערידזע איז געזעסן דערלעבן. כאַפּנדיק אַלעמאָל אַ קוק אויף אים, האָט אַלעקסיי אין פּאָרזיכטיקע, פֿאַרנעפּלטע אויסדרוקן איבערגעגעבן באַטמאַנאָוון וועגן דעם אומגליק. וואַסילי מאַקסימאָוויטש איז אויפֿגערודערט געוואָרן, האָט זיך אָנגעבייזערט אויף אַלעקסייען פֿאַר זײַנע ניט קלאָרע רייד.

— לייג ניט אויף מיר קיין אַכט, אַליאָשאַ, — האָט בערידזע געזאָגט. — ראַפּאָרטיר מיט טאַלק.

אויסגעהערט אַלעקסייען, האָט וואַסילי מאַקסימאָוויטש פֿײַנלעך לאַנג געשוויגן.

קאָווּשאָוו האָט שוין באַשלאָסן, אַז דער טעלעפֿאָן האָט זיך איבערגעריסן.

— שרײַט ניט אויף דער טעלעפֿאָניסטן, איך הער אײַך, — האָט זיך באַטמאַנאָוו ווידער געלאָזט הערן. — לאָזט ניט אַראָפּ די קעפּ. רײַסט ניט איבער דאָס זוכן. שטעלט אַלעמען אויף די פֿיס, באַרויִקט זיך ניט, ביז איר וועט ניט געפֿינען. ווו איז בערידזע, פֿאַרוואָס גייט ער ניט צו צום טעלעפֿאָן?

קעדיי פֿאַרהיטן דעם כאַוווער פֿון אַ שמועס, אין וועלכן באַטמאַנאָוו וואָלט געקענט נאָך שטאַרקער צערייצן בערידזעס וווּנד, האָט אַלעקסיי געזאָגט, אַז ער איז אַרויסגעגאַנגען. אָבער בערידזע האָט גענומען דאָס טרײַבל. גאָרגי דאַווידאָוויטשעס אומעטיקע אויגן האָבן זיך דערוואַרעמט, און אַלעקסייען אַליין איז אויך עפּעס לײַכטער געוואָרן אויפֿן האַרצן, ווי אין דער ברוסט וואָלט אָפּגעגאַנגען אַ שטיקל אײַז.

— באַטמאַנאָוו קומט אַהער צו פֿליִען, — האָט בערידזע פֿריילעך געמאָלדן, ווי ער וואָלט האָפֿן, אַז וואַסילי מאַקסימאָוויטש וועט אָפּגעפֿינען טאַניאַן, קוזמאַ קוזמיטשן און די מאַטראָסן.

זיי האָבן זיך אָפּגעפֿונען נאָך איידער באַטמאַנאָוו איז געקומען צו פֿאָרן. איינער פֿון די ניווכן האָט אָנגעטראָפֿן פּאָלישטשוקן און אים גע־

בראַכט אין יִשעוו. דער פולשטענדיק דערשעפּטער פּאָלישטשוק האָט אָנ־געוויזן ווי צו זוכן די איבעריקע. אַרויסגעקראָגן זיך פונעם וואַסער, זײַנען זיי, ווײַזט זיך ארויס, אָפּגעגאַנגען פונעם ברעג אין דער טײַגע — זיי האָבן געהאָפט אויפצוזוכן דעם יִשעוו, נאָר פאַרבלאָנדזשעט. לויט פּאָלישטשוקס רייד זײַנען טאַניאַ און דער אַלטער אינזשעניער געווען אין אַ שלעכטן צושטאַנד, האָבן ניט געקענט גיין, דער סערזשאַנט און קאָנ־דרין זײַנען דערטרונקען געוואָרן.

בערידזע איז אין איין אויגנבליק פאַרענדערט געוואָרן. ס'האָט זיך צו אים אומגעקערט די גאַנצע ענערגיע. ער איז מאַמעש געפלויגן איבערן וואַלד, פונאַנדערשפּרייטנדיק די רוישטן. אַלעקסיי און די ניוואָכן האָבן קוים באַוויזן אים נאָכצואײַלן.

...טאַניאַ און קוזמאַ קוזמיטש זײַנען געלעגן לעבן אַ שײַטער, צוגע־דעקט מיט אָנטועכץ און צווײַגלעך. די מאַטראַסן פון דער קאַטער־מאַנ־שאַפט אין צעפּליקט אונטערוועש זײַנען געזעסן דערלעבן.

געאָרגי דאַווידאָוויטש האָט זיך אַ ריס געטאָן צו טאַניאַן, זי אויפ־געהויבן, זשעדנע זיך אײַנגעקוקט אין דעם מיידלס רויטן פּאָנעם, פון וועלכן עס האָט געשלאָגן אַ היץ. זי האָט מיט אַ זיפץ געעפנט די אויגן, דערזען בערידזען און זיך אַ ריס געטאָן צו אים.

— דו לעבסט... לעבסט!... געאָרגי... ווי גליקלעך איך בין...
לאָז מיך ערשט ניט שטאַרבן, — האָט טאַניאַ געמורמלט אין עפּעס אַ מין צעטראָגנקייט, גלעטנדיק בערידזעס פּאָנעם מיט די פײַערדיקע הענט.

באַ אַלעקסייען אַף די קני איז אויסגעגאַנגען טאָפּאָליעוו. אין זײַן ברוסט האָט געכריפּעט און געבורטשעט, ס'איז אים שווער געווען צו אָטעמען. קוזמאַ קוזמיטש האָט זיך אָנגעשטרענגט גויווער צו זײַן דעם פּיזישן ווייטיק.

— גוט, וואָס דו האָסט באַוויזן, אַליאָשאַ, — האָט ער פּאַמעלעך און געמאַטערט אַרויסגערעדט. — איך דאַרף דיר זאָגן... אַ מין צוואָע. אַלץ, וואָס מ'האָט דורכגעלעבט, ליבענקער, איז טײַער... איך טראַכט ערשט: ס'איז ווייניק אָפּגעטאָן געוואָרן... איך גיב דיר איבער, ווי אַ שטאָפּעט, ניט פאַרענדיקטע אַרבעטן, אַ ביבליאָטעק... זי איז אין מאָסקווע. פעלערן... וויפל זיי זײַנען עס געווען פאַר זעקס צענדליק יאָר, גאָט מײַנער! באַנעם זיי און כאָזער אַזעלכע ניט איבער. דײַן אינ־זשעניערישע ערע... גרובסקין, אויב דו וועסט זען, — גיב איבער. דער אַלטער האָט דיך דערמאָנט פאַרן טויט און באַדויערט. באַ מיר אין קע־שענע, אַליאָשאַ, ליגט אַ טאַבעק־פּושקעלע — נעם עס פאַר אַן אָנדענק. און אין שטוב, אין נאָווינסק, — איז אַלץ דײַנס, וואָס דיר וועט געפעלן.

דער אַלטער איז אָנטשוויגן געוואָרן, נאָכהער האָט ער געבעטן, מען זאָל אים אויפהייבן אַ ביסל העכער און אַ קרעכץ געטאָן. ווי ער האַלט זיך דערמאָנט, האָט ער אײַליק ווידער אָנגעהויבן ריידן:

— גערענק טאָמיד וועגן וואָס מיר זײַנען אַמאָל צו אַ העסקעם געקומען. אַ ווײַטע פּערספּעקטיוו. עלטער זיך ניט גײַסטיק, ניט קלײנלעך ווערן, וואָס עס זאָל ניט געשען, זײַ העלדנמוטיק אין אומגליק און שוועריקייטן . . .

אַלעקסיי האָט אונטערגעהויבן דעם אַלטן, עס זאָל אים לײַכטער זײַן צו אָטעמען, נאָר דאָס לעבן איז פון אים אַוועק. עס איז אַרויסגעגאַנגען פון זײַן ברוסט מיט יעדן וואָרט, מיט יעדן זיפץ. דאָס פּאָנעם איז גרוי געוואָרן, די אויגן האָבן אָנגעהויבן טונקל ווערן.

— איך בענטש דיך צום לעבן, — האָט טאַפּאָליעוו פּלוצים פולשטענדיק דײַטלעך אַ זאָג געטאָן, געוואָלט אויפהייבן די האַנט, נאָר עס האָבן קיין קויכעס ניט געקלעקט, זי האָט געטאָן אַ פאַל אַף דער ערד.

באַטמאַנאָוו איז געקומען צו פליִען צוזאַמען מיט ראַדיאָנאָוואַן און גרובסקין. אין די דאָזיקע טעג האָבן זיך אין דער טײַגע אומעטום צעבליט ווילדע רויזן. בערידזוס צימער, ווו טאַניאַ איז געלעגן, איז געווען אָנגעשטעלט מיט בוקעטן רויטע רויזן, וועלכע האָבן אויסגעדעמפּט אַ זיסלעכן אַראָמאַט.

אָלגאַ האָט אַרויסגעבעטן די מענער און אויפמערקזאַם באַטראַכט די כאַוועטע. זי האָט אײַנגעפּונען באַ איר, ווי זי האָט זיך עס מעשאָער געוועזן, אַ לונגען־אַנטצינדונג.

טאַניאַ, אָפּגעשוואַכט פון דער הויכער טעמפּעראַטור, איז געווען אויפגעלייגט און פריילעך, און אָלגאַ איז געקומען צו דער איבערצײַגונג, אַז דאָס לעבן פון דער פרײַנדן איז אויסער געפאַר.

— עגיפּטערן, זײַ־זשע ניט בלויז קיין דאָקטער, — האָט איר טאַניאַ געזאָגט, שמייכלענדיק מיט די פאַרטריקנטע ליפּן.

ראַדיאָנאָווא, אינערלעך אויפגערודערט און אומרויִק, האָט זיך געהאַלטן שטרענג און רויִק. טאַניאַס ווערטער און איר שוואַכקייט האָבן זי גערירט, די פרײַנדנס האָבן זיך אַרומגענומען און, צופאַלנדיק איינע צו דער צווייטער, זיך צעוויינט.

— איך בין אַזוי גליקלעך . . . קיין קראַנקייט וועט מיך ניט בײַקומען, — האָט טאַניאַ געשעפּטשעט אָלגאַן אַפן אויער, כאָטש אין צימער איז קיינער, כוץ זיי, ניט געווען.

טאַניאַ האָט זיך דערמאָנט אין קוזמאַ קוזמיטש, וואָס וועגן זײַן טויט האָט מען פאַר איר אויסבאַהאַלטן, און צוגעזאָגט די פרײַנדן:

— גיי צו אים, אָלגאַ, העלף אים. מען זאָגט, אַז ס'איז שלעכט

מיט אים, גיב צו וויסן ראַגאָוון, אַז דו ביסט דאָ. ווי ליב ער האָט דיך, אַליענקאַ!

ראַגאָוו איז שוין געווען אַפן באַצירק און אַרומגעזוכט אַלגאַן. אַפן וועג צום יישעוו, וווהין אַלגאַ איז געגאַנגען באַטראַכטן די קראַנקע, וואָס קאַרפּאָוו האָט אַרויסגעפירט פון דער טײַגע, האָבן זיי זיך באַגעגנט. ראַגאָוו האָט זיך פאַרלוירן, זיך אין פאַרלעגנהייט באַגריסט, און דערנאָך אַנגעשטויסן אַף זײַן אומגעשיקטקייט, ניט איידל געמאָלדן: ער איז געקומען צו פאָרן נאָך איר, קעדיי זי גלײַך אָפּצופירן אַפן אינדזל.

— עפשער וועט מיר דערלויבט זײַן צו באַטראַכטן די קראַנקע און ביכלאַל באַלעבאַטעווען מיט זיך לויטן אייגענעם אײַנזען? — האָט אַלגאַ אַ פרעג געטאָן מיט אַ געמאַכטער שטרענגקייט און זיך געלאָזט צום מעדיצינישן פונקט.

אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויטש האָט עפּעס אַ וואָרטשע געטאָן און איז איר אײַנגעשפּאַרט נאָכגעגאַנגען. אַלגאַ האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— גיי מיר ניט נאָך, אַלעקסאַנדער. מען דאַרף ניט אַזוי... איך בין אָן דעם אויך צעמישט, — האָט זי איידל אַ זאָג געטאָן. — גיי דערווײַל צו באַטמאַנאָוון, דו ביסט דאָך אים, אַפּגעוויס, נייטיק, — ער איז אין קלוב. איך וועל זיך באַפרײַען, וועלן מיר שמועסן.

ראַגאָוו, וועלכער איז אויגנבליקלעך געצוימט געוואָרן מיט די דאָזיקע ווערטער, איז אַוועק אין קלוב. אינמיטן זאַל אין אַן אָרן איז געלעגן טאָפּאָליעוו, אַ רויקער און דערהויבענער, וווּנדערלעך עָגלעך צו גאָרקין. איבער אים זײַנען געשטאַנען געבויגן די רויטע פענער, וועלכע זײַנען ערשט געווען אין רעשוס פון דעם באַצירק. דער אָרן איז באַשאָטן געווען מיט טײַגע־בלומען. אין דער ערד־וואַך איז געשטאַנען דער נאַטשאַלניק פון דער בויונג.

דאָ, באַם אַש פון קוזמאַ קוזמיטשן, איז פאָרגעקומען די באַגעגעניש צווישן גרובסקין און בערידזען. גרובסקי איז אין מעשעך פון אַ האַלבע שאָ געשטאַנען אַף די קני פאַרן אָרן, דערנאָך האָט ער זיך אויפגעהויבן, אַ קוש געטאָן דעם אַלטן אין וואַקסענעם שטערן, און ווען ער האָט זיך שוין געלאָזט צום אַרויסגאַנג, איז אין קלוב אַרײַנגעקומען געאָרגי דאַווידאָוויטש.

דער ווידערגעפיל צו גרובסקין האָט זיך פאַרטוישט אַף טיפער באַדויערונג, ווי נאָר בערידזע האָט אים דערזען. ער האָט אויסגעזען אַן אַלטער מאַן — איינגאַנצן אַ גרויער און אײַנגעהויקערטער. מאַכמעס צערודערטקייט האָט גרובסקי ניט געקענטריידן. אויך בערידזע האָט געשוויגן.

— אין אַזעלכע מאָמענטן קען מען ניט זײַן ניט אָרנטלעך, ניט אויפריכטיק און ניט ערנסט. — האָט גרובסקי לעסאָף אָנגעהויבן. — גלייבט מיר, אַז איך בין געקומען צו אײַך מיטן טיפן באַוווסטזײַן פון

מײַנע פעלערן. די פאַרגאַנגענע לעבן־כאַדאָשים זײַנען געווען ביטערע... אָבער געדעכטע. כ׳בין געוואָרן אַ מענטש, וואָס האָט פאַרלוירן זײַן אָרט צווישן די אייגנע... ווען איר זאָלט וויסן, ווי שרעקלעך דאָס איז צו בלײַבן אַליין! איך האָב פאַרשטאַנען: נאָר דאָ וועל איך קענען און דאַרף צוריקבאַקומען די ווערדע פון אַ סאָוועטישן מענטשן און סאָוועטישן אינזשעניער. נעמט מיך אונטער אײַער אָנפירונג, כאַווער בערידזע. פּיסאַרעוו און באַטמאַנאָוו גיבן איבער מײַן גורל אין אײַערע הענט. ווי איר וועט באַשליסן, אַזוי וועט זײַן.

בערידזע האָט געשוויגן. גרובסקי האָט צוגעדריקט די האַנט צו די רויט־געוואָרענע אויגן.

— גיט מיר די סאַמע שווערסטע און שוואַרצע אַרבעט...

ער האָט אַ קוק געטאָן אַפן אַרן און פאַרצווייפלט אויסגערופן:

— ווי איך באַדויער, וואָס אונדז איז ניט אויסגעקומען מער צו שמועסן! איך האָב געוואָרט אַף אַ באַגעגעניש מיט אים... צי האָב איך געקענט וויסן, אַז זי וועט זײַן אַזאַ טרויעריקע?

ער האָט אויפגעהויבן די אויגן אַף בערידזען. יענער האָט אים אַ קוק געטאָן גלײַך אין פּאַנעם אַרײַן, אויסגעשטרעקט די האַנט:

— כ׳בין צופרידן, וואָס מיר וועלן זײַן צוזאַמען. מאַכט אַ שפּאַציר איבערן באַצירק און באַשליסט אַליין, צו וואָס פאַר אַן אַרבעט ס׳איז בעסער פאַר אײַך זיך צו נעמען.

פון דעם טונקל־גרויען פעלדז, וואָס האָט זיך שאַרף אַרײַנגעשניטן אינעם דורכגוס, איז אויסגעהאַקט געוואָרן אַ גרויסע שטיק גראַניט. פּיעטריגין מיט זײַנע געהילפן האָבן זי גלאַטיק אַרומגעטעסעט. אַלעקסיי האָט מיט דער אייגענער האַנט אויסגעהאַקט אַפן שטיין אַן אויפשריפט:

„קוזמאַ קוזמיטש טאַפּאַליעוו, אינזשעניער. ער האָט אָפּגעגעבן זײַן לעבן פאַרן סאָוועטישן היימלאַנד. יוני, יאָר 1942".

מ׳האָט באַערדיקט קוזמאַ קוזמיטשן אַף דער סאָפּקע, פון וואַנען די בויער האָבן ווינטער אָבסערווירט די ערשטע עקספּלאָזיע. הײַנט זײַנען זיי אַלע אַרויפגעגאַנגען נאָכן אָרן, וועלכן ס׳האָבן געטראָגן באַטמאַנאָוו, בערידזע, אַלעקסיי, גרובסקי, ראַגאָוו און אומאַרע מוכאַמעט.

— ס׳איז אַן אַ גרענעץ אַ שאָד דער כאַווער, וועלכן מיר אַלע האָבן אַזוי גוט דערקענט און ליב באַקומען. ער האָט געקענט אַרבעטן, איז געווען קלוג און געהאַט אַ לויטערע נעשאָמע, — האָט באַטמאַנאָוו גערעדט באַם קייווער. — ווי זאָלן מיר איבערטראָגן די אַווײדע? עס דאַרף אונדז העלפן דער באַוווסטזײַן, אַז קוזמאַ קוזמיטש האָט ניט אומזיסט אָפּגעלעבט דאָס לעבן, ער האָט באַוויזן איבערצולאָזן אין דעם אַ שפּור. אָט דאָ זײַנען אַמאָל פאַרבײַגעגאַנגען די ערשטע רוסישע מענטשן — די באַרימטע און נאָמענלאָזע רײַזנדער. און דאָ לויפט פאַרבײַ די שטאָלענע

שנור פון אונדזער נאַפּטלייטונג, אין וועלכער ס'איז פאַרשמאָלצן די מי פון נעם אינזשעניער טאָפּאָליעוו. אינגיכן וועלן מיר לאָזן דעם נאָפּט פּרגעם אינדזל, און דאָס וועט זײַן דער בעסטער דענקמאָל פאַר אים, דעם אויסגעצייכנטן סאָוועטישן אינזשעניער און אונדזער געטרײַען כאַווער.

מ'האָט אַף טאָפּאָליעווס קייווער אַוועקגעשטעלט דעם שטיין־דענקמאָל. ער איז פאַרשוווּנדן אונטער קרענץ לעבעדיקע בלומען. דער ווינט האָט געשפּילט מיט די רויטע לענטעס פונעם קראַנץ, וואָס ראָדיאָנאָוואַ צוזאַמען מיט אַלעקסייען האָבן אַנידערגעלייגט פון אויבן, — און ס'האָט אויסגעזען ווי גרויסע רויטע שמעטערלינגען פאָכען מיט די פליגל, ניט אַוועקפליִענדיק.

די בײַגרענעצלער און די ניוובן, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין דער לעוואַיע, האָבן געגעבן עטלעכע זאַלפּן אין דער לופט פון ביקסן און קאַראַבינען. די סירענעס פון דעם בוי־פּלאַץ האָבן אָפּגעזונגען זייער פײַערלעך געזאַנג. שווײַגנדיק האָבן זיך די בויער אַראָפּגעלאָזט פון דער סאָפּקע. באַם קייווער איז פאַרבליבן איין אַלעקסיי.

דער ניווך ניקאָפאָר האָט פאַרהאַלטן באַטמאַנאָוון, אים געזאָגט, אַז ער האָט געבראַכט דעם קערפּער פון קאָנדריק־סאָמאָוון.

— די פייגל האָבן אים אַ ביסל צעפּיקט, — האָט ניקאָפאָר געזאָגט פאַרשולדיקט. — אָבער ער איז גאַנץ. ווו אים אַהינטאָן ?

— באַגראָבט אים אין דער טײַגע. דעם קייווער אויסגלײַכן, עס זאָל קיין זייכער ניט בלײַבן.

...פאַרענדיקט וויזיטירן דעם באַצירק, האָט באַטמאַנאָוו פאָרגעלייגט בערידזען אַרויסצופליִען קיין נאָווינסק צוזאַמען מיט אַלעקסייען און טאַניאַן.

— איר וועט זיך אַ ביסל אויסרוען, איר אַלע דאַרפט טוישן די סוויווע. קוקט זיך אַרום אַף אַלעקסייען, ס'האָט דעם יונגנמאַן אַזש אײַנגעבויגן, אַזעלכע פוראַניִעסן האָבן זיך אַף אים אָנגעוואַלגערט. איר וועט וואַרטן אַף מיר אין דער פאַרוואַלטונג, און דעמאָלט וועלן מיר אויסאַרבעטן דעם פּלאַן פון אונדזער בויונג שוין ביזן סאָף.

באַטמאַנאָוו האָט באַשלאָסן אַרײַנצודרינגען פּראָטימדיקער אין די איניאָנים פון די ווײַטע באַצירקן. עס האָט אים באַזונדערס באַאומרוִיקט די פּאָמפּן־סטאַנציע מיט איר קאָמפּליצירטן מאָנטאַזש.

זיך דערוווּסט, אַז באַטמאַנאָוו שיקט אָפּ ראָדיאָנאָוואַן קיין נאָווינסק מיט דער קראַנקער טאַניאַן, איז ראָגאָוו צוגעשטאַנען צום נאַטשאַלניק מיט דער ביטע איבערצולאָזן אַלגאַן אַפן אינדזל כאָטש אַף איין כוידעש.

— צו וואָס עפּעס ? — האָט זיך באַטמאַנאָוו פאַרכידעשט, אַ קוק געבנדיק אַף ראָגאָוון און אַף אָלגאַן, וועלכע איז בײַגעווען בעייסן שמועס.

— עס זײַנען פאַראַן בײַ מיר קראַנקע אַף אַן אומבאַקאַנטער מאַכלע.

מען מוז זיך דאָך פֿאַרטראַכטן און העלפֿן די מענטשן, — האָט ראָגאָוו, ניט קיין פֿינטל צו טאָן מיטן אויג, שנעל געענטפֿערט.

וואַסילי מאַקסימאָוויטש האָט אָפּסנײַ אַ קוק געטאָן אויף אים, אַ טראַכט געטאָן און געפֿרעגט אָלגאַן:

— דערלויבן אײַך די שפּיטאָל־איניאַנים צו זײַן ווײַט פֿון דאָרט אַ צוויי וואָכן?

— דערווײַל איז דאָרט אַלץ אין אָרדענונג. כּוץ דעם האָב איך אַ פֿאַרלאָזלעכן פֿאַרטרעטער, — האָט אָלגאַ געענטפֿערט און, אַ ביסעלע אין פֿאַרלעגנהייט, מויסיף געווען: נאָר די קראַנקע זײַנען שוין ניט אַפֿן אינדזל. וואָס שײַך דער אומפֿאַרשטענדלעכער קראַנקייט...

באַטמאַנאָוו האָט איר איבערגעשלאָגן:

— פֿאָרט אַפֿן אינדזל, העלפֿט ראָגאָוו זיך פֿונאַנדערקלײַבן אין דער דאָזיקער סוידעסדיקער קראַנקייט. איך גיב אײַך אַ טערמין פֿון צוויי וואָכן.

קעדיי ניט אויסצוהערן ראָדיאָנאָוואַס דערווידערונגען, איז באַטמאַנאָוו געשווינד אַוועקגעגאַנגען. פֿאַר זיך האָט ער אַ טראַכט געטאָן: „אָט דאָס איז עס דאָס לעבן: סײַ לעוואַיעס, סײַ כאַסענעס — אַלץ צוזאַמען!"

פֿאַרבליבן אַליין מיט אָלגאַן, האָט ראָגאָוו געפֿאָדערט, זי זאָל טייקעף פֿאָרן מיט אים קיין טײַסין.

אָנגעכאַפּט זי פֿאַר דער האַנט, האָט ער זי געצויגן נאָך זיך:

— עס וואַרט אויף אונדז דער קאָטער „פּערל". מיר דאַרפֿן קומען אַפֿן אָרט, קאָלזמאַן ס'איז נאָך ליכטיק.

— מעשוגענער, וואָס וועל איך טאָן אויף דײַן אינדזל? — האָט אָלגאַ געלאַכט אין פֿאַרלעגנהייט און צערודערט. — איך וועל ניט פֿאָרן מיטן „פּערל".

— וועסט פֿאָרן. קוים האָט באַטמאַנאָוו געזאָגט זײַן וואָרט, וועסטו זיך שוין ניט אַרויסדרייען. ער איז פֿאַר מיר אַ העכערער אויטאָריטעט. און שפּאַר ניט איבער. וועסט וווינען אין אַ פּאַנזע, שלאָפֿן אויף בערן־פֿעלן, עסן פֿאָרעלן, טרינקען קוואַל־וואַסער, הערן די וואַלד־קאַנאַריקעס, גיין אויף יאַגד אויף הירשן און היילן מײַן סוידעסדיקע האַרץ־קראַנקייט.

די אינזשעניערן מיט טאַניאַן זײַנען אָפּגעפֿלויגן קיין נאָווינסק, ראָגאָוו מיט אָלגאַן זײַנען אָפּגעשווומען אַפֿן אינדזל, און באַטמאַנאָוו איז זיך דעם גאַנצן טאָג פֿאַרזעסן מיט פּילימאָנאָוון אין דער פּאָמפּן־סטאַנציע. די גרויסע, ראַכוועסדיקע געבײַדע מיט ריזיקע פֿענצטער איז שוין געווען אין אַלגעמיין פֿאַרענדיקט. מ'האָט שוין אויסגעלייגט אין איר די פּאָדלאָגעס פֿון פּליטעס, די מאַליערעס האָבן געשמירט מיט די פּענדזלען, און פּילימאָנאָוו איז צוגעטראָטן מיט די געהילפֿן צום מאָנטאַזש פֿון די דיזעלן און פּאָמפּעס. די אויספֿירלעכע דערקלערונגען פֿון די מאָנטאַזש־

סכעמעס האָבן ניט אַרויסגערופן קיין ספּייקעס, און באַטמאַנאָוו איז פּריילעכער געוואָרן. דער אויפגעמוטיקטער פּילימאָנאָוו האָט געבעטן, מען זאָל אים העלפן באַקומען די אויספּעלנדיקע קאָנטראָליר־אויסמעס־טערישע אינסטרומענטן, פּעדאָסאָוו האָט זיי אײַנערגעץ ניט געקענט באַ־קומען. וואַסילי מאַקסימאָוויטש האָט אָפּן אָרט געגעבן אַ טעלעגראַמע וועגן די אינסטרומענטן צו פּיסאַרעוון קיין רובעזשאַנסק און צו טערע־כאָוון קיין נאָווינסק — עס האָבן זיך צווישן אים מיטן יונגן דירעקטאָר אײַנגעשטעלט באַציִונגען פון קעגנזײַטיקער אונטערשטיצונג.

פּילימאָנאָוו האָט פאַרכידעשט באַטמאַנאָוון מיט זײַן אומגעוויינלעך צופיל ריידן און צושטיין, און שוין צום דריטן מאָל זיך גענומען דער־ציילן וועגן סיעראָגינען. דער מעכאַניקער האָט זיך פאַרבעסערט אין געזונט און, ליגנדיק אין בעט, אויסגעאַרבעט איינעם נאָכן אַנדערן פיר פּראָיעקטן צו פאַרשנעלערן דעם מאָנטאַזש פון די פּאָמפּעס. די פּראָיעקטן זײַנען פּראַקטיש זייער ווערטפולע.

— וואָס פאַרלאַנגסטו ? רייד אָפּן, — האָט וואַסילי מאַקסימאָ־וויטש געזאָגט.

— גייט אַרײַן צו אים, ער בעט זיך וועגן דעם. ער דאַרף מיט אײַך שמועסן.

באַטמאַנאָוו איז געגאַנגען אין מעדיצינישן פּונקט, ווו סיעראָגין איז געלעגן אין אַ באַזונדערן ציכטיקן צימער. ער איז געווען אומגעוויינלעך דאַר און בלייך, מיט אַ ווײַסן בינט אָפּן קאָפּ. דער מעכאַניקער האָט עפּעס געצייכנט, האַלטנדיק פאַר זיך אַ קליינעם טאָוול. סיערעאָגין האָט דערזען דעם נאַטשאַלניק פון דער בויונג: דער טאָוול האָט אַ פלי געטאָן אַף דרערד.

— מען דאַרף זיך ניט דענערווירן. ליגט רויִק, — האָט וואַסילי מאַקסימאָוויטש געזאָגט, זיך צוגעזעצט באַם טישעלע און פאַררייכערט.

סיערעאָגין האָט זיך פאַלגעווודיק צוגעשפּאַרט, זיך געשטאַרקט און אָנגעהויבן, זיך ניט שוינענדיק, אויפגערעגט און זיך פאַרהיקענדיק צו דערציילן, ווי קאָנדרין האָט זיך באַוויזן פאַר אים ווי אַ געשפּענסט פון דער פאַרגאַנגענהייט און צעשטערט זײַן איצטיק פאַרהאָרעוועט לעבן. ער וואָלט געדאַרפט גלײַך דעמאַסקירן קאָנדרינען, דערציילן וועגן די אייגע־נע כשאדים, נאָר ער, סיערעאָגין, האָט זיך געשראָקן.

— איך האָב געטראַכט צו האַלטן זיך מיך־האַצאַד : טשעפּע דו מיך ניט, און איך וועל דיך ניט טשעפּען. אָבער מען טאָר ניט אַזוי ! מען טאָר ניט ! איך האָב וועגן אים ניט דערציילט און דערמיט גופא געלאָזט אים טאָן, וואָס ער וויל ! קומט אויס, אַז דאָס וואָס ער האָט געטאָן, באַשולדיקט אויך מיך.

סיעראָגין האָט זיך זייער דענערווירט, פאַרביקע פלעקן זײַנען אים אַרויס אָפּן בלוטלאָזן פּאָנעם.

— איצטער וועט מען צו מיר קיין צוטרוי ניט האָבן, און כ׳בין זיך אַליין שולדיק דערינען. מען האָט מיר ניט געגלייבט, ווען איך האָב דערציילט וועגן קאָנדרינען — איך בין, זאָל עס הייסן, ניט באַם זינען. איר פאַרשטייט, יעדע מינוט קען מען פון אים דערוואַרטן אַלערליי ני־דערטרעכטיקייטן. ער איז אַ זייער געפערלעכער. איך האָב מוירע צוליב דער פּאָמפּן־סטאַנציע! די צייכענונגען זײַנען דאָך ניט גלאַט אַזוי פאַר־פאַלן געוואָרן.

— דער באַנדיט איז דערשאָסן געוואָרן, — האָט באַטמאַנאָוו גע־זאָגט.

סיעראָגין איז אַ פאַל געטאָן אָף דעם קישן.

— ס׳איז מיר מאַמעש אַ שטיין פון האַרצן אַראָפּגעפאַלן! — האָט ער דערלײַכטערט אָפּגעזיפצט. און ווידער זיך אָנגעכמורעט. — עס ליגט אָף מיר אַ כעט, איך פאַרשטיי. איך בין גרייט צו גיין אָף אַ מישפּעט. נאָר העלפט מיר, כאָווער באַטמאַנאָוו.

סיעראָגין האָט זיך פאַרקרעקט. פאַראינטערעסירט, האָט באַטמאַנאָוו אַ פרעג געטאָן:

—מיט וואָס ?

— טרײַבט מיך ניט אַרויס פון דאַנען; דערלויבט מיר ווײַטער אַרבעטן. איך גיב וואָסער שווע איר ווילט, אַז איך וועל ניט אַנטלויפן. מײַן גאַנץ לעבן איז ערשט די פּאָמפּן־סטאַנציע. איך שלאָף און זע די דאָזיקע אַרבעטנדיקע מאַשינען. אַט ווען מיר וועלן זיי לאָזן אין גאַנג, בין איך גרייט אַפילע צו גיין אונטער אַ קויל.

— איך גלייב אײַך, — האָט באַטמאַנאָוו געענטפערט. — איך גלייב, ווײַל מען דאַרף שוין זײַן אַ פולשטענדיק פאַרפאַלענער מענטש, מען זאָל, אַרבעטנדיק אין אַ גוטן קאָלעקטיוו ניט פאַרשטיין דעם אונ־טערשייד צווישן דעם ווערטפולן לעבן פון אַ פולבאַרעכטיקטן אַרבעטער און דער נישטיקער מאַראָכע פון אַ פאַרברעכער וואָס איז אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון דער געזעלשאַפט. אַ לעקציע האָט איר באַקומען אַ שווערע אין אַלע הינזיכטן, נאָר זאָל זי אײַך דינען לעטויווע. ס׳איז ניט לײַכט זיך צו באַפרײַען פון דער פאַרגאַנגענהייט. מען דאַרף זיך אַקטיוו ראַנגלען מיט אירע אַרויסווײַזונגען אין זיך און אין מענטשן. — באַטמאַנאָוו האָט אַ ווײַלע געשוויגן. — איך טראַכט צו שטעלן אײַך אָף דער בויונג אָף מײַן אַראָוועס. און פאַרגעדענקט זיך: די צוקונפט פון אַ מענטשן ליגט קימאַט טאָמיד אין זײַנע הענט.

סיעראָגין איז געלעגן, דאָס פּאָנעם פאַרדעקט מיט די הענט, זײַנע אַקסלען האָבן געציטערט.

קאַפּיטל עלף

זינאַ איז צוריקגעקומען

אַפּאָנעם, אַז אַלעקסיי האָט ניט געדאַרפט פאָרן קיין נאָווינסק — פון דער נעסיע איז אים קיין טויווע ניט אַרויסגעקומען. נאָך די אָנגעשטרענגטע קלאָפּאָטן באַנאַכט און באַטאָג אין מעשעך פון עטלעכע כאָדאָשים איז ער איצט געווען אין אַזאַ צושטאַנד, ווי אַ מענטש נאָך אַ שלאַכט: ס'האָט זיך אײַנגעשטילט דאָס קראַכען פון די האַרמאַטן, עס זײַנען אַנטשוויגן געוואָרן די געשרייען, נאָר אין די אויערן הודזשעט און קלינגט ווײַטער די אומגעוויינלעכע שטילקייט. אַלעקסיי האָט זיך געפונען אין אַ שטילער סוויווע! מ'האָט פון אים גאָרנישט ניט געפאָדערט, גאָרנישט געבעטן, ער איז קימאַט ניט נייטיק געווען. מ'האָט אים געגעבן פרײַע צײַט, און דעריין האָט ער זיך ערשט גראָד געניייטיקט.

די פאַרוואַלטונג האָט אין די דאָזיקע טעג פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ קליינעם דיספּעטשער־אַפּאַראַט, מיט וועלכן ס'האָט, דורך הודקינען, אָנגעפירט באַטמאַנאָוו אַליין. די מערהייט אַרבעטער איז געווען אַף דער טראַסע. פון קאָװשאָווס אָפּטייל איז אָפן אָרט איבערגעבליבן בלויז אַ קליינע גרופּע — מיט איר האָט מיט דערפאָלג אָנגעפירט קאָבזעוו. נאָכן באַשטעטיקן דעם פּראָיעקט האָט זיך דער כאַראַקטער פון דער אַרבעט אין דעם אָפּטייל געענדערט — ער האָט זיך איצטער באַשעפטיקט מיט קלײנער פּראָיעקטירונג, געלייזט אויפגאַבן פאַר די באַזונדערע באַדערפענישן פון באַצירקן. מיט דער טעכניק פון דער טראַסע האָט אָנגעפירט פונעם דורכגוס דער הויפּט־אינזשעניער.

דערפאַר האָט אַלעקסייען אין זײַן אָפּטייל קיין זאַך ניט פאַראינטערעסירט. קאָבזעוו, וועלכער האָט זיך געוויסנהאַפטיק באַמיט אַרײַנצופירן זײַן נאַטשאַלניק אין קורס פון די פאַרוואַלטונגס־איניאָנים, האָט אַלעקסייען ניט דערקענט. ער איז געווען אַפּאַטיש, צעטראָגן, אַפילע דערשלאָגן. קאָבזעוו האָט געוווסט וועגן די אומגליקן, וואָס האָבן געטראָפן קאָװשאָוון, פאַרשטאַנען זײַן צושטאַנד און זיך ניט געקענט צווינגען אַוועקצוגיין, איבערלאָזן אַלעקסייען אַליין.

— ווו איז פּעטיאַ הודקין?

— אויפן פּערטן באַצירק. ער איז איצט נאַטשאַלסטווע — פּאַר אַן אַרבעטס־עלטסטן באַשטימט געוואָרן, — האָט קאַבזעוו ווידער אָנגעהויבן, זיך באַמיִענדיק ניט צו כידעשן זיך, וואָס אַלעקסיי באַ זײַן גוטן זיקאָרן פֿרעגט אַלץ איינס און דאָס זעלבע.

— איר וואָלט אים באַדאַרפט אַרויסרופן, איך דאַרף אים האָבן.

— געמאַכט, מאָרגן וועט פּעטקאַ זײַן דאָ.

אַלעקסיי האָט אָפּגעוואָרט, קאַבזעוו זאָל אַוועקגיין. יענער איז אַוועקגעגאַנגען — איז נאָך ערגער געוואָרן. אַלעקסיי האָט אין דער שטילקייט ווי געהערט, ווי עס שורשעט זײַן האַרץ, שרומפּט זיך אײַן פֿון אומעט. דער אַלטער טאַפּאָליעוו — אינעם שווערן פּעלץ מיטן אויפגעשטעלטן קאָלנער, מיטן שאַליק אַרום האַלדז, מיטן רויטן טיכל אין האַנט, אַזעלכער, ווי ער האָט זיך באַוויזן יענעם געדענקלעכן פרימאָרגן — האָט זיך אויפגעהויבן פֿון הינטער זײַן טיש און זיך געלאָזט צו אים. עס האָט זיך איבערגעכאַזערט דער שמועס, וועלכער איז אים אַרײַן אין דער נעשאָמע אויפן גאַנצן לעבן.

„אַליאָשאַ, ליבער, — האָט קוזמאַ קוזמיטש געבאַסעוועט, — געדענק־זשע: אַ מענטש דאַרף טאָמיד זײַן אומצופרידן מיט זיך. קיינמאָל באַשולדיק ניט די פּאַרשיידענע באַדינגונגען אין דײַנע אומדערפּאָלגן, באַשולדיק פּאַר זיי בלויז זיך אַליין... באַרויִק זיך ניט, ווער ניט פּאַרגליווערט, ווער ניט גײַסטיק פּאַרעלטערט. שטעל זיך ניט צופרידן מיט די קליינלעכע פריידן אינעם לעבן, די לײַכטע צום דערגרייכן, אָפּן כעשבן פֿון די עכטע גרויסע פריידן, די שווערערע צו דערגרייכן".

די היץ פֿונעם פּריִען זומער האָט זיך אַרײַנגעגאָסן דורכן פענצטער צוזאַמען מיטן אַראָמאַט פֿון די בלומען, וואָס שמאַכטן אויף די קלומבן. אָבער אַלעקסייען האָט זיך געדוכט, אַז הינטער די פענצטער ציט זיך נאָך ווײַטער דער ווינטער, דער שניי־שטורעם; ער האָט זיך געקאָרטשעט, ווי פֿון קעלט, און איז געשווינד אַוועק פֿון דעם דאָזיקן פּאַריאָסעמטן קאַבינעט.

מוזאַ פיליפּאָוונאַ האָט, דערזעענדיק אים, זיך גענומען טיילן מיט אים מיט איר פרייד: ענדלעך האָט זיך אָפּגעפונען איר נאַטאַשקאַ. זי איז אין טשעליאַבינסק, אַרבעט אין אַ זאַוואָד, האָט באַקומען אַ צימער. די אַלטע פרוי האָט געוויזן דעם פּלאַן פֿון דעם צימער, וואָס נאַטאַשקאַ האָט אָנגעצייכנט צום סאָף פֿון איר בריוו: „דאָ שטייט דער טיש, דאָ דאָס בעט, דאָ די קאַרטאָפעליעס — גאַנצע דרײַ זעקלעך".

און אַלע האָבן זיך באַמיט ווי ס'איז אים צו פאַרווײַלן און באַמוטיקן. אָבער אים האָט זיך אין די דאָזיקע מינוטן פֿון שוואַכקייט שטאַרק געוואָלט זען בלויז דרײַ מענטשן: זאַלקינדן, זשעניאַן און פּעטקאַן. קיי־

נער פון זיי איז ניט געווען. זאלקינד איז נאך ניט צוריקגעקומען פון רובעזשאנסק, פון וואנען מ'האט אים אויסגעקוקט פון טאג אף טאג. זשעניאן האט גרעטשקין געשיקט אפן צווייטן באצירק מיט א בריגאדע צו קאנטראלירן דעם איבערוווּקס פון די ארבעטס־קויכעס. פעטיא הודקין איז שוין אוואדע געווען אפן וועג קיין נאווינסק.

בערידזע האט ניט פארגעסן אין אלעקסייען און זיך באמיט צו ברענגען אים צו זיך, — דארט אין צימער איז געלעגן די קראנקע טאניא. און ווי אויפריכטיק ס'איז ניט געווען געארגיס און טאניאס מיטגעפיל, וויפל זיי ביידע האבן אים ניט געוואלט העלפן — האט ער לאנג ניט געקענט זיין מיט זיי צוזאמען. זיי האבן ניט געקענט אויסבאהאלטן זייער גליק, עס האט ווי געשאפן ארום זיי א באזונדערע אטמאספערע. יעדעס ווארט, יעדער זשעסט בערידזעס אדער טאניאס האבן גערעדט וועגן דעם, ווי זיי ציען זיך איינער צום צווייטן, ווי שווער ס'איז זיי אין אלעקסייס בייזיין זיך אפצוהאלטן פון אן איבעריק צערטלעך ווארט אדער א קוש. ער ווידער האט זיך דערמאנט זינאס ווערטער וועגן זייער אייגענער ער־לעבער ליבע; זיין אן איידעס פון א פרעמדער איז געווען אומדערטרעג־לעך ווי ס'איז שווער צוצוקוקן עמעצנס פרייד אף א לעוואיע פון א נאענטן מענטשן.

ס'האט אים געשלעפט צו זיך סעראפימא, נאר איר הארציקער מיט־געפיל האט זיך אויסגעדריקט שוין צופיל אפן און מאטעריעל — פירעזש־קעס, געשמאק פלייש געבראטנס, סאק פון יאגעדעס אף צוקער, ווי שטארקער וויין. אלעקסיי האט זיך אוועק אפגעזאגט פון די דאזיקע גוּ־טע זאכן, ניט זייענדיק אימשטאנד צו פארשאפן פארגעניגן דעם מאגן, ווען דאס הארץ טוט אזוי וויי.

א האלבן טאג פלעגט ער פארברענגען בא גרעטשקינען — דער הויפט־דיספעטשער איז געזעסן אין א זאל ווו די ווענט זיינען באהאנגען געווען מיט טאוולען אף וועלכע יעדע שא זיינען גראפיש פארצייכנט גע־ווארן די ענדערונגען אף די באצירקן. אף א לאנגן און ברייטן טיש זיי־נען געשטאנען אין שאך־ארדענונג טעלעפאנישע אפאראטן, וואס האבן פאראייניקט דירעקט מיט די באצירקן. עס זיינען אן אויפהער אנגעגאנ־גען שמועסן, מ'האט פארשריבן ציפערן, צוזאמענגעשטעלט טאבעלעס, עס זיינען איבערגעגעבן געווארן פאראדענונגען — דא איז געווען דער מא־גאזין פון די ארבעט־דערגרייכונגען און אומדערפאלגן פון די בויער.

גרעטשקינען האט זיך אלץ ניט איינגעגעבן אפצורייסן א שטיקל צייט, קעדיי א שמועס צו טאן מיט אלעקסייען.

— כ'וועל זיך באלד באפרייען, — האט ער פארזיכערט און טייקעף א כאפ געטאן מיט ביידע הענט די טעלעפאנען, וואס האבן פאראמאל אנגעהויבן קלינגען אף פארשיידענע שטימען. ארויסגעשטארצט די אויגן

און אויפֿגעהויבן די ברעמען, האָט דער הויפּט־דיספּעטשער אָנגעהויבן צו שרײַען.

— פֿאַרוואָס האָט איר אָפּגעשטעלט דאָס שווייסעווען? וואָס הייסט עס זײַנען ניטאָ קיין עלעקטראָדן? פֿאַרוואָס, צום טײַוול, האָט איר געשוויגן נעכטן?

אַלעקסיי האָט אויפֿמערקזאַם באַטראַכט די פֿײַנע סלופּקעלעך און דיאַגראַם־ליניעס אַף די טאָוולען, פּרווונדיק לויט זיי זיך פֿאָרשטעלן דעם מאַצעוו אַף די באַצירקן. פֿאַר זײַנע אויגן איז גלײַך אויפֿגעקומען דאָס בילד פֿון דער טראַסע, ער האָט באַמערקט די אומפּינקטלעכקייט פֿון גרעטשקינס גראַפֿיקס און פֿאַרלוירן דעם אינטערעס צו זיי.

זיך אָפּגעריסן אַף אַ מינוט פֿון די טעלעפֿאָנען, האָט גרעטשקין אַראָפּגעלייגט די דאָזיקע געדאַנקען פֿון אַלעקסייס פּאָנעם און זיך מודיע געווען:

— דאָס לעבן, מײַן טײַערער, קען מען ניט אָניאָגן. זאָל אַ מענטש פֿון דער טראַסע בעסער אַף די דאָזיקע טאָוולען ניט קוקן, נאָר אונדז העלפֿן זיי היפּש. פֿאָרט ווייסן מיר מער אָדער ווייניקער, וואָס ווו עס קומט פֿאָר אין געגעבענעם מאָמענט. — גרעטשקין האָט באַרימעריש צוגעגעבן:

— ניט אומזיסט האָט מען וועגן מײַן דיספּעטשער־אָפּטייל געשריבן אין דער רובעזשאַנסקער צײַטונג. האָסט ניט געלייענט? לייען איבער! איכל דיר געבן די צײַטונג.

אַלעקסיי איז אַוועקגעגאַנגען אַף טאָפּאָליעווס קוואַרטיר. די באַלעבאָסטע, מאַריאַ איוואַנאָוונאַ, האָט באַגעגנט דעם אינזשעניער אַזוי, ווי ער וואָלט געווען דעם געשטאָרבענעם קוואַרטיראַנטס אַ זון. זי האָט געוויינט און אַלץ דערמאָנט, סאַראַ גוטער מענטש קוזמאַ קוזמיטש איז געווען. אין זײַן צימער האָט דערווײַל קיינער ניט געוווינט. אַלץ איז געשטאַנען אין דער זעלבער אָרדענונג, ווי טאָפּאָליעוו האָט איבערגעלאָזן.

דער גאַסט האָט געקוקט אַף די זאַכן, וואָס ער האָט געיאַרשנט פֿרנעם אַלטן, אַף די ביכער מיט האַרעס אַף די ראַנדן און געדיכט פֿאַרשריבענע העפֿטן, אַף קוזמאַ קוזמיטשעס געשענקטער זילבערנער טאַבעקפּושקע, אַף דער פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון זײַן פּלימעניק — אַ יונגער סימפּאַטישער באָכער מיט קלוגע אויגן און אַ שמייכלדיקן מויל, — און אים האָט זיך געדוכט: אָט באַלד וועט אַרײַנקומען דער לעבעדיקער קוזמאַ קוזמיטש, אַ קוק טאָן פֿון אויבן אַראָפּ פֿון אונטער די ברעמען מיט די קלוימערשט בייזע אויגן, אַ גלעט טאָן מיט דער האַנט די וואָנסעס און אַ פֿרעג טאָן: „באַלעבאַטעוועסט?”.

— איר וועט אַוואַדע דאָ וווינען? — האָט מאַריאַ איוואַנאָוונאַ האַלב באַשטעטיקנדיק אַ פֿרעג געטאָן. — עס זײַנען געקומען ליזאַ גרעטשקין מיטן קאָמענדאַנט און געמאָלדן: איבערלאָזן דאָס צימער פֿרײַ. עפּשער וועט איר עס דאַרפֿן.

— יאָ, איך וועל דאָ וווינען, — האָט אַלעקסיי באַשטעטיקט, ניט קענענדיק זיך פאַרשטעלן אַ פרעמדער מענטש זאָל וווינען אין טאָפּאָליעווס צימער.

—אויב אַזוי, פילט זיך דאָ ווי אַ באַלעבאָס, — האָט מאַריאַ איוואַנאָווגאַ פריידיק צעשפּרייט די הענט.

— אַוואַדע... אַוואַדע, — האָט אַלעקסיי אײַנגעשטימט און געשווינד פון דאַנען אַוועק, קאַלומאַן די פרוי האָט נאָך ניט באַמערקט זײַנע איבערלעבענישן.

ס׳האָט אים פאַרבעטן צו זיך אין געסט ליבערמאַן. צום אינטענדענט איז ענדלעך געקומען צו פאָרן דאָס ווײַב און די טאָכטער, וועלכע האָבן זיך אַרויסבאַקומען פון דעם באַלאַגערטן לענינגראַד. ס׳איז ניט גייטיק געווען זיי צו הערן דערציילן, גענוג געווען אַ קוק צו טאָן אױף זיי גופא, מ׳זאָל באַנעמען די לײַדן, וואָס די לענינגראַדער האָבן איבערגעלעבט.

ליבערמאַנס ווײַב, אַ פרוי פון אַ יאָר פערציק, האָט אויסגעזען ווי אַ זעכציקיעריקע זקנה. אירע האָר זײַנען גרוי געוואָרן, פון צינגע זײַנען איר אַרויסגעפאַלן קימאַט אַלע ציין, דער דיקער קערפּער איז אויסגעטריקנט געוואָרן פון הונגער, די הויט אָפן פאַנעם און האַלדז איז געל געוואָרן און געקנייטשט.

— אָט דאָס בין איך פאַר דער בלאָקאַדע — האָט זי געוויזן אַלעקסייען אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ נאָך גענוג יונגער און שיינער פרוי מיט אַ קאָקעטישן בליק.

און דאָס מיידעלע האָט געהאַט אומעטיקע אויגן פון אַ מענטשן, וואָס האָט אַ סאַך דורכגעלעבט און אַ סאַך זיך אָנגעליטן. אָפן מאָגערן פּענעמל האָט זיך היפש אויסגעטיילט „דעם טאַטנס נאָז“ — ניט אַזאַ גרויסע, נאָר לויט דער פאָרעם זייער ענלעך.

די פרוי האָט שעפּעליאָוועגדיק מיטן אומצייניקן מויל און וויינענדיק דערציילט, אָט ראַכמאָנעסדיק, אָט פאַרביטערט, וועגן אַ באַוווּסטער אַרטיסטקע אין אַ פוטערנעם פאַלטן, אונטערגעבונדן מיט אַ שטריקל, מיט אַ קאַלדרע אָפן קאָפּ און אַ פאַראײַזיקט עמער אין דער האַנט; וועגן אַ שטיינגעבליבענעם טראַמוויַ באַם עק קראָנווערסקי און קאַמענאָאָסטראָווסקי, מיט אַן איינאונאיינציקן פאַרפרוירענעם פּאַסאַזשיר אין צווייטן וואַגאָן; וועגן זייער זעקסשטאָקיק הויז, אין וועלכן ס׳האָבן פאַר דער לעצטער צײַט געוווינט בעסאַכאַקל צען אײַנוווינער; וועגן דעם, ווי אַ פּלימעניצע און אַ מומע האָט מען געפירט צום בייסאַלמען צוואַלגערט אױף אַ שליטן; וועגן דעם כּוישעך־מיצראַ׳ים אין די נעכט; וועגן טליעס אין פּעטערהאָף; וועגן דזשאַמבולס לידער — „לענינגראַדער — קינדער מײַנע, לענינגראַדער — איר מײַן שטאָלץ!“.

— איך וואָלט קיינמאָל ניט אַוועקגעפאָרן פון אונדזער לענינגראַד,

וועט ניט די מאַמע! — האָט דאָס מיידעלע בייז געשריגן — כ'וויל זען, ווי מען וועט צוריקיאָגן די דײַטשן!

איר האָט אַלץ פאַרוואונדערט אין נאָווינסק — אין דער שטאָט, וואָס ווייס ניט פון קיין פאַרטונקלונג, באָמבאַרדירונגען און אַרטילעריע־באַשיסונגען. זי האָט געשטעלט פראַגן, פון וועלכע די דערוואַקסענע האָבן זיך דערפילט ניט היימלעך.

— מאַמינקע טײַערע! — מאַמינקע דו מײַן טײַערע! — האָט ליבערמאַן געשעפּטשעט, קוקנדיק מיט פּײַן אין די אויגן אַפן ווײַב און דער טאָכטער, — גיט־זשע מיר, דעם פרידלעכן מענטשן, געוועזער, איך זאָל קענען נעקאָמע נעמען פון די קאָלבויניקעס!

שפּעט אין אָונט איז געקומען צו פּאָרן פּעטקאַ — ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ געפּאַסקעוועטער פוטבאָל־מאַרינאַרקע, העלע הויזן און פּאַנטאָפל אַף די באָרוועסע פיס. דעם באָכערלס פּאָנעם איז געווען פאַרברוינט, די זומער־שפּרענקעלעך זײַנען נאָך גרעסער געוואָרן — יעדע אַ צענערגראָשן די גרייס, די נאָז, אָפּגעברענט פון דער זון, האָט זיך געשיילט. ער האָט געטראָפן אַלעקסייען אינעם סקווערל קעגנאיבער דער פאַרוואַלטונג. ס'איז דאָ געווען זייער שטיל, פון די אָן אַ שיר ווײַסע טיטון־קווייטלעך האָט זיך אינטענסיוו אויסגעטיילט אַ האַרבער אַראָמאַט.

דאָס באָכערל האָט פון דערווײַטנס אַ קוק געטאָן אַף אַלעקסייען, וועלכער איז אומבאַוועגלעך געזעסן אַף אַ בענקל, און זיך ניט אַנטשלאָסן צו אים צוצוגיין. גוויסער געווען זײַן אומדרײַסטקייט, האָט זיך פּעטיאַ דערנענטערט און הינטנאַרום אַרומגענומען דעם אינזשעניער.

— מיטיענקאַ! — האָט זיך באַ אַלעקסייען אַרויסגעריסן: פּונקט אַזוי האָט ליב געהאַט זיך אונטערצוגאַנווענען צו אים זײַן ברודערל.

דערקענט פּעטיאַן, האָט אים אַלעקסיי שווײַגנדיק צוגעצויגן צו זיך. זיי האָבן זיך לאַנג אַרומגעשלעפּט לענגאויס דעם יִשעוו און אַפן ברעג פונעם אַדון, וואָס האָט געשימערירט קעגן דער לעוואָנע. פּעטיאַ האָט זיך היציק געטיילט מיט די אײַנדרוקן וועגן זײַן אַרבעט אַפן פערטן באַצירק. ער האָט אַכט שווייסעווער־רינגען, ער האָט זיי אויסגעשטעלט פוןביידע עקן פון דעם צענקילאָמעטערדיקן באַצירק. ער קריכט ניט אַראָפּ פונעם פערד און באַווײַזט אַכטונג צו געבן אַפן שווייסעווען אַף ביידע פראָנטן. פּעטיאַן האָט זייער אינטערעסירט אומאַרע מוכאַמעט, און אַלעקסייען איז אויסגעקומען צו דערציילן אויספירלעך, ווי עס אַרבעט דער בעסטער שווייסעווער אַף דער בויונג, וויפל מינוט ער שווייסעוועט אַ באַהעפט, וואָס פאַר אַ מאַכשירים ער האָט, ווי עס אַרבעטן די געהילפן.

קאָווּשאָוו האָט אַרויסגערופן פּעטקאַן אין דער האָפּעבונג אַוועקצו־פירן אים צום דורכגוס, וווהין ער אַליין האָט זיך געקליבן אומצוקערן. פאַרשטאַנען, אַז דאָס באָכערל איז מאַמעש צוגעוואָקסן געוואָרן צו זײַן באַצירק און איז דורכגענומען מיט די זאָרגן וועגן די שווייסעווער, האָט ער ניט גענומען אים באַאומרויִקן מיט זײַן פּראָיעקט. אין אַ שאָ אַרום האָט זיך פּעטקאַ גענומען פּײַניקן: ס׳האָט זיך אים ניט געוואָלט אַי־בערלאָזן אַלעקסייען, און ער האָט מוירע געהאַט צו פאַרשפּעטיקן די מאַשין, וועלכע פאָרט צוריק אַפן באַצירק. באַם באָכערל איז אַלץ געווען אויסגערעכנט: אין מעשעך פון זעכצן שאָ רײַזע קומען אַפן אָרט און באַווײַזן צו דעם מאָרגנדיקן נאַכט־שיכט. פּעטקאַ האָט זיך שוין געפּרווט פאָרשטעלן, ווי האָט זיך זײַנע שווייסעווער אײַנגעגעבן אויסצופירן אין מעשעך פון טאָג די פאַרפליכטונג — געבן צוויי נאָרמעס, און אייִנצײַטיק האָט ער זשעדנע אויסגעהערט אַלעקסייס דערציילונג וועגן דעם טויט און דער לעוואַיע פון טאָפּאָליעוון אַפן דורכגוס.

— איך מיט דיר זײַנען זײַנע יאָרשים, — האָט אַלעקסיי געזאָגט, זיך אויפרעגנדיק. — פון אים צו מיר, פון מיר צו דיר, ווי דורך אַ שטאַ־פעט, דאַרף איבערגעגעבן ווערן די ניט־פאַרענדיקטע זאַך. דו, פּעטיאַ, באַגרענעץ זיך ניט בלויז מיט די הײַנטיקע זאָרגן. כאָץ דעם שווייסעווען זײַנען פאַראַן נאָך אַ סאַך זאַכן, וואָס וואַרטן אַף דיר. שוין צײַט, מײַן פרײַנט, אַ טראַכט צו טאָן וועגן דײַן פערזענלעכן פינפיאָרפּלאַן פון אַנטוויקלונג.

זיי האָבן זיך געזעגנט ווי ברידער, און ניט געשעמט זיך דרײַמאָליק זיך צו צעקושן און פעסט זיך אַרומצונעמען. פּעטקאַ האָט זיך אײַנגע־קוקט אין אַלעקסייס פּאָנעם, אַראָפּגעשלונגען דעם קנופּ, וואָס האָט אים אַ דריק געטאָן אין האַלדז, פאַרקלעמט די ציין און אַוועקגעלאָפן, צו־דריקנדיק די עלנבויגנס צו די זײַטן און שטעלנדיק טריט ווי אַף שפּרענ־זינעס.

אַלעקסיי האָט פאָרט געמוזט אַהיימגיין. ער האָט אָנגעיאָגט ליזעטש־קאַ גרעטשקין, וועלכע האָט זיך אומגעקערט פון דער קינדערהיים, ווו זי מיט פּאָלינאַ יאַקאָוולעוונאַ זאַלקינד האָבן דורכגעפירט אַ באַראַטונג מיט די ניאַנקעס און דערציִערנס. אַף ליזעטשקאַס באַקאָשע איז ער אַף אַ מינוט אַרײַנגעגאַנגען צו די גרעטשקינס זיך אָנצוקוקן אַף זייער רײַכ־קייט: אַלע פיר קינדער — דרײַ יינגלעך און איין מיידעלע, ענלעכע איינס צום אַנדערן מיט די פּלאַקסענע קעפּלעך און רויטע בעקלעך, — זײַנען געשלאָפן אין הילצערנע בעטלעך, אויסגעשטעלט לענגאויס די ווענט.

אין דעם צימער, וואָס זשעניאַ האָט פאַר אים מיט ליבע צוגעקליבן און ס׳האָט געפּוסטעוועט דעם גאַנצן ווינטער, האָט אַלעקסיי שוין קיינ־מאָל ניט געקענט זיך באַפרײַען פון די זיכרוינעס וועגן די אייגענע מענטשן

— זייערע אויגן, וואָס האָבן געקוקט גלײַך פון די פאָטאָגראַפיעס אַראָפ, האָבן אים צו זיך צוגעצויגן.

לינקס האָט פון ניט קיין גרויס פאָרטרעטל אָנגעכמורעט און שטרענג געקוקט אַף אים טאָפּאָליעוו. פון דער גרויסער פאַמיליע־פאָטאָגראַפיע האָט צו אים געשמייכלט מיטיאַ. זייער גאַנצע פאַמיליע האָט פאָטאָגראַפירט דער פרײַנט סיעראָזשאַ אין דעם טאָג, וואָס אַלעקסיי איז געקומען צו פאָרן פון דער דאָרעמדיקער בויונג. באַ זיי אַלע איז דעמאָלט געווען אַן אויסגעצייכנטע שטימונג. עס זײַנען געפלויגן גלײַכווערטלעך פון סיעראָזשאַן צו אַלעקסייען, פון אַלעקסייען צו מיטיאַן און צוריק, ווי אַ וואָלייבאָל־פילקע. דער טאַטע האָט געלאַכט, זיי הערנדיק. סיעראָזשאַ האָט לאַנג געוואַרט, ביז זיי וועלן מאַכן ערנסטע פּנעמער, נאָר זיך ניט דערוואַרט און די פאָטאָגראַפיע האָט זיי אַף אייביק פאַרפיקסירט צעשמייכלטע.

אויך זינאַן האָט סיעראָזשקאַ פאָטאָגראַפירט. ער האָט דערבײַ פאַרלאַנגט, אַז זינאַ זאָל עפּעס אַף אַ באַזונדער אויפן אויסדרייען דעם קאָפּ. דאָס מיידל איז ניט אײַנגעגאַנגען: „טו זיך ניט אָן די טירכע צו מאַכן מיך שענער. אַליאָשאַ האָט מיך ליב אַזעלכע, ווי איך בין. עמעס, אַליאָשאַ ?". איצט האָט אַלעקסיי ניט געקענט אָװעקרײַסן די אויגן פון דער פאָטאָגראַפיע. זינאַס בליק איז געווען אַ לעבעדיקער, אַ ברענענדיקער. די לאַנגע ברעמען האָבן זיך ווי באַוועגט.

זיך ניט געקענט מער באַהערשן, האָט זיך אַלעקסיי צעכליפּעט. די דערשטיקטע, האַרצפאַרכאַפּנדיקע קלאַנגען פון אומגעטרייסטע מענטשלעכע לײַדן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן אינדרויסן, האָט דערהערט זשעניאַ. זי האָט זיך נאָרוואָס אומגעקערט פונעם באַצירק, גרעטשקין האָט איר דערציילט וועגן אַלעקסייס קומען, און זוכנדיק אים איז זי געלאָפן אַהיים . . .

...אַמאָל פלעגט זיך זשעניאַ קאָזלאָוו ווייניק פאַרטראַכטן וועגן דעם אויפן פון איר לעבן. דער ברייטער לעבנס־טײַך האָט זי פריידיק געטראָגן. דאָס מיידל איז, ניט אַרומקוקנדיק זיך און ניט באַזונדערס זיך באַומרויִקנדיק, לײַכט געשווומען מיטן מעכטיקן שטראָם. שוין ניט אַזוי זעלטן טרעפן זיך מענטשן, פאַר וועלכע דאָס לעבן אַפילע אַריבער דער גרענעץ פון דער קינדהייט שטעלט זיך פאַר פאַשעטער, לײַכטער און פריילעכער, ווי עס איז אינדערעמעסן. נאָר דאָס איז בלויז ביז אַ געוויסער צײַט. באַ איינעם פריִער, באַ אַ צווייטן שפּעטער טוישט זיך די אומבאַדענקטע באַציִונג צו דער ווירקלעכקייט אַף אַ צווייטער — אַ מער ניכטערער, שטרענגערער און ערנסטערער. אין קאָזלאָווס לעבן האָט אַלץ געענדערט, אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין, קאָװשאָוו.

זי האָט זיך מיט אים צופעליק באַקענט, און ער איז איר געפעלן געוואָרן. זשעניאַ האָט זיך אומבאַוווסטזיניק געצויגן צו אים. זיך ניט

פֿאַרטראַכטנדיק וועגן גאָרניט. אַזעלכעס האָט זיך אויך פֿריִער געטראָפֿן — טאַניאַ וואַסילטשענקאָ האָט דאָס אָנגערופֿן לײַכטזיניקייט. קימאַט אָפֿן האָט זשעניאַ געזוכט באַגעגענישן מיט אַלעקסייען, געפֿונען פֿאַר דעם אויסריידן. זײַן פֿרײַנטלעכע האַלטונג האָט זי אָנגענומען פֿאַר אַ באַזונדערער אויפֿמערקזאַמקייט צו איר. זינאַן, וועגן וועלכער זי האָט זיך דערוווּסט גלײַך אין אָנהייב פֿון דער באַקאַנטשאַפֿט, האָט זי ניט גענומען פֿאַר ערנסט, יענע איז געווען ווײַט און האָט אויסגעוויזן צו זײַן אומרעאַל.

אָבער ווי נאָר דאָס צײַטיק ווערנדיקע געפֿיל אין זשעניאַן האָט אָנגעהויבן פֿאָדערן מער איידער פֿאַשעטע פֿרײַנטשאַפֿט, האָט דאָס מיידל דערזען — אַלעקסיי האָט ליב די ווײַטע זינאַ און איז פֿאַר מער קיינעם ניט צו דערגרייכן. דעמאָלט איז דעם מיידלס געפֿיל מיטאַמאָל שטאַרק געוואָרן, זיך אויסגעקריסטאַליזירט, זי פֿאַרוואַנדלט אין אַ ליבע, וואָס פֿאַרשלינגט אַלץ. דאָס איז פֿאָרגעקומען אין איין נאַכט, מעגלעך, אַפֿילע אין דער מינוט, ווען ער האָט אַן אויפֿגערעגטער דערציילט, ווי ער האָט ליב זינאַן.

זשעניאַ האָט זיך באַקענט מיט דער ביטערניש, ווען אַף אַ געפֿיל ווערט ניט געענטפֿערט מיט קעגנזײַטיקייט. איבערגעשראָקן פֿון די ביז הײַנט אומבאַקענטע, קימאַט אומדערטרעגלעכע איבערלעבענישן, האָט זי באַשלאָסן זיי צו דערשטיקן אין זיך. זי האָט אַפֿילע געפּרוּווט דערוועקן אין זיך אַ געפֿיל פֿון אומפֿרײַנטשאַפֿט צו אַלעקסייען. אויב דאָס האָט זיך איר צײַטנווײַז אײַנגעגעבן, איז אָבער ניט אַף לאַנג. אַלעקסיי, פֿאַרשלונגען פֿון זײַן ליבע, האָט לעכאַטשילע ניט פֿאַרשטאַנען, וואָס עס קומט פֿאָר מיט זשעניאַן, און דערפֿאַר ניט געשטרעבט, פֿון זײַן זײַט, זיך צו דערווײַטערן פֿון דעם מיידל. אַ טאָמיד העפֿלעכער, האָט ער זי דערמיט אַנטוואָפֿנט, און אַלדאָס בייזע, מיט וועלכן זי האָט זיך געקליבן פֿון אים אָפּצוצוימען, איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן, ווי נאָר זיי האָבן זיך באַגעגנט. נאָך אַ קורצווײַליקער זעלבסטאָפּפֿרעמדונג פֿון אים האָט זיך דאָס ציִען צו אים בלויז פֿאַרשטאַרקט. „נאָר צי וועסטו פֿאַרטויבן די מילדע שטים פֿון דער לײַדנשאַפֿט? וואָס בייזערער און פֿינצטערער ס'איז דאָס הימלגעוועלב, אַלץ מיט אַ גרעסערער קראַפֿט ברעכט אויס דער שטורעם"; זשעניאַ האָט די דאָזיקע פֿערזן בײַראָנס געהערט דורכן ראַדיאָ, זיי זײַנען געווען ווי פּונקט פֿאַר אירעטוועגן באַשטימט.

זשעניאַ האָט טאַקע ניט געקענט זיך גוויוער זײַן און זיך אָפּזאָגן פֿון דעם פֿרײַנטשאַפֿטלעכן פֿאַרקערן מיט אים, כאָטש ס'האָט איר ניט צופֿרידנגעשטעלט. זי האָט זיך אָפּגערופֿן אַף זײַן יעדער אײַנלאַדונג, איז געגאַנגען מיט אים אין גאָרקיך, אַף די זעלטענע אָוונטן און קינאָ־סעאַנסן אין קלוב. באַמערקט, אַז ער גיט ניט אַף זיך אַכטונג, האָט זי גענומען שעפּטום איבער אים. ערגעץ טיף אין דער נעשאָמע האָט געלעבט אַ האָ־

פענונג . . . קוזמא קוזמיטש טאפאליעוו, זיך אנשטויסנדיק, אפאנעם, וועגן אירע לײַדן, האט, זיצנדיק אין קאבינעט, אין אײנעם פון די טעג, ווען זי האט אפגעווארט אלעקסייען, (קאוושאוו איז געווען אף א באראטונג בא באטמאנאוון), ווי ניט בעקיוון פילבאדײַטנדיק א זאג געטאן: „גרויסע ליבע באזיגט . . .“.

זשעניאס איבערלעבונגען האבן זיך באזונדערס פארשארפט אין די טעג, ווען אלעקסיי האט געוואנדערט מיט בערידזען איבער דער טראסע און איז שיר ניט אומגעקומען אינעם בוראן. עפעס ווי פון זיך אליין איז אין איר אויפגעקומען די איבערצײַגונג: קוים איז די ליבע צו אלעקסייען אזוי אומפארמײַדלעך, דארף זי, זשעניא, בעשום אויפן זיך ניט אפזאגן פון אים, דארף זיך דערשלאגן, אז אויך ער זאל זי ליב באקומען. עס זאל נאר מיט אים גארניט געשען און ער זאל זיך אומקערן אן אומבאשעדיקטער! זי האט זיך צוליב עפעס וואס אײַנגעשמועסט, אז ער האט זיך צו איר געענדערט, הagגאם ער האט זי נאך ניט ליב באקומען, נאר ער איז שוין געווארן ניט גלאט קיין כאווער. אלעקסיי האט זיך אומגעקערט, און זיי האבן זיך באגעגנט. ווי זי האט עס אויסגעקוקט, ער זאל זי ארומנעמען, צוטוליען! ער האט עס ניט געטאן. פאר זשעניאס אויפמערקזאמקייט האט זיך ניט פארבײַגעגליטשט אומבאמערקט אלעקסייס מינוטיקע קווענקלעניש און זײַן אונטערגעשטראכענע טרוקנקייט נאך דעם. ס׳האט איר באליידיקט די פלוצימדיקע און שארפע ענדערונג אין אים.

שפעטער האט זי אלץ ארומגעטראכט און באנומען, וואס איז אין אים פארגעגאנגען. און אז זי האט עס פארשטאנען, האט זי אים נאך טײַערער געשאצט. זי האט זיך דערפילט נאך ערגער צוליב דעם, וואס דער דאזיקער מאנצביל מיט פעסטע מאראלישע פרינציפן, וועלכער איז פעיִק אזוי צו ליבן, — איז פאר איר ענדגילטיק פארלוירן.

ס׳האט זיך איר אײַנגעגעבן זיך גיוועלער צו זײַן און זיך אײַנשטעלן אף לויטער פרײַנטשאפטלעכע באציִונגען. אײנמאל, באגעגענדיק זיך מיט אים נאך א דרײַטאגיקער צעשיידונג, האט זי אים כאווריש ארומגענומען. ער האט עס ניט ריכטיק אויסגעטײַטשט און דערמיט באליידיקט. איבעריקנס, זי האט אים גלײַך אפן ארט פארענטפערט.

אלעקסיי איז אוועקגעפארן צום דורכגוס, און אינגיכן האט זיך אף דער בויונג געלאזט הערן וועגן דעם באצירק, ווו עס זײַנען אנגעגאנגען די אנטשיידנדיקע שלאכטן פאר דער נאפטלייטונג. זי האט געבעטן גרעטשקינען, ער זאל זי לאזן פארן צום דורכגוס. גרעטשקין האט צוגעזאגט, און א טאג שפעטער האט ער געזאגט, אז אלעקסיי איז קעגן איר קומען צו פארן. זשעניא האט זיך באליידיקט און — ווידער אים אינגיכן מויכל געווען. זי האט אלעקסייען ליב געהאט מער פון זיך אליין.

פאר די עטלעכע כאדאשים באקאנטשאפט האט זיך זשעניא פולשטענדיק אונטערגעווארפן זײַן האשפאע. זי האט זיך צוגעווינט צו

טראַכטן וועגן אים און, לעכאַטכילע אומבאַוווסטזיניק, געהאַנדלט אַזוי, ווי ס'איז אים געווען צום האַרצן. געוויינלעך האָט זי אויסגעמיטן געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן, נאָר אַלעקסיי האָט זיי צוגעגעבן אַ גרויסע באַדײַטונג, און זשעניאַ, קעדיי אים צופרידנצושטעלן, האָט אויפגעהערט זיך אָפּצוזאָגן פון זיי. ס'איז אַריבער אַ געוויסע צײַט, און זי האָט דערפילט אַ געשמאַק אין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט — איצט וואָלט זי שוין פאַרשטעט ניט געקענט לעבן אָן דעם אַלץ, וואָס ס'האָבן אַרײַנגעבראַכט אין איר לעבן די פליכטן פון אַ קאָמיוגישן אָרגאַניזאַטאָר און פירער.

איצט וואָלט זי ניט געקענט אַוועקפאַטערן אַ גאַנצן אָוונט בלויז אַף טענץ. אַף אַ סאַך זאַכן האָט זי געקוקט מיט אַלעקסייס אויגן, ריכטיקער, אָפט געפרווט זיך פאָרשטעלן — און ווי וואָלט ער געהאַנדלט אַף איר אָרט? מעגלעך, אַז ער וואָלט געהאַנדלט אַנדערש, נאָר די באַטראַכטונגען גופע האָבן איר געהאָלפן בעסער אַרומצוקלערן דעם אָדער יענעם שריט. אַ טייל פון די דערפאָלגן, וואָס האָבן זיך איר געטראָפן אין דער אַרבעט, האָט זי פאַררעכנט אַף זײַן כעשבן: ער האָט דאָך איר געהאָלפן אַנצונעמען דעם ריכטיקן באַשלוס. אַזוי האָט זיך באַקומען מיט פעטקאַ הודקין. דאָס באָכערל האָט זיך געבעטן אַף דער טראַסע, קאָבזעוו האָט אים ניט אָפּגעלאָזט. הודקין האָט זיך פאַרקלאָגט פאַר איר: „אַ שאָד, וואָס אַלעקסיי ניקאָלאַיעוויטש איז ניטאָ — ער וואָלט מיך אָפּגעלאָזט, ער וואָלט פאַרשטאַנען”. זי האָט באַשלאָסן: „ריכטיק, אַלעקסיי וואָלט געהאָלפן הודקינען”. דעמאָלט איז זי געגאַנגען צו זאַלקינדן און דורך אים באַווירקט קאָבזעוון. מ'האָט פעטיאַן אָפּגעלאָזט אַף דער טראַסע. דערנאָך איז זי געקומען אין פאַרלעגנהייט, אויסהערנדיק דעם באָכערלס דאַנק: זי האָט אים אַרויפגעשטעלט אַף אַלעקסייס כעשבן.

אַלעקסיי האָט אַפילע ניט כוישעד געווען, אַז זשעניאַ לעבט איבער אין געדאַנק זײַנע דערפאָלגן, שוועריקייטן און צאָרעס. ווי זי האָט זיך עס געפרייט, ווען זי האָט איבערלייענט אין אַ צײַטונג אַן אַרטיקל, ווו אַלעקסיי ווערט באַנאַנד מיט בערידזען אָנגערופן טאַלאַנטירטער אינזשעניער פון דער נײַער סאָוועטישער שול! די אומגליקן, וואָס האָבן זיך אַף אים אַראָפּגעלאָזט, האָבן איר ניט אויסגעמיטן. דעמאָלט, באַם סעקרעטאַר, האָט אַלעקסיי אַרויסגעוויזן מער אויסגעהאַלטנקייט, איידער זשעניאַ. זי האָט אַזוי געיאָמערט, ווי זינאַ וואָלט זײַן אירע אַ שוועסטער. עס איז איר אַפילע אַפן זינען ניט געקומען, אַז זינאַ איז דאָך אירע אַ ריוואַלן.

זשעניאַ האָט באַ זיך באַשלאָסן, אַז זי דאַרף זײַן צוזאַמען מיט אַלעקסייען. ס'האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז קיינער פון זײַנע פרײַנט — ניט בערידזע, ניט טאָפּאָליעוו, ניט טאַניאַ — וועט ניט קענען אַזוי אים אונטערהאַלטן, טרייסטן און באַמוטיקן, ווי זי וועט עס מאַכן. ס'האָט זיך איר אַפילע געכאָלעמט: אַן איינזאַמער און בענקענדיקער, רופט ער

זי. זי האָט ווידער געבעטן גרעטשקינען, ער זאָל זי שיקן אַפּן אינדזל־באַצירק. צושטיין האָט זיך זשעניאַ ניט דערוואַגט, די מאָטיוון האָבן געקלונגען ניט איבערצײַגעוודיק, און גרעטשקין האָט, אָנשטויסנדיק זיך וועגן אירע איבערלעבענישן, אָנגעהויבן אַרומיאָגן דאָס מיידל מיט קאָמאַנדירונגען, מיינענדיק, אַז אין די רײַזעס וועט זי זיך פאַרגעסן.

...ענדלעך האָט זי דערזען איר געליבטן. אַלעקסיי איז צוגעפאַלן מיטן פּאָנעם צום טיש, זײַן קערפּער האָט זיך געטרייסלט, די העלע האָר זײַנען אַראָפּגעפאַלן אַפּן שטערן און איבער די אויגן.

מיטגעפיל איז, ווי יעדער אַנדער מענטשלעך געפיל, פאַרשיידנאַרטיק. טיילמאָל איז עס דאָס אייגענע, וואָס פאַראַכטונג. אָפט דערנידעריקט עס דעם צו וועמען ס׳איז אַדרעסירט. אָבער דאָס מיטגעפיל פון אַ ליבנדיקן מענטשן, וואָס איז געווענדעט צום געליבטן, — איז אַ גרויס מעכטיק געפיל. אַרומגעכאַפּט פון אַזאַ געפיל, האָט זיך זשעניאַ אַ ריס געטאָן צו אַלעקסייען. זי איז צוגעפאַלן צו אים אַף אַן אויגנבליק, ווי זי וואָלט זיך פאַרנייגט פאַר זײַנע לײַדן. זי האָט מיט קויעך אָפּגעריסן אַלעקסייען פונעם טיש, אויסגעדרייט צו זיך זײַן צעפּײַניקט, פון לײַדן צעקרימט פּאָנעם מיט פאַרמאַכטע אויגן און האָט אים באַשאָטן מיט קושן, אין וועלכע ס׳איז געווען מער מוטערלעך געפיל, איידער לײַדנשאַפט.

—ווי שווער מיר איז, זשעניאַ! ווי שווער! — האָט אַלעקסיי אַ קרעכץ געטאָן, זיך צונייגנדיק צו איר מיט צוטרוי.

צוגעדריקט אַלעקסייס קאָפּ צו דער ברוסט, האָט זי אים פאַרוויגט ווי אַ קינד.

— האָסט אַ סאַך פרײַנט, אַליאָשאַ, דײַן אַרבעט, גרויסע פליכטן. וועסט איבערווייטיקן, זיך אָננעמען מיט קויכעס — און ס׳וועט דיר לײַכטער ווערן. געדענק בלויז: דו ביסט אַ נייטיקער מענטש, אַלע האָבן דיך ליב און לײַדן צוזאַמען מיט דיר. איך ווייס ניט, וואָס איך וואָלט אַלץ געטאָן, אַבי דיר זאָל לײַכטער ווערן. אויב דו וועסט מיך ניט דורכטרײַבן — וועל איך טאָמיד זײַן מיט דיר, טאָמיד! קום צו זיך, ליבינקער, זײַ אַ שטאַרקער ווי געווען.

באַטמאַנאָוו האָט זיך אומגעקערט און אַפּן אָרט אַרויסגערופן צו זיך בערידזען, קאָוושאָוון און גרעטשקינען. אַפּן טיש פונעם נאַטשאַלניק פון דער בויונג האָט זיך געדרייט מיט אַ זשוזשערײַ אַ קליינער ווענטילאַטאָר. ס׳איז געווען הייס און וואַסילי מאַקסימאָוויטש האָט אַרומגעשפּרײַזט איבערן קאַבינעט אַ דערהיצטער, מיט פאַרשאַרטע אַרבל און אַ ברייט צעשפּיליעט דין זײַדן העמד.

— מיר וועלן זיך פאַרנעמען מיט אַריטמעטיק, — האָט באַטמאַנאָוו אַ זאָג געטאָן נאָכן פאַרטוישן עטלעכע אַלגעמיינע פראַזן מיט די אַרײַנגעקומענע וועגן דעם און יענעם. — עס זײַנען פאַראַן דרײַ ציפערן, וועל־

כע גיבן מיר ניט קיין רו. זיי שטעקן בא מיר אַט־אָ־דאָ, — און באַטמאַ־נאָוו האָט זיך אַ קלאַפּ געטאָן איבערן שטערן.

מיט די דרײַ גוירלדיקע ציפערן האָט וואַסילי מאַקסימאָוויטש אָנ־גערופן די צאָל טעג, וואָס זײַנען נאָך פאַרבליבן ביזן רעגירונגס־טערמין פון פאַרענדיקן די בויונג, דעם אומפאַנג פון די נאָך ניט פאַרענדיקטע אַרבעטן באַם שווייסעוועז און אויסלייגן די נאָפטלייטונג, דעם סכום פון דער נויטווענדיקער אַרבעט־קראַפט. די ציפערן האָבן אין קיין פאַל ניט פאַרשאַפן קיין פרייד: טעג ביזן טערמין זײַנען געבליבן ווייניק, דאָס שווייסעוועז האָט זיך ערשט ניט לאַנג אָנגעהויבן, אַרבעטס־הענט האָבן אויסגעפעלט.

— איך האָב באַמערקט אַפן אינדזל און אַפן דורכגוס, און אויך אַף אַנדערע באַצירקן עפּעס אַן אַנטמאַגנעטיזירונג, — האָט באַטמאַנאָוו געזאָגט, צוגייענדיק צום ווענטילאַטאָר, אונטערצושטעלן קעגן דעם קילן ווינטל דאָס פּאָנעם און די ברוסט. זײַנע האָר האָבן זיך אויפגעשויבערט.

— דער ווינטער איז אַריבער מיט דערפאָלג, און בא די מענטשן איז אויפגעקומען אַ זאָרגלאָזיקייט. מען האַלט עס פאַר אַ זעלבסטפאַרשטענד־לעכקייט, אַז מיר וועלן געבן דעם נאַפט צום טערמין. אַזאַ גוזמעדיקע זיכערקייט איז לויט מיר נאָך ניט בעסער פון אומזיכערקייט. אַף דער בויונג איז ניט פאַראַן קיין שטימונג פון אומרו. ניטאָ די דראָענדיקע שפּירונג, אַז דער טאָג פון לאָזן אין גאַנג די נאָפטלייטונג דערנענטערט זיך. קיינער זעט ניט, ווי די צײַט גייט אַוועק, זי ניט צוריקצוכאַפּן — אַ שאָ נאָך אַ שאָ, אַ טאָג נאָך אַ טאָג.

קאָוושאָוו האָט דערפילט: פון באַטמאַנאָווס ווערטער, אַרויסגעזאָגט באַזאָרגט און ערנסט, איז אין אים אויפגעשטיגן אַ געפיל פון שרעק. עס האָט פאַרטויבט דעם זיך ניט אײַנשטילנדיקן, נאָגנדיקן ווייטיק — דעם אומעט אין האַרצן. זיך פאַרגעשטעלט אין דימיען דעם אינדזל־באַצירק, וועלכן ער האָט ערשט ניט לאַנג צוריק פאַרלאָזט, האָט אַלעקסיי פאַר־שטאַנען: באַטמאַנאָוו איז מעגאָזעם — די בויער זײַנען שוין גאָרניט אַזוי זאָרגלאָז און בלינד זעלבסטזיכער; נאָר באַנאַנד דערמיט איז דער נאַטשאַלניק גערעכט געווען — ס'איז געקומען אַ מאָמענט, ווען מען האָט באַדאַרפט אָנהייבן רעכענען די צײַט ניט לויט מעסלעסן, נאָר לויט שאָען און מינוטן. זיך אַוועקגעריסן אַף אַ קורצער צײַט פון דער טראַסע, האָט אַלעקסיי אויפגענומען באַטמאַנאָווס אַרויסזאָגונגען ווי אַ פירהאַלט פאַר זיך: ס'איז טײַער יעדע שאָ, און דו פאַטערסט שוין אַ ווילפלטן טאָג אַף דײַנע איבערלעבענישן.

— וואָס־זשע טוט מען, אויב לויט גרעטשקינס אויסרעכענונגען וועט זיך אונדז ניט אײַנגעבן צונויפצושטימען די גוירלדיקע דרײַ ציפערן? — האָט וואַסילי מאַקסימאָוויטש געזאָגט. — עס קומט אויס, אָדער מען דאַרף פאַרלענגערן דעם טערמין, אָדער פאַרגרעסערן דעם סכום

בוי־אַרבעטער, אָדער פאַרקירצערן די נאָפּטליייטונג. אָפּרוקן דעם טערמין און פאַרקירצערן די נאָפּטלייטונג זײַנען מיר ניט בעיעכוילעס. מיר קענען בלויז ריידן וועגן אַ צוגאָב פון קוואַליפיצירטער אַרבעטס־קראַפט. זאַל־קינד איך רובעזשאַנסק נעמט אַן אַלע מיטלען, צו באַקומען רעזערוון. אָבער איך בין זיכער, — דער קאַנט וועט אונדז קיין מענטשן ניט געבן, זיי זײַנען פּאָשעט ניטאָ. מיר קענען באַגרענעצט בלויז אויסשטעלן אַף דער הילף פון דער באַפעלקערונג אַרום דעם אַדון: פאַר אַלע קאָלווירטן זײַנען די דאָזיקע כאַדאָשים די סאַמע הייסטע אַרבעט־צײַט, די צײַט פון שניט און פישפאַנג. וואָס־זשע פאַר אַן אויסוועג איז פאַראַן?

באַטמאַנאָוו האָט באַטראַכט די מיטשמועסער, אָוועקגעטריבן פון זיך אַ וועספּע, וואָס איז געפלויגן איבערן קאָפּ, און וואָגיק דערקלערט:

— און פאָרט איז פאַראַן אַן אויסוועג!

אַפן אײַנדזל האָט זיך ראָגאָוו באַרימט פאַר באַטמאַנאָוון, אַז אַף זײַן באַצירק פילן הונדערט מענטשן אויס די נאָרמע אַף צוויי הונדערט פּראָ־ציק פּראָצענט. נאָך דעם האָט ראָגאָוו, באָם באַהאַנדלען דעם פּלאַן פון די איבערגעבליבענע אַרבעטן, געפאָדערט, אַרויסגייענדיק פון דעם רעכע־נונג פון די נאָרמעס, מען זאָל צוגעבן עטלעכע הונדערט שוואַרצאַרבעטער אַף צו גראָבן אַ טראַנשיי.

— „דו דאַרפסט ניט קיין צוגאָב־אַרבעטער", — זאָג איך אים, — האָט באַטמאַנאָוו איבערגעגעבן. „וואָס הייסט, מע דאַרף ניט?" — האָט זיך ראָגאָוו פאַרוואונדערט. „אויב פיר הונדערט מענטשן וועלן געבן צו דרײַ נאָרמעס, און פינף הונדערט — צו צוויי, דעמאָלט וועסטו זיך אַן אייצע געבן מיט דער אויפגאַבע אָן אַ צוגאָב פון אַרבעטס־קראַפט?" — פרעג איך. „דעמאָלט וועל איך זיך אַן אייצע געבן. אָבער איך האָב ניט אַזויפיל סטאַכאַנאָווצעס", — דערווידערט דער טײַסינער פירשט. „אויב זיי זײַנען ניטאָ, איז מוזן זיי זײַן", — ענטפער איך. — „זאָג מיר, וואָס פאַר אַ ווערט האָט דער סטאַכאַנאָווישער מעטאָד, אויב עס באַזיצט אים איין מענטש אַף הונדערט? שטעל אַוועק ריכטיק די אויפגאַבע פאַר אַלע בוי־אַרבעטער, לערן זיך אויס פאַרשפּרייטן די סטאַכאַנאָווישע פּראַקטיק, און די מערהייט אַרבעטער וועט באַ דיר געבן אַ העכערע נאָרמע אַף צוויי און דרײַ מאָל אַזויפיל". ראָגאָוו האָט זיך פאַרטראַכט און זאָגט: „ווי זשע קען מען דערויף אויסשטעלן? עפשער וועלן זײַן טויזנט סטאַ־כאַנאָווצעס, און עפשער פינף הונדערט. און אַ פּלאַן — דאָס איז רעאַלי־טעט, פּינקטלעכקייט". איך נעם אים אונטערן אָרעם און פיר אים אַי־בערן פּלאַץ: „דער פּלאַן, זײַן רעאַליטעט — דאָס זײַנען די לעבעדיקע מענטשן. האָסט פאַרגעסן אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויטש די דאָזיקע גאָל־דענע ווערטער? לאָמיר גיין צום אוילעם און מירן זיך אַן אייצע האַלטן".

באַטמאַנאָוו האָט דערציילט: ער איז צוזאַמען מיט ראָגאָוון אַרומ־

געפֿאָרן אַלע בריגאַדעס און אומעטום פֿאַרפֿירט איין און דעם זעלביקן שמועס — ווי זאָל מען זיך באַגיין ניט פֿאַרגרעסערנדיק די צאָל אַרבעטער. ווי אַן ענטפֿער דערויף האָבן די בריגאַדעס גענומען אַף זיך אַנדערהאַלבנדיקע און טאָפּלטע נאָרמעס; גלײַך אַף די פּראָדוקציע־באַראַטונגען האָבן די אַרבעטער געגעבן פֿאַרפּליכטונגען צו אַרבעטן פֿאַר צוויי, פֿאַר דרײַ און אַפֿילע פֿאַר פֿיר.

— מיר מוזן טייקעף אײַנפֿירן אַ טעגלעכע שאָען־גראַפֿיק פֿאַר דער בויונג אין גאַנצן גענומען, פֿאַר יעדן באַצירק און יעדער בריגאַדע, — באַטמאַנאָוו האָט מיט געמאָסטענע טריט געשפּאַצירט איבערן קאַבינעט. — יעדער בוי־אַרבעטער איז מעכויעוו צו זען אין שלאָף און אַף דער וואָך: אַט אַזויפֿיל איז ער פֿאַרפּליכטעט צו מאַכן אין מעשעך פֿון אַ שאָ און פֿאַר דער צײַט פֿונעם שיכט לויט די נאָרמעס. און אַט אַזויפֿיל בעט באַ אים די מעלוכע צו געבן איבער דער נאָרמע. און די צווייטע ציפֿער וועט ווערן פֿאַר אים אַ געזעץ, אויב ער וועט וועלן מיט דער גאַנצער נעשאָמע לאָזן אין גאַנג די נאָפּטלייטונג צום טערמין און העלפֿן דעם פֿראָנט.

בערידזע, קאָוושאָוו און גרעטשקין זײַנען ניט אַרויסגעגאַנגען פֿון קאַבינעט פֿונעם נאַטשאַלניק פֿון דער בויונג און זיך פֿאַרנומען מיט די אויסרעכענונגען פֿון די נײַע געהעכערטע נאָרמעס פֿאַר די באַצירקן און בריגאַדעס. אַלעקסיי האָט אָנגעצייכנט די גראַפֿיק, גרעטשקין האָט שנעל געאַרבעט מיט אַ לאָגאַריטמישער ווירע און אַרײַנגעשטעלט די ציפֿער אַפֿן טאָוול. אויך בערידזע האָט עפּעס־וואָס פֿאַרשריבן און זיך אײַנגעהערט אין באַטמאַנאָווס דערקלערונגען.

— מען זאָגט אונדז: „באַ אײַך איז אַ ניט שלעכטער קאָלעקטיוו". מאַסקים, ניט צו זינדיקן מיט קיין פֿאַלשער באַשיידנקייט: מיר זײַנען ניט שלעכט אָרגאַניזירט. און הײַנט דאַרפֿן מיר אַרויפֿקלאַפּן די רייפֿן פֿון אונדזער אָרגאַניזאַציע ענגער, פֿעסטער, אַז מיר זאָלן אַליין דערפֿילן און אַנדערע ווײַזן: מיר זײַנען אויסגעצייכנט אָרגאַניזירט! ס'איז געקומען די צײַט אַ ביסל איבערצובויען די טראַסע, אײַנצופֿירן שלאַכט־באַצירקן און אַ שלאַכט־אָרדענונג אַף דער טראַסע. די דײַטשן, קומענדיק צו זיך נאָכן אײַנברוך הינטער מאָסקווע, האָבן גענומען שפּאַרן אַף דאָרעם. אונדזערע בוי־אַרבעטער הערן יעדן טאָג וועגן דעם סוינעס איבערוועגנדיקע קויכעס הינטער סעוואַסטאָפּאָל און כאַרקאָוו — דאַרף מען דאָך העלפֿן די מענטשן נאָך קלוגער, צילגעווענדטער צו אָרגאַניזירן זייער פֿאַרביטערטקייט, זייער האַס צו די אָנפֿאַלער.

באַטמאַנאָוו האָט אויפֿגעקלערט די אידעע פֿון שלאַכט־באַצירקן. לויט זײַן געדאַנק האָט מען באַדאַרפֿט, אַנשטאָט די איצטיקע צוויי באַצירקן, שאַפֿן דרײַ: דאָס אינדזל, דעם פּאָמפּן־סטאַנציע־קנופּ אַפֿן טשאָנגר און

דעם טייל טראַסע פונעם דורכגוס אין דער טיף פונעם קאָנטינענט ביזן אַדון.

— מיר וועלן דאָס אָנרופן דער מיזרעכדיקער ראַיאָן פון דער בויונג, — האָט באַטמאַנאָוו גערעדט. פאַרן נאַטשאַלניק איבערן גאַנצן ראַיאָן וועלן מיר אַוועקשטעלן בערידזען. אַ נאַטשאַלניק פון באַצירק טײַסין האָבן מיר: ראָגאָוון. אַ נאַטשאַלניק פונעם שלאַכט־באַצירק אָפן טשאָנגר איז אויך פאַראַן: פּילימאָנאָוו. און פאַרן דריטן שלאַכט־באַצירק וועלן מיר צוקלײַבן אַ שלאַכט־כאַוער, וואָס איז וועט די ערשטע צווײ.

— איך האָב אַזעלכן, — האָט בערידזע אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

— אַלעקסײ ניקאָלאַיעוויטש קאָוושאָוו. קיין בעסערן קאָמאַנדיר פאַר דעם הויפּט־באַצירק וועט מען ניט צוטראַכטן.

— מיר וועלן זען ווי ער וועט זיך אויפפירן, — האָט אַף אַלעקסײען אַ קוק געטאָן באַטמאַנאָוו, וועלכער האָט שוין פריִער געהאַט באַשלאָסן צו באַשטימען טאַקע קאָוושאָוון אַפן הויפּט־באַצירק. — קיין באַזונדערע דערווידערונגען האָב איך ניט. לאָמיר אָננעמען, אַז פאַרן דריטן האָבן מיר באַשטימט אַליאַשאַן. איז אָט זאָל זיך דער דאָזיקער דרײַלינג אַ ראַנגל טאָן ניט אַף לעבן, נאָר אַף טויט. זאַלקינד האָט געוואָרפן אַ גוטן געדאַנק — מאַכן אַ באַזונדערע רויטע פאָן פאַר די שלאַכט־באַצירקן. דער, וועלכער וועט דער ערשטער קומען מיט דער דאָזיקער פאָן אין טאָג פון ניצאָכן, — וועט באַקומען דאָס רעכט זיך אונטערצושרײַבן דער ערשטער אונטערן ראַפּאָרט צום כאַווער סטאַלין. וואָס האָסטו אָנגעשטעלט אַף מיר די אויגן, כאַווער? — האָט באַטמאַנאָוו אַ פרעג געטאָן, אויפכאַפּנדיק קאָוושאָווס בליק. — נעם אַ פּען און שרײַב, איך וועל דיקטירן דעם באַפעל. הייסט עס, די גאַנצע בויונג טיילן מיר אַף דרײַ ראַיאָנען: דער מיזרעכדיקער — בעראָש מיט בערידזען, דער צענטראַלער — אים נעמט זאַלקינד, דער מײַרעוודיקער ראַיאָן — אים נעם איך אַף זיך. מירן זען, ווער וועמען. פאַרמוליר עס דערוויַל, אַלעקסײ ניקאָלאַיעוויטש, און מיר וועלן פונאַנדערטיילן דעם צענטראַלן און מײַרעוודיקן באַצירק אַף שלאַכט־באַצירקן.

דערבײַ האָט זיי געטראָפן זאַלקינד, וועלכער איז געקומען צו פליִען פון רובעזשאַנסק. ער איז געווען קענטיק אויפגעלעבט, גערעגט. שנעל זיך באַגריסט מיט באַטמאַנאָוון, בערידזען און גרעטשקינען, האָט ער זיך פריילעך באַגריסט מיט אַלעקסײען און, אַרומנעמענדיק אים אַרום די אַקסלען, אָפּגעפירט אין אַ זײַט. באַטמאַנאָוו און בערידזע האָבן זיך איבערגעקוקט; גרעטשקין האָט באַדויערלעך געשאָקלט מיטן קאָפּ. זיי אַלעמען האָט אויסגעזען אומפאַרשטענדלעך די דאָזיקע פריילעכקייט זאַלקינדס, וועלכער איז געוויינלעך געווען דעליקאַט און מיטפילנדיק צו מענטשן.

— כ'האָב פאַר דיר, פרײַנט, צוויי סיורפּריזן, — האָט דערוויַל

מיכאַיל באַריסאָוויטש שטיל אַ זאָג געטאָן אַלעקסייען. — כ׳בין האַר־ציק צופרידן דיר איבערצוגעבן דאָס און דאָס.

ער האָט אַריינגעשטופּט אין אַלעקסייס האַנט אַ טעלעגראַמע, וואָס זשעניאַ האָט אים נאָרוואַס געגעבן, און אַ נומער „קאָמסאָמאָלסקאַיאַ פּראַווּדאַ״, וואָס ער האָט געבראַכט פון רובעזשאַנסק. אַלעקסייס ליפּן האָבן אַ צוק געטאָן, ער האָט זיך אויסגעצויגן ווי אַ סטרונע, אַריינלייע־נענדיק זיך נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל אין דער טעלעגראַפישער שורע: „טייערער איך האָב זיך אומגעקערט איך נעם אָרום קוש טעלעגראַפיר באַלד אייביק דיינע זינאַ״. ער האָט אויטאָמאַטיש אויפגעעפנט די צייַ־טונג און גלייך דערזען אויף דער דריטער זייט, צווישן עטלעכע פאָטאָ־גראַפיעס, זינאַס באַקאַנטן פּאָרטרעט — אַזעלכער, ווי ס׳איז געשטאַנען באַ אים אויפן טיש. דעם גאַנצן פּלאַץ אונטער די פאָטאָגראַפיעס האָט פאַרנומען אַ גרויס אַרטיקל „די מוטיקע טעכטער פון מאָסקווע״.

— גיי, גיי, קוויק זיך פאַר זיך אַליין, — האָט דער פּאַרטאָרג גע־זאָגט, צופירנדיק אַלעקסייען צו דער טיר.

אַרויסבאַגלייט דעם מעבולבעלן און שווייגנדיקן אַלעקסייען, האָט זאַלקינד אַראָפּגעוואָרפן דעם פידזשאַק, אָפּגעווישט מיט אַ טיכל דאָס פאַרשוויצטע פּאָנעם און פריילעך דערקלערט:

— זיין זינאַ איז טכיאַס־האַמייסים אויפגעשטאַנען — זי האָט זיך אומגעקערט קיין מאָסקווע מיט אַן אויסצייכענונג און מיט קאָוועד.

די דאָזיקע ידיעה האָט אַלעמען דערפרייט. בערידזע האָט בעדייע געהאָט צו לויפן צום כאָווער, נאָר זאַלקינד האָט אים פאַרהאַלטן. זיי האָבן געשמועסט וועגן טאַלאַליכענען, זאָיאַ קאָסמאָדעמיאַנסקאַיאַ, וועגן די יינגלעך און מיידלעך — די העלדן פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע. זאַלקינד האָט דערציילט נייעס: מ׳האָט געלאָזט אין גאַנג דעם ערשטן מעטאַלורגישן קאָמבינאַט אויפן ווייטן מיזרעך, דער פּאַרזיי אין קאַנט איז פאַרענדיקט מיט דערפאָלג, דער נייער אַנגריף פון די דייטשן ווערט באַ־טראַכט ווי אַ זייער ערנסטער און געפערלעכער.

זאַלקינד האָט געוויזן אַ בריוו פון סאָלנצעוון: דער געוועזענער שאָפער אויף דער בויונג האָט באַקומען זיין ערשטע שלאַכט־טויפונג היב־טער כאַרקאָוו און אויפגעעפנט זיין כעשבן מיטן סוינעס אַ צעשמעטערטן טאַנק. „די ווייטמיזרעכדיקע זיינען דאָ אין גרויס כשיוועס, — האָט גע־לייענט דער פּאַרטאָרג. — גיט איבער אַלעמען, אַז איך וועל ניט שאַנדי־ברענגען דעם אויטאָריטעט פון די ווייטמיזרעכדיקע. שרייבט, ווי עס גייט די בויונג פון דער נאָפטלייטונג — אונדזער אָפּטיילונג אין איר גאַנצן באַשטאַנד ווייסט וועגן איר און איז זייער פאַראינטערעסירט, אַז דער נאָפט זאָל געגעבן ווערן צום טערמין...״.

— איך האָב אויך איינעם אַן אָנגענעמען בריוו, — האָט באַטמאַ־נאָוו געזאָגט און אַרויסגענומען פונעם טיש אַ בלויען קאָנווערט. — איר

וועט קיינמאָל ניט טרעפן פון וועמען ער איז. פון סידאָרענקאָ, דעם גע־וועזענעם נאַטשאַלניק פון אונדזער בוווּנג.

— ניט שוין־זשע פון סידאָרענקאָן ? — האָט זיך גרעטשקין גע־וווּנדערט.

— דערצו נאָך פון וואַנען ער שרײַבט ! — באַטמאַנאָוו האָט פיל־באַדײַטנדיק אויפגעהויבן דעם בריוו.

— פון דער קאַזאַכסטאַנער בוווּנג ? — האָט זיך בערידזע מעשאַער געוווּנען.

— ניין, פון פראָנט. ער האָט זיך אָפּגעבעטן, און מ׳האָט אים דער־לויבט גיין אַפּן פראָנט. ער פירט אָן מיט אַ סאַפּיאָרן־פּאָלק. איז פאַר־וווּנדעט, באַלוינט מיט צוויי שלאַכט־אָרדענס. איך טראַכט ערשט: ס׳איז געווען ריכטיק, וואָס מ׳האָט סידאָרענקאָן געשיקט אַפּן פראָנט און ניט אָף אַ צווייטער בוווּנג.

— לייען איבער ! — האָט זיך זאַלקינד פאַראינטערעסירט.

— „אַ כוידעש צײַט בין איך געלעגן אין אַ שפּיטאָל. די פריצן האָבן דורכגעשלאָגן אין מײַן אָרגאַניזם אַ קליין לעכעלע. די דאָקטוירים האָבן עס פאַרשטאָפּט און כ׳קער זיך ערשט אום אין מײַן טייל. איך שטעל זיך פאָר ווי דו ציסט מיט די פּלייצעס לייענענדיק מײַן בריוו. איך בין זיך מוי־דע, אַז איך טראַכט אָפט וועגן דיר, טײַערער כאַווער. אָוועקגעפאָרן בין איך מיט פאַריבל, ער האָט זיך ניט גלײַך אויסגעוועפּט. שפּעטער האָב איך אָף אַן אַנדער שטייגער זיך אָנגענומען דערמאַנען — איך ווייס מיט אַ געפיל פון שולד. איך האָב פאַרשטאַנען, כ׳האָב שלעכט געבאַלעבאַ־טעוועט. כ׳האָב ווייניק געפאָדערט, בין געווען צוגעוווינט צו פּאַטאַקעווען און צו כניפּע, כ׳האָב צופיל געטרויט אַזעלכע מענטשן, ווי גרובסקי, און פונעם קאָלעקטיוו זיך דערווײַטערט. אויב סאָ׳יז פאַר דיר ניט קיין טירכע, שרײַב, ווי דו האָסט זיך אַרויסגעדרייט, ווי די זאַך איז אַוועק. טײַטש ניט אויס, אַז איך אינטערעסיר זיך מאַכמעס פּוסטער נײַגעריי־קייט. איך גלייב, אַז מיר וועלן זיך נאָך באַגעגענען...״.

— פײַן ! — האָט געזאָגט דער פאַרטאָרג און דערקלערט, ענטפערנ־דיק אָף די פרעגנדיקע בליקן פון די מיטשמועסער: — ס׳איז פײַן, וואָס באַ אונדז העלפט אַלצדינג דעם מענטשן, ער זאָל געפינען זײַן אָרט אי־נעם לעבן. ערגעץ־ווו אין אַמעריקע, לאָמיר זאָגן, וועט אַ מענטש, וואָס האָט זיך אויסגעגליטשט אָדער געהאַט דורכפאַלן אין זײַן אונטערנעמונג, ניט באַקומען קיין אונטערשטיצונג, און וועט אומבאַדינגט זיך אײַנגאַנצן אַראָפּקײַקלען. און באַ אונדז האָט אַפילע די מילכאָמע — טראַכט זיך נאָר אָרײַן — די מילכאָמע ! — אַ גוטע האַשפּאָע אָף די מענטשן, פאַר־מירט און איידלט אויס שנעל דעם כאַראַקטער.

— איך וואָלט ערשט מיט פאַרגעניגן אַ קוק געטאָן אָף סידאָרענ־קאָן, — האָט באַטמאַנאָוו געזאָגט און זיך שטאַרק פאַרטראַכט, זיך אויס־

דרייענדיק צום פענצטער. דאָס ווינטעלע פונעם ווענטילאַטאָר האָט געשפּילט מיטן זײַד פון זײַן בלוזע.

בערידזע האָט אויסגעפרעגט וועגן די רובעזשאַנסקער נײַסן, און זאַלקינד, כאַפּנדיק אַלעמאָל אַ קוק אַף באַטמאַנאָוו, וועלכער האָט אויסגעזען באַזאָרגט און פאַרזונקען אין זײַנע געדאַנקען, האָט דערציילט, אַז ס'איז אַרעסטירט געוואָרן אַ גרופּע מענטשן, וועלכע האָבן זיך באַשעפטיקט מיט שפּיאָנאַזש־טעטיקייט אַף די גרויסע בויונגען. מיט זיי איז אויך געשטאַנען אין פאַרבינדונג אַ געוויסער כמאַרע.

— אַגעוו, איר געדענקט קאָנדרינען, וועלכן די ניוזכן האָבן דערשאָסן? — האָט זאַלקינד אַ פרעג געטאָן. — זײַן עמעסע פאַמיליע איז סאָמאָוו. ער האָט געהאַט אַ שײַכעס צו די דיווערסיעס אַפן דורכגוס. ער איז געווען טעטיק ניט אַליין, נאָר דורך געהילפן, וועלכע האָבן זיך געפונען צווישן די בוי־אַרבעטער. וועגן קאָנדרינען האָבן מיר דערמאָנט כאַווײַרים: שטעלט זיך אַרויס, אַז ער איז מײַנער אַן אַלטער באַקאַנטער. אין צוויי־אונצוואַנציקסטן יאָר האָט אונדזערער אַן אָטריאַד פאַרטיליקט אַן עקזעקוציע־אָפּטיילונג פון אַ מייע ווײַסגוואַרדייער און אַ גרויסן ערדבאַזיצער אַ קולאַק פיאָדאָר סאָמאָוו. קאָנדרין — דאָס איז זײַן זינדל. ס'איז פאַראַן אַ פולער גרונט צו טראַכטן: פאַנקאָווס טויט — איז זײַן אַרבעט.

— און קאָנסטאַנטין ראַדיאָנאָוו האָט ניט געהאַט קיין שײַכעס צו שפּיאָנאַזש־טעטיקייט? — האָט בערידזע געפרעגט.

— דערווײַל איז שווער צו זאָגן, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דער דאָזיקער שענדלעך געשטאָרבענער מענטש. נאָר שוין גופע זײַן פרײַנטשאַפט מיט כמאַרען כאַראַקטעריזירט אים.

— איך מיט אַליאָשאַן האָבן די טעג איבערגעקוקט ראַדיאָנאָווס העפטן מיט נאָטיצן, — האָט בערידזע געזאָגט. — דער דאָזיקער משטיינס געזאָגט דאָקטער האָט זיך פאַרנומען מיט „וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען“, פאַרפאַסט טיפּשעסדיקע טעאָריעס. אין איינער פון די טעאָריעס וויל ער איבערצײַגן, אַז די גאַנצע מענטשלעכקייט אין דעם מענטשן איז בלויז אַ שוואַך הײַטל, און זײַן מעהוס — כאַיעשע אינסטינקטן. אַ צווייטע טעאָריע איז געווידמעט דער פעסטשטעלונג, אַז קיין נאָרמאַלע מענטשן עקזיסטירן קלוימערשט ניט: אַלע מענטשן זײַנען מער אָדער ווייניקער מעשוגע. אַט סאַראַ טיפּעש! מען מעג זיך פרייען פאַר אַלגאַן, וואָס זי איז פון אים פרײַ געוואָרן.

— איר ווייסט, פרײַנט מײַנע, די געשיכטע מיט קאָנדרינען און כמאַרען האָט מיך שטאַרק געקרענקט, — האָט מיכאַיִל באָריסאָוויטש געזאָגט פאַרטראַכט. — לענין האָט ניט איין מאָל געוואָרנט, אַז דאָס אַלטע שטאַרבט אָפּ, פאַראַווערנדיק און פאַרפעסטענדיק די לופט אַרום אונדז. טיילמאָל באַציִען מיר זיך צו דער דאָזיקער קלוגער וואָרענונג

װלאַדימיר איליטשעס בלױז װי צו אַן אױסגעצײכנטן אַפּאַריזם. מיר דאַרפֿן אױסגעבונדן קענען אונדזערע מענטשן, דעמאָלט װעלן זיך די פּרעמדע צװישן זײ שאַרפֿער אױסטײלן.

באַטמאַנאָװ האָט זיך אױפֿגעשטעלט, אַ קוק געטאָן אין פֿענצטער — עפּעס װאָס האָט צוגעצױגן זײַן אױפֿמערקזאַמקײט — און אַ פֿרעג געטאָן זאַלקינדן אָן קײן שום איבערגאַנג אינעם שמועס:

— הײסט עס, אַף װיפֿל איך פֿאַרשטײ, מיכאַיִל באָריסאָװיטש, האָבן מיר פֿון רובעזשאַנסק קײן מענטשן ניט װאָס צו דערװאַרטן?

— די פֿראַגע איז באַהאַנדלט געװאָרן אין דעם עקזעקוטיװ פֿונעם קאַנטקאָם. מ׳האָט אַרומגעשמועסט און געצקירעט אַף די פֿאַרשײדנסטע אױפֿאַנים. לעכאַטכילע האָט מיך אַקטיװ אונטערגעשטיצט פּיסאַרעװ. נאָר סײַ ער, סײַ איך האָבן זיך איבערצײַגט: ס׳איז ניטאָ פֿון װאַנען צו נעמען קײן מענטשן. עס פֿעלט אױס אַרבעטס־קראַפֿט סײַ אין דער אינדוסטריע פֿונעם קאַנט, סײַ אינעם טראַנספּאָרט, סײַ אין דער לאַנדװירטשאַפֿט. מ׳האָט אונדז רעקאָמענדירט, מיר זאָלן אַרױסרופֿן די בױ־אַרבעטער אַף אַ פֿאַרמעסט. פּיסאַרעװ און דודין האָבן בעדײַע צו קומען אַהער צו הילף.

— נאַטשאַלסטװע האָבן מיר גענוג, — האָט באַטמאַנאָװ אַ װאָרטשע געטאָן און ענערגיש אַ זעץ געטאָן איבערן טיש־גלאָז: — גוט. מיר קערן זיך אום צום באַפּעל. מיר האָבן אָפּגעמאַכט צו שאַנעװען יעדע מינוט. שרײַב, גרעטשקין.

װאַסילי מאַקסימאָװיטש האָט אָפּסנײַ גענומען דיקטירן דעם באַפֿעל װעגן דעם שלוס־עטאַפּ פֿון דער בױונג, װעגן אײַנשטעלן אַ מעסלעסדיקע און שאָענדיקע אַרבעטס־גראַפֿיק, װעגן אָרגאַניזירן דרײַ ראַיאָנען און אַכצן שלאַכט־באַצירקן אַף דער טראַסע.

קאַפּיטל צוועלף

אַן אומרויִקער פרימאָרגן

שפּעט באַנאַכט האָט באַטמאַנאָוו אַרויסגערופן צום סעלעקטאָר די נאַטשאַלניקעס פון די דרײַ שלאַכט־באַצירקן, וואָס באַטייליקן זיך אינעם פּאַרמעסט: ראַגאָוון — אױפן אינדזל, פּילימאַנאָוון — אױפן דורכגוס און קאָוושאָוון — אױפן קאָנטינענט.

— גוטן אָוונט, נאַכטוואָגלער, — האָט וואַסילי מאַקסימאָוויטש געזאָגט. — לעבן מיר שטייט דער פּאַרטאָרג. מיר ווילן קאָנטראָלירן די סאַכאַקלען פונעם פּאַרמעסט פאַר די פינף טעג. איר זײַט גרייט?

— גרייט, — האָט שנעלער פון אַלע געענטפערט ראַגאָוו.

— וואָס ענטפערסטו פאַר אַלע דרײַ? דו זעסט דען פונעם אינדזל, וואָס עס טוט זיך בײַ פּילימאַנאָוון אָדער קאָוושאָוון?

— איך זע, וואַסילי מאַקסימאָוויטש. — האָט ראַגאָוו פריילעך געענטפערט מיט אַ כריפּקעלע אין דער שטים. — איך ווייס וועגן זייער יעדן טראָט. איך קען אײַך, לעמאָשל, ראַפּאָרטירן, אַז פּילימאַנאָוו איז ניט אַרויס פון דער פּאָמפּן־סטאַנציע פיר און זיבעציק שאָ, און קאָוושאָוו וווינט אין אַן אויטאָ און האָט אינגאַנצן אויפגעהערט צו עסן, באַגייט זיך אַ גאַנצע וואָך אָן מיטיק. איך בעט אײַך צו פאַרצייכענען — אַרבעט־ענטוזיאַזם.

בײַ אַלעקסייען אין זײַן ענגן צימערל — זײַן לעצטע וווינונג, וועלכע טוישט זיך איצט זייער אָפט אַף וויפל די שווייסעווער־בריגאַדעס דערווײַטערן זיך אין דער טיף פונעם קאָנטינענט, — האָבן זיך געפונען קאַרפּאָוו, אומאַרע מוכאַמעט און דער אַרבעטער־עלטסטער גרובסקי. זיי האָבן שאַרף אַ קוק געטאָן אינעם רערל פונעם סעלעקטאָר. ווי זיי וואָלטן וועלן באַטראַכטן דערין דאָס פּאָנעם פונעם נאַטשאַלניק פון דער בויונג, וואָס זײַן שטים האָט זיך געהערט קלאָר און אין איר פולער קראַפט, ניט פאַרטויבט און ניט פאַרקריפּלט צוליבן מעהאַלעך.

אַלעקסיי האָט זיך גערדאַנקלעך פאַרגעשטעלט בײַ די סעלעקטאָר־אַפּאַראַטן: דעם אַ ביסל פאַרמאַטערטן אָבער מונטערן באַטמאַנאָוון —

ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָף דער האַנט, אַ קרויז האָר איז אים געפאַלן אַפּן שטערן; זאַלקינדן — אַ האַלב־ליגנדיקן אין אַ ווייכן פּאָטעל מיטן שטענדיקן פּאַפּיראָס; פּילימאָנאָוון — ער האָט באַוואַקסענע איַינגעפאַלענע באַקן און רויטע אויגן; לעבן אים בערידזע, וועלכער גלעט די באָרד מיט אַ צעשטרײַטן אויסזען; דעם ברייט־פּענעמדיקן ראָגאָוון און אַ גרופּע מענטשן אַרום אים, מיט וועלכע ער וויצלט זיך דורך, פּאַרמאַכנדיק פריִער דעם מיקראָפאָן.

— איַנערע קאָלעקטיוון האָבן גענומען אָף זיך צוגאָב־פּאַרפליכטונגען, — האָט באַטמאַנאָוו ווײַטער גערעדט. — כאַווער ראָגאָוו, קוים ביסטו דער געשיקטסטער, ראַפּאָרטיר דער ערשטער.

— כ׳פאָלג! — האָט ראָגאָוו אַ קנאַק געטאָן אַפּן מיליטערישן שטייגער אַזוי, אַז אינעם רערל האָט אַ הילך געטאָן. — מיר האָבן זיך פאַרפליכטעט צו פאַרענדיקן ביז מאָרגן, אַנטשולדיקט, איך פאַרבעסער, ביז הײַנט צוועלף אַזייגער דאָס פונאַנדערפירן די רערן ביזן ענד־פּונקט פון דער טראַסע, דאָס הייסט ביז די נאַפט־אינדוסטריע־פּונקטן. דער רעזולטאַט איז אַזעלכער: עס זײַנען איבערגעבליבן פונאַנדערצופירן הונדערט שטיק, פינקטלעכער הונדערט צוויי רערן. אין איצטיקן מאָמענט שטייען אַלע מאַשינען פונעם באַצירק אָנגעלאָדעוועט און מיטן פריִען באַגין וועלן זיי זיך לאָזן אין וועג. נאָכהער וועלן זיי מאַכן אַ צווייטן רייס און דאָס פונאַנדערפירן וועט זײַן פאַרענדיקט.

— ביז צוועלף? — האָט אַ פרעג געטאָן באַטמאַנאָוו.
— ניין, ביז עלף, — האָט געזאָגט ראָגאָוו.
— פּילימאָנאָוו! ווי האַלט עס בײַ דיר?
— דעם מאָנטאַזש פון די דיזעלן און די פּאָמפּעס האָבן מיר פאַרענדיקט בוכשטעבלעך די מינוט. איך האָב באַפרײַט די בריגאַדעס אָף אָפּרוען זיך — אָף זעקס שאָ. די מענטשן זײַנען שוין לאַנג ניט געשלאָפן. אינדערפרי וועלן מיר זיך מיט פרישע קויכעס נעמען צו די פּראָבעס.

— קאָוושאָוו! און דו האָסט אונטערגעפירט, צי ניט?

— בעשום אויפן ניט. ס׳איז ניט אונדזער שטייגער — האָט אַלעקסיי געענטפערט. די בליקן פון די געהילפן און פון אומאַרען האָבן זיך איצט אַ לאָז געטאָן אָף אים. — אונדזער פאַרפליכטונג: פאַרענדיקן הײַנטיקן טאָג, ביז אַכצן אַזייגער, דאָס שווייסעווען די ערשטע דרײַסיק קילאָמעטער פון דער נאַפטלייטונג פונעם הויפּט־באַצירק אַפן קאָנטינענט, אײַנלייגן זי אין דער טראַנשיי און דורכפירן אַ הידראַולישע פּראָבע. בײַ מיר זיצט אומאַרע מוכאַמעט, ער ראַפּאָרטירט, אַז מיט צוויי שאָ צוריק האָט ער מיט די אייגענע הענט פאַרשווייסעוועט דעם לעצטן באַהעפט פון די דרײַסיק קילאָמעטער.

— עמעס, וואַסיל מאַקסימיטש, דרײַסיק קילאָמעטער פאַרשווייסע־

וועט, איינגאַנצן פֿאַרטיק, — האָט אומאַרע ניט אויסגעהאַלטן און זיך צוגערוקט צום סעלעקטאָר.

— ניט וואַרטנדיק ביז אומאַרע וועט פֿאַרענדיקן דאָס שווייסעווען, האָבן מיר פֿאַרמאַכט דאָס אָרט פֿון זײַן אַרבעט מיט פֿאַררוקערס און אָנגעהויבן זיך צוגרייטן צו די פּראָבעס, — האָט אַלעקסיי ווײַטער גע־רעדט. — מ'האָט אײַנגעפּאַסט קאָנטראָל־קראַנען אויף אַרויסצולאָזן די לופֿט, מ'האָט אָנגעהויבן אָנפֿילן די רערן־לייטונג. מיר פּאָמפּעווען דאָס וואַסער מיט צוויי פּאָמפּעס — און שוין לאַנג, אַ שאָ צוואַנציק, אַזוי אַז ביז איצטער דאַרף די רערן־לייטונג זײַן אָנגעפֿילט.

— וואָס וועלן די מענטשן טאָן אויפֿן באַצירק, מען האָט זיי באַ־צײַטנס מודיע געווען? — האָט באַטמאַנאָוו קלאָר געמאַכט די פּראָטים.

— אויף צו מאַכן די פּראָבעס זײַנען אויסגעטיילט געוואָרן בלויז די, וואָס זײַנען אומבאַדינגט נייטיק. די איבעריקע וועלן פֿירן די אַרבעט ווײַטער, אויפֿן אייננאונדרײַסיקסטן - צווייאונדרײַסיקסטן קילאָמעטער.

— הייסט עס, אַז ביז אַכצן אַזייגער וועט איר זײַן פֿאַרטיק?

— וועלן מיר זײַן פֿאַרטיק, אַלץ איז אויסגערעכנט און צוגעגרייט.

— הויפּט־אינזשעניער, מען קען זיי גלייבן? צי כאַפּן זיי ניט איי־בער, דאָס זײַנען יונגע מענטשן? — האָט זאַלקינד געפֿרעגט. — באַ וועמען געפֿינט איר זיך איצט? אָוואַדע, באַ קאָוושאָוון?

— איר האָט ניט געטראָפֿן, כ'בין באַ פֿילימאָנאָוון. איך קען זיך ניט אָוועקרײַסן פֿון די דיזעלן און פּאָמפּעס. איך באַשטעטיק, וואַסילי מאַקסימאָוויטש און מיכאַיל באָריסאָוויטש, — אַלע דרײַ האָבן ראַפּאָר־טירט דעם עמעסן עמעס.

— אויב אַזוי, דאַנק איך אײַך, פֿרײַנט! — האָט באַטמאַנאָוו אַ זאָג געטאָן באַטאָמט און מיט געפֿיל. — צײַטווײַליק, פֿאַרשטייט זיך. נאָך אַכצן אַזייגער וועלן מיר דאַנקען הייסער.

— מיר דינען דעם סאָוועטישן היימלאַנד! — האָט ווידער גע־שווינדער פֿון אַלע זיך אָפּגערופֿן ראָגאָוו.

— די פֿאָן איז דערווײַל באַ קאָוושאָוון? — האָט זאַלקינד גע־פֿרעגט, האָגאָם ער האָט אויסגעצייכנט געוווּסט, באַ וועמען עס געפֿינט זיך די פֿאָן פֿון דער פֿאַרוואַלטונג, וועלכע ווערט צוגעטיילט איין מאָל אין פֿינף טעג דעם בעסטן שלאַכט־באַצירק.

— די פֿאָן איז באַ מיר און ניט דערווײַל. זי וועט שוין טאַקע באַ מיר בלײַבן, — האָט זיך אָפּגערופֿן קאָוושאָוו, וואַרפֿנדיק אַ פֿײַערדיקן בליק אויף אומאַרע מוכאַמעטן, קאַרפּאָוון און גרובסקין. יענע האָבן איינ־שטימיק צוגעשאָקלט מיט די קעפּ.

— מיר דוכט זיך, אַז מאָרגן וועט איר אָפּפֿירן די פֿאָן אויפֿן אינדזל, — האָט ראָגאָוו באַמערקט, און ס'האָט זיך דערהערט, ווי לעבן אים האָבן מענטשן אָנגעהויבן טומלען האַסקאָמעדיק.

— צו וואָס זיך באַמיִען פירן די פּאָן אַפן אינדזל? איך וועל זי פאַרהאַלטן באַם דורכגוס און אַוועקשטעלן אין דער פּאָמפּן־סטאַנציע, — האָט געזאָגט פילימאָנאָוו.

— לאָמיר זיך ניט דינגען! צו וואָס זיך דינגען! זי איז אונדזערע ביזן סאָף בוויונג! — האָט אומאַרע אויסגעשריגן מיט אַזאַרט גלייַך אינעם רעדל אַרייַן און מיט דער האַנט אָנגעכאַפּט דעם שטעקן פון דער פּאָן, וועלכע איז געשטאַנען אין ווינקל, ווי מען וואָלט זי שוין געוואָלט אַוועקטראָגן.

באַטמאַנאָוו און זאַלקינד האָבן זיך פריילעך צעלאַכט. אויך ראָגאָוו האָט זיי אונטערגעהאַלטן. אין אַ מינוט האָט זיך דאָס געלעכטער צעטראָגן איבערן טעלעפאָן־דראָט פון נאָווינסק ביז אַפן אינדזל.

— גוט, גוטער ברודער, — דער נאַטשאַלניק לאַכט, פון גאַנצן האַרצן. דו האָסט אַלע לאַכנדיק געמאַכט, אומאַרע, — האָט קאַרפּאָוו באַמערקט מיט אַ ברייטן שמייכל.

— נו, וואָס, אומאַרע מוכאַמעט, מיר וועלן זען, צי עס וועט אויסקומען אָפּצוגעבן די פּאָן, אָדער ניט. מיר איז אַלצייינס, איך האָב ניט די דאָזיקע פּאָן, אָבער אייַך איז אַוואַדע פריקרע, — האָט וואַסילי מאַקסימאָוויטש געזאָגט גוטמוטיק, און אַלעקסיי האָט זיך לעבעדיק פאַרגעשטעלט, ווי ער האָט אין דעם מאָמענט אַ ווונק געטאָן צו זאַלקינדן. — לאָמיר אָפּמאַכן אַזוי, פרייַנט מייַנע: ווער עס וועט דערפירן די זאַך ביזן צום פּינטל, זאָל ער באַלד אָנקלינגען וועגן דעם און גלייַך נאָכדעם אַרויסשיקן אַן אָפיציעלע טעלעגראַמע. בערידזע איז, ווי טאָמיד, דער אַרביטער, ער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער ריכטיקייט פון די מיטטיילונגען. און איצט, געאָרגי דאַווידאָוויטש, האַגאַם איר זייַט ניט קיין צווייפּעלעמדיקער, בעט איך אייַך, איר זאָלט פערזענלעך אָנפירן מיט די פּראָבעס סיי באַ פילימאָנאָוון, סיי באַ קאָוושאָוון.

— נאַטירלעך, — האָט בערידזע מסכּים געווען. — באַאומרויִקט זיך ניט, מיר וועלן אַלץ מאַכן ערלעך און אָרנטלעך.

— מיר דוכט זיך, כאַווײרים, אַז איר גיט זיך ניט אָפּ קיין כעשבן וועגן דער אומגעוויינלעכקייט און דער באַדייַטונג פון דעם אָנקומענדיקן, דאָס הייסט פון דעם שוין אָנגעקומענעם טאָג, — האָט זיך זאַלקינד אַרייַנגעמישט; דער טעלעפאָן האָט ניט אויסבאַהאַלטן זייַן אויפגערודערטקייט. — קאָוושאָוו און פילימאָנאָוו האָבן ניט צו טאָן מיט אַ פּאָשעטן אַרויסעדיקן אַ געוויסן אומפאַנג פון אַרבעט. זיי האָבן צו טאָן מיט דער פּראָבע פון די ערשטע, פולשטענדיק פאַרענדיקטע באַפעלייטונג־אָביעקטן. דאָס איז דאָך אַ נייַע עפּאָכע אַף דער בוויונג! און פונעם דערפאָלג פון די פּראָבעס איז אָפּהענגיק זייער אַ סאַך.

— און נעמט נאָך אין באַטראַכט, — האָט מויסיף געווען באַטמאַ־

נאָװ, — מיט די דאָזיקע פּראָבעס אינטערעסירט זיך סײַ רובעזשאַנסק, סײַ מאָסקװע.

— זיי װעלן ניט פאַרפירן, — האָט סאָליד פאַרזיכערט ראַגאָװ פאַרנעם אינדזל. — איך בין אַרעװ פאַר זיי.

— נו, זײַט מיר געזונט און שטאַרק! — האָט זאַלקינד אַרײַנגעשריגן. — קיין גוטע נאַכט װינטשעװען מיר ניט, װײַל זי איז שױן אַרײַבער און עס שטעלט זיך אָן אומרויִקער פרימאָרגן. מיר װינטשן אײַך אַלע דרײַ דעם סאַמע בעסטן דערפאָלג.

קאָװשאָװ האָט װײַטער באַהאַנדלט מיט גרובסקין און קאַרפּאָװן די פּראָטיב פון דער פאַרשטײיענדיקער פּראָבע. אומאַרע װאָלט שױן פון לאַנג געװען געקענט אַװעקגײן שלאָפן, נאָר פאַרכאַפּט פון די צוגרײטונגען, איז ער געזעסן און אָנגעשפּיצט געקוקט דאָ אַף אײנעם, דאָ אַפן צװײטן, אױפכאַפּנדיק יעדעס װאָרט.

— האַלאָ, געאָרגי דאַװידאָװיטש! — האָט װידער אָנגעהױבן רײדן באַטמאַנאָװ. — גלײַך נאָך די פּראָבעס זאָלט איר באַלײגן פילימאָנאָװן שלאָפן. דער טערמין — פיר און צװאַנציק שעה. צו קאָװשאָװן זאָלט איר צושטעלן אַ ניאַנקע, זי זאָל אים קאָרמענען מיט אַ לעפעלע.

— אָט דאָס איז ריכטיק, — האָט אונטערגעהאַלטן ראַגאָװ. — װײַל איך האַלט זיך אין אײן דענערװירן: דער כאָװער זאָל ניט שטאַרבן פון דערשעפּונג. מיט װעמען װעל איך זיך דעמאָלט פאַרמעסטן?

— שלאָג ניט איבער, כ׳האָב נאָך ניט אַלץ דערזאָגט, — האָט באַטמאַנאָװ װײַטער גערעדט. — באַמיט זיך, געאָרגי דאַװידאָװיטש, צו זײַן בײַ ראַגאָװן. איך האָב אַ כשאַד, אַז ער שלאָפט איבער יעדער נאָרמע.

— איך האָב אױך אַזאַ כשאַד! — האָט אַ געשריי געטאָן אַלעקסײ.

— ער איז פעט געװאָרן װי אַ פאַשאַ.

— טײַערע שכײנים! אַזױ װי מאָרגן איז אַ מין יאָנטעװ, פאַרבעט איך אײַך צו זיך אָפן אינדזל, — האָט ראַגאָװ געזאָגט, אַפּאָנעם גאַנץ ערנסט. — אַ קיבוד װעט זײַן אַף כידושים — איך װעל אױסשטעלן אַלץ, מיט װאָס מײַן אינדזל איז רײַך.

...שלאָפן האָבן זיי זיך שױן ניט געלײגט.

— דער באַצירק דאַרף אַרבעטן דעם גאַנצן טאָג נאָרמאַל: צוליב די פּראָבעס דאַרף ניט אַראָפּנידערן אונדזער נאָרמע. העכערן די נאָרמע קען מען, איך בין ניט דאַקעגן. אָן איבעררײַס אין דער אַרבעט װעלן מיר דערלױבן מאַכן נאָר צום פינאַל פון דעם לופט־אַרױספּרעס, — אַלעקסײ־

האָט דאָס געזאָגט, באַמערקנדיק אומאַרעס יאָנטעוודיקע אויפגעלייגט־
קזט. — דו הערסט, מוכאַמעט ? דרײַסיק קילאָמעטער האָסטו צוזאַמענ־
געשווייסעוועט, איצט וועסטו גיין ווײַטער. אונדזער באַצירק איז אַ גרוי־
סער, שוין איינמאָל ! גיי אָקערשט שלאָפן און קום אַרויס צום צווייטן
שיכט אַ דערפרישטער. ווײַז אַ בײַשפּיל פון אויסדויער.

אומאַרע האָט אין קאָס אַרויסגעשטאַרצט די אויגן און אָפּגעזיפּצט.
זײַנע האַרטע האָר האָבן געשטאַרצט צעשויבערט. ער האָט זיך געצופּט
פאַרן ראָספּאָר פון דער בלוזע.

— וואָס ביסטו פאַר אַ מענטש, איך ניט פאַרשטיי ! — האָט ער
געזאָגט אַן אויפגעקאָכטער, געכאַפּט דאָס היטל און אַרויסגעלאָפן.

שוין פון הינטער דער טיר האָט ער אַ געשריי געטאָן :

— אויסדויער ! פונוואַנען אויסדויער ? גיי אַליין שלאָפן ! גיי אַליין
אַרויס אַ דערפרישטער !

מיטן טאָג גלײַך, נאָך פאַרן זון־אויפגאַנג, האָט זיך דער באַצירק
אַ שטעל געטאָן אַף די פיס. די בריגאַדעס זײַנען זיך אין קאָנצענטרירטן
שטילשווײַגן צעגאַנגען געשווינד אַף די ערטער.

דער וואַלד איז איןביידע זײַטן פון דער טראָסע געווען אין אַ גע־
דיכטן נעפּל, זײַן פאַרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבן פּאַמעלעך און דערווײַל
באַפרײַט בלויז דעם נידעריקן יאַרוס פון דער טײַגע. אין די קוסטעס־
וועלדלעך האָבן זיך גערירט, ווי לעבעדיקע, צעקריכנדיק און אַרויפשווי־
מענדיק פון אויבן, ווײַסע צויטן. צוליבן נעפּל און דעם גרויען הימל איז
געווען פינצטערלעך.

אַלעקסיי, מיט אַן אַנטבלויזטן קאָפּ, אין אַ געקעסטלטער קאָווּבאָי־
בלוזע מיט פאַרקאַשערטע אַרבל ביז די עלנבויגנס און אין ברידזש־הויזן,
פאַרשטעקטע אין שטיוול, איז געשטאַנען אַף אַ בערגל, אַ באַוואָקסענעם
מיט אַ ניס־וועלדל. זײַנע האָר, פאַרקעמטע אַרויף, זײַנען אין מעשעך
פונעם זומער אויסגעבלייכט געוואָרן און האָבן געהאַט ·קימאַט אַ ווייצע־
נעם קאָליר ; אין זיי האָט זיך פאַרלוירן דער גרויער קרויז. דאָס פּאָנעם,
די הענט און דער האַלדז זײַנען געוואָרן טונקל־ברוין. אַלעקסיי האָט
באַוויזן זיך אָפּצוראַזירן, און לויט זײַן פּאָנעם, אַ פרישן און יונגס, וואָלט
מען זיך ניט געקענט אָנשטויסן, אַז ער האָט זיך שוין לאַנג ניט אויסגע־
רוט אַף אַ מענטשלעכן אויפן. אַ לײַכט ווינטעלע האָט פון דער אָזיערקע
געבראַכט צו טראָגן קילבלעכע פײַכטקייט. דער אינזשעניער האָט זיך
צוזאַמענגעקאָרטשעט און אָפּגעטריבן פון זיך די אָנגעפלויגענע קאָמאַ־
רעס און מיקלעך.

צוויי פּאָמפּעס האָבן אָנגעפּאָמפּעוועט וואַסער דורך דיקע גומע־
שלאַנגען — פון דער אָזיערקע אין דער רערן־לייטונג. אַ טראַקטאָר האָט,
קראַכענדיק, צוגעפירט אַ פּרעס־אַפּאַראַט אַף אַן אײַזערנעם ראַם, וועלכער
איז אויסגעפּאַרטיקט געוואָרן דורך טערעכאָווס זאַוואָד. אַף זײַנע מאַנאַ־

מעטערס האָבן זיך ערשט געקרייציקט די בליקן פון אַלע בויער פון דער נאַפטלייטונג.

אויסגעצויגן ביז אַריבערן האָריזאָנט, האָט די גיגאַנטישע רערן־לייטונג, האַלב פאַרשאָטן מיט ערד, פרידלעך גערוט אין דער טיפער טראַנשיי, ווי אַ שוואַרצע שלאַנג פון אַ מײַסעלע. די רערן־לייטונג האָט זיך געצויגן פונדאַנען דרײַסיק קילאָמעטער, ביזן סאַמע דורכגוס. אַרומגעמענדיק מיטן געדאַנק דעם וועג פון דער טראַסע, וואָס ער האָט הונדערטער מאָל דורכגעמאַכט, האָט אַלעקסיי אַ טראַכט געטאָן, אַז די דאָזיקע דרײַ צענדליק קילאָמעטער — זײַנען בלויז אַ קלײנער טייל פון דער גאַנצער אײַנריכטונג; ער האָט באַזונדערס קלאָר באַזיניקט דעם גראַנדיעזן מאַסשטאַב פון דער בויונג.

איבערגעלאָזט דאָס צוגרייטן דעם לופט־אַרויספרעס אַף גרובסקין, איז אַלעקסיי געפאָרן אַף אַ פיקאַפ לענגאויס דער טראַנשיי. אין איצטיקן מאָמענט איז קאָוושאָוס הויפט־אויפגאַבע באַשטאַנען אין דערשלאָגן זיך צו באַזײַטיקן די לופט פון דער רערן־לייטונג. מ׳האָט די פראָבע ניט געקענט אָנהייבן, קאָלזמאַן דאָס אַרײַנגעפרעסטע וואַסער וועט ניט אַרויסשטופן די לופט ביז אַ לעצטן בלעזל.

אַלעקסיי האָט אָפגעשטעלט די מאַשין לעבן יעדן קאָנטראָל־פונקט און, ניט באַגנוגנט זיך מיטן ראַפאָרט פונעם ליניע־דעסיאַטניק, פערזענלעך קאָנטראָלירט, צי האָט שוין אָנגעהויבן צו רינען וואַסער פונעם קראַן אָדער עס גייט נאָך אַרויס לופט.

דאָס אָנפילן די רערן־לייטונג האָט זיך דערנענטערט צום סאָף — אויך אַף די עקסטע פונקטן האָט זיך באַוויזן וואַסער.

באַם דיספעטשער־פאָסטן אַפן דרײַסיקסטן קילאָמעטער — דער לעצטער קילאָמעטער פונעם פאַרטיקן באַצירק פון דער נאַפטלייטונג — איז קאָוושאָוו אַרויס פון דער מאַשין, קעדיי אַ שמועס צו טאָן דורכן סעלעקטאָר מיט בערידזען, וועלכער איז נאָך אַלץ געזעסן באַ פילימאַגאָוון. עס איז אויסגעקומען אונטערצוּוואַרטן, ביז מען וועט אויפזוכן געאָרגי דאַווידאָוויטשן אַפן פלאַץ.

— גוט־מאָרגן, פרײַנט אַליאָשאַ, באַל־סימכעניק! — האָט זיך ענדלעך דערהערט בערידזעס שטים. ער איז געווען מאַמעש אין אַ געהויבענער שטימונג. — ס׳איז הײַנט באַ אונדז אַ גרויסער טאָג. איך פיל זיך יאָנטעוודיק, און דו?

— איך קען זיך ניט פונאַנדערקלײַבן, וואָס פאַר אַ שטימונג עס איז באַ מיר. עס גריזשען מיך פאַרשיידענע זאָרגן, — האָט קאָוושאָוו געזאָגט. — קום שנעלער צו פאָרן, מען דאַרף שוין גלײַך צוטרעטן צו דער פראָבע.

— איך וועל געשווינד קומען צו פֿאָרן, — האָט בערידזע צוגעזאָגט. — גרייט אַלץ צו וואָס פּינקטלעכער. מען מוז אויסמײַדן אומאַנגענעמע סיורפּריזן. כ׳פֿאַרשטיי אויסגעצייכנט דײַן צושטאַנד. אַ וואַזשנע קאָמפּליצירטע מײַסע — אַ לופֿט־אַרויספּרעס! נאָר צי איז דאָס אַזאַ פּאָשעטע זאַך? לעגאַמרע ניט קיין פּאָשעטע. דאָס איז, מײַן טײַערער, אַ פּראָבע איבער דער שווערער מי פֿון אָרנטלעכע פּאָשעטע מענטשן אונטערן דרוק פֿון זיבעציק אַטמאָספֿער. אויב די צונויפֿגעשווייסעוועטע באַהעפֿטן וועלן אויסהאַלטן דעם דרוק — איז גוט, זייער גוט. די מענטשן וועלן באַקומען זיכערקייט, דעם געפֿיל פֿון דערפֿאָלג. נאָר אויב די באַהעפֿטן וועלן ניט אויסהאַלטן? דעמאָלט איז שלעכט. דורכויס ביטער!...

אַלעקסיי האָט זיך ווידער אַרײַנגעזעצט אינעם פּיקאַפּ און איז געפֿאָרן אַריבער דער גרענעץ פֿונעם באַצירק וואָס ווערט אויסגעפּרוווט — אַהין, וווּ זײַנע מענטשן האָבן צוזאַמענגעשווייסעוועט און אויסגעלייגט נײַע קילאָמעטערס נאַפֿטלייטונג. קיינער פֿון די בוי־אַרבעטער האָט ניט געקענט פֿאַרבלײַבן גלײַכגילטיק אָדער רויִק איצטער, אין די אויסמאַטערנדיקע שאָען פֿון דערוואַרטן דעם לופֿט־אַרויספּרעס. אַלעקסיי האָט געזען און, דעריקער, אָפּגעפֿילט די נערוועזיטעט און דעם אומרו פֿון די מענטשן. זייערע איבערלעבענישן האָבן פֿאַר אים ניט געקענט אויסבאַהאַלטן ניט די שווייסעווער, וואָס שפּירן אָנגעשטרענגט נאָך דאָס פֿײַער, ניט די אין סמאָלע אײַנגעריכטע פֿאַרשמירטע איזאָלירער, ניט די ביז די הויזן נאַקעטע אַרבעטער, וועלכע גראָבן די טראַנשיי.

זיי האָבן הײַנט, אַליין עס ניט באַמערקנדיק, געאַרבעט אין אַ פֿאַרשנעלערטן טעמפּ, פֿאַרגעסנדיק אויסצורייכערן, און באַגלייט מיט אַ פֿרעגנדיקן בליק דעם נאַטשאַלניק פֿון דעם באַצירק, בעייס ער פֿאָרט אין דער מאַשין אָדער שפּאַנט לענגאויס דער ליניע פֿון די רערן.

— קום אַהער אַף אַ מינוט, אַלעקסיי ניקאָלאַיעוויטש! — האָט אים זיאַטקאָוו אַ רוף געטאָן.

דער אַלטער ערד־גרעבער איז געשטאַנען אַפֿן וואַל, אָנגעלענט מיט ביידע הענט אַף דער קרומער לאָפּעטע. די דורכגעשווייסטע בלוזע האָט זיך צוגעקלעפּט צו זײַנע געבויגענע פּלייצעס און זײַן ברייטן, אַרויסשטאַרצנדיקן רוקן.

— איר וועט אינגיכן אָנהייבן?

— אינגיכן. וואָס, עס אַרבעט זיך ניט?

— אומרויִקלעך, דו פֿילסט עס מיסטאַם אַליין אויך. מיר איז אַנומלט אויסגעקומען צו בויען אַ גרויסע בריק — האָט מען זיך עס אַ ביסל אויפֿגערעגט, ביז דער צוג איז איבער איר דאָס ערשטע מאָל פֿאַרבײַגעפֿאָרן! און אַזוי איז עס אומעטום, אַף יעדער בויונג. אונדזער נאַפֿטלייטונג איז, אַז מען טוט אַ באַרעכן, אַ שטאָלענע, אַ שטאַרקע, און אַף דער נעשאָמע איז פֿאָרט אומרויִק.

דער אַלטער איז ווידער פֿאַרשוווּנדן אין דער טראַנשיי; אַלעקסיי האָט געוואָלט גיין ווײַטער, נאָר עס האָבן אים אָנגעיאָגט אַף אַ לאַסט־אויטאָ גרובסקי און קאַרפּאָוו.

גרובסקי, אין אַ צעקנייטשטן קאָסטיום, מיט אַ קראַוואַט, וואָס קריכט אַרויס אַף דער זײַט, אײַנגעאָנצן פֿאַרברויגט פֿון דער זון, האָט זיך אָפּגעווישט דאָס מאָגערלעכע פּאָנעם און דעם הוילן שאַרבן.

— דער לופֿט־אַרויספּרעס־אַפּאַראַט איז אין אָרדענונג, פֿון אַלע קאָנטראָל־פּונקטן ווערט מיטגעטיילט: מען קען צוטרעטן צו דער פּראָבע. גיט די קאָמאַנדע, אַלעקסיי ניקאָלאַיעוויטש.

— ניין, די קאָמאַנדע וועט געבן בערידזע. קערט זיך אום אַף אײַער ערטער. באַלד וועט צופֿאָרן דער הויפּט־אינזשעניער.

אָבער בערידזע האָט זיך ניט געאײַלט. קאַרפּאָוו, אַן אויסערגעוויינלעך רויקער, אַ שטיל־געוואָרענער, האָט זיך מיטן בליק באַגעגנט מיט קאָוושאָוון און אָן ווערטער אים פֿאַרשטאַנען:

— אָנקלינגען אים? מוידיע זײַן, אַז אַלץ איז גרייט? גוטער־ברודער, כ׳לויף שוין!

קעדיי זיך ניט צו מאַטערן מיטן וואַרטן, בעייס ער איז שוין געווען פֿרײַ, איז אַלעקסיי געגאַנגען צו די שווייסעוווער: זיי האָבן שוין געאַרבעט אַפֿן צווייאונדרײַסיקסטן קילאָמעטער פֿונעם באַצירק. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אומאַרעס בריגאַדעס. דער שוויס־אַפּאַראַט איז געשטאַנען אַף אַן אויטאָ־מאַשין, וואָס זײַן קאָסטן איז באַצויגן געווען מיט קומאַטש, מיט אַן אויפֿשריפֿט: „די בעסטע שווייסעווער פֿון דער בויונג״. איבער דער קאַבינע איז אַף אַ הויכן שטעקן געהאָנגען אומבאַוועגלעך אַ פֿאָן. פֿון זינט באַטמאַנאָוו האָט זי איבערגעגעבן אומאַרען, האָט זי אָן איבערדרײַס אים באַגלייט און שוין באַוויזן לײַכט אָפּצובליאַקעווען פֿון די אומראַכמאָנעסדיקע זון־שטראַלן.

אומאַרע איז געלעגן אַף דרערד און דורכגעפֿירט אַ סופּיטעווע צוזאַמענשווייסעווען פֿון צוויי רערן־רינגען. זיי זײַנען זיך צוזאַמענגעוואַקסן פֿאַר די אויגן. פֿאַרענדיקט דעם באַהעפֿט, האָט זיך אומאַרע אויפֿגעשטעלט, אויסגעשלאָסן דעם אַפּאַראַט און, האַלטנדיק אין דער האַנט די מאַסקע, צוגעגאַנגען צום אינזשעניער. זײַן געהילף, דער שמייכלענדיקער וויאַטקין אין אַ בלויער מײַקע, איז אים, ווי אַ שאָטן, נאָכגעגאַנגען.

אומאַרע, אַ קליינער און זייער יאַדערדיקער, אַ פֿאַרשוויצטער, צעפֿאַרעט פֿון דער זון, פֿון דעם פֿײַער פֿונעם עלעקטרישן שווייסעווע־מאַכשיר און פֿון אויפֿרעגונג, איז צוגעגאַנגען האַרט צו קאָוושאָוון און ניט גערעדט, נאָר געשריגן (נאָכן שווייסעווען האָט אים גערוישט אין די אויערן):

— פֿאַרוואָס אַן אָפּהאַלט? מען דאַרף דריקן! וואָס וואַרטן מיר? אַף וועמען וואַרטן מיר?

— מיר וואַרטן אױפֿן הויפּט־אינזשעניער, אַז אים קען מען ניט אָנ־הייבן, — האָט אַלעקסיי רויק געענטפֿערט.

— פֿאַרוואָס־זשע פֿאָרט ניט ער? אים ניט גייט אַן? גיב אַ קוק, אַלע פּײַניקן זיך...

— קיינער פּײַניקט זיך ניט, — האָט אַלעקסיי דערווידערט, אײַנ־האַלטנדיק אין זיך די געררייצטקייט קעגן בערידזען. — בלויז דו אַליין, זע איך, פּײַניקסט זיך. פּײַניק זיך ניט, איך בעט דיך, פֿאַר אַלע. שוויי־סעווע ווײַטער.

אַלעקסיי האָט אָוועקגעשפּאַנט ווײַטער, אומאַרע האָט אים נאָכגעע־שריגן:

— פֿאַרוואָס דו רעדסט אַזוי פֿאַרדריסלעך? צי דו אַליין ניט לעבסט איבער? צי ביסט בלינד, זעסט ניט, ווי אַלע וואַרטן? איך פּײַניק זיך מער פֿון אַלע — כ׳האָב אַזעלכן רעכט. מײַן שוויסעווען אָפֿן באַצירק, מײַן אַרבעט ווערט קאָנטראָלירט. מיר דיך זייער בעטן: גיב די קאָ־מאַנדע!

ס׳האָט זיך אומגעקערט קאַרפּאָוו און מיטגעטיילט, סאָפּענדיק:

— ס׳האָט זיך אים ניט אײַנגעגעבן צו ריידן מיט בערידזען. דער סעקרעטאַריסט פֿונעם פּונקט האָט געזאָגט אַזוי: „עס גייט ערשט באַ אונדז, גוטער ברודער, די פּראָבע פֿון דער פּאָמפּן־דיזעל־סטאַנציע. דער הויפּט־אינזשעניער און אַלע איבעריקע דאָרטן וועלן איצט מיט דיר ניט ריידן“. מען זאָל קענען אַבי אַ קוק טאָן אויף די דאָזיקע דיזעלן און פּאָמ־פּעס אין דער אַרבעט! וויפֿל פּײַן, גוטער ברודער, זײַנען צוליב זיי אויס־געשטאַנען די מעכאַניקערס. אַז צייכענונגען, אַן דערפֿאַרונג, און זיי האָבן צונויפֿגעשטעלט. מען שמועסט, אַז פֿאַר זײַן מי וועט מען סיראָגינען מויכל זײַן זײַן פֿעלער.

אַלעקסיי איז געוואָרן אויפֿגעבראַכט: בערידזע האָט אים צוגעדינט, ערשט וועט אים פֿילימאָנאָוו איבערריאָגן מיט דער פּראָבע.

— פֿאַר, איוואַן לוקיטש, אויפֿן פּונקט און מאַך אים דאָרט אַ סקאַנ־דאַל אין מײַן נאָמען.

— איך פֿאַר, אַלעקסיי ניקאָלאַיעוויטש!

אויף צוריקוועגס האָט קאָוושאָוו ניט געקענט אויסמײַדן אומאַרען, ווי געוויינלעך אַזוי. דער באַליידיקטער שוויסעווער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער באַמערקט אים ניט. אַלעקסיי איז געשטאַנען אַ פּאָר מינוט. ער האָט געפֿילט, ווי פֿונעם לויטערן פֿלאַם, וואָס שלאָגט אין די העננט פֿונעם שוויסעווער, אַ פֿאַרשטויבטער און צעשויבערטער, מיט אַן אויסגעשמירט ליב קנאַכיק פּאָנעם און קורנאָסע נאָז, פֿון דעם גאַנצן אָנבליק אומאַרעס, וועלכער איז אים געוואָרן קימאַט אַן אייגענער, איז צעשמאָלצן געוואָרן אין אים אַליין דאָס אײַז פֿון געררייצטקייט און פֿאַר־דרוס.

אַלעקסיי האָט ניט באַוויזן אָפּצוגיין פונעם שווייסעווער, ווי ס׳האָט זיך אָנגעטראָגן, אויפהייבנדיק אַ שטויב ביזן הימל, בערידזעס פּיקאַפּ. אַלעקסיי האָט זיך געזאָלט דערפרייען, נאָך גלײַך געהאַט ערגערניש: די מאַשין איז געקומען אָנעם הויפּט־אינזשעניער. דער שאָפער האָט בעאַל־פּע איבערגעגעבן בערידזעס מאָדנע באַפעל: „דער אינזשעניער קאָווש אָוו זאָל גלײַך קומען צו פאָרן אַפן פונקט״.

— פאָרט צוריק און גיט איבער דעם כאַווער בערידזע: מיר וואַרטן אַף אים שוין לאַנג, — האָט קאָוושאָוו שאַרף אַ זאָג געטאָן דעם שאָפער.
— זאָל ער טייקעף קומען צו פאָרן אַהער. קאָוושאָוו בייזערט זיך, אַלע מענטשן זײַנען אויפגערעגט, מען טאָר זיי ניט האַלטן אין אַזאַ שפּאַנונג.
— ער האָט מיר באַפוילן, זיך ניט אומצוקערן אָן אײַך, — האָט דער שאָפער געזאָגט אַ צעמישטער.
— פאָרט צוריק און דאָס געשווינד! — האָט קאָוושאָוו אָפּגעהאַקט.

דער שאָפער איז, צעיענדיק די אַקסלען, אַרײַנגעקראָכן אין דער קאַ־בינע. די מאַשין האָט אַ רעווע און אַ ריס זיך געטאָן אין וועג אַף צוריק.

ענדלעך האָט זיך אַלעקסיי אומגעקערט צום אָרט, ווו ס׳איז געשטאַ־נען דער לופט־אויספּרעס־אַפּאַראַט. קאָוושאָווס האָר זײַנען געווען צע־קאָשמעט, דאָס פּאָנעם האָט געגלאַנצט פון שוויים, די שטיוול זײַנען גע־ווען גרוי פון שטויב. ער האָט מיטאַמאָל פאַרווונדערט באַמערקט, אַז די זון האָט זיך הויך אויפגעהויבן, די לופט האָט זיך אָנגעגליט. פונעם פרימאָרגנדיקן נעפּל און דער קילקייט איז קיין זייכער ניט געבליבן. דער אומבאַוואָלקנטער בלויער הימל האָט געשײַנט. פון דער אַזיערקע, צו וועלכער קאָוושאָוו איז צוגעגאַנגען אָפּצופרישן מיטן וואַסער דאָס צע־היצטע פּאָנעם און דעם פאַרטרוקנטן האַלדז האָבן זיך אויפגעהויבן לײַכ־טע אויסדאַמפונגען.

באַ דער פּראָבע־אינסטאַלירונג האָט דער אוילעם בוי־אַרבעטער אויס־געהערט גרובטקיס דערקלערונגען. דער אינזשעניר האָט ענדלעך אַראָפּ־געוואָרפן דעם פּידזשאַק און דעם קראַוואַט, און אין דעם געפּאַסקעוועטן צעשפּיליעטן העמד אויסגעזעזן ,ביט געווייַנעלך, שטובמעסיק. צווישן די פאַרזאַמלטע זײַנען געווען עטלעכע שאָפערן — זייערע מאַשינען זײַנען געשטאַנען דערלעבן.

די מנטשן האָבן באַמערקט דעם נאַטשאַלניק פונעם באַצירק און זיך איבערגעקוקט — ער האָט אויסגעזען זייער אָנגעכמורעט. אַלעקסיי האָט אָנגעשעפּט דאָס וואַרעמלעכע וואַסער מיט די הענט און זיך גשפּריצט אַפן קאָפּ. פון דעם אוילעם האָבן זיך אָפּגעטיילט די אומצעשיידטע מאַ־כאָוו און קוטשין. אַלעקסיי האָט צעקעמט די האָר מיט די פינגער און זיך אָפּגעטרייסלט. זײַן בליק איז געפאַלן אַפן שאָפער און מוסיאַן. אָנגע־טאָן אין פוטבאָלקעס, האָבן זיי אויסגעזען ספּאָרטמעסיק. דאָס מיידל איז

פאָרן זומער שענער געוואָרן, און באַ מאַכאָוון זײַנען אַפילע די אויגן ליכטיק געוואָרן קעגן דער ברענענדיקער זון.

— אַלעקסיי ניקאָלאַיעוויטש, מיר קומען צו אײַך מיט אַ ביטע, — האָט מאַכאָוו געזאָגט ניט דרײַסט. — דערלויבט אונדז איבערבלײַבן דאָ, דורכלאָזן אַ רייס. מיר וועלן דערנאָך אָניאָגן. ס'איז פאַרדריסלעך דורכ־צולאָזן די פראָבע — מ'האָט אַזוי לאַנג געוואַרט! און מיר האָבן נאָך קיינמאָל ניט געזען ווי מען פרובירט אויס אַזאַ מאַשינע.

אַלעקסיי איז געוואָרן אויפגעלייגטער. ער האָט זיך צוגעזעצט אַף אַ בערגל.

— טוט ווי איר פאַרשטייט, רוט זיך אָפ. בערידזע פירט אונדז אונטער. איז שטעקן געבליבן באַ פילימאָנאָוון, קומט ניט צו פאָרן. איך האָב געשיקט נאָך אים קאַרפאָוון. מיסטאַם וועלן זיי ביידע באַלד אָנפאָרן.

— דוכט זיך, זיי מאַכן שוין דאָרט אַ שטויב, — האָט מוסיאַ באַמערקט.

קאַרפאָוו האָט זיך אומגעקערט אַליין — אַן אויפגערעגטער און צעטראָגענער.

— אונדזער געאָרגי דער ניצאָכן־טרעגער טראַכט אַפילע ניט צו קומען אַהער צו פאָרן, — האָט ער ראַפאָרטירט. — ער האָט געהייסן דיר קומען צו פאָרן אַהין. גוטער ברודער, אַפאָנעם ס'איז עפעס געשען. האַגאַם די שטימונג איז באַ אים אַן אויסגעצייכנטע: ער שמייכלט, גלעט די באָרד. מ'האָט מיר געוויזן די דיזעלן און פאָמפעס, זיי אַרבעטן אַף דער גאַנצער פאַרע. דער גאַנצער אוילעם האָט זיך פאַרזאַמלט. בערידזע האָט געהאַלטן אַ רעדע. זיי זײַנען אונדז אַריבערגעשפרונגען, גוטער ברודער. מיט אַזאַ רער וועסטו זיך געשווינד קיין אייצע ניט געבן, און באַ זיי גייט עס ווי געשמירט. פאָר, אַלעקסיי ניקאָלאַיעוויטש, — ער האָט שטרענג באַפוילן. און אַף אַ שטיקל פאַפיר אָנגעשריבן.

אַף דער צווייטער זײַט פון קאָוושאָווס אַ קאַרטעלע איז מיט אַ פעטן בלויען בלײַפעדער געווען אָנגעשריבן: „כ'זאָג אײַך נאָך אַמאָל: קומט גלײַך צו פאָרן צו מיר וועגן אַ זייער דרינגענדיקן איניען".

דער צעקאָכטער אַלעקסיי, זידלענדיק זיך אומראַכמאָנעסדיק און צעטראַכטנדיק פאַר בערידזעס וועגן גיפטיקע אויסדרוקן, איז געשווינד געפאָרן צו דער פאָמפן־סטאַנציע.

די מאַשין איז פון דער הויכקייט אַראָפגעפלויגן אַפן פלאַץ פון דער פאָמפן־סטאַנציע, וואָס איז געווען העל באַלויכטן פון דער זון. אַלץ האָט דאָ אויסגעזען יאָנטעוודיק. אַלעקסיי האָט אַרומגעכאַפט מיטן בליק דעם

גרויסן געמויערטן בנין פֿון דער פּאָמפּן־סטאַנציע. רעכטס פֿון אים זײַנען געשטאַנען אין אַ רײ צילינדערישע ציסטערנעס, ס׳האָט זיך פֿון זײ געטראָגן דאָס פּאַרטויבנדיקע דראַבנע קלאַפּן פֿון פּנעוומאַטישע העמערלעך. איבערן גאַנצן פּלאַץ זײַנען צעוואָרפֿן געווען זויבערע, פֿריש־געווײַסטע געבײַדעס: וואַך־הײַזלעך, די טעלעפֿאָן־צענטראַלע, דאָס דיספּעטשער־הײַזל, די עלעקטראָסטאַנציע, די קעסל־קאַמער, דער מעכאַנישער וואַרשטאַט און בײַ די סאַמע סאָפּקעס — וווין־הײַזלעך און צוזאַמענווינונגען פֿאַר די בוי־אַרבעטער. דאָס איז געווען אַ גאַנצע שטאָט, וועלכע איז אויפֿגעקומען פֿאַר אַלעקסייס אויגן.

ווי ס׳איז געווען צו דערוואַרטן, האָט זיך דער הויפּט־אינזשעניר געפֿונען אין דעם גערוימען ליכטיקן זאַל פֿון דער פּאָמפּן־סטאַנציע. ער, פֿילימאָנאָוו און אַרום זײ אַ צוויי צענדליק מאָנטאַזשיסטן זײַנען שווײַגנדיק געשטאַנען בײַ די פּאָמפּעס. דאָ איז אויך געווען סיעראָגין. מיט אַ שליסל אין איין האַנט און מיטן קאָנטראָל־בוך אין דער צווייטער איז ער געשטאַנען פֿײַערלעך, ווי אַ וואַך. זײַנע אויגן האָבן געלויכטן. די קאָלאָסאַלע גלאַנצנדיקע מאַשינען האָבן געאַרבעט אָן רויש, אָן אַ קלאַפּערײַ. פֿילימאָנאָוו, אויסגעשמירט ביז די ברעמען מיט שמיר־אייל האָט זיך קוים געהאַלטן אַף די פֿיס פֿון איבערגעמאַטערטקייט. אויך געאָרגי דאַווידאָוויטשעס פּנים, הענט, בלוזע און הויזן זײַנען געווען אויסגעשמירט מיט שמיר־אייל. לויט זײַנע אויגן, לויטן מענוכעדיקן פּנים, לויט דעם ווי ער האָט געפּאַרקעט אינעם בערדל, האָט מען זיך געקענט אָנשטויסן — די פּראָבע איז אַדורך מיט דערפֿאָלג.

— אָט סאַראַ זאַכעלעך, אַ? איך קען זיך אין זײ זאַט ניט אָנשפּיגלען! — האָט בערידזע אַ געשרײ געטאָן צו קאָוושאָוון. אַלעקסייס צאַרנדיקער אויסזען האָט אים פֿרײלעך געמאַכט. — עפּעס ווּעסטו זיך פּאָרט באַגריסן מיט אונדז, גראַטולירן צום פּאַרענדיקן דעם מאָנטאַזש פֿון די דיזעלן און די פּאָמפּעס און לאָזן זײ אין גאַנג? גראַטוליר צום ווייניקסטן כאָטש אָט דעם דאָזיקן העלד, — האָט ער אַרויפֿגעלייגט די האַנט אַף דעם אַקסל פֿון דעם מיד שמייכלענדיקן פֿילימאָנאָוון.

— איך גראַטוליר! — האָט אַלעקסיי בייז אַ וואָרטשע געטאָן.

אַלע האָבן זיך צעלאַכט. אַלעקסיי איז געשטאַנען אַ ביסל, האָט באַטראַכט די אַרבעט פֿון די פּאָמפּעס, זיך דורכגעשפּאַצירט איבערן קאַכלנעם זויבערן דיל אינעם דיזעל־זאַל און זיך צוריקגעקערט מיט אַן אויפֿגעלויכטן פּנים.

— דו ביסט אַ כוואַט. כ׳בין מאַסקים צו ברענגען דיר די פּאָר אַפּילע צופּוס, — האָט ער געזאָגט, אַרומנעמענדיק פֿילימאָנאָוון. — און אײַך אַלעמען באַגריס איך, כאַווײרים, — האָט זיך אַלעקסיי געווענדעט צו די מאָנטאַזשניקעס, דריקנדיק זײ לויט דער רײ די הענט.

— מיר האָבן שוין דאָ מיט געאָרגי דאַווידאָוויטשן און ראָגאָוון

באַשלאָסן אַן דיר, אַז די פּאָן דאַרף בלײַבן בײַ דיר, — האָט פּילימאָנאָוו געזאָגט. — ווי די זאַך זאָל ניט זײַן, איז דיר דער הײַנטיקער טאָג אָנגעקומען שווערער, ווי אונדז.

— נו, שטעל אָפּ די מאַשינען — און מאַרש שלאָפן! — האָט בערידזע באַפוילן פּילימאָנאָוון. — דער טערמין איז באַשטימט דורכן דאָקטער באַטמאַנאָוו: פיר און צוואַנציק שאָ...

בערידזע איז אַרויסגעגאַנגען אינדרויסן, האַלטנדיק אַלעקסייען אונטערן אָרעם. דעם הויפּט־אינזשעניערס קאַבינעט און וווינונג אָפּן טשאָנגר האָט זיך ווי פריִער געפונען אין איין קליין צימערל אין דער טעלעפאָןצענטראַלע, וווהין ס׳האָבן זיך פון אַלע זײַטן אַרײַנבאַקומען אַן אומאויפהערלעך זשוזשעניש און טראַסקערײַ. פונעם דורכגוס האָט זיך דערטראָגן דער הילך און דאָס פּליוסקען פונעם צופלוס.

— איך בעט דיך, געאָרגי, פאַרהאַלט זיך ניט קיין איין סעקונדע. לאָמיר פאָרן אַפן באַצירק. דאָרט האָט זיך אַלץ אָנגעגליט ביז רויט! — האָט קאָוושאָוו געמאָלדן אַנטשלאָסן.

בערידזע האָט אויסגעטאָן די מיט שמיר־אײל אויסגעשמירטע בלוזע און אַנטבלויזנדיק דעם געדיכט מיט האָר באַוואָקסענעם פעסטן טאָרס, צוגעפאַלן צו אַ גרויסן קרוג וואַסער.

— כ׳וועל פאָרן, כ׳וועל באַלד פאָרן, — האָט ער זיך ענדלעך אָפּגעריסן פונעם קרוג. — נאָר כ׳וועל פאָרן אַליין, מײַן טײַערער, אָן דיר.

— וואָס הייסט אָן מיר? — האָט זיך אַלעקסיי פאַרכידעשט.

— יאָ, אַליין. און דו וועסט פליִען אין שטאָט. באַטמאַנאָוו האָט געשיקט נאָך דיר אַן עראָפּלאַן.

— דו ביסט פון זינען? — איז אַלעקסיי אין קאַס געוואָרן.

— קאָך זיך ניט. גיב בעסער אַ קוק אַפן בוכטעלע, זעסט אַן עראָפּלאַן? ער וואַרט אַף דיר.

— צו וואָס פאַר אַ טײַוול פעלט מיר דער דאָזיקער עראָפּלאַן?

— וועסט פליִען מיט אים, זאָג איך, אין שטאָט, אין דער פאַרוואַלטונג. פאַרשטאַנען?

— דו ביסט אַ לעץ, כאַוועד הויפּט־אינזשעניער. ס׳איז דיר ווילגעפעלן צו שפּילן מיר אַף די נערוון. שפּיל, שפּיל, נישקאָשע, איך האָב קויעך, כ׳וועל אויסהאַלטן, — האָט אַלעקסיי גערעדט מיט צאָרן.

— צום באַדויערן, אַליאָשאַ, איך שפּאָס ניט. דו דאַרפסט פליִען קיין נאָווינסק, און פון דאָרטן קיין מאָסקווע. וועסט אָפּגעבן אַ באַריכט אינעם פאָלקאָם. ס׳איז מיר אַ שאָד דיך אָפּצולאָזן, דו ביסט אַ פאַרלאָזלעכער געהילף. מען קען זיך אָבער גאָרניט העלפן.

— וואָס פאַראַ באַריכט? וואָס פאַר אַ מאָסקווע? — האָט אַלעקסיי אויסגעשריגן. — וואָס מיינסטו זיך בעעמעס!

— גאָר פּאָשעט מאָסקווע, די הויפּטשטאָט. עך, ווי ס׳וואָלט גוט

געווען צו זײַן איצט אין מאָסקווע. אַ סאַך וועלן דיך מעקאַנע זײַן, און איך — דער ערשטער.

— וואָס, דו רעדסט עס ערנסט? — אַלעקסייס שטימע האָט אַ ציטער געטאָן. — איך וועל אינערגעץ ניט פאָרן, כ׳וועל אינערגעץ ניט פליִען. איך האָב אַ באַצירק און כ׳קען אים ניט איבערלאָזן אין אַזאַ מינוט.

— דעם באַצירק טרויע אָן מיר, אַליאָשאַ, איך וועל ניט אונטערפירן. איך וועל אים אַליין פאַרענדיקן צוזאַמען מיט קאַרפּאָוון און גרובסקין. און פליִען וועסטו מוזן, צי דו ווילסט, צי דו ווילסט ניט. ס׳איז דאָך קיין מאָסקווע, מענטש איינער, דו פאַרשטייסט? דו אַליין האָסט דאָך די גאַנצע צײַט געשטרעבט אַהין, און האָסט דאָך דאָרט עלטערן און אַ ווײַב. האָסט פאַרגעסן, ווי דו האָסט ווינטער געבענקט?

— מאַלע וואָס איך האָב געשטרעבט! איצט שטרעב איך ניט!

— דער פּאָלקאָם האָט אומדערוואַרט אַרויסגערופן באַטמאַנאָוון און מיר. נאָר פאַרשטייסט דאָך, אַז מיר קענען ערשט ניט איבערלאָזן די בוויונג. מ׳האָט זיך אַ גאַנצע שאָ געאַמפּערט וועמען צו שיקן. און מ׳האָט באַשלאָסן: דו מוזסט פאָרן, קיין אַנדערער איז ניטאָ.

— נו, ניין, פאָרט איר אַליין, דו מיט באַטמאַנאָוון! איך בין אַ קליין מענטשל. כ׳פיר אָן מיט איין שלאַכט־באַצירק, פאַר דער גאַנצער בוויונג בין איך ניט פאַראַנטוואָרטלעך! — האָט אַלעקסיי געברויזט.

געאָרגי דאַווידאָוויטש האָט געלאַכט, פליוסקענדיק דאָס וואַסער פונעם קרוג אַף דער ברוסט און אַף דער פּלייצע. אַלעקסיי האָט אַרויסגעכאַפּט דעם קרוג פון זײַנע הענט און אים געטאָן אַ שטעל אַנידער אַף דער באַנק:

— גענוג שוין זיך צו פאַרווײַלן! אַ באָד זיך געמאַכט!

— אָט וואָס, אַלעקסיי, איך זאָג דיר ערנסט: פאַטער ניט די צײַט, פליִען צו דער פאַרוואַלטונג גדויערט דרײַ שאָ. אײַל זיך צו. באַטמאַנאָוו וואַרט; ער האָט געקלונגען צו מיר, געפרעגט, צי דו ביסט שוין אַרויסגעפלויגן.

קאָוושאָוו איז געשטאַנען און אויסגעזען, ווי אַ מענטש, וואָס מוז גלײַך ערגעץ־וווהין לויפן. אָבער אַף וויפל די אומדערוואַרטע מיטטיילונג איז דערגאַנגען צו זײַן באַוווסטזײַן, האָט אים די ענערגיע און אַנטשלאָסנקייט פאַרלאָזן. אַלעקסיי האָט געלאָזט אַראָפּהענגען דעם קאָפּ און אַראָפּגעלאָזט די אַנטבלויזטע מוסקולירטע הענט.

בערידזע, איבערגעטאָן זיך אין אַ ריין העמד, איז צו אים צוגעגאַנגען און אַנגענומען פאַר די אַקסלען:

— מען דאַרף דאָך דיר ניט דערקלערן, אַליאָשאַ, דו ווייסט אַלץ אַליין. מען מוז פאָרן. דו ביסט דער סאַמע פּאַסיקסטער מענטש דערויף. וועגן דער בוויונג ווייסטו אַלץ, און וועגן דער טעכניק, און וועגן די

רעסורסן. און דו פאָרסט דאָך אין דײַן געבוירן־שטאָט. דאָס האָבן מיר, איך מיט וואַסילי מאַקסימאָוויטשן, אויך גענומען אין באַטראַכט. מיר האָבן געמיינט — וועסט זײַן אין היספײַלעס פון פרייד. און דו שפּאַרסט זיך גאָר אײַן. ווען דו וועסט קומען צו פאָרן, דערמאָן זיך אַ רעגעלע אין בערידזען און זאָג אים אַ דאַנק. פאַר מאָסקווע פאַרנייג זיך טיף אין מײַן נאָמען. זאָג איר, אַז מיר דאָ באַם אַדון האָבן זיך אויסגעבענקט נאָך איר, דער האַרציקער. — ער האָט אַ טרייסל געטאָן דעם כאַווער פאַר די אַקסל. — קום, לאָמיר זיך געזעגענען. אַפן באַצירק דאַרפסטו ניט פאַרפאָרן — ס'איז קיין צײַט ניטאָ, און די מענטשן זײַנען אַזוי אויך אויפגערודערט. נו, זײַ געזונט! עך, ווי ס'איז מיר אומעטיק געוואָרן אַפן האַרצן, כ'האָב זיך צוגעוווינט צו דיר.

שטאַרק אָנגעקושט אַלעקסייען, איז בערידזע דער ערשטער אַרויסגעגאַנגען פון וווינונג און, מער ניט קיין קוק געטאָן אַפן כאַווער, קעדיי ניט צו באַווײַזן די פײַכט־געוואָרענע אויגן, זיך געזעצט אין דער מאַשין און אָוועקגעפאָרן.

נאָכגעקוקט דעם פיקאַפ, ביז וואַנען ער איז ניט פאַרשוווּנדן פונעם אויג, האָט זיך קאָווּשאָוו אַרומגעקוקט און איז אַרויסגעגאַנגען אַף דער סאָפקע, צו טאָפּאָליעווס קייווער.

עמעץ־ווער האָט געטרײַ געזאָרגט פאַר קוזמאַ קוזמיטשעס לעצט רו־אָרט. דער גרוי־גראַניטענער שטיין־דענקמאָל איז געווען אַרומגעצוימט מיט אַ פײַן הילצערן פאַרקאַנדל, אַפן קייווער זײַנען געלעגן פרישע בלומען.

— עך, אַלטער, האַלעווײַ וואָלסטו געווען לעבן נאָך אַ ביסל, — האָט אַלעקסיי געזאָגט אַף אַ קאָל און אַ זיפץ געטאָן. — אָט פאָר איך אָוועק קיין מאָסקווע. זײַ געזעגנט, טײַערער.

ער האָט אַרויפגעלייגט די האַנטפלאַך אַפן קייווער, געשטאַנען אַ מינוט, דערנאָך זיך אַראָפּגעלאָזט צו דעם בוכטעלע, ווו ס'האָט זיך אַף דעם וואַסער געוויגט דעם נאַטשאַלניקס פון דער בויונג הידראָ־עראָפלאַן.

אַרײַנגעקומען זיך אין דער קאַבינע, האָט ערשט איצט אַלעקסיי אַף דער עמעס טויפעס געווען, אַז אים שטייט ווירקלעך פאָר אַ ווײַטע רײַזע. ער האָט געבעטן דעם פילאָט, ער זאָל פירן דעם עראָפלאַן נידעריק איבער דער טראַסע.

מיט אַ געמישט געפיל פון אויפרעגונג, פרייד און איידעלן אומעט האָט ער געקוקט אַף די געשווינד זיך טוישנדיקע בילדער פון דער שעפערישער שלאַכט פאַר דער נאַפטלייטונג. די טראַסע האָט געלעבט! פאַר אים האָט זיך אויפגעוויקלט דאָס זעלבע פולבלוטיקע לעבן וועגן וועלכן ער מיט בערידזען האָבן מיט אַזאַ ווייטיק, מיט אַזאַ בענקשאַפט געכאָלעמט, ווען זיי האָבן ווינטער געוואַנדערט איבער דער טראַסע, וועלכע האָט דעמאָלט עקזיסטירט מער אין צייכענונגען, איידער אין דער ווירקלעכקייט.

דער בוי־פלאַץ האָט זיך אַף הונדערטער קילאָמעטער געצייכנט מיט אַ גלייַכן וואַלד־שרונט און מיט דרייַ דייַטלעכע ליניעס אַף אים: מיט דער טראַנשיי־ליניע און — אָדער מיט דער פאַראַלעלער ליניע פון דער רערן־לייטונג, אָדער מיט אַ שנור רערן, נאָך ניט צוזאַמענגעשווייסעוועטע. מיט די דאָזיקע צוויי ליניעס האָט זיך אָט איבערגעקרייציקט, אָט זיך פונאַנדערגעגאַנגען די וועג־ליניע.

אַף אַ סך ערטער איז פלוצים פאַרשוווּנדן געוואָרן דאָ די טראַנשיי־ליניע („מען דאַרף נאָך אַ סך גראָבן", — האָט אַלעקסיי אַ זיפץ געטאָן), דאָ די ליניע פון דער רערן־לייטונג („זי איז שוין איינגעלייגט אין דער טראַנשיי, אויסגעצייכנט!"). אין אייניקע ערטער איז פאַרבליבן בלויז די וועג־ליניע, און לענגאויס איר האָבן זיך געשוואַרצט קוואַדראַט־שטאַבעלן פון רערן (טאַטעלעך! ביז הייַנט האָבן זיי נאָך ניט פונאַנדערגעפירט די רערן. אַ סקאַנדאַל! מען דאַרף זיך צואייַלן, אָך, זיך צואייַלן!).

און אונטן האָט מען זיך געאייַלט, אַלעקסיי האָט עס געוווּסט און געזען. צענדליקער אויטאָ־מאַשינען און טראַקטאָרן זייַנען געקראָכן איבערן וועג, פונאַנדערפירנדיק רערן. קאַנאַווע־גראָבמאַשינען האָבן אויסגעביסן די טראַנשיי, אַרויסוואַרפנדיק אין דער הייך גלייַכע ערד־פלאַסטן. טויזנטער בוי־אַרבעטער און קאָלווירטניקעס האָבן געגראָבן די טראַנשיי מיט די הענט, און די ערד, אַרויסגעוואָרפן מיט די לאָפעטעס, איז ווי געהאָנגען אין דער לופט, ווי איין גאַנצע גרויע לענטע.

די אַרבעט פון די שווייסעווער האָט זיך געצייכנט מיט אַן אַ שיר פייַערלעך, וועלכע האָבן זיך אָנגעזען פונעם עראָפלאַן אַפילו קעגן דער זון. די פאַרבינדלער האָבן פאַרענדיקט דאָס אויפהענגען די דראָטן אַף ווייַסע סטויפעס, וואָס זייַנען אויפגעשטעלט געוואָרן לענגאויס דער טראַסע, ענלעכע פון אויבן צו אַ פונקטיר, וואָס איז אָנגעצייכנט איבערן גרינעם פעלד.

די טראַסע האָט געלעבט, געטומלט! דעם טומל האָט פאַרטויבט דאָס רעווען פונעם עראָפלאַן־מאָטאָר... נאָר אַלעקסיי, אַרויסגעריסן פלוצים פונעם לעבנס־ריטם פון זייַן באַצירק, האָט בעפיירעש געהערט די שטימען פון דער טראַסע: דאָס גרעגערן פון די טראַקטאָרן, די באַסאָווע סירענעס פון די אויטאָ־מאַשינען, דאָס פאַרביסענע שיפעניש פון די שווייסעווע־אַפּאַראַטן, די אויסגעשרייען און לידער פון די בוי־אַרבעטער. עס האָט זיך אים אַפילו געדוכט, אַז ער דערקענט די פענעמער פון מענטשן: זיי האָבן זיך אָפגעריסן פון דער אַרבעט, קעדיי אַ קוק צו טאָן אַפן עראָפלאַן, וואָס פליט איבער זיי.

און פון לינקס האָט געטראָגן זייַנע וואַסערן דער ריזיקער, בלענדנדיק־פינקלדיקער אַדון, ווי ער וואָלט אין זיך אַרייַנגענומען די גאַנצע זון, און פון זייַנע ביידע זייַטן האָט זיך אַן אַ סאָף און אַן ענד אויסגעשפרייט די טייַגע.

קאַפּיטל דרײַצן

אַן אָפּרעכענונג פאַרן הײמלאַנד

אַלעקסײ האָט, קומענדיק צו פלִיען קײן נאָווינסק, ניט באַוויזן אַפילע זיך אַרומצוּוואַשן און זיך איבערטאָן. מען האָט אים איבערגעכאַפּט לעבן דעם פאַרוואַלטונגס־עראָדראָם און געהײסן גלײַך גײן אַף אַ באַראַטונג צום נאַטשאַלניק פון דער בויונג.

אַלע אין דער פאַרוואַלטונג האָבן שוין געוווּסט וועגן קאָוושאָווס נעסיִע קײן מאָסקווע, און בעײס ער איז געגאַנגען צו באַטמאַנאָוון, האָבן אים אָנבאַגעגנטע מיטאַרבעטער גראַטולירט און געווונטשן דערפאָלג. אין קאָרידאָר האָט זיך אַלעקסײ אומדערוואַרט געטראָפן מיט זשעניאַן. זי האָט צעמישט געענטפערט אַף זײַן באַגריסונג און געשווינד אַוועק.

אין וואַרטצימער, באַ דער טיר פון באַטמאַנאָווס קאַבינעט, האָט זיך געדרײט ליבערמאַן. ער איז געווען אַף דער באַזע, האָט ניט געוווּסט וועגן דער באַראַטונג און איז, אַ פאַרשפּעטיקטער, ניט דרײַסט געווען אַרײַנצוגײן. דאָס קומען פונעם אינזשעניער האָט ליבערמאַנען דערפרײט, אין צווײיען מיט אים האָט ער זיך געפילט דרײַסטער.

— וואָס איז די טעמע פון דער באַראַטונג? — האָט קאָוושאָוו געפרעגט.

— מאַמינקע טײַערע! זי איז געווידמעט דיר! וועגן דעם ווי מען זאָל דיך אויסריכטן אין וועג אַרײַן קײן מאָסקווע. איך מיט דיר האָבן היפּש פאַרשפּעטיקט, דער נאַטשאַלניק טרעט שוין אַרויס מיט דער שלוס־רעדע.

זײ זײַנען אַרײַנגעגאַנגען אין קאַבינעט באַנאַנד. אין צימער איז געווען זײער דושנע אין דער דאָזיקער שאָ פון שקיִע. באַ אַ סאַך האָבן די פּענעמער געגלאַנצט פון שווײס. באַטמאַנאָוו האָט, לויט זײַן געוווינהײט, אַרומגעשפּרײַזט לענגאויס דעם לאַנגן טיש.

ער האָט זיך באַגריסט מיט אַלעקסײען, וואַרפנדיק אַ קאַלטן בליק אַף ליבערמאַנען, וועלכער האָט זיך דורכגעשטופּט צו אַ פרײַען שטול.

— איך כאַזער איבער, עס האַנדלט זיך וועגן אַ באַריכט פאַר מאָסק־

ווע, — האָט באַטמאַנאָוו הויך געזאָגט, אַ קוק טוענדיק שאַרף אַף קאָוו־שאָוון. אָפּגעברוינט פון דער זון, אין אַ געקעסטלטער קאָוובאָיקע און פאַרשטויבטע שטיוול, איז ער דאָ געווען ווי עפּעס ניט אַפּן אָרט און ווי ער וואָלט געוואַרט אַף אַ באַלדיקן באַפעל זיך אומצוקערן אַהין, פון וואַנען ער איז געקומען. — מיר זײַנען דאָ ניט געזעסן ליידיק און דאַרפן קלאָר, איבערצײַגעוודיק דערציילן, וואָס מיר האָבן געטאָן פאַר דער מיל־כאָמע, פאַרן לאַנד, פאַרן פאָלק. מיר האָבן אַ ריזיקע ווירטשאַפט, מיליאַ־ניקע מיטלען, קאָלאָסאַלע מענטשן־רעסורסן — זיך אַרויסדרייען מיט אַ ליאַדע־וואָס קען מען ניט. יעדערער פאַרשטייט — ער איז איצט פאַר־אַנטוואָרטלעך ניט בלויז פאַר זײַן דירעקטן נאַטשאַלניק, נאָר אויך פאַר דער רעגירונג. שטיין פאַר דער רעגירונג און ענטפערן איז ניט קיין לײַכ־טע זאַך. מען דאַרף זיך באַדענקען, ווי צו ריידן און וואָס צו ריידן פאַר דער רעגירונג. איך בין ניט צופרידן מיט די אַרויסטרעטונגען פון די באַצירק־נאַטשאַלניקעס: זיי האָבן זיך ניט דערהייבן צום ניוואָ פון דער אַוועקגעשטעלטער אויפגאַבע.

ליבערמאַן האָט אַ טאָרקע געטאָן מיט דער הייסער פײַכטער האַנט אַלעקסייען פאַרן עלנבויגן און אים אָנגעוויזן אַף גרעטשקינען. דער פלאַ־נירער האָט זיך מאַמעש באַגאָסן מיט שווייס און אויפגעטראָגן געקוקט אין די זײַטן. ער איז געווען איבערצײַגט, אַז פון דער באַראַטונג וועט קיין שום טאָלק ניט אַרויסקומען און דעם אָפּרעכענונג־באַריכט פאַר מאָסק־ווע וועט סײַווי מוזן ער צוגרייטן.

— איך זע אַף אײַערע פּענעמער, — האָט דער נאַטשאַלניק ווײַטער גערעדט, — אַז איר וועט שוין אַזוי פאַרבלײַבן באַ אײַער פאַלשער מיי־נונג: דער איקער, זאָל עס הייסן, איז דאָס אויפבויען, געבן אַן אָפּרע־כענונג אָבער איז ניט שווער, דאָס איז די פליכט פון די בוכהאַלטערן און עקאָנאָמיסטן, זיי קריגן דאָך געהאַלט פאַר די באַריכטן...

— ס'איז לאַכלוטן ניט ריכטיק! אײַער רעפליק איז זייער כאַראַק־טעריסטיש. איר האַלט פאַר וויכטיקער צו פּאַטערן צוויי טעג אַף צו באַ־קומען אַ טאָן סמאָלע, איידער צוויי שאָ אַ טראַכט צו טאָן איבער אַזאַ פּראָבלעם, ווי אײַער אָפּרעכענונג פאַר מאָסקווע. דאָס שמעקט מיט ענגן פּראַקטיציזם. נאַטירלעך, דער איקער איז אויפבויען. נאָר צי דען איז דאָס ווייניק וויכטיק צו באַזיניקן די אייגענע אַרבעט אין דעם מאָמענט, ווען די בויונג האָט דערגרייכט צום פּעריאָד פון איר פאַרענדיקונג? זעט איר, פּעדאָסאָוו, מאָסקווע איז ווײַט און פאַרנומען מיט דער מילכאָמע, זי האָט אונדז אָנגעטרויט דעם גוירל פון דער נאַפטלייטונג. פונדעסט־וועגן וויל מאָסקווע וויסן אַף זיכער, אַז מיר וועלן זי ניט אונטערפירן אינעם קריטישן מאָמענט. די דײַטשן רײַסן זיך צום קאַווקאַזער נאַפט, זיי האָבן צונויפגעזאַמלט פון גאַנץ אייראָפּע ניט קיין קליינע קויכעס. דער אינטערעס פון דער מעלוכע צו אונדזער נאַפטלייטונג האַלט אין

איין וואַקסן. און לויט גרעטשקינס ציפערן און ראַפּאָרטן איז נאָך אַלץ שווער צו דערזען, צי די נאָפּטלייטונג וועט זײַן פּאַרטיק צום טערמין אָדער ניט. צײַט איז פּאַרבליבן ווייניק, דער אומפאַנג פון די ניט אויסגעפירטע אַרבעטן איז גרויס, לויט די ציפערן זעט די זאַך אויס ניט אײַנגאַנצן זיכער. ס'איז קיין כידעש ניט, וואָס מאָסקווע רופט אונדז אַרויס, וויל זיך אין אַלץ פונאַנדערקלײַבן. טוט אַ טראַכט, פעדאָסאָוו... עס אַרבעטן בײַ אונדז טויזנטער מענטשן — דאָס זײַנען דאָך פאָלקן, וואָס זײַנען אַרויסגעצויגן געוואָרן פונעם באַשטאַנד פון דער רויטער אַרמיי. מיר נוצן אויס אַ סאַך פערד — דאָס איז דאָך קאַוואַלעריע. די אויטאָ־מאַשינען, די טראַקטאָרן, — זײַנען אויך פונעם אַרסענאַל פון דער רויטער אַרמיי. צי איז עס ניט אונדזער הייליקער כויוו צו באַווײַזן, אין וואָס פאַר אַן אַרבעט־שלאַכטן עס האָבן זיך באַטייליקט אונדזערע מענטשן, אונדזער קאַוואַלעריע, אונדזערע מעכאַניזירטע טיילן און וואָס זיי האָבן דערגרייכט?

אַלעקסיי האָט זיך געפונען אין אַ מאָדנעם צושטאַנד: אַקוראַט ווי עמעץ וואָלט צעשפּאָלטן זײַן באַוווסטזײַן אַף צוויי העלפטן. מיט איין העלפט הערט ער זיך אײַן צו באַטמאַנאָוון. דער דאָזיקער מענטש באַווירקט שטענדיק די מענטשן, צו וועלכע ער ווענדעט זיך. זײַנע רעדעס, אייצעס, אַפילע פירהאַלטן, וועקן אין מענטשן אַ גוטע אומרויִקייט, זיי גייען פון אים אַוועק באַוואָפנט מיט דער שטרעבונג צו זײַן טעטיק, קעמפן. אַלעקסייען איז שווער אים צו הערן, און ער קען אים נישט ניט הערן... מיט דער צווייטער העלפט באַוווסטזײַן איז אַלעקסיי ווײַט פון דאַנען...

— מיר און קאָװשאָוון איז שווערער פון אײַך, — רעדט באַטמאַנאָוו און קוקט ווידער אַף אַלעקסייען, קוים צו באַמערקן שמייכלענדיק.

— איך מיט אים גיבן אָפּ אַן אָפּרעכענונג פאַר אַלץ אינגאַנצן גענומען: איך — ווי דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר דער בויונג און פאַר אײַך אַלע. קאָװשאָוו — ווי אונדזער שעליעך קיין מאָסקווע. און מיר שטעלן אײַך אַ באַדינג: פאַרלײַכטערט אונדז די אויפגאַבע, גיט אָפּ אַן אָפּרעכענונג יעדערער פאַר זיך אַליין. פאַרשטייט: דער זין איז ניט אינעם פאָרמעלן באַריכט... ס'איז פאַראַן די געלעגנהייט זיך צו קאָנטראָלירן פון אַלע זײַטן, צו מאַכן אַן אַנאַליז, אַ פאַראַלגעמיינערונג: צי פאַרנעמט יעדערער פון אונדז און מיר אַלע צוזאַמען אַ כאָשעווע אָרט אין דער שלאַכט, צי איז אונדזער אַרבעט־אַרמיי ניט אַרײַנגעפאַלן אין אַ מין אַרומרינגלונג, פון וועלכער מען מוז זיך אַרויסבאַקומען פאַר יעדן פרײַז? אין עטלעכע טעג אַרום פאָרט קאָװשאָוו אַרויס קיין מאָסקווע. פאָרמעל וועלן מיר פאַר דער צײַט צוגרייטן און געבן אים אין האַנט אַן אָפּרעכענונגבאַריכט — צוואַנציק זײַטן, אָפּגעדרוקטע אַף אַ שרײַב־מאַשינקע, פליוס אַלערליי טאַבעלעס, סכעמעס, דיאַגראַמעס, גראַפיקס. אומפאָרמעל — זײַנען מיר מעכויעוו דורכצופילטרירן אין מויעך דאָס אַלץ, וואָס לאָזט

זיך ניט אײַנראַמען אין די צוואַנציק זײַטלעך. טוט אַ טראַכט, וווהין קאַוושאַוו פאָרט! רופט אים צו הילף סײַ אײַער געוויסן, סײַ אײַער פאַרשטאַנד. קומענדיק צוריק פון דאַנען אין אײַערע אָפּטײלן, באַמיט זיך ניט צו פאַרזינקען אין פּראַקטיציסטישע קלײנלעכקײטן, זיפּט אַדורך דורך דער רעשעטע פון אַנאַליז ציפערן, פאַקטן און אויספירן, — ווי באַ אַ מויערער וועלן באַ אײַך בלײַבן אַפן רעשעטע־דנאָ די גרויסע שטײנער פון וויכטיקע איניאַנים, דאָס דרויב וועט זיך פאַרבײַגליטשן...

זאַלקינד זיצט באַם פענצטער, שפּירנדיק מיט דער פלײצע די אָנגענעמע פרישקײט פונעם אָנקומענדיקן אָוונט. מיכאַ:ל באָריסאָוויטש אָבסערווירט מיט אינטערעס, ווי באַטמאַנאָווס דורכגעפילט וואָרט רעגט בסלעכווײַז די מענטשן. ווי אַ פײַערל, ברענט באַם פאַרטאָרג אין מויל אַ גאָלדענער צאָן, ער שמײכלט צום געדאַנק, אַז פּנימער קען מען לײענען, ווי ביכער. אָט האָט זיך שוין קימאַט אויסגעוועפּט גרעטשקינס אומצופרידנקײט, ער האָט אויפגעהערט אַרויסשטאַרצן די אויגן און קוקן קרום אין די זײַטן. זשעדנע הערט זיך אײַן טאַניאַ וואַסילטשענקאָ. מיכאַ:ל באָריסאָוויטש דערמאָנט זיך, ווי זי איז אָנהײב ווינטער געקומען צו פלי:ען פונעם באַצירק אין דער פאַרוואַלטונג, גרײט אַרײַנצוטרעטן אין אַ געשלעג מיט דער נײַער אָנפירערשאַפט פון דער בויונג. וויפל געשעענישן און ענדערונגען זײַנען פאָרגעקומען פון יענער צײַט! ווי מענטשן האָבן זיך געענדערט! זאַלקינד פירט איבער דעם בליק אַף פעדאָסאָוון — אַהאַ, אויך ער האָט זיך פאַראינטערעסירט! און ער האָט דאָך געהאַלטן די דאָזיקע באַראַטונג פאַר איבעריק: „מען דאַרף געבן אַן אָפּרעכענונג? איז וואָס איז דאָ די רייד? וועלן מיר געבן אַן אָפּרעכענונג, אַ וואַזשנע אייסעק". אַזוי, און פאָרט ניט אַזוי, מײַן טײַערער!...

ווען ער האָט זיך אָפּגערעדט מיט באַטמאַנאָוון וועגן דער באַראַטונג, האָבן זיי אויך ניט געלײגט אַף איר קײן באַזונדערע האָפענונגען: מ'האָט קוים געקענט זיך אויסרעכענען, אַז די נאַטשאַלניקעס פון די אָפּטײלן וועלן צוטראַכטן עפּעס מער ווי די געוויינלעכע, שוין לאַנג אײַנגעשטעלטע פאָרמען פון אַן אָפּרעכענונג. נאָר, צום טײַוול, ס'איז נײטיק זיי זאָלן זיך דורכנעמען מיט דעם אומרו:יקן געדאַנק וועגן דער פאַראַנטוואָרטלעכקײט פונעם מאָמענט! מען דאַרף, עס זאָל זיי רעגן אָלעקסײס ניט לײַכטע מיסיע! זאָלן זיי ניט געבן גאָרניט קײן באַזונדערס פאַר קאַוושאַווס באַריכט, אָבער זיי וועלן זיך זיכער דערשלאָגן צו בעסערע, ווי ביז איצט, רעזולטאַטן אין דער אַרבעט!

— איך האָב אײַך אַלע אויסגעהערט אויפמערקזאַם, — האָט זיך דערהערט באַטמאַנאָווס שטים. ער איז געשטאַנען באַם פענצטער מיט אַ פאַרוואָרפענעם קאָפּ און האָט מיט אַ פלעמעלע אין די אויגן באַטראַכט די מענטשן. — איך וויל זיך אָפּשטעלן אַף קאָנקרעטע בײַשפּילן. כ'וועל אָנהײבן פונעם הויפּט־בוכהאַלטער. ער האָט אונדז דאָ פאַרשאָטן מיט

ציפערן, און אַ סאַך איז געוואָרן לאַנגווײַליק. צי דאַרף זיך קאָוושאָוו שטעלן אין אַזאַ זעלבער פּאָזיציע און פאַרטומלען די כאַווײַרים פון דער צענטראַל־פּאַרוואַלטונג מיט ציפערן?

— ציפערן — דאָס איז אַ גרויסע זאַך, פון זיי קען מען ניט אַנטלויפן! — האָט צוגעוואָרפן אַ רעפּליק דער בוכהאַלטער, אַ דיקער אַלטער מיט אַ זעלבסטצופרידן פּאָנעם.

— נאָך דאָס וואָלט געפעלט: אַנטלויפן פאַר אײַערע ציפערן! מײַן אַמט און מײַן עלטער דערלויבן עס מיר ניט! — האָט באַטמאַנאָוו אַ שמייכל געטאָן. אויך די איבעריקע האָבן זיך צעלאַכט. — שרעקט אונדז ניט, כאַווער בוכהאַלטער, מיט קיין ציפערן. פאַר זיך אַליין זײַנען זיי טויט און וועלן אונדז ניט דעריאָגן. אָדער זיי וועלן כאַפּן אַ דרימל אין קאָוושאָווס טעטשקע, אָדער זיי וועלן פון אייך אויער אַרויס אין אַגדערן אַרײַן, און ניט צו נעם טאָן פאַרן האַרצן יענע, פאַר וועלכע מען וועט דאַרפן געבן די אָפּרעכענונג. — וואַסילי מאַקסימאָוויטש האָט אַריבערגעפירט דעם בליק איבער די פּנעמער פון די זיצנדיקע מענטשן. — לאָמיר באַרירן, לעמאָשל, אַזאַ פראַגע. כאַווער סטאַלין האָט אונדז, די ווירטשאַפטלער, פאַרפליכטעט אַלץ איבערצובויען אַפן מיליטערישן שטייגער און מיר האָבן דאָס געטאָן. מיר האָבן אַרויסגעוויזן פאַר פרידנסצײַט אַן אומגעווייגלעכע לעבנספעיִקייט, זײַנען זיך אין אַ סאַך זאַכן באַגאַנגען אָן דער הילף פון מאָסקווע אַפילע דעמאָלט, ווען די דאָזיקע הילף האָט זיך אויסגעוויזן ניט אויסצומײַדן. ווי וועט איר וועגן דעם דערציילן? פּעדאָסאָוו, אײַך פרעג איך עס!

פּעדאָסאָוו האָט זיך אויפגעשטעלט, רויט פון דושנעקייט און צעמישטקייט.

— איך פאַרשטיי אײַך, וואַסילי מאַקסימאָוויטש. איך האָב וואָס צו זאָגן סײַ מיט ציפערן, סײַ מיטן לעבעדיקן וואָרט: אַ לייבן־טייל פון די טעכנישע מאַטעריאַלן האָבן מיר אויפגעזוכט אַפן אָרט, אָן קיין שום מעלוכישע פאָנדן.

באַטמאַנאָוו האָט, זיך אָפּשטעלנדיק לעבן דעם אינטענדענט, מיט אינטערעס אים אויסגעהערט. ער איז בעפּיירעש געבליבן אומצופרידן — האָט זיך פאַרקרימט און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— אַ לייבן־טייל! אַן אומגעלומפּערטע פראַזע, אין וועלכער דער קעניג פון די כאַיעס — דער לייב — טרעט אַרויס אין דער ראָל פון אַ צײַגער פון דעם סכום פון בלעך און לאָפּעטעס — דעם נאַטשאַלניק האָט איבערגעשלאָגן אַן אַלגעמיינער אויסברוך פון געלעכטער. וואַסילי מאַקסימאָוויטש האָט צוגעוואַרט, ביז אַלץ וועט זיך אײַנשטילן. — איר וואָלט באַדאַרפט זאָגן פּראָסט: עס זײַנען אונדז געקומען צו הילף טעכאָוו און אַנדערע אויסגעצייכנטע קאָמאַנדירן פון דער ווײַטמיזרעכדיקער פּראָדוקציע, זיי האָבן געמאַכט פאַר אונדז לעמאָשל די לופט־אויס־

פּרעס־אַגרעגאַטן, וועלכע מיר האָבן ניט געקענט באַקומען. זיי האָבן אויס־געפּאַרטיקט צו די אַמעריקאַנישע פּאָמפּעס די דעטאַלן, וועלכע מ׳האָט אונדז ניט צוגעשיקט. מיר האָבן זיך אויסגעלערנט מאַכן אין אונדזערע וואַרשטאַטן און לאַבאָראַטאָריעס עלעקטראָדן, קאַרביד־קאַלציס, אינסטרו־מענטן, טשוועקעס און אַ סך פאַרשיידענע מאַכשירים. — באַטמאַנאָוו האָט אַ קוק געטאָן אויף ליבערמאַנען: — איר האָט פאַרשפּעטיקט, און כ׳האָב אײַך ניט אויסגעהערט. ווי האָט איר בעדייע צו געבן אַן אָפּרע־כענונג פאַר דער רעגירונג?

ליבערמאַן האָט זיך אויפגעשטעלט און שווײַגנדיק אַנגעשטעלט די אויגן אויפן נאַטשאַלניק פון דער בויונג.

— אָט זעט איר, איך וואָלט ניט וועלן, אַז אויך קאָוושאָוו זאָל אַזוי ווי איר פינטלען מיט די אויגן, אַרויסטרעטנדיק מיט דער אָפּרעכענונג! — האָט באַטמאַנאָוו געזאָגט, זיך ניט דערוואַרטנדיק ליבערמאַנס אַן ענטפער. — לויט אײַער פּאָנעם זע איך, אַז איר האָט זיך אויך אויף מיר באַליידיקט. נאָר וואָס בין איך דאָ שולדיק, אויב אין אַזאַ וויכטיקער מי־נוט האָט איר ניט וואָס צו זאָגן! דערמאָנט זיך, ווי איר האָט מיר גע־בראַכט טעלעגראַמעס און ראַפּאָרטן מיט אומענדלעכע פאָדערונג־מעלדונ־גען אויף וואַרעם אָנטועכץ און שוכוואַרג. איר האָט אַפילו אײַנגעפירט, אויף יעדן אַלאַרעם־פאַל, אַ ספּעציעלע אַקטן־טעקע מיט טעלעגראַמעס און ראַפּאָרטן. צי ווילט איר, איך זאָל זי אַרויסנעמען פון מײַן סייף און געבן קאָוושאָוון? זאָל ער דאָרט אין מאָסקווע אַ פּאַכע טאָן מיט די קאָפּיעס פון אײַערע פּאַפּירלעך: מיר האָבן צו אײַך געשריבן, און איר האָט אונדז ניט געהאָלפן. פאַרוואָס שווײַגט איר? אײַערע פּאַפּירלעך טויגן זיך ניט ערשט, עמעס? איז אָט וואָס, ליבערמאַן... אויב אין אײַער אָפּטייל וועט צוגרייטן די אָפּרעכענונג אַ מענטש־מיט אַנשוויונגען פון אַ מאַגאַזינער, וועט ער לאַנגווײַליק אויסמייקענען: וויפל שטיוול, אָנר־טשעס, קורטקעס און הויזן ס׳איז אַרויסגעגעבן געוואָרן די אַרבעטער, וויפל פּראָדוקטן זײַנען פאַרנוצט געוואָרן, צי האָבן מיר זיך צוגעפּאַסט צו די נאָרמעס. אַ מענטש מיט אַ מעלוכישן צוגאַנג צו זאַכן וועט דער־ציילן וועגן עפּעס אַנדערש: ס׳איז געקומען דער ווינטער, מיר האָבן קי־מאַט קיין וואַרעמע קליידונג ניט געהאַט, און פונדעסטוועגן האָבן מיר זיך אָפּגעזאָגט פון מעלוכישע פאָנדן, און דאָס בעסערע — האָבן מיר אָפּגעגעבן פאַר דער רויטער אַרמיי. די אַרבעטער האָט מען פונדעסטוועגן באַקליידט... מיט וואָס, ליבערמאַן, ניט שוין־זשע האָט איר פאַרגעסן? מיר האָבן דאָך, איך מיט אײַך, אויפגענייט אַן אַ שיר בושלאַטן, שפּענ־צערס און בורקעס פון דער מונדירונג, וואָס אין די מיליטער־אָפּטיילן איז עס שוין געווען אָפּגעשריבן צו גיין אין אוטיל! מיר האָבן דאָך, איך מיט אײַך, זיך אויסגעלערנט אָפּצושאַצן דעם ווערט פון אָפּגעטראָגענע זאַכן, זיי רעמאָנטירן און הונדערט מאָל אויסלאַטען, אַנשטאָט זיי גלײַך

אַרויסצוּוואַרפן. איר האָט פאַרגעסן וועגן שטיוול פון אָפּגענוצטע אויטאָ־שינעס, וועגן וואַטע פון שמאַטעס? און צי האָבן מיר דאָס רעכט, ווען מיר ריידן וועגן פּראָוויאַנט, ניט צו דערמאָנען וועגן דער הילף פון די נאַניבצעס און די ניווכן, וועגן דער הילף פון די פישערס פון קאַרפּאָווס קאָלווירט? באַרעכנט מיט קאָפּ וויפל פלייש און פיש זיי האָבן אונדז געגעבן.

זאַלקינד שמייכלט אונטער אומבאַמערקט, ער איז צופרידן מיט דער באַראַטונג, ליבערמאַנען איז, נאַטירלעך, פאַרדריסלעך, ער האָט זיך ניט אומזיסט אַזוי אָנגעבלאָזן. און נאָך עמעץ־וועמען איז פאַרדריסלעך. נאָר ווען מען זאָל אַזוי אָפן אַ פרעג טאָן דעם זעלבן ליבערמאַנען אָדער פעדאָסאָוון: זיינען זיי טאַקע אַזוי שטאַרק ניט צופרידן מיט באַטמאַנאָוון, צי ווילן זיי ניט קיין אַנדערן נאַטשאַלניק פון דער בויונג — אַ ווייכערן, אַ דעליקאַטערן, ניט אַזאַ אומרויִקן און שאַרפצונגיקן, ווי באַטמאַנאָוו?

יאָ, וואַסילי מאַקסימאָוויטש איז שטרענג. ער איז שאַרף, צייטנווייז אומראַכמאָנעסדיק. און פונדעסטוועגן וואָלט זיך קיין איינער פון זיי פון באַטמאַנאָוון ניט אָפּגעזאָגט. זיי ווען אים ניט פאַרטוישן, לאָמיר זאָגן, אַף סידאָרענקאָן. בײַ באַטמאַנאָוון האָבן זיי באַקומען די דערקענטעניש דערפון, וואָס באַטמאַנאָוו אַליין האָט ליב אָנצורופן באָלשעוויסטישע אָרגאַניזאַציאָנעלע שעפערישקייט.

— וואָס פאַר אַ מענטשן עס אַרבעטן עס בײַ אונדז אַף דער טראַסע, כאַוויירים! — זאָגט באַטמאַנאָוו מיט געפיל. — פּושטשין האָט זיי זייער קלוג אָנגערופן אין דער צײַטונג די גוואַרדייער פונעם הינטערלאַנד. מיר דאַרפן אויך וועגן זיי געהעריק דערציילן אין אונדזער אָפּרעכענונג, ווי עס טוען דאָס די אַרמייִשע פּאָליט־טוער אין די פראָנט־באַריכטן וועגן די סאָלדאַטן און אָפיצירן, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט אין די שלאַכטן. — וואַסילי מאַקסימאָוויטש האָט אַ שמייכל געטאָן. זײַנע אויגן האָבן אַ בליצל געטאָן. — און אָט אונדזער קאַדרען־אָפּטייל! איך קען גאַראַנטירן: די כאַוויירים, וואָס פירן אָן מיט די קאַדרען, וועלן אונטערטראָגן פּאַפּירן מיט ווערטער און ציפערן — וויפל מיר האָבן מענער און פרויען, דערונטער וויפל מיט הויכער בילדונג און וויפל מיט מיטעלער און נידעריקער. עס וועט בײַ זיי זײַן אויך אַזאַ מין פּראָדוקציע — איך האָב שוין געזען עפּעס ענלעכס — דער אומפאַנג פון פאַרמעסט אין פּראָצענטן לויט כאַדאָשים. און אין דעם דאָזיקן ווערטערלעך־ציפערדיקן גרילצערײַ וועט פאַרלוירן גיין, כאַוויירים, דער סאַמע איקער — די מענטשלעכע נעשאָמע. דאָ וועט זיך שוין ניט געפינען קיין פּלאַץ צו דערציילן, ווי מיר האָבן קיין כאַרבינז לער ניט געהאַט, און די קאָמיוגיסטן זײַנען עס געוואָרן אונטער דער אָנפירונג פון טאַניאַ וואַסילטשענקאָ; ווי בײַ אונדז האָבן אויסגעפעלט שווייסעווער, און אומאַרע מוכאַמעט האָט איינער אַליין פאַרטראָטן פיר; ווי אַ בריגאַדע וועג־אַרבעטער האָט

געשלעפּט אַף די פּלייצעס די מאַשין פונעם שאָפער מאַכאָוו, ער זאָל ניט אָנווערן דאָס ערשטע אָרט; ווי מענטשן זײַנען אומגעקומען, ווײַל די זאַך איז זיי געווען טײַערער פונעם אייגענעם לעבן. צי האָבן מיר דאָס רעכט צו פאַרגעסן טאָפּאָליעוון, דעם דעסיאַטניק גאַנטשאַרוק, דעם טראַקטאָריסט סילין?

...אין קאָושאָווס צעצווייטן באַוווּסטזײַן איז איין העלפט צערודערט פון באַטמאַנאָווס רעדע און לעבט מיט דעם, וואָס קומט פאָר אַף דער באַראַטונג. די צווייטע איז אַפן איבערגעלאָזטן שלאַכט־באַצירק. ווי אַלץ ברויזט דאָרט אַצינד! בערידזע שטייט פאַר די אויגן: „זײַ רויק, אַליאָשאַ. פאַרלאָז זיך אַף מיר — כ׳וועל ניט אונטערפירן!”. ניין, בערידזע שטייט ניט מיט קיין פאַרלייגטע הענט! ער גיט אָפּ פאַראָרדענונגען, באַלעבאַטעוועט אַף זײַן באַצירק. אָט גייט ער שנעל אַרום אַ סעקציע פון דער רער־לייטונג, וואָס זעט אים אויס צווייפלהאַפט, זײַנע שטיוול זינקען אין דער ווייכער ערד, וואָס איז אַרויסגענומען געוואָרן פון דער טראַנשיי. געאָרגי דאַווידאָוויטש, אַ נאַסער פון שווייס, ווישט זיך אָפּ דאָס פּאָנעם מיטן אַרבל פון דער בלוזע, וואָס איז שוין גרוי פון שטויב. אין דער רערן־לייטונג פּרעסט מען דערווײַל ווײַטער אַרײַן וואַסער. די פּאָמפּעס טרײַבן עס און טרײַבן אָן אַן אויפהער. די מענטשן וואַרטן, דענערווירן זיך. ער האָט אַפילע באַוויזן צו באַרויקן אומאַרע מוכאַמעטן, וועלכער האָט ניט אויסגעהאַלטן און געקומען צו פאָרן אַפן פּראָבע־פּונקט. בערידזע רעדט צו אים: „לאָמיר זיך ניט דענערווירן, לאָמיר בעסער אויסדרייכערן — אַגעוו וועל איך דיר דערציילן אַ געוויסע לעכערלעכע געשיכטע”.

אַרום בערידזען און אומאַרען שטייט אַן אוילעם, דער הויפּט־אינזשעניער דערציילט זאָרגלאָז, ווי איינמאָל, אין זײַן פריִער יוגנט, האָט ער זיך באַקענט אַפן יאַם, ווײַט פון אַ ברעג, מיט אַ שיין מיידל. דער אוילעם לאַכט, און קיינער דעמאַסקירט ניט בערידזען, האַגאַם אַ סאַך ווייסן, אַז ער קען קימאַט ניט שווימען. אַלעקסיי האָט אים קוים מיט צאָרעס אַרויסגעשלעפּט פונעם דורכגוס...

— וואָס וועט אונדז זאָגן אונדזער דערפינדונגס־ביוראָ? — הערט אַלעקסיי די פראַגע פונעם נאַטשאַלניק פון דער בויונג, וועלכע איז געווענדעט צו דעם אַקוראַטנעם, טאָמיד אונטערגעשטראָכן העפלעכן אינזשעניער פּאָלאָזקאָוו.

פּאָלאָזקאָוו שטעלט זיך אויף:

— איך טראַכט צו געבן כאַווער קאָושאָוון צוויי דיאַגראַמען: די דינאַמיק פון דעם אַרײַנפלוס פון דערפינדונגס־פאָרשלאָגן לויט די כאָדאָשים און די סומע פון אַ באַדינגלעכער יאָר־אָפּשפּאָרונג, וואָס האָט זיך באַקומען אַ דאַנק די דערפינדונגען.

דער אוילעם קײַכט פאַר געלעכטער. באַטמאַנאָוו קוקט מיט בייזע אויגן אַף פּאַלאָזקאָוון.

— מיר דאַרפן ניט אײַער „דינאַמיק" און „באַדינגטע אָפּשפּאָרונג" ! איר דערלאַנגט אונדז אַ לעבעדיקע מענטשלעכע מיטטיילונג וועגן דער אומבאַדינגטער שעפערישקייט פון אונדזערע אינזשעניערן און געווינלעכע בוי־אַרבעטער. מיר האָבן געזען אַף די באַצירקן דערפינדערישקייט אַף יעדן טראָט. די גאַנצע לינקברעגיקע טראַסע בערידזעס און קאַרפּאָוס — וואָס איז עס ? און קאָוושאָווס און מאַכאָווס מעטאָד פון פונאַנדערפירן די רערן „אַף זיך", און ראָגאָווס און קוטשינעס פּרעמיע־קיאָסק ? אָדער סילינס בולדאָזער, וועלכער האָט צעשמעטערט די טײַגע ? אָדער קוזמאַ קוזמיטש טאַפּאַליעווס עקספּלאָזיע־מעטאָד צו גראָבן די טראַנשיי ? און דאָס שווייסעווען די רערן אין ווינטערדיקע באַדינגונגען ? און דאָס איבערפירן איבערן אײַז די שטאַלענע רערן־קייטן פון אַ קילאָמעטער די לענג ? כאַווײַרים טײַערע, דאָס אַלץ איז דאָך נאָוואַטאָרישקייט !

...אַלעקסיי שטעלט זיך פאָר רעאַל : עס דערנענטערט זיך דער קריטישער מאָמענט פון דער פּראָבע. בערידזע טרעט שוין ערשט ניט אָפּ פון דעם לופט־אויספּרעס־אַפּאַראַט. הונדערטער אויפמערקזאַמע און אָנגעשפּיצטע אויגן פון בוי־אַרבעטער זײַנען צוגעשמידט צו די מאַנאָמעטערס. דער דרוק אין דער נאַפטלייטונג האַלט אין איין וואַקסן אָדער ער וועט דערגרייכן דעם רויטן שטריך — זיבעציק אַטמאָספער, און דעמאָלט וועלן אַ דונער טאָן אַפּלאָדיסמענטן און אַ יובלענדיקער „הוראַ !", בערידזע מיט אומאַרען, אונטערגעכאַפּט פון שטאַרקע הענט, וועלן אַ פּלי טאָן איבערן אוילעם. אָדער דאָס צוזאַמענגעפּרעסטע וואַסער וועט אויפרײַסן די באַהעפטן — און דעמאָלט... „זיי זײַנען דאָרט פאַרטאַרעראַמט, עס זאָל קיין אומגליק ניט געשען ?" — באַאומרויִקט זיך אַלעקסיי און ווי אַן ענטפער הערט ער קלאָר, ווי מיט גרובסקיס שטים ווערט איבערגעגעבן איבער דער 30קילאָמעטערדיקער טראַנשיי אַ וואָרענונג. „אַוועקגיין פון דער טראַנשיי — ס'איז געפערלעך ! אַוועקגיין פון דער רערן־לייטונג — אַ הויכער דרוק, ס'איז געפערלעך ! כאַווײַרים פאַרזיכטיק ! אַכטונג !".

— איר זאָלט דרײַסט און ערלעך ריידן אין מאָסקווע, כאַווער קאָוושאָוו, וועגן אונדזערע בלויזן, טעותים, דורכפאַלן און פעלערן ! — דונערט באַטמאַנאָוס שטים. — אין אונדזער קאָלעקטיוו האָבן זיך אַרײַנבאַקומען פאַררעטער — מיר האָבן זיך ניט גלײַך דערקענט אַף זיי. אין אונדזער סוויווע האָבן זיך געפונען דיווערסאַנטן, עגאָיִסטן און פאַכדאַנים — פאַרשווײַגט עס ניט. באַ אונדז זײַנען אויך געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן ניט געגלייבט, אַז ס'איז מעגלעך אויפצובויען די נאַפטלייטונג אין משך פון אַ יאָר. עס זײַנען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן באַטראַכט

די בויונג פאַר ניט קיין ווערטפולע זאַך און דערלאַנגט ראַפּאָרטן וועגן אָפּשיקן זיי אַפן פראַנט.

גרעטשקין שטויסט אַלעקסייען אין דער זײַט:

— דאָס רעדט זיך וועגן דיר. דו פילסט?

— דערציילט אַלץ, ווי ס'איז געווען, כאַווער קאָוושאָוו, — שרײַבט באַטמאַנאָוו איבער גרעטשקינען. — לעכאַטכילע האָבן מיר ניט ריכטיק פאַרשטאַנען דעם רעזשים פון מילכאָמע־צײַט, ניט פאַרנומען זיך מיטן לעבנס־שטייגער פון די מענטשן. די אינזשעניערן האָבן בײַ אונדז גע־פרוירן אין פאַראײַזיקטע צימערלעך, און דער גאַרקיך האָט מען געשפּײַזט בלויז מיט קאַרטאָפל. „וואָס קען מען העלפן — ס'איז מילכאָמע!”.

...אַלעקסיי ציילט אין געדאַנק די סעקונדעס און זיצט קוים אײַן אַפן אָרט. „ס'וואָלט שוין צײַט געווען... פאַרוואָס שווײַגט בערידזע? ניט שוין־זשע איז געשען אַ קאַטאַסטראָפע?”. אין קאַבינעט קומט אײַליק אַרײַן די סעקרעטאַרן און, קוקנדיק זײַטיק אַף אַלעקסייען, רוימט זי אײַן עפּעס דעם נאַטשאַלניק פון דער בויונג. יענער שטרעקט אויס די האַנט צום סעלעקטאָר, וואָס איז אָפּגערוקט געוואָרן אין אַ זײַט. אַלעקסיי שפּרינגט אויף...

...אין קאַבינעט רײַסט זיך אַרײַן אַ גערויש, ווי וואַסער אין אַ ליי־דיקן שליוז. לעכאַטכילע קען מען זיך ניט פונאַנדערקלײַבן, מען פילט בלויז, אַז דער דאָזיקער גערויש באַטײַט עפּעס וואָס קאָלאָסאַלעס און וויכטיקס: צי אַ שטורעמדיקער יאַם, צי דאָס הילכן פון אַ גרויסער שלאַכט. אַלץ הערט זיך אײַן געשפּאַנט. אינעם פאַרטויבנדיקן כאַאָס פון די קלאַנגען דערהערן זיך פּלוצים דײַטלעך באַזונדערע מענטשלעכע שטי־מען, אויסגעשרייען: „דאָס איז אונדזער סטאַלינען אַ מאַטאָנע!” „הייבט אומאַרע מוכאַמעטן!” „ווו איז כאַווער קאָוושאָוו? ווו איז אונדזער נאַ־טשאַלניק? הייבט דעם כאַווער קאָוושאָוו!” „הוראַ דעם הויפּט־אינזשע־ניער בערידזע!” און ווידער ווערן די שטימען צעגאַנגען אין דעם זיך פאַרשטאַרקטן טומל, וועלכער איז שוין איצט פאַרשטענדלעך. דאָס זײַ־נען אַפּלאָדיסמענטן, אָוואַציעס פון אַ טויזנטיקן אוילעם בוי־אַרבעטער.

אַלעקסיי, מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, מיט פאַרקלעמטע ציין, איז צו־געפאַלן צום סעלעקטאָר. ער האָט ווי אַרײַנגעזויגן אין זיך די אָפּקלאַנגען פונעם לעבן פון זײַן באַצירק.

לעסאָף האָט דער שטורעם פון קלאַנגען אָנגעהויבן זיך אײַנשטילן. ס'האָט זיך דערהערט בערידזעס שטימע:

— פאַרוואַלטונג! פאַרוואַלטונג!

— דאָ איז די פאַרוואַלטונג! — האָט געענטפערט באַטמאַנאָוו.

— עס ראַפּאָרטירט דער הויפּט־אינזשעניער בערידזע. די פּראָבע פֿונעם הויפּט־באַצירק איז אַדורך גלענצנדיק! די ריערן־לייטונג פֿון דרייסיק קילאָמעטער די לענג האָט ניט געגעבן קיין איין טראַסק אַפילע בא דעם מאַקסימאַלן דרוק פֿון זיבעציק אַטמאָספֿער! איך גראַטוליר אײַך, כאַווער נאַטשאַלניק פֿון דער בויונג, און בעט איבערגעבן אַ גראַטולאַציע דעם כאַווער קאָווּשאָוו און דעם גאַנצן קאָלעקטיוו פֿון דער פֿאַרוואַלטונג.

— איך גראַטוליר אײַך פֿון גאַנצן האַרצן, כאַווער! — האָט באַטמאַנאָוו געענטפֿערט מיט היץ. — די אַרבעט פֿון די בויער פֿונעם הויפּט־באַצירק פֿאַרדינט די סאַמע העכסטע אָפּשאַצונג. די רויטע פֿאָן פֿון דער פֿאַרוואַלטונג לאָזן מיר איבער פֿאַר דעם באַצירק. מיר וועלן גלײַך מיטטיילן וועגן אײַער ניצאָכן קיין מאָסקווע און רובעזשאַנסק.

— נאַטשאַלניק, גוט מײַן שווייסעווען? — האָט זיך אַרײַנגעמישט אומאַרע מוכאַמעט. — געדענקסט, האָסט געזאָגט: „שווייסעוועסט שנעל, מאַך ניט בראַק“. איין באַהעפֿט ניט געפּלאַצט. גיב אַ פּרעמיע די שווייסעווער, ס'ט צוגעזאָגט!

— אָוונטצײַט וועט איר באַקומען אַ באַפֿעל מיט פּרעמיעס, — האָט באַטמאַנאָוו געזאָגט גערירט...

...עס רײַסן אויף אַפּלאָדיסמענטן אויך דאָ אין באַטמאַנאָווס קאַבינעט. אַלע אַפּלאָדירן שטייענדיק און קוקן אַף קאָווּשאָוון. ער באַמערקט ניט קיינעם, האָט זיך געשפּאַנט צוגעבויגן צום סעלעקטאָר, זײַנע ליפּן באַוועגן זיך, די אויגן פֿינטלען זייער אָפּט. דער פּאַרטאָרג ווײַזט אָן אַף אים באַטמאַנאָוון, רוקט זיך אַליין צו צום מיקראָפֿאָן, שרײַט:

— כאַווייריִם בוי־אַרבעטער פֿון דעם הויפּט־שלאַכט־באַצירק. באַם אַפּאַראַט שטייט אײַער נאַטשאַלניק איגזשעניער קאָווּשאָוו. צוליב אַ דרינגענדיקן איניען פֿליט ער אַרויס קיין מאָסקווע, דערפֿאַר איז ער איצטער ניט מיט אײַך. ער וויל אײַך זאָגן אַ פּאָר ווערטער...

דער באַצירק ווערט טויט־שטיל... אַלעקסיי שווײַגט אַ רעגע, צונויפֿנעמענדיק די ראַיוינעס.

— טײַערע כאַווייריִם! — זאָגט ער, איבערשטאַרקנדיק די אויפֿרעגונג. — אינעם סאַמע קריטישסטן מאָמענט האָב איך געמוזט פֿאַרלאָזן דעם באַצירק. נאָר אויך פֿונדאַנען, ווײַט אַף עטלעכע הונדערט קילאָמעטער, האָב איך מיט מײַן האַרץ אָפּגעפֿילט, ווי עס קומט פֿאַר אַ מינוט נאָך אַ מינוט די פּראָבע. ווי גליקלעך איך בין, טײַערע, וואָס אונדזער נאַפּטלייטונג איז אין אָרדענונג! ביסט אַ כוואַט, אומאַרע! איר זײַט כוואַטן, שווייסעווער. אין געדאַנק נעם איך אײַך אַרום און דריק די הענט...

— אַליאָשאַ! — האָט זיך ווידער דערהערט בערידזעס שטים, די

שטים פון אַ באַטרונקענעם מענטשן. — אַלע בעטן, איבערגעבן דיר... עס פילט זיך זייער אָפּ דײַן אָפּוועזנהייט. אַף וויפל איך בין אימשטאַנד באַמי איך זיך דיך צו פאַרטרעטן. מיר שטאָלצירן, וואָס גראָד דו — ביסט דער שעליעך פון אונדזער קאָלעקטיוו קיין מאָסקווע. זאָג דער הויפּט־שטאָט: אַלע אונדזערע ראַיוינעס זײַנען וועגן איר!

— מאַך אַ ראַפּאָרט סטאַלינען: די גאַנצע נאַפּטלייטונג וועט זײַן אַזעלכע, ווי אונדזער באַצירק! קיין איין באַהעפט ניט אויפרײַסן! איך גיב אַ וואָרט! — רעדט אומאַרע מיט אַ טאָן פון אַ באַפעל.

אַלעקסיי שאָקלט צו פאָלגעוודיק מיטן קאָפּ...

קאַפּיטל פֿערצן

אין מאָסקווע!

ס׳איז אַרויסגעקומען אַזוי, ווי גרעטשקין האָט זיך מעשאַער געווען: די אָפּרעכענונג האָט ער געמוזט צוגרייטן זאַלבעצווייט מיט אַלעקסייען.

— און צו וואָס, איך בעט דיך, האָט מען צונויפגערופן די דאָזיקע באַראַטונג? — האָט געוואָרטשעט דער פּלאַנירער. — באַטמאַנאָוו האָט בלויז צערודערט די מענטשן. באַ מיר איז ביז דעמאָלט קלאָר געווען אַלץ: וואָס פאַר אַ ציפערן זײַנען נייטיק, וואָס פאַר אַן אויפקלערונגען, איצט צווייפל איך... און גיי וואַרט ביז די אָפּטייל־נאַטשאַלניקעס וועלן ברענגען זייערע פאַנטאַזיעס.

זיי האָבן צעטיילט די אַרבעט צווישן זיך: גרעטשקין האָט צונויפגעזאַמלט די מאַטעריאַלן און צוגעגרייט די אָפּרעכענונג־באַריכטן. אַלעקסיי האָט זיך צוזאַמען מיט קאָבזעוון פאַרטראַכט, וואָס פאַר אַ קאַרטעס, גראַפיקס, צייכענונגען און סכעמעס וועלן נייטיק זײַן צו דער אָפּרעכענונג, און זיך גענומען אַרומטראַכטן דעם פּלאַן פונעם באַריכט.

אין מעשעך פון צוויי מעסלעס האָט גרעטשקין באַוויזן אַרויסצובאַקומען אַלע שריפטלעכע ראַפּאָרטן פון אַלע אָפּטייל־נאַטשאַלניקעס. זיי זײַנען געקומען און זיך באַצײַטנס פאַרענטפערט: „בעייסן הערן באַטמאַנאָוון, האָבן זיך באַ זיי די הענט געצויגן צו דער פען, נאָר געזעצט זיך שרײַבן — האָט זיך גאָרניט באַקומען”.

— לאָמיר בעסער אַ שמועס טאָן, כ׳וועל דיר אַלץ איבערגעבן מיט לעבעדיקע ווערטער, — האָט פּעדאָסאָוו פאַרגעלייגט מיט אַ פאַרשולדיקט פּאָנעם. — איך האָב זיך געמאַטערט, געמאַטערט, און קיין טאָלק איז אַלץ ניטאָ. זאָג מיר, איך בעט דיך, איך דאַרף דיר ברענגען אַ ראָמאַן?

גרעטשקין און אַלעקסיי האָבן געוויזן די ראַפּאָרטן דעם נאַטשאַלניק פון דער בויונג. וואַסילי מאַקסימאָוויטש האָט זיי דורכגעקוקט. געלייענט פאַר זאַלקינדן באַזונדערע אויסצוגן און געזידלט:

— איך האָב אָבער געוווסט! „די פאַרבינדלער האָבן זיך מאָבילִיזירט גויוועער צו זײַן אַלע מעגלעכע שוועריקייטן”. אַזוי שרײַבט וואַ־

סילטשענקאָ טאַניאַ, וואָס־זשע קען מען שוין דערוואַרטן פון ליבערמאַנען ? אָדער נאָט אײַך אַזאַ ווערק : „דער טאָג פון דער ראַציאָנאַליזאַציע, וואָס אינזשעניער טאָפּאָליעוו האָט אַרײַנגעטראָגן, באַשטייט אין דעם פאָלגנדיקן". דערנאָך גייען פונקטן : „א", „ב" — דער גאַנצער אַלעף־בייס. קוזמאַ קוזמיטש וואָלט זיך נעבעך אַף געוויס איבערגעדרייט אין קייווער פון די דאָזיקע פאָלגנדיקע ווערטער, געמאַכטע פון בלעך. איר לאַכט ! — האָט וואַסילי מאַקסימאָוויטש באַמערקט אַלעקסייס און גרעטשקינס שמייכעלעך. — איר וועט אַליין אָנשרײַבן. נאָר פּרוווט אָקערשט ברענגען עפּעס וואָס ענלעכס !

קאָוושאָוו און גרעטשקין האָבן געשריבן דעם באַריכט און זיך געאַמפּערט — ס׳האָט זיך באַקומען „טיפּיש ניט דאָס", לויט גרעטשקינס געליבטן אויסדרוק. קאָבזעוו האָט געבראַכט אַ גרויסע מאַפּע פון דעם ווײַטן מיזרעך, וואָס ער האָט מײַסטעריש געצייכנט, און אַף איר אַ באַדינגלעך געמעל פון דער נאַפּטלייטונג. אויך לויט דער צייכענונג האָט זי אויסגעזען קאָלאָסאַל, ציִענדיק זיך, ווי אַ שוואַרצער, נאַפּט־קאָלירענער, קאַנאַל, איבערן גאַנצן פּאַפּיר־שעטעך, וואָס איז באַדעקט מיט אַ שטריכן־נעץ, מיט בלויע אָדערלעך פון טײַכן און קרײַזעלעך פון שטעט און יישוווים. אין ביידע זײַטן פון דער נאַפּטלייטונג זײַנען געלאָפן דינע פּאַראַלעלע קאָלירטע ליניעס, וואָס זייער יעדער סענטימעטער האָט אַנטשפּראָכן צען קילאָמעטער. אַ רויטע ליניע האָט באַצייכנט דעם אויטאָ־וועג, אַ גראַנאַטענע — דעם טעלעפאָן, אַ ברוינע — דאָס פונאַנדערפירן די רערן איבער דער טראַסע, אַ גרינע — דאָס שווייסעווען, אַ ראָזע — דאָס גראָבן די טראַנשיי, אַ בלויע — דאָס פוצן, די איזאָלאַציע און דאָס אַראָפּלאָזן די רערן־לייטונג אין דער טראַנשיי, אַ געלע — דאָס אויספּרוּוון זי מיט וואַסער, אַ לילע — דאָס פאַרשיטן די טראַנשיי מיט ערד, אַ פיאָלעטע — די בויונג פון דער פּאָמפּן־סטאַנציע און אַן אַראַנזשעווע — וווין־הײַזער.

בלויז דרײַ ליניעס האָבן באַגלייט די רערן־לייטונג איבער דער גאַנצער לענג : די רויטע (אויטאָ־וועג), די גראַנאַטענע (טעלעפאָן) און די אָראַנזשעווע (וווין־הײַזער). אויך די ברוינע (דאָס פונאַנדערפירן די רערן) איז געווען קימאַט אַ גאַנצע, בלויז וווּ־ניט־וווּ איבערגעריסן. די איבעריקע האָבן אויסגעזען אַזוי, ווי מען וואָלט זיי געצייכנט מיט אַ נאָכלאָזיקער האַנט : זיי האָבן זיך פּלוצים איבערגעריסן, בעלעם געוואָרן, זיך באַוויזן אַף אַ צוויי סענטימעטער און ווידער פאַרשווונדן.

דאָס דאָזיקע פּאַשעטע און אָנשוילעכע געמעל פונעם צושטאַנד פון דער בויונג האָט גערעגט אַלעקסייען און באַזונדערס גרעטשקינען. דער בונטער און פאַרפּוצטער דעסען אַף דער מאַפּע האָט ווי געשריגן מיט זײַן יעדן שטריכעלע וועגן דעם, אַז ס׳איז נאָך איבערגעבליבן זייער אַ סאַך אַרבעט.

אַף קאַבזשעווס מאַפּע, אַף די פּאַפּירן זײַנען אַראָפּגעפאַלן גרינע פערכלעך, וואָס האָבן זיך אָפּגעבערנט די פליגעלעך באַם גרויסן עלעקטרישן לאָמפּ, אָדער גלאַט פאַרמאַטערטע. מיטן אָנקום פונעם אָוונט זײַנען זיי, ווי געבוירענע פון דער לעוואָנע־שײַן, אַרײַנגעפלויגן דורכן פענצטער און מיט אַן אומרויִק שורשען דערעסנדיק זיך געטראָגן איבערן צימער.

אַלעקסיי האָט זיי מיט ערגערניש אַראָפּגעטרייסלט פון דער מאַפּע און, דערפילט אַף זיך גרעטשקינס דורכדרינגענדיקן בליק, אַ פרעג געטאָן:

— וואָס קוקסטו אַזוי? מײַן פּאָנעם איז פאַרשמירט מיט טינט, וואָס?

— מיר אינטערעסירט ניט דײַן פּאָנעם, איך בין ניט זשעניאַ, — האָט אים גרעטשקין אָפּגעשניטן. — דו ביסט געקומען צו פאָרן פון די עקסטע באַצירקן, האָסט געזען די טראַסע, זאָג, מיר וועלן באַווײַזן צום טערמין?

— מיר וועלן באַווײַזן, — האָט, זיך ניט קווענקלענדיק, געענטפערט אַלעקסיי. — ניט דערפאַר, וואָס די אַרבעטן גייען שוין צו אַ סאָף — צו אַ סאָף איז נאָך ווײַט. און ניט דערפאַר, וואָס ס׳איז לײַכט. פּאַשעט מען טאָר נישט ניט באַווײַזן, מיר האָבן ניט קיין רעכט ניט צו באַווײַזן.

— אַזוי וועסטו דערקלערן אויך אין מאָסקווע?

— אַזוי וועל איך דערקלערן.

— מאָסקווע וועט דיר אַפן וואָרט ניט גלייבן, מען דאַרף עס דערווײַזן. ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגן כאַווערישׂ: דו האָסט אַ שווערע אויפגאַבע. עסט מיר ניט גלייבן, עפּעס האַלט איך זיך אין איין דענערווירן פאַר דער לעצטער צײַט. אַפילו ליזשעטשקאַ האָט עס באַמערקט. מיט באַטמאַנאָוון איז ביכלאַל גוט צו אַרבעטן... ס׳איז שווער, פאַרשטייט זיך... מען שלעפּט אַ פערדישע מאַסע. און טאָמיד האַלט אָנגעשפּיצט דאָס אויער, וואָרעם אַניט, פּליט דיר דאָס היטל פונעם קאָפּ. פונדעסטוועגן איז אַלץ גוט... ער איז אַ שטרענגער, אַ האַרטער, דאָס סאַמע שווערסטע נעמט ער אַף זיך. אַ גוט וואָרט וועט ער דיר זאָגן אַ דרײַ מאָל אין יאָר. דערפאַר טאַקע האָט עס אַ ווערט! מיט אַזאַ נאַטשאַלניק וועל איך גיין אַף אַלץ אין יעדער זאַך. אָבער דער טערמין פון דער בויונג דערנענטערט זיך, די צײַט צעגייט, ווי וואַקס. ער האָט אויסגעלאַכט דעם בוכהאַלטער, איך האָב זיך אויך ניט אײַנגעהאַלטן, געהירזשעט, ווי אַ פערד. אָבער אַ סאַך קענען דאָך זאָגן דאָס זעלבע: פון ציפערן וועסטו ניט אַנטלויפן. צו מיר קומען אָן ציפערן פון אַלע זײַטן. בעעמעס, זיי וואַקסן פון טאָג אַף טאָג, ווערן דיק, אַזוי צו זאָגן, פאַרוואַקסן מיט פלייש און פעטס. אַזוי איז עס. איצטער גיי אַרײַן פונדעסטוועגן אין מײַן לאַגע און באַטראַכט די הײַנטיקע פּראָדוקציע

פון דער בויונג, דעם קאַפּיטאַל־פאַרגויץ פאַר אַ טאָג — דאָס איז דאָך אַ העלפט דערפון, וואָס מיר דאַרפן פּראָדוצירן, אויב מיר ווילן גיבן נאַפט צום טערמין! איך רייד דאָס אַלץ קעגן דעם, אַז דיר וועט אויס־קומען אין מאָסקווע אַפילע אָפּצוּוואַרפן די ציפערן, וואָס איך אַליין שיק יעדן טאָג אין דער צענטראַלע.

גרעטשקינס אויגן האָבן זיך אויסגעקײַלעכיקט. אָף זײַן ניט שיינעם ברייטן פּאָנעם האָט זיך באַוויזן אַן אויסדרוק פון צעטראָגנקייט.

— אָדער עפּשער ווייסטו מער פון מיר, אויפהאַלטנדיק זיך אָף דער טראַסע — האָט ער ווײַטער גערעדט. — פון וואַנען קומט צו דיר אַזאַ זיכערקייט? עפּשער מישפּעטסטו בלויז לויט דײַן הויפּט־באַצירק? כ׳בין מאַסקים, ער וועט פאַרטיק זײַן צו דער צײַט, דאָס זעט מען לויט אַלץ. דערפאַר אָבער אָף די איבעריקע באַצירקן איז דאָס שווייסעווען דערפירט געוואָרן בלויז ביז דער העלפט. אָף דער גאַנצער בויונג איז דאָ איין אומאַרע מוכאַמעט.

אַלעקסיי האָט זיך אויפגעשטעלט און דורכגעשפּאַצירט צו דער טיר און צוריק. גרעטשקין האָט פון אים קיין אויג ניט אַראָפּגעלאָזט.

— עמעס, אַרבעט איז נאָך דאָ אַ יאַם. און פונדעסטוועגן וועט אַלץ זײַן אָפּגעטאָן, — אַלעקסיי האָט דאָס פעסטגעשטעלט אָן קווענקלעניש.

— דו ביסט אַ מאָדנער, כאַווער הויפּט־דיספּעטשער. דו ווייסט דאָך וואָס פאַר אַ שריט עס ווערן אָנגענומען, אַז דײַנע ציפערן זאָלן נאָך שנעלער וואַקסן: נאָכן באַפעל וועגן די שלאַכט־באַצירקן איז די באַרמע גלײַך אַוועק באַרג־אַרויף. מ׳האָט אײַנגעפירט די שאָען־גראַפיק — זי הייבט ערשט קוים אָן אַרײַנצוגיין אין קראַפט. דער פאַרמעסט איז נאָך ניט דערגאַנגען ביזן העכסטן ברען־פּונקט. אומאַרע איז לאַכלוטן ניט דער איינציקער. האָסט געלייענט די ווענדונג פון פּעטיאַ הודקינס שווייסע־ווער? זיי טרעטן שיר ניט אַן אומאַרע מוכאַמעטן אָף די פּיאַטעס...

און אומאַרע אַליין און זײַנע כאַווײרים — קעדרין, וויאַטקין, פּיאַדאַראַוו — זײַנען שוין געשיקט געוואָרן אָף די באַצירקן ווי אינסטרוקטאָרן פון די סטאַכאַנאָווישע מעטאָדן. דו ווייסט אַלץ... די סאַמע אַוווידאַס־פּע־רעכדיקע ערד־אַרבעטן — דאָס גראָבן און פאַרשיטן די טראַנשיי — נעמען אָף זיך אין אַ גרויסער מאָס די קאַלווירטניקעס, אונדזערע פרײַנט באַם אַדון. מיר שרײַבן וועגן דעם אויך אינעם באַריכט. צי דו שרײַבסט ניט דאָס, וואָס דו טראַכסט?

גרעטשקין האָט זיך פאַרקרימט און אומבאַשטימט צעפירט די הענט

— ס׳האָט געקענט הייסן, אַז ער דערווידערט, ס׳האָט געקענט הייסן, אַז ער טרײַבט אָפּ די פאַרכלעך און קאַמאַרעס.

— דו פאַר אָף דער טראַסע, טשינאָווניק! לעב כאַטש איין כוידעש אָף די באַצירקן — וועסטו זיך איבערצײַגן און גלייבן אין אַלץ, — האָט אַלעקסיי געאײַצעט.

— צום טײַוול קען איך פֿאָרן! איך בין דאָ נייטיק באַטמאַנאָוון באַ די טאַבעלעס מיט די קאַרטינקעס, באַ די טעלעפֿאָנען, פֿאַרשאָלטן זאָלן זיי זײַן.

— דעם אײַנ־וועג איבערן דורכגוס האָבן מיר געמאַכט אין מעשעך פֿון צוויי טעג. לויט די נאָרמעס אָבער האָבן די זעלבע מענטשן באַדאַרפֿט אים בויען אַכט טעג. דײַנע נאָרמעס זײַנען געפֿלויגן מיטן קאָפּ אַראָפּ! און טויזנט מאָל זײַנען זיי געפֿלויגן מיטן קאָפּ אַראָפּ, ווען מיר האָבן אויסגעלייגט די נאַפּטלייטונג אינעם דורכגוס. נאָכן אינסטיטוט אַרבעט איך אַף דער צווייטער גרויסער בויונג, און פּראַקטיקירנדיק איז מיר אויסגעקומען צו זײַן אַף צוויי קליינע אָביעקטן... האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז אַ גוטער בוי־קאָלעקטיוו גיסט זיך עפּעס אָן באַזונדערס צום סאָף פֿון דער בויונג פֿון טאָג אַף טאָג מיט מער קויכעס. אינעם לעבן פֿון אַ בויונג איז פֿאַראַן אַזאַ סטאַדיע, ווען צײַט איז פֿאַרבליבן, לאָמיר זאָגן, פֿיר כאַדאָשים פֿון צוועלף, און אַרבעט אַ העלפֿט — און די דאָזיקע העלפֿט וועט געמאַכט ווערן אין די פֿיר כאַדאָשים, פֿריִער נאָך אַפֿילע! דאָס איז אַ באַזונדערער ריטם פֿון וווּקס. געדענקסט, באַטמאַנאָוו האָט אָנהייב ווינטער אָפּט גערעדט וועגן צוגרייטן אַ סטראַטעגישע שלאַכט? ער האָט נאָך דעמאָלט פֿאָרויסגעזאָגט: מיר גרייטן צו אַ לויף, נאָכהער וועלן מיר אַ לויף טאָן און — אַ שפּרונג! איך גיי אין געוועט, אַז דײַן קאַפּיטאַל־פֿאַרנויץ וועט זיך פֿאַרטאָפּלען אין מעשעך פֿון צען טאָג. די טעמפּן צײַטיקן זיך אויס אין די בריגאַדעס גופֿע. מיינסט, זיי וועלן ניט דערפֿילן זייערע פֿאַרפֿליכטונגען? זיי וועלן דערפֿילן! עס האָט נאָך ניט געטראָפֿן, זיי זאָלן ניט האַלטן וואָרט. באַ מיר איז פֿאַראַן אַ רעשימע פֿון דער פּראָדוקציע פֿון זיאַטקאָווס בריגאַדע ערד־גרעבער. מען קען ניט קוקן אַף איר אָן פֿאַרווּנדערונג: ס׳איז די זעלבע בריגאַדע, און די נאָרמע וואַקסט פּראָגרעסירנדיק. ס׳איז קלוימערשט ניט באַגרײַפֿלעך, פֿון שטאַנדפּונקט פֿון אַ קורצזיכטיקן נאָרמירונגס־באַאַמטן, אָבער אַ פֿאַקט. פֿון פֿאַקטן קען מען אויך ניט אַנטלויפֿן! — האָט זיך אַלעקסיי צעלאַכט און אַרײַנגעקוקט גרעטשקינען אין די אויגן. — נו, איך האָב דיך איבערצײַגט?

— האָסט מיך איבערצײַגט, — האָט גרעטשקין געענטפֿערט און איז ווירקלעך מוטיקער געוואָרן, פֿריילעכער. ער האָט געהאַט אַ מאַניר: צווייפֿלענדיק אין עפּעס, אויסצופּרובירן זײַנע ספּייקעס אַף יענעם, צו וועמען ער האָט צוטרוי.

איבערגעריסן דעם שמועס, האָט גרעטשקין, ווי קיינמאָל גאָרניט, ווידער זיך גענומען פֿאַר דער אַרבעט. אויך אַלעקסיי האָט זיך אַריבערגעבויגן איבערן באַריכט.

די פינף טעג, וואָס באַטמאַנאָוו האָט באַשטימט אַף צוצוגרייטן די מאַטעריאַלן פאַר מאָסקווע, זײַנען אַריבער. זיי זײַנען אַוועק אָן שלאָף, אין דענערווירנדיקע קלאָפּאָטן. ענדלעך איז אַלץ געווען גרייט — אַלבאַמען מיט טאַבעלעס, מאַפּעס, דיאַגראַמען, גראַפיקס. נאָך דרײַ מאָל איבעראַרבעטן און פאַרריכטן איז דער באַריכט אָפּגעדרוקט געוואָרן, און אַלעקסיי האָט אים פאָרגעלייענט באַטמאַנאָוון און זאַלקינדן. נאָכן אונטערשרײַבן איראָניזירט באַטמאַנאָוו איבער קאָוושאָוון און גרעטשקינען:

— ס'איז, פאַרשטייט זיך, ניט דאָס, וואָס איך האָב געוואָלט באַקומען. נאָר ס'איז בעסער פון דעם, וואָס כ'וואָלט באַקומען, ווען איך וואָלט אײַך אַלעמען אַף דער באַראַטונג ניט געווען אָנטרעטן אַף די הינערוויגן.

— איר האָט אומזיסט טײַנעס, וואַסילי מאַקסימאָוויטש, — פאַרהיקעט זיך גרעטשקין. — אַ סאָלידער, ערלעכער באַריכט, סאָלידע מאַטעריאַלן.

ערשט, ווען אַלעקסייען איז פאַרבליבן בלויז זיך צו פאַקעווען אין וועג אַרײַן, האָט ער זיך פּלוצים דערפילט ניט גרייט. קאָלזמאַן ער האָט געשריבן דעם באַריכט, האָט זיך אים געגלייבט: נעמלעך דאָס איז די עמעסע אָפּרעכענונג פאַר מאָסקווע. איצט אָבער האָבן די פינקטלעכע, מיט קאַנצעליאַרישן גלאַנץ אויסגעפּורעמטע פאַפּירן אַרויסגערופן בא אים אַ סאָפּעק. „בלויז די קונסט מיט אירע קישעפדיקע מיטלען איז בעיעכוילעס דורך מוזיק, אין פאַרבן, מיטן קינסטלערישן וואָרט, איבערכאַזערן די לעבנס־בילדער, וואָס זײַנען אַוועק אין דער פאַרגאַנגענהייט, — האָט אַלעקסיי געטראַכט, נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל איבערבלעטערנדיק דעם באַריכט, איבערקוקנדיק פאַרשיידענע מעלדונגען און טאַבעלעס. — ווו, אין וועלכע רעשימעס האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט די פריידן און אַגמעסנעפעשן, וואָס מיר האָבן אַרײַנגעלייגט אין דער אַרבעט פון דער נאָפּטלייטונג? דער פאַרשטאָרבענער קוזמיטש טאָפּאָליעוו האָט עפּעס איינמאָל גערעדט וועגן זײַן „אַקציע אין דער געזעלשאַפט". וואָס פאַר אַ ציפערן דריקן אויס זײַן אַקציע אָדער די אַקציע פון סמאָרטשקאָוון, בערידזען, סילינען?...".

וואָס ווײַטער, אַלץ פאַראַנטוואָרטלעכער איז אים פאָרגעקומען די דאָזיקע נעסיִע קיין מאָסקווע. טראַכטנדיק וועגן דער בויונג, האָט אַלעקסיי ניט אַבסטראַקט, נאָר בילדלעך זיך פאָרגעשטעלט איר גאַנצן פאַרלויף, ביזן סאַמע סאָף. ס'האָט זיך אים דערמאָנט, ווי איינמאָל אָפּן דורכגוס, אין אַ ביטערן יאַנואַר־בוראַן, האָט ער מיט בערידזען פאַרבראַכט אַ גוטן אָוונט אין באַראַק פון בוי־אַרבעטער. עס האָט געפלאַקערט דאָס אײַזערנע אייוועלע, די מענטשן זײַנען געזעסן אַרום דעם. זיאַטקאָוו האָט געבעטן בערידזען ער זאָל דערציילן, ווי דער נאָפּט וועט געלאָזט ווערן דורך דער פאַרטיקער רערן־לייטונג. מ'האָט נאָך ניט געהאַט אײַנגעלייגט

די ערשטע סעקציע פון דער רערן־לייטונג אינעם דורכגוס, די אַרבעט האָט זיך ערשט אײַנגעשטעלט, און עס זײַנען נאָך דערוויַל געווען אין איר אַ סאַך אומדערפֿאָלגן און ווייניק דערפֿאָלגן, נאָר די מענטשן האָבן געגלייבט, אַז דער נאַפֿט וועט קומען קיין נאָווינסק פּינקטלעך צום טער־מין. זיי האָבן אַפֿילע פֿעסט געהאַלטן: דער נאַפֿט וועט קומען קיין נאָ־ווינסק פֿאַרן טערמין, זאָל זײַן מיט איין טאָג, אָבער פֿריִער.

— זאָלן מיר פּרוּוון? — האָט בערידזע אַ פֿרעג געטאָן, באַקומענ־דיק ברען: — עס זײַנען אַריבער עטלעכע יאָר...

— די מילכאָמע איז אַריבער, — האָט אונטערגעכאַפּט אַלעקסיי. — מיר האָבן אָפּגעהאַלטן דעם ניצאָכן, און איבערן גאַנצן לאַנד האָט זיך אַנטוויקלט אַ גיגאַנטישע בויונג...

— מיר אַלע געפֿינען זיך אויף אַ גרויסער בויונג, — האָט בערידזע פֿאַרגעזעצט. — לאָמיר זאָגן באַם קאַספּישן יאַם...

— מיר לייגן אויס אַ נאַפֿטלייטונג איבערן גרונט פֿונעם יאַם...

— האָט אַלעקסיי אַנטוויקלט זײַן געדאַנק.

— עס דערנענטערט זיך דער צווייאונדרײַסיקסטער יאָרטאָג פֿון אָקטאָבער, און מיר האָבן באַשלאָסן זיך צו דערמאָנען, ווי מיר האָבן געקעמפֿט...

— בעסער אַזוי: די יונגע אַרבעטער, קאָמיוגיסטן האָבן געבעטן צו דערציילן, וויַאזוי ס׳איז אַלץ געווען באַ אונדז דאָ, — האָט, ברייט שמייכ־לענדיק, אויסגעבעסערט זיאַטקאָוו.

— רייד, געאָרגי דאַווידאָוויטש! — האָט אומאַרע מוכאַמעט אַ גע־שריי געטאָן.

— כאַוויירים! — האָט זיך בערידזע אויפֿגעשטעלט. דאָס פּאָנעם איז באַ אים געווען ערנסט, די שטים געדרעגט. — מיר האָבן געלאָזט דעם נאַפֿט מיט דרײַ טעג פֿאַרן טערמין, ערעוו דעם פֿינפֿאונצוואַנציקסטן יאָרטאָג פֿון דער גרויסער אָקטאָברישער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע. אָט ווי דאָס איז פֿאָרגעקומען.

...אומאַרע מוכאַמעט האָט זיך אַנידערגעלייגט אין דער קאַנאַווע אונ־טער דער רערן־לייטונג, צוזאַמענצושווייסעווען דעם לעצטן באַהעפֿט. ווען ער האָט זיך אויפֿגעשטעלט און אַראָפּגענומען דעם העלם, האָבן אַלע דערזען, אַז דער שווייסעווער וויינט און לאַכט.

„דער טײַוול וויסט, עפּעס מיר אַרײַנגעפֿאַלן אין אויג, — האָט אומאַרע אַ וואָרטשע געטאָן. אין קאַס אויף זיך אַליין, האָט ער אַ זאָג געטאָן דעם אינזשעניער קאָושאָוו: — וואָס קוקסטו, האָסט מיך קיינ־מאָל ניט געזען? קוק בעסער, וואָסער אויפֿשריפֿט איך געמאַכט אויף דער רער. אַ ראַפּאָרט...".

דער אינזשעניער האָט זיך אײַנגעקוקט און איבערגעלייענט אָפּן קאָל די ווערטער, וואָס זײַנען אָנגעשריבן געוואָרן מיט פֿײַער אויפֿן מע־

טאַל: „כאַוועד סטאַלין! די נאָפּטליַיטונג איז פּאַרטיק. דאָס איז אונדזער קלאַפּ איבער היטלערן. מיר דערוואַרטן אײַערע פרישע אויפגאַבן. אָקטאָבער יאָר 1942“.

ניט מער ס'איז נאָך ניט געווען די צײַט פון ראַפּאָרטירן — דאָס סאַמע שווערסטע איז נאָך געווען פאָרויס. אַזוי איז עס טאָמיד בײַ מענטשן, וועלכע בויען, ראַנגלען זיך: דאָס סאַמע שווערסטע בײַ זיי איז נאָך פאָרויס.

קוידעמקאָל האָט מען באַדאַרפט פאַרשיטן די נאָפּטליַיטונג מיט ערד. דערמיט האָבן זיך אַלע געמוזט פאַרנעמען: סײַ די שוואַרצאַרבעטער, סײַ די שווייסעווער, סײַ די שאָפערן, סײַ די נאַטשאַלניקעס. צו הילף זײַנען געקומען די אײַנוווינער אַרום דעם אַדון — נאַנײַער, רוסישע. אין אַ גאַנצער שערענגע, די לענג עטלעכע הונדערט קילאָמעטער, זײַנען זיי צוגעטראָטן מיט לאָפּעטעס אין די הענט צו דער טראַנשיי. און דאָ האָט ווידער זיאַטקאָוו באַוויזן, וואָס ער קען. קיינער האָט זיך מיט אים ניט געקענט פאַרגלײַכן.

אָבער פאָרויס איז געווען נאָך אַ שווערערע אויפגאַבע: שנעל אויספּרווון, דורכשווענקען און לאָזן די נאָפּטליַיטונג אין גאַנג. די פרעסט וואָלטן געקענט קאַליע מאַכן די גאַנצע זאַך. אויב זיי וואָלטן אַ קום געטאָן פלוצים,, וואָלט אויסגעקומען אָפּצולייגן דאָס לאָזן דעם נאַפט ביז פרילינג. מען קען ניט בײַ אַ נידעריקע רטעמפּעראַטור אַרײַנפּרעסן וואַסער אין דער רערן־לייטונג און זי דורכשווענקען — דאָס וואַסער וועט געפרוירן ווערן, דאָס אײַז וועט אויפרײַסן די באַהעפטן... מען מוז אומבאַדינגט ביז די קעלטן אַרויספּרעסן דאָס וואַסער פון דער רער און אָנפילן זי מיט נאַפט. די אינזשעניערן האָבן געהאַלטן אין איין טײַנען אַף אַלע אויפאַנים איינס און דאָס זעלבע: „קאָלזמאַן די פרעסט האָבן זיך ניט באַוויזן, מוז מען שאַפן אין דער נאָפּטליַיטונג פון אינעווייניק אַ דיקטירנדיקן פאַקטאָר, אַז ניט די לופט זאָל דיקטירן אירע באַדינגונגען דער נאָפּטליַיטונג, נאָר פאַרקערט...“.

אַפן אינדזל איז געקומען צו פליִען אַ רעגירונגס־קאָמיסיע בעראָש מיטן באַפולמעכטיקטן פון דעם מעלוכישן פאַרטיידיקונגס־קאָמיטעט, מיט פּיסאַרעוון. אין קאָנטשעלאַן האָט מען געלאָזט אין גאַנג די פּאָמפּעס — זיי האָבן מעכטיק געטריבן דאָס וואַסער אין דער רער צום אינדזל. אייניצײַטיק האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן די פּאָמפּעס אַפן טשאָנגר — דאָס וואַסער האָט זיך געטראָגן לענגאויס דעם אַדון, אַנטקעגן זײַן שטראָם. דאָס וואַסער איז שנעל געפלאָסן אין דער רער, נאָר אין וועג האָבן זיך אים אָנגעטראָפן ניט ווייניק שטערונגען, און ערשט אין אַ וואָך אַרום איז עס געקומען אָנצולויפן קיין נאָווינסק! פאַר דער דאָזיקער צײַט איז די מענטשן אויסגעקומען איבערצולעבן און זיך דענערווירן מערער, ווי־

זיי האָבן זיך דענערווירט און איבערגעלעבט, בעת זיי האָבן געבויט די באַפּטלייטונג.

יעדע מינוט האָט געקענט עפּעס וואָס געשען. לויט די טעכנישע קלאַלים איז דערלאָזבאַר, עס זאָלן זײַן בעת דער פּראָבע איין פּראָצענט אויפגעריסענע באַהעפטן. אויב אין דער רערן־לייטונג זײַנען פאַראַן צענדליקער טויזנטער באַהעפטן, מעגן פּלאַצן הונדערטער! אָבער ניט אומזיסט האָבן אומאַרע און זײַנע כאַווערים געגעבן אַ וואָרט צו אַרבעטן אָן בראַק — אונטערן דרוק פון זיבעציק אַטמאָספער האָבן געפּלאַצט בעסאַכאַקל צוועלף באַהעפטן. און וויפל בלוט באַ די בוי־אַרבעטער האָבן קאַליע געמאַכט די דאָזיקע צוועלף באַהעפטן! ווען עס האָט געפּלאַצט אַ באַהעפט, האָבן די פּאָמפּעס לויט אַ סיגנאַל פונעם נאָענטסטן פּאָסטן איבערגעריסן די אַרבעט, ס'איז אויסגעקומען אויפצוגראָבן די טראַנשיי, אַנטבלויזן די באַפּטלייטונג און פאַרטוישן דעם געשעדיקטן רינג מיט אַ נײַעם. אַזוי איז געשען צוועלף מאָל! אַף צווײ באַצירקן האָט מען אַנטדעקט פאַרשטאָפּונגען. מ'האָט זיך לאַנג געמאַטערט זיי צו געפינען — אין אייניקע ערטער האָט מען איבערגעשניטן די באַפּטלייטונג, ביז מ'האָט ניט אַרויסגעשלעפּט פון אינעווייניק... אַ דיקן באַליעק און אַ שפּונט פון היי.

דער פּאָרזיצער פון דער מעלוכישער קאָמיסיע האָט פאַראָרדנט צו לאָזן דעם נאַפט. די קאָנטשעלאַנער פּאָמפּעס האָבן זיך אַ דרײ געטאָן, און דער נאָפט פון די ריזיקע רעזערוואַרן האָט זיך אַ ריס אַרײַן געטאָן אין דער רערן־לייטונג. ער איז געפלאָסן, און ס'האָבן אים באַגלייט אין אויטאָ־מאַשינעס די מיטגלידער פון דער קאָמיסיע און די פאָרשטייער פונעם בויונג־קאָלעקטיוו. עס זײַנען דאָ געווען באַטמאַנאָוו, און זיאַטקין, און בערידזע, און אומאַרע, און טאַניאַ וואַסילטשענקאָ, און פּעטיאַ הודקין, גרובסקי, און קאַרפּאָוו, און גענקע פּאַנקאָוו, און פילימאָנאָוו, און אַלעקסיי קאָווּשאָוו — פּופּציק מאַן. די אַלע יאָנטעוודיקע מאַשינען האָבן געפירט סמאָרטשקאָוו און מאַכאָוו. באַ מאַכאָוון אין מאַשין איז געזעסן פּאַר אַ געהילף מוסיאַ קוטשין. די נעסיע איז געווען אַ פריילעכע און זייער אומרויקע.

שוין אַפן קאָנטינענט, ניט ווײַט פון ניזשנע סאַזאַנקע, ווו די פּישער, קאַרפּאָוס לאַנדסלײַט, האָבן פײַערלעך מעקאַבל־פּאָנעם געווען די בויער, האָט פּלוצים געפּלאַצט אַ באַהעפט! דער נאַפט האָט אַ פּלייץ געטאָן אין אַ ראָוו, אַרויסגעוואָרפן פון דער טראַנשיי אַ שיכט ערד און אַ פּלי געטאָן העכער פון דער טײַגע, אָפּגעגאָסן, פאַרשפּריצט די געלע ביימער, דאָס טרוקענע גראָז, די העלע האַרבסט־בלומען. די מאַשין, אין וועלכער ס'איז געפאָרן אומאַרע מוכאַמעט, איז געווען נענטער פון אַלע צום אָרט פון דער אַוואַריע. דער שווייסעווער איז אַראָפּגעשפּרונ־

גען פון דער קאַבינע און געלאָפן אַהין, וווּ פון דער ערד האָט געשלאָגן אַ נאַפט־פאָנטאַן.

— נאַפט! נאַפט! זעט, נאַפט! — האָט אומאַרע אויסגעשריגן מיט פרייד, אָנשעפנדיק מיט דער דלאָניע די אײליקע פליסיקייט און זי זשעדנע געשמעקט.

אַפן שווייסעווער האָט זיך אַ לאָז געטאָן אַ דערצאָרנטער בערידזע: דאָ איז אַן אָוואַריע, און ער, דער מעשוגע־מענטש, טאַנצט. נאָר אומאַרע האָט אויסגעשטרעקט צום הויפּט־אינזשעניער די מיט נאַפט אײנגעפּאַטשקעטע הענט און ווײטער געשריגן:

— נאַפט! נאַפט!

בערידזע האָט אַף אים אויפמערקזאַמער אַ בליק געטאָן און מער גאָרנישט ניט געזאָגט.

— איוואַן לוקיטש! פאָר גלײַך צום בלאָק־פּונקט! — האָט אײנצווישן פאַראָרדנט קאָוושאָוו. — זאָל מען קלינגען אַפן טשאָנגר, מען זאָל אָפּשטעלן די פּאָמפּעס. ווי נאָר מען וועט זיי אָפּשטעלן — זאָלט איר פאַרמאַכן מיט פאַררוקערס דאָס געשעדיקטע אָרט.

אין פיר שאָ שפּעטער איז דער נאַפט ווײטער געגאַנגען, און די מאַשינען זײַנען ווײטער נאָכגעפאָרן.

— וואָס ביסטו אַזוי פריילעך געוואָרן, גוטער ברודער? — האָט קאַרפּאָוו געפרעגט אומאַרען.

— אַזויפיל נאַפט איז צו גרונט געגאַנגען, און דו יובלסט.

— נאַפט פאַרפאַלן געוואָרן אַ קלייניקייט, און פרייד אַ סאַך, — האָט אומאַרע געענטפערט. — איך זע: דער נאַפט שוין דערלאָפן צו דײַן דערפל, הייסט עס אויך אין נאָווינסק גיך זײַן...

דער נאַפט איז אָנגעקומען קיין נאָווינסק אַפן אַכטן טאָג, דעם פערטן נאָוועמבער. די גאַנצע שטאָט איז אַרויסגעגאַנגען צום אַדון אים באַגעגענען. אַ פילטויזנטיקע מאַסע האָט זיך צוזאַמענגעקליבן לעבן דעם נאַפט־ראַפינעריע־זאַוואָד. אַלע האָבן געוואָלט שטיין וואָס נענטער צו דער ציסטערנע, אין וועלכער מ'האָט אײַנגעשלאָסן דעם רער־צאַפן פון דער נאַפטלייטונג.

— ועמען באַפעלט איר איבערצוגעבן דאָס אָפּנעמען דעם נאַפט?

— האָט באַטמאַנאָוו געפרעגט פיסאַרעוון און דודינען, וועלכע זײַנען געשטאַנען בײַ דער ציסטערנע.

פיסאַרעוו האָט באַטראַכט די מענטשן, וואָס האָבן זיך דאָ צוזאַמענגעדרענגט.

— דעם נאַפט אָפּנעמען דאַרפט איר, אומאַרע מוכאַמעט, זיאַטקאָוו, קאַרפּאָוו, טאַטיאַנאַ וואַסילטשענקאָ, טערעכאָוו, קאַפּיצין און אַן אַרבעטער פונעם נאַפט־ראַפינעריע־זאַוואָד...

אין דער דאָזיקער מינוט האָט זיך אין דער ברייטער עפֿענונג פֿונעם רער־צאַפּן באַוויזן נאַפֿט. ער האָט אַרויסגעשפּריצט ווי אַ דין געל שטראַמל און נאָכהער אַ פֿלייץ געטאָן ווי אַ שוואַרצער זײַל, זיך איבערגיסנדיק מיט רעגנבויגנדיקע גלאַנצן. איבערן אַדון האָבן אַ דונער געטאָן אַפּלאָ־דיסמענטן.

זיאַטקאָוו האָט זיך אַרויסגעטײלט פֿון דער מאַסע, אַראָפּגעצויגן דאָס היטל און מיט אַ גלאָז אין דער האַנט זיך דערנעענטערט צו דער ציסטער־נע. מיט אַ ציטערנדיקער האַנט האָט ער זי אונטערגעשטעלט אונטערן שטראָם נאַפֿט. די גלאָז איז פֿול געוואָרן. זיאַטקאָוו האָט זי אַרומגע־ווישט מיטן היטל, אַ קוש געטאָן און דערלאַנגט פּיסאַרעוון.

— אונדזער מאַטאָנע דעם כאַווער סטאַלין. מיר בעטן אָפּשיקן מיטן עראָפּלאַן.

— איר וועט אַליין אָפּפֿירן, כאַווער זיאַטקאָוו, צוזאַמען מיטן כאַ־ווער אומאַרע און מיטן כאַווער באַטמאַנאָוו וועט איר איבערגעבן די דאָ־זיקע פּרעכטיקע מאַטאָנע דעם פֿירער, — האָט פּיסאַרעוו געענטפֿערט.

ווידער האָבן אויפֿגעהילכט אַפּלאָדיסמענטן, וואָס אַזעלכע איז נאָך ניט אויסגעקומען צו הערן דעם אַדון און דער זקיינע דער טײַגע.

אין דער נאַפֿט האָט אַלץ געפֿלייצט אין דער ציסטערנע אַרײַן; ערשט האָט מען אים שוין ניט געקענט פֿאַרהאַלטן. אַ גאַנצער יאַם נאַפֿט האָט געפֿינקלט און זיך איבערגעגאָסן פֿאַר די אויגן פֿון די בויער און די נאָווינסקער אײַנוווינער. און אָט האָבן זיך שוין די אַרבעטער געגרייט אַריבערצופֿירן דעם שוואַרצן שטראָם אין אַ צווייטער ציסטערנע...

בערידזע איז אַנטשוויגן געוואָרן און איבערגעפֿירט אַ בליק איבער אַלע. זיאַטקאָוו האָט אָפּגעווישט די אויגן, ניט אויסבאַהאַלטנדיק די טרערן. אַלע זײַנען געווען אויפֿגערודערט. הינטער די ווענט פֿונעם באַ־ראַק האָט נאָך אַלץ געוואָיעט און געקראַכעט דער בוראַן. אומאַרע מוכאַ־מעט איז פֿלינק אַראָפּגעשפּרונגען פֿון די אייבערשטע נאַרעס, צוגעלאָפֿן צו בערידזען און אים אָנגעכאַפּט פֿאַר אַ האַנט:

— כוואַט, האָסט ריכטיק אַלץ געזאָגט. אַזוי וועט זײַן!...

אַלעקסיי האָט אײַנגעפּאַקעוועט די זאַכן אין אַ קליין רענצל, ווי עס איז צו אים געקומען ליבערמאַן.

— מען האָט מיר געהייסן אויסריכטן דיר אין וועג אַרײַן, — האָט ער געשעפֿטמעסיק געמאָלדן. — איך האָב אויסגערעכנט, וואָס עס קומט דיר אַרויסצוגעבן לויט די נאָרמעס, נאָר מען האָט מיך אויסגעלאַכט: ס'האָט זיך באַקומען קאַרגלעך...

— אָף מערער האָב איך קיין רעכט ניט און פרעטענדיר ניט!

— מאַמינקע טײַערע, לאָז־זשע מיך אויסריידן! באַטמאַנאָוו, זאַלקינד און בערידזע האָבן דיר אָפּגעטראָטן זייערע כוידעשלעכע שפּײַזצוטיילונגען. איך האָב זיי צוגעלייגט צו דײַנער, און אין סאַכאַקל האָט זיך באַקומען היפּשלעך. דו פליסט, און דערפאַר גיב איך דיר אַלץ אין קאָנסערוון. האָסט ניט דאַקעגן? איך גיב דיר כאַזער־פעטס, קאָנדענסירטע מילך, פלייש־קאָנסערוון, געווענדזלטע זאַכן. מאַמינקע טײַערע, פאַר דיר איז מיר קיין זאַך ניט קיין שאָד. ביסט אַ ווילער באָכער! און ניט יעדן טאָג פאָרט מען דאָך פון אונדז קיין מאָסקווע מיט באַריכטן.

— אָט וואָס... איך דאַרף גאָרניט האָבן, כוץ פראָדוקטן אָפן וועג, — האָט אַלעקסיי געזאָגט, געריהרט פון די כאַווייריםס זאָרגן וועגן אים. — דרײַ־פיר טעג און איך בין אין מאָסקווע, און באַטמאַנאָווס, זאַלקינדס און בערידזעס צוטיילונגען קער זיי אום צוריק. כ'בין זיי פון גאַנצן האַרצן דאַנקבאַר, נאָר כ'וועל זיך באַגיין...

ליבערמאַן האָט אָף אים אַ קוק געטאָן מיט באַדויערונג:

— קוקט נאָר די העלדישקייט פון דעם כאַווער! אַ טאַטע־מאַמע האָסטו? האָסט אַ טראַכט געטאָן, וואָס פאַר אַ ווינטער זיי האָבן דורכגעלעבט? כ'האָב געהערט, אַז דו האָסט אויך אַ ווײַב. וועסט קומען צו פאָרן צו זיי מיט ליידיקע הענט און וועסט בײַ זיי עסן? נו, דאָס שוין ניט, מירן ניט דערלויבן צו קאָמפּראָמעטירן אונדזער אויסגעצייכנטע אָרגאַניזאַציע. פאָרן ווײַב גיב איך אַ מאַטאָנע: אַ פרעכטיקע שאָקאָלאַדבאָמבאָניערע פון אַ פאַרמילכאָמעדיקן מוסטער! באַ מיר אָפן סקלאַד זײַנען פאָראַן עטלעכע פאָר גוטע טופליעס, נאָר דו ווייסט אַוואַדע ניט דעם נומער פון אירע שיך, עמעס, דו ווייסט ניט?

— איך ווייס ניט! — האָט זיך אַלעקסיי צעלאַכט.

און מיטאַמאָל האָט אים דורכגענומען אַ געפיל פון פרייד: אינגיכן, גאָר אינגיכן וועט ער זען זינאַ, ריידן מיט איר, קושן זי.

— דו ביסט פון דעם עלטער, ווען מען קוקט אָפן פאָנעם פון דער פרוי און מען לייגט ניט קיין אַכט פולשטענדיק אָן רעכט אָף זייערע פיס, — האָט ליבערמאַן אַ האַק געטאָן.

בעייס ער האָט געפּלוידערט, און קאָוושאָוו, ניט הערנדיק אים, האָט צונויפגעלייגט די זאַכן, האָט דער פאַרקויפער פונעם מאַגאַזין געבראַכט די פראָדוקטן און מאַטאָנעס.

— צו וואָס אַזויפיל! דאָס איז דאָך אַ רויבערײַ אין מיטן העלן טאָג! — האָט זיך אַלעקסיי אַזש דערשראָקן.

— מאַמינקע טײַערע, סאָראַ שווערער מענטש! — האָט זיך ליבערמאַן פאַרקרימט און אַנטשלאָסן אַוועקגעשטופּט אַלעקסייען פון זײַן רענצל.

ער איז צופרידן געווען, וואָס מ'האָט קאָוושאָוון אַרויסגערופן צום נאַטשאַלניק פון דער בויונג.

— גיי, גיי, און קוק ניט אַף צוריק, — האָט ער אים אַרויסבאַגלייט.

— איך בין דאָך אַמאָל געווען אַ קאָמיוואָיאַזשאָר, האָב זיך אײַנגעשאַפן אַ געוויסע געניטקייט אין פאַקעווען רענצלעך.

באַטמאַנאָוו האָט באַגעגנט אַלעקסייען פרײַנטלעך, אים באַזעצט אַפן דיוואַן און זיך געזעצט לעבן אים.

— פאַרליר זיך ניט קעגן די מאָסקווער, — האָט ער אים זאָרגעוודיק מאַדריך געווען, לייגנדיק די האַנט אַפן אינזשעניערס פּלייצע. — נאָר זאָלסט זיך אויך ניט בלאָזן. זײַ דאָס, וואָס דו ביסט. פאַרשענער ניט, אונדזער עמעס איז שיין אויך אין זײַן נאַטירלעכן אויסזען. טראַכט ניט וועגן זיך, נאָר וועגן דער בויונג: מען טאָר זי ניט לאָזן באַאוולען. מען טאָר ניט דערלויבן צו פאַרקלענערן אירע דערגרייכונגען. אויב עס וועלן אַמאָל זײַן אַזעלכע פּרוּוון, אַז מען וועט אָנגרײַפן, פאַרטיידיק זיך, אָבער פאַררײַס ניט די נאָז אַן אַ טאָלק. מיט איין וואָרט, ווײַז אַרויס עמעסע כשיוועס, ווי עס פּאַסט פאַר אַ פאָרשטייער פון אַ כאַשעוון קאָלעקטיוו. פאַרלאַנג דאָס, אין וועלכן מיר נייטיקן זיך, נאָר באַשיידן, אָן נאַרישער זשעדנעקייט. וואָס זיי וועלן קענען — וועלן זיי אַליין געבן, דינגען זיך וועלן זיי ניט. אין רובעזשאַנסק וועסטו זיך אָפּשטעלן אַף אַ טאָג. דודין און פּיסאַרעוו ווילן דיך זען. זיי וועלן דיר זיכער געבן אַ פּאָר אייצעס.

באַטמאַנאָוו האָט ניט געקענט פאַרבאָרגן זײַן אומרויִקייט און די פּאָר אים אומגעוויינלעכע אויפרעגונג. אַלעקסיי, וועלכער האָט אים זשעדנע אויסגעהערט, האָט ניט געקענט פאַרשטיין, צי דאָס איז מאַכמעס באַזאָרגטקייט וועגן אים, אָדער דער נאַטשאַלניק פון דער בויונג איז צוליב עפּעס אַנדערש צערודערט.

— עס וועט דיר זיכער אויסקומען אָפּצוגעבן אַ ראַפּאָרט אין דער צענטראַלע — דאָס אָרדענען זיי געוויינלעך אײַן מיט פאַרנעם! די אוידיטאָריע איז אַ סאָלידע און גרויסע. גרייט זיך געהעריק צו, דעריקער, שווים ניט אויבנאויף, ווי אַ שיפל, רייד געפּרעסט, פּינקטלעך, פעסט, פאַרקאָמפּליציר ניט, נאָר מאַך עס אויך ניט צו פּראָסט. דערצייל פאָשעט וועגן דער קאָמפּליצירטקייט פון אונדזער זאַך. נעם ניט קיין צו הויכן טאָן — די שטים וועט זיך איבעררײַסן. — וואַסילי מאַקסימאָוויטש האָט זיך צעלאַכט. — אין מײַן יוגנט האָט מיר איינער אַן עלטערער כאַווער אַזוי מאַדריך געווען, ווען איך האָב זיך געגרייט צום ערשטן ערנסטן רעפעראַט: „פאַרקריך ניט, וואַסיאַ, צו הויך, ווײַל ס'וועט זײַן אַ כאַרפּע אַראָפּצוקריכן פאַר דער גאַנצער געזעלשאַפט אַפן בויך".

ער האָט געשוויגן אַ ביסל, ווי ער וואָלט אָפּגעשאַצט אַלעקסייען.

— ס'איז וויכטיק נאָך עפּעס צו האָבן אַפן זינען... זייער וויכטיק... — האָט באַטמאַנאָוו ווײַטער גערעדט. — מיר ווייסן אַף זיכער, אַז מיר וועלן לאָזן דעם נאָפּט צום טערמין. צײַט ביזן טאָף איז פאַרבליבן ווייניק. און מיר טראַכטן שוין וועגן דער צוקונפט, מיר ווילן וויסן, וואָס מיר וועלן ווײַטער טאָן, מיר ווילן זיך באַצײַטנס צוגרייטן צו אַ נײַער זאַך. דערקלער מיט אַנטשלאָסנקייט אין נאָמען פון אונדז אַלע: מען דאַרף ניט צעשטערן דעם קאָלעקטיוו, אים פונאַנדערשיטן. ער איז פעסט צוזאַמענגעשמידט. ס'איז נוצלעכער אים אין גאַנג אַריבערצופירן אַף אַן אַנדער בויונג, געוווּנטשן אַ גרעסערע און שווערערע. אויב מען וועט אײַנהאַלטן אונדזער קאָלעקטיוו, וועלן מיר אַפן נײַעם אָרט בויען בעסער און שנעלער, מיר האָבן זיך עפּעס וואָס אויסגעלערנט: זאָג, אַ צווייטע נאַפּטלייטונג וועלן מיר אויפבויען ניט אין מעשעך פון אַ יאָר, נאָר פון אַ נײַן כאַדאָשים. האָסט מיך פאַרשטאַנען, פרײַנט אַליאָשאַ?

באַטמאַנאָוו האָט אַ וויש געטאָן דעם שטערן:

— וואָס האָב איך דיר געוואָלט מיטגעבן אַפן וועג?

— אַ דאַנק, ליבערמאַן באַזאָרגט מיר, ווי אַף אַן עקספּעדיציע צום צאָפן־פּאָליוס. ס'איז אַפילע אומבאַקוועם.

— ריכטיק, נעם אַלץ און זאָג זיך ניט אָפּ, ס'וועט צוניצקומען. — וואַסילי מאַקסימאָוויטש האָט זיך האַסטיק אויפגעהויבן: — איך האָב זיך דערמאָנט! באַ מיר ליגט באַהאַלטן אַ געוויס פּאַפּירל. איצט קען מען עס לאָזן אין גאַנג.

באַטמאַנאָוו האָט אַרויסגענומען פונעם סייף דעם ראַפּאָרט, וואָס אַלעקסיי האָט דערלאַנגט מיט אַכט כאַדאָשים צוריק מיט דער פאָדערונג, אָפּצושיקן אים אַפן פראָנט, הינטער מאָסקווע. איבערגעלייענט אים געלויפיק מיט שמייכלענדיקע אויגן, האָט באַטמאַנאָוו אָנגעשריבן אַפן ראַפּאָרט אַ רעזאָלוציע: „איך דערלויב אַרויסצופאָרן קיין מאָסקווע" און דערלאַנגט דעם פּאַפּיר אַלעקסייען:

— האָסט זיך געבעטן קיין מאָסקווע? קענסט פאָרן!

אַלעקסיי האָט די ערשטע רעגע געוואָלט צערײַסן דעם ראַפּאָרט, נאָר זיך באַדענקט, אַקוראַט צונויפגעלייגט דעם פּאַפּיר אין פירן און אים באַהאַלטן אין קעשענע. ערשט וואָלט ער באַדאַרפט זיך געזעגענען און גיין, נאָר אַלעקסיי האָט געפילט, אַז באַטמאַנאָוו וויל אים נאָך עפּעס זאָגן. וואַסילי מאַקסימאָוויטש האָט געשוויגן. אַלעקסיי האָט פרעגנדיק אַ קוק געטאָן אַף אים און אויסגעשטרעקט די האַנט:

— אַף ווידערזען, וואַסילי מאַקסימאָוויטש. כ'וועל זיך באַמיִען ניט אײַנצושאַפן זיך קיין אומקאָוועד.

באַטמאַנאָוו האָט ניט אָפּגעלאָזט זײַן האַנט. לעסאָף האָט ער אַ פרעג געטאָן:

— ווי וועסטו זיך באַציִען צו מײַנער אַ קאַלעגיאַלער ביטע? אַ פּער־זענלעך שליכעס...

דאָס איז געווען אומדערוואַרט, אַלעקסיי האָט ניט גלײַך געענט־פערט:

— כ'וועל אַלץ טאָן, וואַסילי מאַקסימאָוויטש.

— מיר גיט זיך בעשום אויפן ניט אײַן אָנצוּבינדן אַ קאָנטאַקט מיט אַננאַ איוואַנאָווגאַ. צום בעסטן וואָלט געווען צו ריידן דורכן טעלעפאָן. פון דאַנען איז ניט מעגלעך, ווייסט עס אַליין. און פון מאָסקווע, האָב איך געהערט, גיט זיך אײַן צו פאַרבינדן זיך מיט קאָווקאַז. ס'איז שווער, זייער שווער, אָבער מעגלעך. פּרוּוו זיך. איך האָב פאַר דיר אָנגעשריבן, דורך וועמען דו קענסט זיך פּרוּוון. פאַרנאַטיר, ווי אַזוי זי צו זוכן. — באַטמאַנאָוו האָט אָפּגעזיפצט. — אַ צווייטער וואַריאַנט, אַ פולשטענדיק גוטער. מען דאַרף בלויז באַקומען די האַסקאָמע פון נאַטשאַלסטווע: פליִען קיין קאָווקאַז, פּערזענלעך איבערשמועסן. אין מעשעך פון צוויי טעג קען מען זײַן צוריק. זעסטו, ווען איך וואָלט אַליין געקומען קיין מאָסקווע, וואָלט איך זיך עס דערשלאָגן...

— און איך וועל זיך עס דערשלאָגן! — האָט אַלעקסיי שנעל אַ זאָג געטאָן.

באַטמאַנאָוו האָט אַ דריק געטאָן קאָווּשאָווס האַנט, אים אַ געב גע־טאָן אַ צעטעלע און אָפּגעגאַנגען צום פענצטער.

— גיב איר איבער... איך פּײַניק זיך, וואַרט אויף איר. עפּשער וועט זי קענען קומען צו פאָרן. זאָל זי קומען צו פאָרן כאָטש אויף אַ כוי־דעש. דערציייל איר, וואָס דו טראַכסט וועגן מיר, וואָס דו ווייסט. דער־צייל וועגן גענקע פאַנקאָוון, אַז איך האָב אים אַדאָפּטירט — דאָס איז דער איקער. מיר וואָלטן זייער נייטיק זיך געדאַרפט טרעפן אינדרײַען!...

אויפגערודערט צוליב דער ביטע און דעם שטאַרקן אומעט, מיט וועלכן זי איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן, איז אַלעקסיי ניט ווילנדיק צוגע־גאַנגען צו באַטמאַנאָוון. וואַסילי מאַקסימאָוויטש האָט, זיך ניט אויס־דרייענדיק פונעם פענצטער, פאַרהאַלטנדיק אויפגעהויבן די האַנט:

— גיי, אַלעקסיי... כ'ווינטש דיר אַלדאָס גוטס. פולן דערפאָלג...

אויף דער שוועל האָט זיך אַלעקסיי פאַרט אויסגעדרייט און אַנט־שלאָסן געזאָגט:

— זי וועט קומען צו פאָרן מיט מיר, וואַסילי מאַקסימאָוויטש!

ביז פאַרנאַכט האָט זיך קאָווּשאָוו געזעגנט מיט די כאַווירים, אַננע־מענדיק שליכעסן קיין מאָסקווע. זיי האָבן זיך אָנגעקליבן היפּש. מוזאַ פיליפּאָוונאַ האָט געבעטן צופאָרן אויף דער זומער־ווינונג און אָנגעשריבן אַ קאַרטאָטשקע, וואָס ער האָט דאָרט צו באַטראַכטן. קאָבזעוו האָט אי־

בערגעשיקט אַ פעקעלע צו אַ ברודער. ליבערמאַן האָט געגעבן דעם ווײַבס אַ בריוו — איבערצושיקן פֿון מאָסקווע קיין לענינגראַד. גרעטשקין האָט פֿאַרזאָגט צו קויפֿן שפּילצײַג פֿאַר די קינדער, געגעבן אַ גאַנצע רעשימע. טאַניאַ האָט געוואָלט ער זאָל ברענגען אַ מאַטאָנע פֿאַר איר באַרדיקן לויטן אייגענעם געשמאַק.

אַלעקסיי האָט זיך מיטאַמאָל דערמאָנט אין זשעניאַן און זי ניט געפֿונען. ס׳האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז זי איז אינדערפֿרי אַרויסגעפֿאָרן אַפֿן פֿערטן באַצירק. ס׳האָט אים אַזוי געערגערט, אַז ער איז גרייט געווען זי צוריק צו ברענגען, אַפֿאַנעם, זי איז אַוועק בעקיוון.

צום געזעגענען זיך האָט אַלעקסיי נאָכאַמאָל גערעדט מיט זײַן באַצירק דורכן סעלעקטאָר. בערידזע האָט געבעטן גריסן זינאַן און מאָסקווע.

אַלע האָבן דערמאָנט וועגן זינאַן, אַלע האָבן געבעטן זי גריסן, ווי זיי וואָלטן זי קענען פֿערזענלעך, — דאָס איז אַלעקסייען געווען זייער אַנגענעם.

— גוטער ברודער, וואָס פֿאַר אַן אומפּראַקטישער דו ביסט! — האָט קאַרפּאָוו געשריגן. — וואָלסט באַדאַרפֿט בײַ מיר נעמען עטלעכע סויבל־פֿעלעכלעך פֿאַרן ווײַב.

— איך האָב פֿאַר איר אַ מאַטאָנע, איוואַן לוקיטש, — האָט אַלעקסיי געענטפֿערט. — מאַקסים כאַדזשער האָט מיר געשענקט אַ גרויס בינטל ווערוועריקע־פֿעלעכלעך אַף אַ היטל און אַ קאָלנער.

דער שמועס האָט זיך שוין לאַנג פֿאַרענדיקט, נאָר אַלעקסיי איז אַלץ נאָך געשטאַנען און געהערט דעם מעטושטעשן מישמאַשעדיקן גערויש פֿון דער טראַסע, אין וועלכן ס׳האָבן זיך פֿון מאָל צו מאָל דערהערט מענטשלעכע שטימען.

די לעצטע נאַכט פֿאַרן אָפּפֿאָרן האָט ער פֿאַרבראַכט בײַ זאַלקינדן. מיכאַיל באָריסאָוויטש האָט אים אַוועקגעפֿירט צו זיך גלײַך פֿון דער פֿאַרוואַלטונג. ניט געקוקט אַף דער שפּעטער צײַט, איז פֿאָלינאַ יאַקאָווליעווגאַ ניט געשלאָפֿן און האָט עפּעס געשריבן. זאַלקינד איז געשווינד צוגעגאַנגען צו איר און, ניט לאָזנדיק איר זיך אויפֿהייבן, שטיל אַרומגענומען דאָס ווײַב און צוגעדריקט זײַן פּאָנעם צו אירן.

— דו אַרבעטסט אַלץ? — האָט ער ווייך געזאָגט, כאַפּנדיק אַ קוק אין די פּאַפּירן, וואָס זײַנען געלעגן אַפֿן טיש.

— אַן אַרטיקל אין דער שטאָט־צײַטונג וועגן אַ גאָרקיך פֿאַר די קינדער פֿון די פֿראָנט־זעלנער. אין שטאָט אײַלט מען זיך ניט אונטערצוכאַפּן אונדזער איניציאַטיוו, — האָט פֿאָלינאַ יאַקאָווליעוונאַ דערקלערט און שעמעוודיק אָפּגעשטופּט דעם מאַן: ערשט אין דער רעגע האָט זי דערזען אַלעקסייען.

זיך באַגריסט מיט אים מיט דער האַנט, האָט זי אַף אים מילד אַ קוק געטאָן מיט אירע טונקעלע אומעטיקע אויגן.

— אַ האַלב יאָר האָב איך ניט געזען אַלעקסיי ניקאָלאַיעוויטשן. די צײַט איז ניט אַריבער אומזיסט. ער איז מענלעכער געוואָרן, פעסטער. אַזעלכער וועט קיינמאָל ניט אונטערפירן, — זי האָט גערעדט צו זאַלקינדן, ווי זי וואָלט פאַרגעזעצט אַ שמועס וועגן אַלעקסייען.

— וועט ניט אונטערפירן, — האָט זאַלקינד איבערגעזײַגט באַשטעטיקט. — אָט ווי דאָס האָט זיך באַקומען, פּרײַנט אַליאָשאַ: אַפן פראָנט האָסטו באַקומען די סאָלדאַטישע שלאַכט־טויפונג, און דאָ, אַף דער בויונג, האָט דיך די מילכאָמע אַף אַן עמעס פאַרהאַרטעוועט, און ביסט געוואָרן אַן אָפיציר, אַ קריגס־אָנפירער...

— אויך איר, פּאָלינאַ יאַקאָוולעוונאַ, האָט זיך, לויט מײַן מיינונג געענדערט, — האָט אַלעקסיי געזאָגט, אין פאַרלעגנהייט צוליב זאַלקינדס ווערטער, זיך אײַנקוקנדיק אין איר פולער געוואָרן פּאָנעם מיטן אויסדרוק פון אינערלעכער באַרויִקונג.

זי האָט זיך קוים צו דערהערן גליקלעך צעלאַכט און איז אַרויסגעגאַנגען פונעם צימער. דער אינזשעניער האָט באַנומען: אין זאַלקינדס פאַמיליע ווערט דערוואַרט אַ נײַער יוירעש.

— דו האַלטסט עס בעסאָד און זאָגסט ניט גאָרניט. אָט וואָלט איך געקומען צו פאָרן פון מאָסקווע אָן אַ מאַטאָנע, — האָט אַלעקסיי אים פירגעהאַלטן.

— נו, וואָס פאַר אַ סאָד שיקט זיך דאָ: מען זעט דאָך אַלץ, — האָט זאַלקינד געשמייכלט.

אַלעקסיי האָט זיך פאַרנומען אַף אַ לאַנגן שמועס, נאָר נאָכן אָוונטברויט האָט זאַלקינד פעסט אַ זאָג געטאָן:

— לייג זיך אָקערשט שלאָפן, טײַערער אַלעקסיי, זעקס אַזייגער אינדערפרי — אַפן עראָדראָם. וועסט זיך ניט אויסרוען, וועסטו זיך שפּעטער פײַניקן. פליִען וועט אויסקומען ניט ווייניקער פון פינף מעסלעס. אַף צו שמועסן באַשטים איך אַזויפיל צײַט, וויפל מען דאַרף האָבן אַף אויסצוררייכערן אַ פּאַפּיראָס. האָסט מיר וואָס צו פרעגן?

אַלעקסיי האָט פאַר אים אַרויסגעלייגט אַלץ, וואָס ער האָט זיך ניט אַנטשלאָסן צו זאָגן באַטמאַנאָוון: זײַנע ספּייקעס, צי וועט ער קענען דערפילן די אויפגאַבע.

— צי בין איך ניט געווען איבעראײַליק דערין? אַלץ איז צוגעגאַנגען אַזוי געשווינד. פאָרט וואָלט באַדאַרפט פליִען באַטמאַנאָוו אַליין.

— וועגן דעם טראַכט ניט. וואָלט אַזאַ נויטווענדיקייט געשען מיט אַ האַלב יאָר צוריק, צווייפל איך צי מיר וואָלטן דיך געשיקט. האָסט געהערט וואָס פּאָלינאַ יאַקאָוולעוונאַ האָט געזאָגט? עמעס, באַרויִקן דיך וועל איך ניט: דו דאַרפסט זײַן גרייט אַף אַ שווער לייענען אין דער צענטראַלע און אויך אינעם נאַרקאָם. איך מיין, אַז ניט אַלע מיטאַרבעטער דאָרטן שאַצן געהעריק אָפּ די היגע באַדינגונגען. עס וועלן זיך געפינען

אויך אַזעלכע, וואָס וועלן זאָגן וועגן אונדז: „ס'איז טיף הינטערלאַנד, פרידך־באַדינגונגען, זיי האָבן זיך ניט איבערגעבויט". נאַטירלעך, מען דאַרף קענען אונטערשיידן צווישן ערלעכער קריטיק און אומערלעכער. און נאָך עפּעס וועל איך דיר זאָגן... — זאַלקינד האָט דערנענטערט זײַן פּאָנעם צו אַלעקסיי. — עס קען זײַן, דיר וועט אויסקומען אַרויסצוטרעטן פֿאַר גרויסע מענטשן. פֿאַר זייער גרויסע מענטשן. איך האָב אַזאַ פֿאָרגעפֿיל. אַזוי... און דײַנע ספּייקעס לאָז איבער דאָ, נעם זיי ניט מיט זיך. דו קענסט דאָך די בויונג, ווי זאָגט מען, אַ זאַק זאַלץ דאָ אויפֿגעגעסן. דערצייל ווי ס'געהער צו זײַן, וואָס פֿאַר אַ פּאָנעם עס האָט שוין איצט די נאַפּטלייטונג! — זאַלקינד האָט ברייט פֿונאַנדערגעפֿירט די הענט. — און גיב אַ שמועס וועגן דער צוקונפֿט, וועגן אַ נײַער אויפֿגאַבע. פֿאַרוואַרף אַ ווענטקע, זיי וועלן נאָך עפּשער ניט זאָגן, איז כאָטש געבן אַן אָנצוהערעניש.

זיי זײַנען זיך צעגאַנגען. אַלעקסיי האָט זיך שוין געלייגט, ווי זאַלקינד איז, האַלב אויסגעטאָן, — ווידער אַרײַנגעקומען צו אים.

— באַטמאַנאָוו האָט דיר קיין שליכעס ניט געגעבן? נו, בענויגייע זײַן ווײַב? מיר האָט זיך געדוכט, אַז ער...

— איך וועל זי ברענגען צו פֿירן, מיכאַיל באָריסאָוויטש, אַט וועסטו זען.

...ס'איז אַריבער אַ שאָ נאָך אַ שאָ, ס'האָט זיך דערנענטערט דער באַגינען, און קאָווּשאָוו איז נאָך אַלץ ניט געשלאָפֿן. ער האָט זיך דערמאָנט באַטמאַנאָווס און זאַלקינדס אייצעס, געטראַכט וועגן דעם, ווי ער וועט אויספֿירן זײַן מיסיע. און איבער אַלע געדאַנקען האָט געיובלט איינער, ווי די סאַמע העכסטע שטים אין אַ כאָר, דער געדאַנק וועגן דער באַגעגעניש מיט זינאַן: „גיבן איר אַ טעלעגראַמע, אָדער מען דאַרף ניט?" — האָט ער זיך געפֿרעגט און באַשלאָסן: „בעסער ניט געבן. זי וועט וואַרטן, זיך פּײַניקן, און אַזוי וועל איך פּלוצים גיבן אַ פֿלי אַן...".

אינדערפֿרי האָבן זיך אַלעקסיי און זאַלקינד אויפֿגעהויבן גלײַך מיט דער זון און זיך גענומען אײַלן. די מאַשין, אַף צו פֿאָרן צום שטאָטישן עראָדראָם, איז נאָך ניט געווען, און זאַלקינד האָט פֿאָרגעלייגט צו גיין אַנטקעגן.

באַנאַכט האָט דורכגערוישט אַ רעגן. דער לויטערער הימל האָט געגלאַנצט. אין דער דורכזיכטיקער לופֿט האָבן זיך דײַטלעך דורכגעלויכטן די בלויע ווײַטן. דאָס דורכגעוואַשענע גראָז איז געווען העל־שמאַראַגד. אַף די בלעטער און די נאָדלען פֿון די ביימער האָבן געפֿינקלט גרויסע

רעגן־טראָפּנס. די פּרימאָרגנדיקע שלעפּעריקע שטילקייט איז צעשטערט געוואָרן בלויז דורכן צוויטשערן פון פייגל אין די סעדלעך פון די הײַזער און דורכן קלאַפּן פון זאַלקינדס און אַלקעסייס שטיוול אַפן הילצערנעם טראָטואַר. דער פּאַרטאָרג האָט זשעדנע אַרײַנגעאָטעמט די זאַפטיקע לופט, וואָס איז געווען דורכגעזאַפּט מיטן נאָדל־אַראָמאַט.

— איך האָב נאָר וואָס געטראַכט, אַלעקסיי, אָט וועגן וואָס, — האָט מיכאַיל באָריסאָוויטש געזאָגט. — די דאָזיקע אומדערוואַרטע נעסיע קיין מאָסקווע איז ווי אַ פּרעמיע פאַר דיר... דערפאַר וואָס האָסט גוט געאַרבעט, וואָס ביסט ניט אַנטלאָפן פאַר שוועריקייטן, וואָס האָסט געלעבט מיט דער גאַנצער נעשאָמע.

ער האָט אַ קוק געטאָן אַף קאָושאָווס ערנסט פּאָנעם און, אַרויפֿלייגנדיק אים די האַנט אַף דער פּלייצע, שוין מיט אַן אַנדערן טאָן גערעדט ווײַטער:

— אָבער ווערסט אין מאָסקווע פאַרגעסן אין אונדז, טײַערער אַליאָשאַ. שוין איצט איז דײַן נעשאָמע — דאָרטן, בלויז דער זינדיקער גוף שפּאַנט לעבן מיר איבער די גאַסן פונעם לאַנגווײַליקן נאָווינסק.

— ניין, פאַרגעסן נאָווינסק איז ניט מעגלעך! — האָט אַלעקסיי אַ זאָג געטאָן מיט היץ. — אויב זיך צופּאַסן צו דײַן שפּאַס, בלײַבט אַ האַלבע נעשאָמע מײַנע דאָ, און די צווייטע פאָרט קיין מאָסקווע, און ס'איז איר אומעטיק...

פון הינטער אַ פּאַרדריי איז זיי אַנטקעגן אַנגעלאָפן דער אויטאָ. דער שאָפער האָט זיי דערזען און האָסטיק טאָרמאָזירט. אַפן הינטערשטן זיצפּלאַץ האָט זיך ברייט צעלייגט גרעטשקין מיט קאָושאָווס רענצלעך.

— זשעניאַ האָט דיך געזוכט, — האָט אים גרעטשקין מיטגעטיילט שעפּטשענדיק.

— זי איז צוריקגעקומען? פאַרוואָס־זשע האָסטו זי ניט גענומען מיט זיך? — האָט אים אַלעקסיי געפרעגט מיט ערגערניש — האָט זיך מיר טאָקע ניט אײַנגעגעבן מיט איר זיך צו געזעגענען!

— איך האָב זי געוואָלט מיטנעמען, איז זי ערגעץ ווי אין דער ערד אײַנגעזונקען געוואָרן. זי איז געווען ווי אַ צעכושטע, דאָס מיידל...

זיי זײַנען אַרויפגעפאָרן אַפן ברייטן ברוקירטן שאָסיי, — ער האָט געפירט צום זאַוואָדישן שטאָט־ראַיאָן און צום עראָדראָם. אַלעקסיי האָט זיך אַרומגעקוקט אַפן גרויסן ביניען פון דער פאַרוואַלטונג און גלײַך דערזען: פון דאָרט איז אין זייער ריכטונג געלאָפן אַ מיידל אין ווײַסער קליידונג. זי האָט געפאָכעט איבערן קאָפּ מיט עפּעס רויטס. אַלעקסיי האָט זיך אָנגעשטויסן: זשעניאַ. און ער האָט געבעטן אָפּשטעלן די מאַשין.

— גוט וואָס איך האָב דיך דערזען, — האָט אַלעקסיי געזאָגט, צוגייענדיק צום מיידל און זי אָנגענומען פאַרביידע הענט.

זשעניאַ האָט זיך פאַרסאַפּעט צוליבן לויפן און ניט געקענט ריידן. זי איז קענטלעך מאָגער געוואָרן פאַר דער לעצטער צײַט. איר פּאָנעם, אָפּגעברוינט פאַרן זומער, איז געוואָרן שטרענגער, האָט פאַרלוירן די קינדישע קײַלעכדיקייט.

— כ'האָב דיך געזוכט אומעטום. די טעג איז געווען אַזאַ טאַראַראַם, אַז מיר האָבן אַפילע רעכט קיין שמועס ניט געטאָן...

ער האָט זי פאַרבעטן צו פאָרן מיט אים אָפּן עראָדראָם. זי האָט זיך אָפּגעזאָגט.

— איך דאַרף ניט פאָרן אַהין. כ'וועל זיך דאָ געזעגענען. איך בין אַנטלאָפן, קעדיי זיך ניט צו געזעגענען, — האָט זי איצט גערעדט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם שוין פון אויפרעגונג. — איך בין געקומען צו פאָרן אָפּן באַצירק און שיר פון זינען ניט אַראָפּ. ווען פעטקאַ וואָלט ניט גע־ווען באַקומען קיין מאַשין, וואָלט איך, דוכט זיך, צופוס געקומען צו לויפן.

— מיר האָט געקרענקט וואָס דו ביסט ניטאָ...

— וואַרט צו אַליאָשאַ, רייד ניט. איך וויל דיר זאָגן. איך האָב זיך גופע געזידלט... איך ווייס דאָך, אַז איך טאָר דיך ניט ליב האָבן! דו וועסט מיך קיינמאָל ניט ליב באַקומען, קענסט מיך ניט ליב באַקו־מען. איך האָב זיך אײַנגעשטעלט בלויז אָף פרײַנטשאַפט. בלויז אָף פרײַנטשאַפט! און דאָ האָב איך זיך פאַרגעשטעלט, ווהין און צו וועמען דו פאָרסט, — און אַלץ אין מיר האָט זיך צעבונטעוועט... דאָס איז נאַריש, זייער נאַריש!

אָפּן וועג האָט געהודזשעט די מאַשין: זאַלקינד האָט דערמאָנט, אַז מען דאַרף זיך אײַלן, זיי קענען פאַרשפּעטיקן צום עראָפּלאַן.

זשעניאַ האָט געגומען אײַלן:

— גיי, ס'איז שוין צײַט... און וועגן מיר באַאומרויק זיך ניט. איך וועל זיך איבערשטאַרקן. איך האָב זיך שוין קימאַט גוויוער געווען! ס'איז מיר טײַער דײַן פרײַנטשאַפט, אַליאָשאַ. און דו אַליין ביסט מיר זייער טײַער. איך פאַרטראָג ניט און וויל ניט, דו זאָלסט אינגאַנצן אַוועק פון מײַן לעבן. נו, גיי, ליבינקער... איך ווינטש דיר דערפאָלג אין דײַן אַרבעט. און דאָס סאַמע גרעסטע גליק...

זי האָט זיך מיט אַ ברען אַ וואָרף געטאָן צו אַלעקסייען, געוואָלט אים אַרומנעמען — און געבליבן שטיין מיט אויפגעהויבענע הענט, זיך אײַנקוקנדיק זשעדנע אין זײַן פּאָנעם מיט אירע אויגן, וואָס האָבן אָנ־געהויבן שימערירן מיט טרערן.

ער האָט זי פּאַשעט מיט אַ געפיל פון פרײַקייט, וואָס איז אין אים פּלוצים אויפגעקומען, צוגעצויגן צו זיך און אַ קוש געטאָן. זשעניאַ האָט זיך אויסגעדרייט און איז אַנטלאָפן, פאָכענדיק מיטן רויטן טיכל.

...דער עראָפּלאַן האָט זיך אַ הייב געטאָן העכער, און די גרויסע שטאָט מיט די קוואַדראַטן און די גראָדעקן פון די קוואַרטאַלן האָט זיך שנעל פאַרקלענערט פאַר די אויגן. דער שפּיגלדיקער גלאַנץ פונעם אַדון איז געבליבן פון הינטן. הינטער די פליגל פונעם עראָפּלאַן זײַנען פאַרבײַגעשווומען, פאַרפלאָכטן אין איין טונקל־גרינער מאַסע, די געדיכטענישן פון ביימער.

קאָוושאָוו האָט זיך זשעדנע אײַנגעקוקט, און ס׳האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז סע טראָגט זיך פאַרבײַ אים נאָכאַמאָל דאָס איבערגעלעבטע יאָר. דאָס דאָזיקע לעבנס־יאָר איז געווען אַ שווערס, זייער אַ שווערס. נאָר ס׳איז ניט אַוועק אומזיסט. צי דען איז דאָס אַ צופעליקייט, וואָס ס׳איז אים געוואָרן טײַער דאָס אַלץ, וואָס ער האָט דאָ געפונען, ווײַט פון זײַן מאָסקווע?

אונטן האָט די טײַגע פלוצים איבערגעשניטן אַ וואַלד־שרונט מיט צוויי פעדעמלעך רעלסן. ס׳האָט אַ שווינדל געטאָן אַף צוריק אַ סטאַנציע, וועלכע איז פאַרקלענערט געוואָרן צו דער גרייס פון אַ שוועבעלעך־פושקעלע. מיט עטלעכע טעג צוריק איז אַלעקסיי פונקט אַזוי אַריבערגעפלויגן אַריבער דער טראַסע, און ס׳האָט אים אַפּסנײַ איבערראַשט דער פאַרנעם פון דער בויונג. און איצט האָט ער מיט היספּײַלעס אַ טראַכט געטאָן: אין פאַרגלײַך מיטן גאַנצן לאַנד איז אונדזער קאָלאָסאַלע גאָפּטליַיטונג אויך ניט גרעסער פון אַ שוועבעלעך־פושקעלע.

ער האָט קימאַט פיזיש דערשפּירט די אומענדלעכקייט, גראַנדיעזקייט פונעם היימלאַנד און פון דעם אַלץ, וואָס קומט פאָר אַף זײַנע שטאָכים. ער האָט איבערגעלעבט אַן אויסערגעוויינלעכע פולקייט פון געפילן, ס׳האָט זיך אים געגלוסט זינגען: אַלעקסיי האָט נאָך קיינמאָל פריִער אַזוי גוט און קלאָר ניט געזען, ניט געפילט, זיך ניט פאָרגעשטעלט זײַן אָרט אינעם לעבן פונעם גרויסן היימלאַנד, אין זײַן טיטאַנישן געראַנגל פאַר דער צוקונפט.

ס ו ף פ ו ן ר אָ מ אַ ן.

Este libro se terminó de imprimir
el día 26 de noviembre de 1954 en los
Talleres Gráficos de Simón Eidelman,
México 2230, Buenos Aires.